STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03235

BURYAN

A. Holowka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. האָלאָווקאָ

BURIAN (HIGH GRASS IN THE STEPPE)

בוריאַן

פון אוקראַיניש ב. ס—ק.

צענטרפאַרלאַג
1929 כאַרקאָוו

Книжная фабрика
Центрального
издательства
народов СССР
Москва Шлюзовой
проезд дом №6

Главлит № А 41059
Тираж 3000

646

~~978060~~ Y 675 c.1

I

עטלעכע סטאַנציעס פאַר האַניוקע האָט דאָוויד מאַטוזקען דער סטעפּ דאָס ערשטע מאָל אַ ווייע געטאָן גלייך אין פּאָנעם אַריין מיט שטאַרקן רייעך פון ערד, מיט באַקן פאַרויטלטע פון פראָסט און האַרבסטיקן זוניקן פרימאָרגן. אַף עפּעס אַ פאַרוואָרפענער סטאַנציע האָט זיך אין וואַגאָן אַריינגעוואַלגערט אַ גאַנצע כאָפּטע מיידלעך. אַפּאָנעם, פון די בוריקעס; דאָוויד זעט פון פענסטער — אַף דער סטאַנציע זיינען אָנגעוואָרפן גאַנצע בערג בוריקעס, און מע פירט גאָר און מע שיט נאָך. די מיידלעך האַלטן קלומעקלעך אין די הענט, אָנגעטאָן אין אַלטע שוואַרצע סוויטקעס און קוטיקע קליידלעך פון היימישן גיטגעווייסטן לייוונט, און אַלע — באָרוויסע. די פענימער אָפּגעברענט און די ליפּן צעטריסקעט פון ווינט.

אַריין אין וואַגאָן, זיינען זיי געבליבן שטיין ניט דרייסט אין דורכגאַנג; יעדע איינע האַלט פעסט אין האַנט דעם בילעט.

דאָוויד האָט זיך דערפרייט, באַגלייך ער וואָלט צווישן די מיידלעך אַן אייגענע שוועסטער דערזען. זיך אַ רוק געטאָן, געמאַכט אַן אָרט פאַר איינער; דערנאָך געבעטן: עפּעס אַ בירגער, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן, זיך זעצן, — דאָ, קאָן מען זאָגן, איז ניט קיין שלאָף-וואַגאָן, און די מיידלעך טוען שוין גאָר עפּשער ווי די פיס. דער בירגער האָט אַן כיישעק אַראָפּגעלאָזט די פיס, האָבן זיך די מיידלעך אַוועקגעזעצט, האַרט איינע נעבן דער אַנדערער — אַלע האָבן זיך איינגעמאַסטעט.

דאָוויד האָט פאַרויכערט. אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען איז, מיידלעך?

— פון בוריקעס פאָרן מיר. מיר זיינען געווען דאָ ניט ווייט, אין דער סאָוועטישער עקאָנאָמיע, — האָט געזאָגט איינע אַ קאָרנאָסע,

די פֿלינקסטע פֿון די מיידלעך. די אויגן אירע האָבן אַ שפּרונג געגעבן פֿונעם פֿאַרוביאַקס פּאָנעם אויף זיין בודיאָנאָווקע, ווידער אויף דעם פּאָנעם און צוגעגעבן: — אַצינד פֿאָרן מיר אַהיים. מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿונדערהיים, אַז ס'איז נאָך געווען וואַרעם, סאַמע צום מעלויצן. אָפּגעמעלויצט, האָבן מיר זיך גענומען גראָבן בוריקעס, און דערגראָבן זיך — מיר האָבן נעכטן געמיינט, מירן פֿאַטערן די פֿיס: אַזאַ פֿראָסט. און מיר גייען דאָך אַלע באָרוועס.

דאָוויד האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זייערע רויטע פֿיס, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. שפּעטער האָט ער זיי אַ פֿרעג געטאָן, צי איז זיי כאָטש ניט ווייט אַהיים.

אַזוי זיך, זיי זיינען פֿון זאַטשעפּילעווקע, שטשערבאַניווקער ראַיאָן. אַ, אויב אַזוי קומט אויס, זיינען זיי דאָך גאָר לאַנדסלייט: ער איז אויך אַ שטשערבאַניווקער, פֿון אָבוכיווקע. זיי האָבן עפּשער געהערט אָבוכיווקע?

— אויף די בוריקעס האָבן געאַרבעט מיט אונדז עטלעכע אָבוכיווקער, — האָט איינע געזאָגט און געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם צום רויטאַרמייער: — איר קענט אים עפּשער, יאַקימען, וואָס שפּילט אויף אַ האַרמאָניקע, און איינער אַ געשטופּעלטער, און פֿון די מיידלעך — האַלקע און כריסטיע. און די איבעריקע — די איבעריקע קען איך ניט.

— דאָס איז די כריסטיע, וואָס זינגט שיין? איז זי גאָרניט קיין אָבוכיווקער! — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטע.

דאָוויד האָט מיטאַמאָל אָנגעשפּיצט די אויערן: כריסטיע?

דאָס ערשטע מיידל האָט מיט די פּלייצעס אַ מאַך געטאָן:

— גאָר אַזוי, „ניט קיין אָבוכיווקער“! וואָס, איך ווייס ניט? זיי זיינען געקומען בעאיים מיר האָבן געהאַלטן באַם פֿאַרענדיקן דאָס מעלויצן. כריסטיע האָט נאָך געהאַט דערציילט וועגן דער באַנדע. מ'האָט דאָך באַ זיי אין איין נאַכט צוגענומען זיבן פֿערד פֿון פֿעלד. און זייער פֿערד אויך. זי האָט אַפּילע געוויינט.

דאָוויד איז געוואָרן אויפֿגעטראָגן.

— אַזאַ רוסיאַווע מיידל! ניט קיין הויכע?

— יאָ, יאָ, ניט קיין הויכע. און אויפֿן האַלדז איז באַ איר אַ שראַם. נאָך פֿון זינט די דעניקינצעס זיינען געווען, פֿון אַ נאַהייקע.

— אַזוי! — ער האָט זיך אויסגעגלייכט, און דאָס פּאָנעם האָט ווייטיק אויסגעדריקט.

שטיל. ערגעץ פון צווייטער קופּע הערן זיך שטימען. און אונטן קלאַפּן ריטמיש די רעדער.

יאָ, אַ שראַם אַפן האַלדז — דאָס איז זי, די שוועסטער כריסטיע.

— און די פערד האָט מען ניט געפונען?

— ניין, ווי איינגעזונקען. איינעם פון די גאַנאָווים האָט מען גע־האַט געכאַפּט מיט די פערד ערגעץ אונטער פּאָלטאַווע אַף אַ יאַריד. אַליין איז ער פון די אָהירעוועך כומערם. מ'האָט אים געוואָלט גע־נען אַפן אָרט, האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן: אַלעמען, זאָגט ער, וועט ער אויסגעבן, די גאַנצע באַנדע, מ'זאָל אים נאָר לאָזן לעבן. און דאָ איז אונטערגעקומען די מיליציע, האָט מען אים פאַרנומען, ער זיצט איצטער אין טורמע.

— עפּשער זיצט ער און עפּשער... אַניט איז דען איצט אַ טור־מע — מ'חאַלט אָפּ אַ כוידעש—צוויי און מע לאָזט אַרויס, — האָט צוגעגעבן אַ צווייטע און אָפּגעווענדט דעם בליק אין אַ זייט.

— און די פערד זיינען ניטאָ. — דאָוויד האָט עס צוגעגעבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט אַף די מיידלשע ברודיקע רויטע פיס. ס'איז דורכגעפלויגן אַ גע־דאַנק: „עפּשער איז זי אויך אַ באָרוויסע אַפן פראָסט“. דערנאָך זיינען געקומען אַפן זינען די עלטערן. ווי באַגייען זיי זיך אָן אַ פערד? דער טאַטע איז געווים געוואָרן נאָך גרויער, און די מאַמע האָט זיך מיסטאָמע נאָך מער איינגעבויגן. אָן אַ פערד איז דאָך ווי אָן הענט. און די ערד איז צען ווערסט ווייט פון שטוב. וואָס קאָן מען דאָ מאַכן מיט הוילע הענט? — און וואָס האָט זיך אים עפּעס נאָך דערמאָנט? — אַ שטיקל בריוו פון דערהיים, נאָך פרילינג צייט: פעטריק האָט מיט לעפּישע אויסיעס געשריבן, און דער פאָטער האָט, אַפּאָנעם, געדיקטעוועט דעם זון אַ פריילעכע בסורע: דעם אַלטן פערד פאַרקויפט און געקויפט אַ יונגען. „אַציַנד וועלן מיר שוין זיין עמעסע פויערים“ — האָבן זיי געשריבן, דאַווידן איז פריילעך געוואָרן, און ווי אַ לעבעדיקער האָט דער פאָטער אַרויסגעקוקט פון דער בריוו: שמעכדיק איז ער פאַרמאָרעשכוירעט, און דאָ האָט ער פאַרזשמורעט אַן אויג און געשמייכלט צום זון: „אָט אַזוי, זונע,

Free Public Library, Newark, N. J.

אָן אַ פערד אַ וואוילן איז מען גאָר קיין פויער ניט". — אַציגד וועט שוין דער טאַטע ניט שמייכלען צום זון. אַצינד איז ער געווים נאָך אומעטיקער און גרויער געוואָרן.

ערגעץ ווייט האָט דער קאָנדוקטאָר בילעטן געפרעגט, ביז ווער־ביוווקע. פאַר דאַווידס אויגן האָבן זיך געגומען וויגן אַסאַך פּיס, ברודיקע און רויטע — די מיידלעך האָבן זיך אויפגעהויבן.

דאָוויד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן:

— וואָס, איר קריכט שוין אַראָפּ?

— מיר האָבן גענומען בילעטן נאָר ביז ווערביווקע, ביז האַניווקע איז צו טייער. דאָ אין שוין אַ היימישער קאַנט, מירן צופוס אויך דערגיין. אַבי צו נאַכט־צו קומען אַהיים, זײַ געזונט!

— גייט געזונט!

דער צוג האָט גענומען ניין שטילער און אָפּגעשטעלט זיך. אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט האָט באַהערשט דאָווידן. ער האָט געזען דורכן פענסטער: פון די אָסיגעס פאַלן אָף דער פּלאַטפאָרמע געל־בלעכע בלעטער. אַ מענטש אין אַ רויט היטל האָט צוויי מאָל געקלונגען אין גלאָק; די מיידלעך האָבן פון דער פּלאַטפאָרמע זיך אַ דריי געטאָן הינטער דער סטאַנציע און אַוועק מיטן וועג, וואו די טעלעפאָן־דראָטן לויפן אַוועק אין דער ווייט.

דער צוג האָט שוין גערירט, און דאָוויד איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעם פענסטער און געקוקט אָפן סטעפּ. אָט זיינען די מיידלעך. ווייט נעבן אַ באַלקע ליגט אַ געל דאָרף, גלייך עמיצער האָט אַרויסגעפירט אין סטעפּ אַ וואָגן שטאָל־מיסט און אַנגעוואַלגערט אָפן פעלד. און ווייטער, פון אַלע זייטן איז גרין, שוואַרץ... אַ פּאַס באַ אַ פּאַס — שוואַרץ, גרין...

דאָוויד האָט געקלערט:

— וואָזשע טוט האָרט דער טאַטע מיט די קינדער...

II

פון סטאַנציע האַניווקע ביז אָבוכיווקע איז פינף און צוואַנציק ווערסט. און אַלץ מיט סטעפּ. דער וועג, צעשניטן אין קאָליעס, ציט זיך צווישן שוואַרצע געאַקערטע פעלדער און פאַסן גרינע ווינטער־

טוואוע. לענגוים דעם וועג לויפן סטויפעס אין דער ווייט, און הארבסטיקער ווינט הוידעט אזוי אומעטיק אין די טעלעפאָן־דראָטן. דער ווינט און אָט דאָרט נאָך אַ שאַרפע האוועס: דער ווינט טרייבט זיי, ווי אַ הויפן קערנער, וואָס מע צעוואַרפט באַם זייען. און ווייטער, וואו זאָלסט ניט אַ קוק טאָן, איז סטעפ, פוסט. ווייט ערגעץ שטייען כוטערס.

דאָוויד גייט מיטן שליאַך, שפאַנט ברייט. מיט דער פולער ברוסט טרינקט ער, פאַרכלינעט זיך מיט דער טערפקער, ווי גרינבלעכער טערעז, הארבסטיקער סטעפישער לופט. די לופט, זי פאַרשיקערט אים — די אויגן פאַרנעפלט, די פאַרווינטלטע ליפן צעעפנט. מיט דער האַנט אַרויפגערוקט די בודיאָנאָווקע העכער און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ער!

ערשט מיט עטלעכע טאָג צוריק — וואו איז דאָס געווען? אין אזיע, אַף דער סטאַנציע טאַשקענט איז אין דער ריי געשטאַנען נאָך אַ בילעט אַ דעמאָביליזירטער רויטאַרמייער, דער כאַכאָל דאָוויד מאַטוזקע. און אָט, גייט ער שוין מיטן וועג קיין אָבוכיווקע. ער גייט, אָדער עפּשער כאָלעמט זיך עס אים נאָר? ער האָט אַפילע אַ שמייכל געטאָן. און אין די אויגן קוקט מיט ווייטקייט דער סטעפ, וויל פרעגן און קאָן ניט, דער שטומער: „וואָס, דאָוויד, ס'טיאָכקעט?“, און כאָטש ער איז שטום, נאָר דאָוויד פאַרשטייט אים. ער כמורעט זיך קלוימערשט, און דאַן שמייכלט ער: עך, דו באַנדיט איינער. פרעגסט נאָך — „ס'טיאָכקעט“? ווי זשע זאָל איך דיך ניט ליב האָבן, אַז אָט איך קוק אין דיין ווייטקייט און זע אַ גאַנצע נייע וועלט. אַ וועלט, וואָס וועגן איר האָבן דוירעס בלויז געטרוימט, וואָס אַזאַ איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען. סיידן עפּשער אין די שטענדיקע רוימען, אַף אַן אַנדער פּלאַנעט. עך, און ליב האָב איך עס דיך!

— — — — — — — — — — — —

נאָך די כוטערס האָט זיך דער שליאַך אויסגעבויגן און גייט צו שטשערבאַניווקע. לענגוים דעם שליאַך האָבן זיך אַרויסגעצויגן די דראָטן אַף די סטויפעס. אַ שמאָל סטעזשקעלע לויפט צווישן די רויטע הייזלעך. דאָס איז דאָווידס וועג. ער וועט אַזוי גיין ביז יענער

עקסטער כאַלופּקע און פון דאָרט שוין גלייך מיטן פעלד צו דער געוועזענער האַניוּוקער עקאָנאָמיע.

ערשט נאָך די כוטערס האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען פויערים, וואָס אַקערן. דאָ זיינען נאָך כוטערשע ערדן, און ווי מע גייט אַריבער די קאַנאַווע, גייען שוין פריצישע ערדן, איצט אָבוכיווקער, דאָ האָבן אויך וואו-ניט-וואו פויערים געאַקערט מיט אָקסן. דאָוויד איז שוין מיד. דאָרט געבן דער עקאָנאָמיע אַקערט עמיצער, וועט ער צוגיין פאַרויכערן און וועט אַביסל אָפּרוען.

די ערד איז אויסגעצייכנטע, עכטע שוואַרצערד, גלאַנצט פון פעטקייט. דאָס אויפגעאַקערטע האַרבסט-פעלד שמעקט דעם פאַרובאַק אַזוי באַקאַנט. אַזוי ווי ס'האָט געשמעקט אַמאָל, ווען ער האָט נאָך קליינערהייט געדינט באַם פּאָרעץ פאַר אַ שמייסער באַ די אָקסן.

...דריי האַרבסטן האָט ער געדינט באַם פּאָרעץ, סאַמע בעשאַס דער דייטשישער מילכאָמע. קליין איז ער געווען, פאַרשמירט, און די אויגן פון אונטער די שוואַרצע קוטשעראַווע האָר האָבן אַרויסגעקוקט ווי צוויי רייפע ווינשל. אין הויף האָבן אים ליב געהאַט אי די אַרבעטער, אי די עסטרייכער די געפאַנגענע (ס'האָבן דאָרט געאַרבעט אַ מאַן צוואַנציק זומער). זיי פלעגן אים אַלץ בעטן, ער זאָל זיי זינגען לידער, און ער איז געווען אַ יאַט אַ זינגער, גאַנצע טעג אין פעלד באַם אַקערן טרייבט ער די אָקסן און זינגט. האָט אַפילע אַליין לידער געמאַכט. פון אַן אַרבעטער — אַ יאָסעם, פון אַ סאָלדאַט אַ פאַרוואונדעטן אין די אָקאָפּעס, פון די עסטרייכער, וואָס זיינען פאַרוואָרפן אין פרעמדן לאַנד. אָפּטמאָל אָפּדערגאַכט, געקומען פון דער אַרבעט, אָדער אַזוי נאָך דער וועטשערע, ערעוו כאָגע, אַז מע טוט אַ זינג „טשי טשויעש טאָוואַרישו“*. ווערט דאָס באָכערל פאַרכאַלעשט, די אויגן פאַרציען זיך מיט אַ נעפּל. אומעטיק פלעגט דאַווידן ווערן. און די בושלעס אין דער וויטן האַלטן אין איין — „קרו-קרו“...

דאָוויד האָט זיך צונויפגעבאַווערט מיט איינעם אַן עסט-

*) „הערסטו, כאַווער“ — אַזוי הויבט זיך אָן אַ באַליבטע ליד פון די גאַליציאַנער, וואָס האָבן געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי.

רייבער, סטאַר. סטאַר האָט ליב געקריגן דעם אינגלס האַרציקע לידער. ער פלעגט אים אָפט זאָגן: „זינג, אינגל. פון קינדווייס אָן טוט אונדז ווי דאָס האַרץ איבער דעם אומרעכט. סט'אויסוואַקסן, אַ בונטאַר וועסטו זיין".

אין פעלד אַקערן פלעגן זיי אויך אַרויספאָרן אינאיינעם. דאָווידקע טרייבט אָן די אָקסן, און סטאַר גייט מיטן בייט נאָכן אַקער. און דערציילט. וועגן דער היים זיינער. דערציילט ער, וועגן אַנדערע לענדער, וועגן אַמאָליקע צייטן (אינדערהיים אין גאַליציע איז ער געווען אַ לערער, דערנאָך האָט מען אים פאַרנומען אַף דער מילכאָמע, און ער האָט זיך אַליין איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט). אַך, איז דאָס געווען אַ וואוילער מענטש! און וואָס זאָלסט אים ניט פרעגן, ווייס עס: פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען די ערד — ניט אַזוי ווי דער גאַלער דערציילט אין שולע, — און פאַרוואָס ס'זיינען דאָ אַף דער וועלט אָרעמע און רייכע, און וואָס פאַר אַ לעבן ס'וועט אַמאָל זיין... ער פלעגט פאַרזשמורען די אויגן, קוקט אינדערווייט און זאָגט:

— אַט דער פריצישער פולווערק, וועט ניט זיין קיין פריצישער, די פריצים וועט איר פאַרטרייבן. און די באַטראַקעס וועלן אַליין זיין די באַלעבאַטים. די ערד וועט אינגאַנצן זיין אייערע, און דאָס פיך, און דער הויף; איר וועט אויפבויען נאָך הייזער אַזוינע און אַ סאָד וועט איר פלאַנצן אַ גרויסן...

דאָווידקען פלעגט עס אויפברויזן פון אַזוינע רייד:

— דער פאַן וועט דאָך אָבער ניט לאָזן.

— אַוודע, אַוודע, דער פאַן וועט ניט לאָזן, ער ט'אַרויסרופן סאָלדאַטן צו באַשיצן די געסט זיינע און די ערדן. אָבער איר, פון די דערפער, זענט דאָך אַ יאַם, און די סאָלדאַטן זיינען דען ניט פונם דאָרף? דאָס וועלן דאָך זייערע פאָטערס און ברידער קומען אָפנעמען די ערד. ווער זשע וועט אויפהויבן אַ ביקס אַף אַ ברודער, אַף אַ פאָטער?

סטאַרס אויגן ברענען, און בײַ דאָווידן ברענען אויך די אויגן. כאָטש ער איז נאָך קליין, כאָטש פאַרשטייט איז ער נאָך.

און אייגמאָל... גראָדע האָרט, וואו סע אַקערט אַ יאַטל מיט אָקסן, האָבן זיי געאַקערט, און סטאַף האָט דערציילט וועגן יורקא דאַוובישן. גאַנצע נעכט האָבן זיך דערנאָך דעם איינגל דעם שמייסער געבאַלעמט די בוקאָווינער וועלדער... יורקאָ און די כעוורע זיינע... און דאַוויד, שוין אַ הויכער באַכער מיט אַ האַק אין האַנט, איז אויך אין דער כעוורע...

— ...כאַוועך, גיב פאַרויכערן!

דאַוויד האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— ביטע, אַבי איך האָב נאָר. — דאָס יאַטל האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן, אַרויסגעקראָכן פון בוים און געבליבן שטיין אין טראַנטעס, — מ׳זעט גלייך, אַז ס׳איז אַ באַטראַק.

דאַוויד האָט פאַרקערעוועט אַפּן שניטפעלד און צוגעגאַנגען צום אַקערער. זיי האָבן זיך געגריסט און פאַרויכערט. און די אָקסן וועלן דערוויייל אָפּרוען.

— זייַ, כאַוועך. גייסט אַפּאַנעם, פון דיגסט, עפּשער פון 901 יאָר?

— פון 901-טן. און דו ביסט אַן אַבוכיוקער?

— ניין, פון יענע כוטערס. — ער האָט אָנגעוויזן מיטן בייטשל אין דער וויַיט; דאָרט אין אַ באַלקע האָט אַרויסגעקוקט אַ כוטער מיט אַ גרינעם דאַך פון רויטן וויינשל-גאָרטן, ענלעך צו אַ ריזיקן בוקעט קאַלינעס.

ער האָט עפּשער געהערט פון אָהירן, — באַ אים דינגט ער. דאָס אַקערט ער זיין פעלד. ס׳הייסט, די ערד רעכנט זיך פאַר אַבוכיווקער, אָבער דעמאָלט נאָר, ווען מע רעדט וועגן נערשטייער. ווייל צום דאָרף איז שרעקלעך וויַיט, פאַר צען ווערסט וועסטו זיך ניט אָנפאָרן און ניט אָנגיין. פאַרדינגט מען זי, די ערד. און אויב אַן אַרעמפּויער האָט נאָך קיין פערד ניט, איז ער טאַקע אַף צאָרעס, און די כוטערניקעס גייט עס — האַלעוואַי אַף אַלעמען געזאָגט געוואָרן — די אָהירס, די כאָמינקאָס, די קיפּשאַרעס... אַך, דאַרף מען אַף זיי ווידער דאָס אַכצנטע יאָר! זיי זיינען געווען בורזשויעס און פאַרבליבן בורזשויעס. מאַכט זיך אייגער, — פאַרזייט ער אייגענע פינף און צוואַנציק דעסיאַטין; הייגט, וויפל פיך האַלט ער! אַף דער האַנט

וועסטו דאָך זיי ניט פּאַסן. מעגסטו טאַקע רעכענען אַרום און אַרום דרייסיק דעסיאַטין. די נאָרמע? ס'ראָוו נעמט מען „פון האַלב": ער אַקערט אויף, פּאַרזייט. און אַן אַנדער אָרעמפּויער נעמט אַראָפּ דאָס ברויט, טוט אַ קוק אַף די סטויגן און קראַצט זיך גאָר אין פּאַטילגיצע; אַף די פּלייצעס וועסטו עס ניט אַוועקטראָגן פּאַר צען ווערסט. כאָטש לאָז עס אַפּן פעלד. און די באַלעגופן נוצן עס אויס. סע טרעפט, מע גיט אָפּ די גאַנצע נאָרמע פּאַרן גערשטייער און, כ'ווייס, עפּשער נאָך פּאַר אַ זעקל טוואָוע. קאָנסט באַרעכענען — ס'קומט אויס דער זעלביקער אַכטער אָדער צענטער גאַרב. דערשלאָגן זיך פּרייהייט!... דער מאַמען דיינע אין דער נייער פּאָליטיק!..

ער האָט זיך שטאַרק פּאַרצויגן מיטן ציגאַר, און דאָס פייער האָט געשיפּעט אַף די נייע ליפּן. דאַן האָט ער אויסגעשפּיגן און געבעטן נאָך אַ ציגאַר, וואָרום ער פּאַסט היינט: נעכטן שפּעט געקומען פון פעלד און קיין צייט ניט געהאַט אָנצוטריקענען טוטון. דאָוויד האָט אים געגעבן און אַליין אויך פּאַרויכערט.

— מיעסע מייסעס דערציילסטו, באַוער.

— איך זאָל דיר אויסדערציילן דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס, טויג עס אַף צאָרעס, ברודערל!

ער האָט אויסגעשפּיגן דורך די ציין און אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך אַ פרעג געגעבן שטילער: און אַף די פראָנטן וואָס הערט זיך עפּעס? — דאָוויד האָט געענטפערט, אַז קיין פראָנטן איז אַצינד ניטאָ. דער באָכער האָט גאָרניט געזאָגט. ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דאָווידן און אַראָפּגעלאָזט זיי צו דער ערד. ווידער אויפגעהויבן די אויגן און דערציילט:

— וועסט גלויבן, אַט מיין באַלעבאָס, אַזאַ באַלעגוף — זיבעציק דעסיאַטין האָט ער געהאַט אַמאָל, און אַצינד, אַז סע קומט צו פּאָרן פון אָבוכיווקע די טאָכטער, וואָס האָט פּאַראַיאָרן כאַסענע געהאַט פּאַרן פּאָרזיצער, פּאַר מאַטיוכען...

— פּאַר קאָרגייען? וואָס איז געווען מיליטקאָם אין וואָלאָסט? —

—נו, יאָ, פּאַר אַ קאָמוניסט. דאָס האָט ער געפּאַקט אָהירס אַ טאָכטער. ס'איז דאָרט געווען שוין איינמאָל אַ כאַסענע. פון ראַיאָן איז געקומען נאַטשאַלסטווע, מ'האָט געלאָזט פייערווערק. — דער באָכער האָט פּאַרקרימט די ליפּן אין אַ קרענקלעכן שמייכל און

ווידער אויסגעשפּיגן צווישן די ציין. האָט זיך פּאַרקלערט. מיטאַ־
מאָל דערמאָנט זיך און אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם צו דאָווידן:

— יאָ, איך האָב דאָך ניט פּאַרענדיקט דיר. איז אָט, קומט זי אָפּט צוגאַסט און דערציילט די עלטערן, אַז ס'קלייבט זיך אַף אונדז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, צי עפּעס אַן אַנדער שוואַרציאַר. שפּייט ער קלעק! וואָס פּאַר אַ כאָלערע דאַרפן זיי האָ, — ס'זאָל זיך ווידער אָנהויבן אַ שבֿיטע? דאָס לעבן שטעלט זיך דאָך אַזוי אויך איין צוביסלעך. איגדערעמעסן: איין פּאָר אָקסן און איין פּאָר פערד רעַ־כענען זיך אַפּן זון, האָסטו שוין צוויי גאָרטעס, און ער זאָל נאָך וועלן, וואָלט ער געהאַט נאָך ערד. ער שטייט שטאָל און אייזן פּאַר דער ראַטנמאַכט. אַזוי איז עס, כאַווער.

— יאָ, ס'טוט זיך באַ אייך מאַיסים...

דאָוויד האָט זיך פּאַרקלערט. דערמאָנט זיך, ער האָט געלייענט אַנומלטן אַ ביכל „דאָס גייע דאָרף". ס'האָט זיך אים דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז די דיפערענצירונג אין דאָרף איז אַוועק אַזוי טיף, ס'האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז אָט די האַרטע ציפערן וועגן אָנפּעדדיקע, וועגן ערד־פּאַרדונגענער אין אַרענדע, זיינען טאַקע דאָ אין דערווירקלעכקייט. אָבער דערדאָזיקער באָכער קלערט געווים ניט אויס: „פּאַרן געל'שטייער אַליין גיט מען אָפּ די גאַנצע גאָרמע", „צו דרייסיק דעסיאַטין פּאַרזייען אייניקע", „פּאַר צען ווערסט וועס־טו זיך ניט אָנפּאָרן"... און דאָ נאָך מאַטיובע מיט אָהירס טאָכטער. וואָס זיינען זיי דאָ, פון זינען? אָדער שיקער פון סאַמאַהאָן?

דאָוויד האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַרלאָשענעם ציגאַר, אויפ־געהויבן זיך און גענומען דעם קלומעק אַף די פּלייצעס.

— זיי געזונט, כאַווער, — ווי רופט מען דיך כאָטש?

— אילקאָ, און דיך?

— דאָוויד.

— נו, וועלן מיר איצט וויסן.

ער האָט זיך גענומען פּאַרן אָקסן־יאָך, אַ שמייס געטאָן מיט דער בייטש און פּייף געטאָן. די אָקסן האָבן גערירט, און דאָוויד איז אויך אַוועק מיטן שניטפּעלד. פון הינטן האָט ער נאָך לאַנג געהערט אילקאָס פּייפן... ווי אַ מעווע, וואָס פליט איבער סטעפּ, וואָס שרייט...

III

ווען דאָוויד איז פאַרביי געגאַנגען דאָס טייכל לעבן דער עקאָנאָמיע, האָבן די ווערבעס גערוישט, ווי אַ פרויען־כאָר אַן אומעטיקער. און איינע, אַ קלאָגערן, האָט זיך אין בענקשאַפט אַראָפּגעבויגן איבערן סאַמע וועג, איבערן שטראָם בײַ דער וואַסערמיל — די צעפלאָסענע האָר שווענקען זיך אין וואַסער — און אַזוי איז זי פאַרשטומט געוואָרן.

ווער וועט פאַרשטיין איר אומעט? און ווער האָט דען געזעען?

...די דעניקינשע קאָזאַקען האָבן פאַרשלעפט אין שטאַל קאַטיען, דעם קאָוואַלס טאָכטער, וואָס האָט געלעבט בײַם הויף. פאַרשלעפט זי אַ צעפּאַטלטע און אַפן יונגען לייב זיך אָנגעוואָרפן, ווי די הינט. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט: געזשליאַקעט סאַמאָהאָן, געזונגען לידער, מע זאָל ניט הערן דאָס מיידלשע געשריי... און פאַרטאָג אַרויסגעוואָרפן זי אַ פאַרפייניקטע פון יענער זייט מיר...

ס'האָט נאָר וואָס גענומען שאַריען. אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער איז זי געקומען, ווי אַ שאָטן, און געזאָגט: „די נאַכט“. און שפּעטער האָט זי שוין קיינער קיינמאָל ניט געזען. ווייל פינצטער איז געווען די נאַכט, איר לעצטע נאַכט. געשלאָפן זיינען די קאַזאַקן אין שטאַל, און אין שטאַב איז מען אויך געשלאָפן. ווי אַ שאָטן האָט זי זיך געגאַנוועט — אַזאַ שטילקייט. נאָר לעם ברעג האָט עמיצער געבלאָנקעט, גערופן זי — עפּשער די מוטער. און מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגעכאַפּט פון אַלע עקן — די קאַמערס, די שטאַלן. האָט מען זיך געוואָרפן פון אינעווייניק צו די טירן — פאַרשלאָסן פון דרויסן, און די ווענט זיינען געמויערטע; פון אַלע זייטן געשרייען, דער געלעכטער פון סרייפע, און דאָ האָבן די פאַרטיזאַנער פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דעם מאַיאָנטעק. דאָוויד איז געלאָפן מיט כעוורע פאַזע טייך. אַפן חויכן ברעג לעבן מיל האָט עפּעס אַ שווינדל געטאָן... אַך! ווען ער זאָל געוועזן וויסן. — מ'האָט זיך געאיילט אין הויף אַריין, פאַרנומען דעם שטאַב, צעשאָסן, צוגענומען צוויי קוילנוואַרפעס און די פערד.

דערנאָך האָט מען ביז פאַרטאָג געזוכט קאַמיען אין סאָד, לעבן טייך — ניט געפונען... ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, מ'איז שוין געווען אין וואַלד, — האָט דאָוויד געבראַכט די טרויעריקע ידיעה (ער איז געגאַנגען באַנאַכט אַף אויסשפּיר צום כוטער), אַז אין טייך האָט מען געפונען אַ דערטרונקענע קאַמיע דעם קאָוואַלס...

און אַט אַציגד אַפן הויכן ברעג לעבן מיל ברעכט אַ קלאָנגעדיקע ווערבע די הענט, שאָקלט מיטן קאָפּ, גלייך זי וואָלט עמיצן באַ־קלאָגט: „אַ־אַ!" — און גערוישט האָבן די ווערבעס, ווי אַן אומע־טיקער פרויען־כאָר.

דאָוויד איז געגאַנגען מיט דער גרעבליע פאַרביי דער וואַסערמיל. פון הינטערן האַרבסטיקן סאָד, ווי דורך אַ דורכזיכטיקן שלייער, האָבן זיך געדרייטלט די געמויערטע געביידעס. אין אַ זייט באַם סאָד איז געשטאַנען אַ ווייס הייזל פאַר דער דינערשאַפט און אַ קליי־נער סטויג שטרוי, אַ געלער. נעענטער האָט זיך פון קוזניע געהויבן אַ בלאָווער רויך; מיטאַמאָל האָט דער רויך אויפגעהערט, און פון קוזניע האָט געקלאַפּט דער האַמער איבער דער קאָוואַדלע.

עמיצער וואוינט אין עקאָנאָמיע.

פון דער הרעבליע האָט דאָוויד פאַרקערעוועט גלייך צו דער קוזניע. געגאַנגען מיטן ברעג מיט געלער קראַפּיווע און בוריאַן, איז פאַרביי דעם יאַר, דעם פאַרוואַקסענעם מיט שטעכלקעס און יונג־וואַלד, און צוגעקומען צום ערד שטיבל. דער האַמער האָט שוין ניט געקלאַפּט. ס'האָט זיך נאָר געהערט, ווי ס'אָטעמט דער בלאָ־זאַק, און שטילע רייד האָט ער געהערט.

דאָוויד איז אַראָפּ מיט די טרעפּלעך אין קוזניע. דער קאָוואַל איז געשטאַנען לעבן פייער. דאָווידס פּנים האָט זיך פאַררויטלט פאַר פרייד:

— אַ גוטן, פעטער פעטראָ!

— אַ גוטן... כאַווער, — האָט געענטפערט דער קאָוואַל, אַ גראָ־ווער מיט אַ פאַרויכערט געזיכט. ער האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אינעם רויאַרמייער. אַ פּנים, אים ניט דערקאַנט.

און דאָוויד, — ער האָט גלייך דערקענט דעם קאָוואַל. אין קוזניע זייַנען נאָך צוויי אומבאַקאַנטע געשטאַנען: אַ יינגל האָט צעבלאָזן דעם בלאָזאַק, און אַ גרויסער פויער מיט אַ געלער באָרד, אין אַ סאָלדאַטיש וואַטאָווע לייבל און אַ סיבירער קודלאַטע היטל, איז געזעסן בײַ דער וואַנט. ער האָט, אַפּאַנעם, געהאָלפן דעם קאָוואַל שמידן, זיך נאָרוואָס צוגעזעצט פאַרויבערן און געדרייט איצט אַ לאַנגן ציגאַר, ער האָט פונדערזייט געקוקט אויפן רויטאַרמייער לעבן טיר. און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט.

דאָוויד האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ס'איז דאָך איך, דאָוויד, אייער לערנייִנגל, פעטער פעטראָ.

—אָט אַ גאַסט, — האָט זיך דער קאָוועל דערפרייט, — כ'וואָלט ניט דערקאָנט דיך, כאָטש האַרגע. ס'איז שוין טאָקע היפּש צייט פאַרביי, ביסט נאָך געווען גאָר אַ שנעק; די דעניקינצעס זייַנען דעמאָלט דאָ געשטאַנען. — אָך, איז דאָס געווען אַן איינשטעלער! — האָט ער זיך געווענדט צום סיבירער, — בײַ די פּאַרטיזאַנען האָט ער זיך געהאָלטן. דאָס קומסטו, זעט אויס, פון דינסט.

— יאָ, גלייך פון סטאַנציע. איך גיי און זע: אַ רויך אין קוזניע. איר זענט, הייסט עס, דאָ פאַרבליבן?

ס'האָט געאָטעמט דער בלאָזאַק, געטרישטשעט האָבן די קוילן, דער אַלטער קאָוועל האָט זיי נאָך באַשפּריצט פון אַ נאַסער שמאַטע און דערציילט:

— ס'גאַנצע לעבן אין דער קוזניע, פון צוועלף יאָר אָן, דעם גאַנצן קויעד אָוועקגעלייגט אױף דער קואוואַדלע, אין פריצישע לעמעשן. און דאָ וועל איך שוין שטאַרבן. גוט נאָך וואָס מ'האָט כאָטש די שטוב און די קוזניע צוגענומען בײַם פּאַרעץ און מיר אָפּגעגעבן. און וועל איך שטאַרבן, איז שוין דאָ ווער ס'ע זאָל פאַרבייטן דעם אַלטן קאָוועל. — ער האָט מיט ליבע אַ שמייכל געטאָן צום יינגל, וואָס איז געווען פאַרשמירט, ווי אַ ציגייַנערל. מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגענומען פון פייער אַ רויטע שטיק אייזן און אָנגעהויבן שמידן. דער סיבירער האָט אים געהאָלפן.

אין קוזניע שפּריצן פונקען. אַ פאַרזשאַווערטע שטיק אייזן אויף דער פאָליצע האָט אויפגעלעבט און געקלונגען.

דאָוויד האָט געקוקט, ווי די האַמערס קנעטן דאָס רויטע אייזן; אָט איז עס שוין געוואָרן בורעק־רויט, און נאָכדעם טונקעלער. דער־נאָך האָט עס דער קאָוועל ווידער אַריינגעלייגט אין פייער; דער בלאָזאָק האָט געסאָפּעט.

איצטער וועט פּעטראָ אויך פאַרויכערן. דרייענדיק אַ ציגאַר האָט ער זיך דערמאָנט דעם צווייטן זון זיינעם; מ'האָט שוין לאַנג גענומען דאָס 1902 יאָר. און סטעפּאַן איז נאָך אַלץ ניטאָ פון דינסט. און זאָל נאָר זינקע אָפּדינען איר צייט, וואָלטן שוין אַלע געווען אינדערהיים. דאָוויד געדענקט זי שוין מיסטאָמע ניט? — ניין, פאַרוואָס זאָל ער ניט געדענקען! — דעמאָלט איז זי נאָך געווען אַ קינד, אַצינד איז זי שוין אַ מויד. — דאָוויד האָט זיך פאַרוויילט און געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר פּעטראָ האָט ווידער אָנגעהויבן:

— דערלעבט זיך יאָרן! פרילינג צייט האָט אויסגעפּעלט ברויט, האָט ער געמוזט אָפּגעבן דאָס קינד דינען פאַר פינף פוד ברויט און אַ פּאָר אַלטע שטיוועלעך. אָך און וויי צו אַזעלכע פאַרדינסטן!

דער באָרדיקער פויער האָט זיך אָנגערופן:

— אַ שאָד. פאַרן ווינטער עסט מען אויף דאָס ברויט און פרילינגצייט זוכט מען, וואו צו צעשטופּן די קינדער. אויך מיר אַ לעבן. דעם קאָפּ אַרויסגעשלעפּט — פאַרהריזנעט דער עק, דעם עק אַרויסגעשלעפּט — פאַרהריזנעט דער קאָפּ; די צאָרעס זויגן איין, ווי אַ זומפּ. אָט האָבן זיי זיך אומגעקערט פון סיביר; דעמאָלט האָבן זיי נאָך פאַרמאָגט עטלעכע שטיקלעך רינדער. איז אונטערגעקומען דער הונגער — האָט מען דאָס פי אויפגעגעסן, און מע איז געבליבן נאַקעט־הויל אין פרעמדע הייזער. זיבן מישפּאָכעס האָבן זיך אומגעקערט, פינף אָבוכיווער און צוויי שטשערבאַגיווקער. ערד האָט מען זיי דאַפּקע געגעבן, נאָר וואָס וועסטו מיט איר מאַכן מיט הוילע הענט? און דערצו איז זי נאָך צען ווערסט פון שטוב. האָט ער דעמאָלט גלייך געזאָגט: לאָמיר זיך צונויפנעמען אין אַ קאָלעקטיוו און איבערלאָזן אַף אַלעמען כאָטש איין פּאָר פערד, און דעריקער לאָמיר זיך אַרויסציען אַהער אַפן כוטער, נעענטער צו דער ערד, זאָל זיין אין ערד־הייזקעס אַבי האָבן די ערד פאַר די אויגן. איז וואו, וועו — קאָמוניע! און אָט זע, טאַקע אונדזערע סיבירער... כ'האָב זיך געזען

מיט זיי אין שטאָט, זיי לעבן אין אַ קאָמונע, „לייכט־טורעם“, אונטער סאָראָטשינעץ. מע לעבט גוט; און מיר האָבן זיך דערלעבט...

דאָווידן האָבן דערפֿרייט דעם סיבירערס רייד: דאָס איז דאָך זיין טרוים — אַ קאָלעקטיוו דאָ אין הויף. ער האָט פֿריילעך געזאָגט:

— און אַצינד איז דען שפּעט? אָט וועלן מיר דורכפֿירן די ערד־איינאָרדענונג, וועלן מיר זיך צונויפֿנעמען און אַרויסציען זיך אַהער.

דער סיבירער האָט נאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. און דער קאָוועל:

— ער, דאָוויד, דאָ האָט מען אייניקע אַריינגעצימבלט אַזאַ ערד־איינאָרדענונג... טיכאָן קאָזשושני בראָקעט נאָך ביז איצט מיט בלוט. וואָס ווילסטו דאָ אויפֿטאָן, אַז דער פֿויער איז פֿינצטער און בײַ דער מאַכט זיינען אויסוואורפֿן און שיכורים.

דאָוויד: — יאָ. בײַ אייך איז דאָ עפּעס ניט גלאַט... אָט, מאַטיוכע, אַשטיינער...

שטיל אין קוזניע, נאָר דער בלאָזאַק סאַפּעט, און די קוילן טרישטשען. קיין וואָרט ניט פֿון קיינעם. מע האָט שוין דערנאָך אויך מער געשוויגן. ס'הייסט, וועסטו לעבן, וועסטו אַליין זען.

דאָוויד ווייסט, פֿאַרוואָס איז עס אַזוי: מאַטיוכע איז פֿאַר זיי אַ שרעקלעך וואָרט, ער האָט זיך אַפֿילע שטאַרק ניט דערפֿרעגט — אַלציינגס וועט מען פֿאַר אים מוירע האָבן. דער קאָוועל האָט אים דאַפּקע געקענט, אָבער דאָס איז אַ מאַיסע מיט פֿיר יאָר צוריק. און פֿאַר אַזאַ צייט... אָט איז דאָך מאַטיוכע אויך געווען אַמאָל אַ פּאַרטיזאַן, און אַצינד...

ער איז אויפֿגעשטאַנען, אַוועקגעוואָרפֿן דעם ציגאַר, שטאַרק געדריקט די הענט דעם קאָוועל און דעם סיבירער און פֿריילעך געזאָגט:

— גיסטו מיר דיין האַנט, פֿעטער קלים? אַבי מיר אַליין זאָלן נאָר וועלן, און דאָס, וואָס בײַ דער מאַכט זיינען שיכורים און גאָרנישטן, — דאָס איז אַ קלייניקייט.

די אויגן פֿון אונטער דעם קודלאַטן היטל האָבן אַף אים שאַרף געקוקט. און די האַנט האָט ער געדריקט פֿעסט. אַזוי האָט מען זיך צעשיידט.

646—2*

נאָך דער פאַרויבערטער קוזניע האָט דער פּראָסטיקער הארבסטיקער אינדרויסן פאַרויסלט דאָווידס געזיכט. דער גערוך פון בוריאַן האָט אָנגעוויעט פאַרגעסענע טרוימען. גלייך פאַר די אויגן — דער טייך מיט די ווערבעס, און רעכטס לעבן טייך — גרינע ווינטער־טוואָוע. אָטאָ דאָ טאַקע הינטערן עקאָנאָמישן סאַד — דער נייער יישעוו. און דאָרט שטייט דעם קאָוועלס הייזל. דאָוויד זשמורעט די אויגן, קוקט זיך איין, און אין דער אָנגעשטרענגטער פאַנטאַזיע שווימען אויף אַף יענעם גרינעם פלאַץ — הייזלעך, ערד־שטיבלעך, געפלאַנצטע יונגע ביימלעך. פון אַלע זייטן פלייצן צום פלאַץ, ווי אַ פרילינג־געוויסער, שוואַרצע אַקערפעלדער. דאָס האָט מען זיך נאַרוואָס באַזעצט.

דאָוויד זשמורעט ווידער די אויגן און קאָן ניט דערקענען — איז דאָס זייער יישעוו? יענע ביימלעך זיינען שוין אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן סאָד. אין סאָד שטייען גרויסע ווייסע געביידעס. און דאָרט, וואו, די הרעבליע איז צענומען, וואו סע שטייט די וואַסער־מיל, רוישט אַ טורבינע. און סטויפּעס האָבן אַוועקגעצויגן די דראָטן הויך איבערן יישעוו, איבער די געביידעס, אין הויף אַריין, צו די שטאַלן, צו דער פערמע, צום לייענשטיבל... און ווייטער איבער די שליאַכן — קיין שטשערבאַניווקע, אָבוכיווקע... אין אַלע זייטן.

פון יענער זייט ווערבעס שרייט אומעטיק אַ מעווע. דאָוויד האָט אַ ציטער געטאָן. עפּשער איז עס גאָר ניט קיין מעווע, עפּשער פּייפט עס אילקאָ?

ער איז געגאַנגען איבערן בוריאַן אין הויף אַריין, וואו סע שטייען די געמויערטע געביידעס.

די בודיקעס האָבן זיך געטשעפּעט צום שינעל. ס'האָט געשמעקט מיט געלבלעכע קליאָן־בלעטער און מיט בוריאַן. אין הויף האָט זיך צעוואַקסן הויכער בוריאַן. אין די פּוסטע צימערן אַפילע האָבן זיך געזען דורך די פענצטער־לעכער פּאַסמעס בוריאַן. נאָר די ווענט זיינען נאָך פעסטע, זיי וועלן נאָך שטיין יאָרן. מע דאַרף נאָר לייגן אַ נייעם דאַך אַף די קאַמערס און שטאַלן. אָט זיינען די ברויט־שפּייכלערס. אַבי סע זאָל נאָר זיין אַ גערעטעניש, וועט זיין וואו אָפּצושיטן דאָס ברויט...

דאָוויד איז אומגעגאַנגען איבערן הויף, באַטראַכט די ווענט און עפּעס באַרעכנט אין קאָפּ. מע זאָל אַ קוק טאָן פון דער זייט, וואָלט מען געזאָגט, ס'גייט אום אַ אינזשענער, וואָס דאַרף צונויפשטעלן אַ סמעטע פאַר אַ רעמאָנט.

— יאָ, די געביידעס מוזן נאָך, — האָט ער געזאָגט אַף־אַ־קאָל. נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ קוק אַרום און זיך געלאָזט צו די שטאַלן. דאָ איז אַ האַלב־כאַרעווע גאַרטן־וואַנט. די אויגן שטעלן זיך אָפּ אַף דער באַרעווער שטיק וואַנט און... ס'האָבן אַ קנאַל געטאָן זאַלפן אין יענער זומער נאַכט, ווער ס'האָט געברענגט דער מאַיאָנטעק: דאָ האָט מען געשאָסן. —

מיט רויטן פלאַם פאַרגיסט די זון דעם בוריאַן. אַ שאָרך הערט זיך פון יענער זייט וואַנט, און פלוצים איז דורך אַ לאָך אַרייַנגעשפרונגען אַ יאָריק קעלבל און צעטראָטן דעם בוריאַן. דאָס קעלבל איז פאַרגאָסן מיט זון, דאָס ווידעלע אַרויף. מיט אַ יונגן קעלבישן באַריטאָן האָט עס אויפגעריסן די שטומע בוריאַן־שטילקייט. דאָס ווידערקאָל קויקלט זיך לאַנג צווישן די געביידעס, הינטערן סאָד. דאָווידן האָט דערפרייט דאָס קעלבישע רעווען דאָ אַף די כורוועס.

פון סאָד הערט זיך נאָך אַ שאָרך, עמיצנס טריט. דאָוויד האָט געוואָלט צוגיין צו דער וואַנט און זיך אָנגעשטויסן גלייך אַף אַ מיידל אין אַ גראָער סוויטקע.

— אָי! — האָט זי אויסגעשריען פאַר אומגעריכטקייט און זיך פאַרבויגן אין אַ זייט, אים דורכצולאָזן. און ער — אַזאַ מאָדנער, לאָזט פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ; און זי אויך... דערנאָך האָבן זיך געעפנט אָפּגערונטן אונטער אירע ברעמען — זי האָט זיך שנעל אַ דריי געטאָן זיך געלאָזט לויפן איבערן בוריאַן. זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט און אַוועק.

דאָוויד שטייט, ווי אַ סטויפּ. ס'האָט זיך שוין ניט געהערט מער קיין שאָרך, קיין טריט, אַ קעלבל האָט ערגעץ ווייט געמעקעט. שטילקייט און בוריאַן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צום שטערן, דער שטערן איז אַ הייסער...

— זי האָט זיך ראָך... דערטרונקען.

IV

ס'איז שוין געווען גאָר פינצטער, ווען דאָוויד איז צוגעקומען צום דאָרף.

גלייך נאָכן צווינטער, אַפן וויהאָן באַם עק דאָרף, האָבן געפּיפּערט מיט די פליגל די ווינטמילן. איינע גאָר איז געשטאַנען אין אַ זייט מיט אַ צעבראָכענעם פליגל. פּוסט אַפן וויהאָן. דאָוויד האָט אָנגעיאָגט אַ פרוי מיט אַ מיידעלע — די פרוי האָט געשלעפּט פון מיל אַ זאַק מעל. אַף אַ וועגעלע. ער האָט זיך געגריסט, די פרוי אָבער ניט דערקענט, שוין פינצטער געווען, וואו-ניט-וואו אין די פענצטער האָבן פייערלעך זיך געצונדן.

ווען ער איז דעם קלויסטער פאַרביי געגאַנגען, האָט אים פאַרדראָסן — ס'האָט געשמעקט מיט פרישער פאַרב. אַף די טאָפּאָליעס הינטערן פאַרקן האָבן זיך געמאָסטעט אַף נאַכט די קראָען. „און די שול שטייט אָן שויבן ס'אַ פאַקט“, — האָט ער אַ קלער געטאָן. אַפן ראָג האָט די שול בלינד געקוקט מיט די גרויסע טונקעלע פענצטער; די צוויי עקסטע פענצטער נאָר האָבן זיך בלייך געלויכטן, און אַפן פאָרהאַנג איז אַרויסגעטראָטן און ווידער געלאָשן זיך עמיצנס אַ שאָטן.

באַ דער שול האָט דאָוויד פאַרקערעוועט. די גאַס איז שטיל און פּוסט. דער ווינט רוישט הינטער אַ פּלויט; אין די סעדלעך, באַ די הייזער, רייסט דער ווינט פאַרגעלטע בלעטער; ווי פלאַטערלעך פליען די בלעטער און פאַלן אַפן גאַס, אין די הויפן. ערגעץ אין צווייטן עק דאָרף זינגען הייזעריק צוויי שטימען עפּעס אַ ליד. און פונטן, אַפּאַנעם, לעם בריק, פיבקעט שווער די דאַמפּמיל. די נאַכט איז אַ ווינטיקע, אָטעמט דעריבער די מיל אַזוי אָפּגעהאַקט, אָפּגעריסן: טשמיק, טשמיק. הינטער די גערטענער, אַף יענער זייט טייך פּסיאָל, אַ שוואַרצער פלעק — דער וואַלד. ער רוישט האַרבסטיק. דאָוויד דערמאָנט זיך אין עפּעס גרינס, פרילינגדיקס.

...אַמאָל, באַ דעניקינען, אי זומער, אי האַרבסט האָבן אין וואַלד אין די יאַרעס די וואַלד-לייט געלעבט. דער גאַנצער וואַלד האָט געווישט פון זיי, פון די פאַרטיזאַנען. און אויב ס'האָט באַנאַכט געברענט ערגעץ אַ בורזשויס אַ כוטער, אויב

מ'האָט ערגעץ אויסגעקוילעט אַ פאַסטן באַ די ווייסע, האָבן אַלע געוואוסט — דאָס איז זייער אַרבעט, פון די וואַלדלייט...

האַרבסטיק האָט דער וואַלד גערוישט, ס'האָבן זיך אָפגעשאָטן די בלעטער, געגאַן זיינען רעגנס, אַ קעלט. מ'האָט אָנגעהויבן קרענקען אַף טיפוס און אויסגעשטאָרבן, ווי די פליגן אום האַרבסט. קיין אָבוכיווקע איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ פאָלק דעניקינצעס. אין שטשערבאַניווקע איז געשטאַנען אַ פאָלק, און אַף יענער זייט פסיאָל אין די דערפער איז אויך געווען זייער כאַיעל. דאָס האָט מען געוואָלט זיי, די וואַלדלייט, כאַפן.

דער וואַלד האָט גערוישט האַרבסטיק. ס'איז געווען אַ נאַכט אַ פינצטערע, אַ ווינטיקע, אַ רעגן איז געגאַנגען... די וואַלדלייט — נאַסע, פאַרפרוירענע, פאַרכווישעכטע — טויט אָדער רויט — זיי וועלן שטורמעווען אָבוכיווקע, און מ'האָט דעם פאָלק צעשמעטערט, פאַרכאַפט דאָס געווער, — די פערד. אַף די וואָגנס אַוועקגעזעצט די פוסגייער און די קראַנקע, און מ'איז אוועק אין נאַכט אַריין. אין וואַלד זיינען זיי געווען אַ מאַן דריי הונדערט, און צו די רויטע, ווען זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורכן פראָנט, זיינען געקומען דריי און זעכציק מאַן, פון זיי זיבן פאַרוואונדעטע...

ווי לאַנג איז דאָס געווען?

ער איז געגאַנגען פאַרביי דעם וואָלאָסט... יאָ, איצטער איז עס דער דאָרפראַט, דער ראַיאָן איז דאָך אין שטשערבאַניווקע. שטיל, די פענצטער טונקעלע. דעמאָלט האָט דאָ אַפן גאַניק געשטעפט אַ קוילנוואַרפער. דאָוויד האָט געוואָרפן אַ גראַנאַטע, און אַנטשוויגן איז געוואָרן דער קוילנוואַרפער. ס'איז דאָך געווען ערשט ניט לאַנג! און די כאַטעס הינטער די צעפאַלענע פלויטן שטייען ווי דעמאָלט— אָרעמע, צעשויבערטע און שווייגנדיקע. נאָר אַפן פוסטן פלאַץ, דאָרט לעבן דער לעוואַדע, וואו ס'איז געשטאַנען דער גענעראַלשעם דאַטשע, שטעקן פון דער ערד סטויפעס; מ'האָט דאָ, זעט אויס, אויסגעשטעלט נייע הויפן. און אין דער גענעראַלשעם סאָד, וואו די דאַטשע איז אַמאָל געשטאַנען, וואוינט שוין עמיצער: אַ גרויס

הויז מיט אַ גאַנעק, מיט העל־באַלויכטענע פענצטער, אַ שייער מיט שינדל געדעקט, אַ קאַמער אַ הילצערנע; צו דער גאַס אַ גייער פאַרקן. און אַ ווייסער טויער פון נייע ברעטער.

— אָט דאָס הייסט געבאַוועט!

ער קאָן זיך פאַר קיין פאַל ניט אָנשטויסן, ווער האָט זיך עס גע־קאָנט שטעלן אַזאַ הויז. עמיצער פון די באַלעגופן? ער וואָלט ניט געהאַט קיין האַזע זיך באַזעצן אין דער גענעראַלשעם סאַד. ווער זשע דען? דאָס האָט נעדאַרפט אָפּקאָסטן ניט איין טויזנטער. פאַר קיין פאַל קאָן ער ניט טרעפן. און אַזוי, קלערנדיק, ווער קאָן עס זיין דער באַלעבאָס פונם נייעם הויז, איז ער אומבאַמערקט צוגעקומען צו זיין הויף. זיך געשטעלט אַפן הילצערנעם איבערקריך און ס'האָט אים אַ ריס געטאָן אין האַרצן: דער קליינער הויף איז אויסגעהובלט פאַר אַ טויק, עס שטייט אַן אָנגעהויבן סטויגל. דורך די פענצטער פון שטוב גיסט זיך אַ בלייכע שיין און ס'הערט זיך אַ גערויש — געוויס דער וועבער־וואַרשטעט.

אַ צערודערטער האָט זיך דאָוויד געגומען פאַר דער קליאַמקע, און די טיר האָט אַזוי באַקאַנט, אַזוי אומעטיק אַ סקריפע געטאָן.

אַז ער איז אַריבער די שוועל, איז אין שטוב געוואָרן שטיל. דער פאָטער האָט נאָך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן וועבער־קאַם און אויסגע־דרייט צום טיר זיין מאַרעשבוירעדיק געזיכט. פון דער שפּיגראַד האָט די מוטער געקוקט אַן אַלטינקע און אַ שטילע. אַף דער ערד האָט פּעטריק געוויקלט שפּוליעס, און די קליינע דאָקוקע האָט גע־דרייט גראָבע פעדים אַף רעדגעס. אַלע זיינען פאַרשטאַרט געוואָרן באַ דער אַרבעט. אַלע מיט די אויגן צו דער טיר אַפן „סאַלדאַט“ אין גראָוון שינעל און שפּיצעכיקן היטל.

דאָוויד האָט דאָס שפּיצעכיקע היטל אַראָפּגענומען.

גוטן אָוונט! — און קוים אַ שמייכל געטאָן.

די מוטער קאָן זיך פון באַנק ניט אויפהויבן.. מיט די אויגן איינגעגראָבן זיך אין זיין פּאָנעם — איז דאָס דאָוויד? מיטאַמאָל האָבן זיך אירע ברעמען אויסגעבויגן מיט די שפּיצן אַרויף. אַרויס־גענומען דעם קעמל פון שפּינעכטס, אַוועקגעלייגט אים אַף דער באַנק און אויפגעשטאַנען דעם זון אַנטקעגן.

— דאָוויד? פון וואַנען האָסטו זיך גענומען?

— אָט, איר זעט דאָך, געקומען.

זיך צעקושט מיט דער מוטער; דאָס פּאָנעם אירס איז אויסגע־מאָגערט, איינגעגאַנגען אין קנייטשן. זי קוקט מיט ליבע אַפן זון, און אין אירע אויגן איז אי פרייד, אי אומעט. דערנאָך, האָט זי אויפגע־הויבן דעם פאַרטעך צום פּאָנעם און גענומען שנייצן די נאָז.

— און מיר האָבן זיך שוין אַף דיר ניט גערעכט, דאָוויד.

— איך האָב דאָך געשריבן.

זיך געגריסט מיטן פאָטער. דער פאָטער איז געוואָרן אביסל פריילעכער, נאָר בלויז אַף א ווײַלע — די ברעמען האָבן זיך ווידער שווער אראָפּגעלאָזט: ער האָט געזאָגט:

— אויב דו האָסט אַפילע געשריבן, זון, האָבן ניט מיר געלייענט דײַנע בריוו. עמיצער האָט עפשער געלייענט. די לעצטע איז געווען, וואו דו האָסט געשריבן מיקויעד דער ערד־אײַנאָרדענונג, וואוהין זיך צו ווענדן. האָב איך, נאָר אײַנער, געוויזן די בריוו אַפן „סכאָד“; עמיצער האָט דערציילט דעם פאַרזיצער. פון דעמאָלט אָן האָט עס ווי אָפּגעשניטן. קיין איין בריוו ניט געהאַט מער.

די מוטער: — מיר האָבן געמיינט, ביסט שוין אַף דער וועלט ניטאָ.

און דער פאָטער: — נו, נו, צעוויין זיך נאָך. און איך פאַרשטיי די גאַנצע פּאָליטיקע זייערע. די לעצטע בריוו האָב איך שוין געגעבן כריסטיען, אַז זי איז געפאָרן אין דער עקאָנאָמיע, זי זאָל אַרײַנ־וואַרפן אַפן וואָקזאַל.

— קיין פערד האָבן מיר שוין ניט, דאָוויד, אַוועקגעגאַנגען, די גאַזלאָנים, — האָט די מוטער געזאָגט און זיך צעוויינט. דער פאָטער האָט נאָך א ריר געטאָן מיט א ברעם: — צוגענומען, היגטישע זין. זיבן פערד האָבן זיי בא אונדז אין דאָרף צוגענומען. געמאַכט אונדז פאַר קאַפּיטאַלָיסטן.

יאָ, אַ מעשה צאָרע. ער איז געוואוירע געוואָרן נאָך אין באַן: מיידלעך זײַנען געפאָרן פון די בורעקעס, האָבן זיי אים דערציילט. נאָר ס'האָט זיך אים אַלץ ניט געוואָלט גלייבן. ערשט אַז ער האָט דערזען אין הויף דעם ניטדערמעלײַצעטן סטויג, האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן. און אַז ער איז אַרײַן אין שטוב — ניטאָ כריסטיע.

— כריסטיע איז אַוועק. מ'איז דאָ געפאָרן פון דאָרף אַרבעטן אין

דער קאַרפּיווקער עקאָנאָמיע, איז זי אויך געפאָרן. וועט עפּשער פאַרדינען אַ פּאָר קערבלעך. נאָר ס'וועט דען קלעקן אַף אַ פערד? אַ נאַש־בראַט אַ קאַפּצן קומט דער גראָשן אָן גאָר ניט גרינג.

דער פאָטער איז אויפגעשטאַנען פון וואַרשטאַט. געפרעגט, צי איז ער אַף לאַנג געקומען אהיים.

— שוין איינגאַנצן. אַפּגעדינט מיינס, קיין פראָנט איז ניטאָ. כ'וועל שוין בלייבן אינדערהיים.

ער האָט זיך אויסגעטאָן, אויפגעהאַנגען דעם שינעל און די בו־דיאָנאָווקע אַף אַ צוויאַק. אַצינד איז ער מער ענלעך צו דאַווידן, ווייזט זיך אויס דער מוטער. און ס'איז עפּעס זיבערער — דער שי־נעל הענגט אָפּן וואַנט, ווערט ער שוין בלייבן אינדערהיים. און דאָס נייט ער דאָך, מיסטאָמע, פון וואָקזאַל, ער איז געווים הונגעריק, און זיי האָבן גאָר געגומען דעריציילן זייערע צאָרעס.

— עפּשער ווילן מיר עסן וועטשערע?

דער פאָטער: — פון מיינעטוועגן. מירן פּאַרוויכערן מיט דאַווידן אַ ציגאַר־טוטין און דו גרייט דערוויל צום טיש. זעץ זיך, דאַוויד,— און אַז דאַוויד האָט זיך אַוועקגעזעצט: — אָ, ווי לאַנג מיר זיינען שוין מיט דיר אַזוי ניט געזעסן. נאָר אַ קלער טאָן — דער פינפטער הארבסט.

לאַנג און שווייגנדיק געקוקט אָפן זון. אין די אומעטיקע אויגן האָט אויפגעשיינט פּאָטערלעכע ליבע.

— נו, דעריציל, זון, דו האָסט דאָך עפּעס מילכאָמע געהאַלטן אַף די פראָנטן, האָסט געזען אַ וועלט, — וואָס איז עס געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע? וואו איז זי די ראַטנמאַכט, וואָס פאַר איר האָט איר איינגעשטעלט דאָס לעבן, סע זאָל זיין אָן עמעסע ראַטן־מאַכט? וואו איז זי? ווארום בא אונדז דאָ איז אויך פּאַראָן אַ דאָרפראַט און ס'הענגט דאָרט אַף אַ בילד לעגין אַנשטאָט קייסער. זאָגן דיר אָבער דעם עמעס, זונע, — ער האָט געגומען רעדן שטילער, — ס'איז געוועזן דער אַלטער רעזשים, האָבן מיר אים אַצינד ווידער, וואָס קוקסטו מיך אָן? קאָנטר־רעוואָליוציע פּראַוועט דער טאַטע? ע־עך...

אָט נעם, אַשטייגער, מ'האָט בא זיי צוגענאָמען די פערד, אָן אַ פערד איז כאָטש שריי געוואַלד. וואָלט מען געגעבן אַ האַלוואַ,

כ'וויים, עפּעס־וואָס אַ שטיצע פון דער מאַכט, אָדער באַפרייט פון שטייער, וואָלט מען פאָרט גיכער געקומען צו זיך. איז ניין, זיי האָבן דערלאַנגט אַ מעלדונג, האָט זי דער דאָרפראַט ניט צוגענומען, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אין ראַיאָן — ווער, וואָס? אַ, אָבוכיוווקער, מע קאָן אייך, איר זיינט אַלע באַנדיטן, סאַמאָהאָנשטשיקעס, איר גאַנוועט איינער באַם צווייטן און מאַכט זיך דערנאָך פאַר נעבעכלעך, שטיצט ניט די ראַטן־מאַכט. — און די גאַנאָווים — האָט מען איינעם, קושנירענקאָן פון די אָהיערעווער כוטערס, דאַפקע געכאַפּט. ער זיצט איצטער אין דאָפּר, אין שטאָט; ס'גייט שוין אַ קלאַנג, אַז מע וועט אים איינגיכן אַרויסלאָזן און ניט מישפּעטן אים אַפילע. נו, וואו זשע איז דאָ יוישער? זאָל ער, הייסט עס, ווידער גאַנווענען פערד, מאַכן מענטשן פאַר אָרעמעלייט, פּראָלעטאַריער, זיי זאָלן זיך פאַרדינגען אין דער קאָמונע. מ'זעט דאָך עס אַרויס פון אַלצדינג.

די מוטער האָט אויך ניט פאַרשוויגן:

— באַ דער רעוואָליוציע האָט מען געצונדן די עקאָנאָמיעס, געזאָגט, ס'וועט שוין ניט זיין מער קיין פּריצים. און איצטער — מע האָט יענע אַרויסגעטריבן, זיינען אויפגעקומען נייע. אָט דאָרט, וואו כריסטיע איז אַוועק אַרבעטן, איז עפּעס אַ „סאָווכאָז" פאַר אַ באַלעבאָס, אַ קאָמוניסט.

— מאַמע, דאָס איז דאָך ניט קיין באַלעבאָס, דאָס איז אַ סאָוועטישע ווירטשאַפט, דעם פאָלקס, הייסט עס.

— ווער קאָן עס וויסן, זונע?

דער פאָטער, אַ פאַרכמורעטער, האָט ווידער אָנגעהויבן:

— מיט דער ערד איז באַ זיי די אייגענע פּאָליטיקע, אַ קאָמונישטשעסקע. אָט די כוטערשע ערד איז דאָך אינגאַנצן באַ דער זייט, לעבן דאָרף, און די אָבוכיוווקער איז לעבן דער עקאָנאָמיע, אַף יענער זייט כוטערס. איז וואָס וואָלט געאַרט, מע זאָל איבערוקן זייערע פעלדער אַהין, און די אָבוכיוווקער אַף דער זייט. ווערליק פויערן זאָגן, וואָלט דאָס געווען זייער גלייך. די מאַכט אָבער וויל גאָר ניט הערן אַזוינס. מאַטיוכע, יענער לאַכט זיך אויס: „גיב אייך די ערד לעבן דאָרף, וועט מען אייך פאַר די אויערן ניט קאָנען אַוועקשלעפּן פון איר; וואָס זיינט איר אָבער פאַר ערד־אַרבעטער, אַז איר פאַרבינדט די אַקערס מיט שטריקלעך. מיט אַזעלכע ווי איר וועט

די מעלוכע אויסגיין פון הונגער". אָט, הייסט עס, ווער סע האָדעוועט מיט ברויט — די פעסטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אַסאַך ערד. און ווער דאָס איז, איז קלאָר — די כוטערניקעס, די באַלעגופן. ער האָט זיך פאַרקויפט צו זיי, — האָסט שוין עפּשער געהערט, דאָוויד, ער האָט דאָך כאַסענע געהאַט פאַר אַהירס אַ טאָכטער. אַז דו ביסט געגאַנגען, האָסטו מיסטאָמע געזען, וואָס פאַר אַ שטוב ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער גענעראַלשעס סאַד. וואָזשע, ער האָט געגוג פאַרזשעבערעוועט פאַר דער צייט: וואָלד אומזיסט, אַרבעטער אומזיסטע, „שאַבעסניקעס" עפּעס פלעג ער מאַכן. קיין פאַריין האָט, דאַכט זיך, גיט געלעבט אַזוי, ווי ער איצט — הוליעט אַלע טאָג, שיקערט, און טאָמער באַגעגנסטו אים אַ שיקערן — אַנטלויף אין דער צווייטער גאַס, וואָרום באַלד איז ער דאָ מיטן נאַגאַן.

— וואָזשע שווייגט איר? ס'איז דאָך דאָ אַ ראַיאָויספּירקאָם, אַ קעמערל?

— דאָוויד, פאַר וועמען וועסטו זיך קלאָגן, אַז ס'איז אומעטום דאָס אייגענע, ס'איז באַ זיי יאַדאָכעס. ס'האָט זיך צונויפגענומען אַ כעוורע, און מע טוט, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. א דאָ ניט לאַנג האָט אַן אַרטעל אויסגעדונגען די דאַמפּמיל באַם קאָמנעזאַם; ווער זשע איז אינגם אַרטעל? מאַטיוכע, דער פאָרזיצער פון קאָמעזאַם גנידע, קניש. און גיב זיך נאָר אַ ריר אין ראַיאָן, וועסטו באַלד דערהערן — באַנדיטן, סאַמאָהאָנשטשיקעס. עמעס, ס'זיינען פאַראַן אַלערליי מענטשן אין אָבוכיוועקע. די זיינען אָבער מאַטיוכעס בעסטע גוטע ברידער. עמערוויים טרינקט מען אויס. און ווען זיי טרינקען און הוליען, טאָ פאַרלעש גיכער די שיין און זיי שטיל. מ'האָט פאַר־גאָסן די רעוואָליוציע מיט סאַמאָהאָן...

— אי! טראַך! — עמיצער האָט, ווייזט אוים מיט אַ דרענגל אַ קנאַק געטאָן אין טויער.

אין שטוב האָבן אַלע אופגעציטערט און אַנטשוויגן געוואָרן, און אין גאַס איז אַ לויפעניש, אַ טומל. אַ פרוי איז דורכגעלאָפן מיט אַ געשריי אין גאָרטן אַריין. עמיצער אין שטיוול האָט זיך שווער געיאָגט נאָך איר: „כאַפּ זי! א־א! שלאָג!".

— וואָס איז דאָ אַזוינס? — דאָוויד האָט אַראָפּגעכאַפּט די בודיאָנאָווקע פון צוויאַק און געלאָזט זיך צום טיר. אַפן שוועל האָט אים די מוטער פאַרשטעלט דעם וועג.

— דאָוויד, גאָט איז מיט דיר! מ'וועט דיר פּלעטן דעם קאָפּ.

דער פאָטער האָט אויך ניט געלאָזט. — דאָס האָבן זיך מיט־טאַמע די פּאַרובקעס צעהאַרגעט. באַ אונדז, אַז סע קומט אָן די נאַכט, איז פאַרמאַכט גיכער די פענצטער און גיי ניט אַרויס פון שטוב.

דאָוויד האָט אינגאַנצן געציטערט און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. דער קאָפּ פּלאַצט באַ אים שיר, ווי פאַרטשאַדעט.

די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט די וועטשערע אַפן טיש.

— גייט צום טיש, זיץ, דאָוויד.

ס'קריכט אָבער ניט דאָס עסן. געזעסן און אַפילע גענומען אַ לעפל קאַלטן באָרשטש, אָפּגעגעסן אַ שטיקל אַלטגעבאַקן ברויט, געקייעט, געקייעט, קוים אַראָפּגעשלונגען. ער האָט געקוקט — באַם טיש זיצן די אַלטינקע עלטערן אָפּגעצערטע, פאַרטרויערטע און כלעפּטשען מיט אַ לעפל. דער בלייבער פעטריק און צאָקיקע האָבן אונטער־געשטעלט אַ שטיקל ברויט אונטערן לעפל, ס'זאָל ניט קאַפּען, און דעם ברויט בייסן זיי געהיט, ער זאָל זיך ניט קרישען. ער האָט זיך, דערמאָנט אין אַמאָל: אַט אַזוי באַ דער וועטשערע אין דער אָרעמער שטוב, דאָ איז געזעסן ניט פעטריק, נאָר ער, און אַף צאָקיקעס אָרט ברידטיע מיט אַ שטיקל ברויט אונטערן לעפל, ס'זאָל ניט קאַפּען.

דער טאַטע איז פאַרמאָרעשכוירעט, און די מאַמע איז טרויעריק: קיין פערד איז ניטאָ און אין הויף שטייט אַ ניטדערמעלויצעטער סטויג.

...אַפן צוויאַק דער שינעל און די בודיאָנאָווקע.

...נאָך דער וועטשערע האָט מען זיך ניט געלייגט באַלד שלאָפן. די מוטער האָט אויסגעבעט אַלעמען אַפן בעט און דאָווידן אַף דער באַנק. דערנאָך האָט זי אויסגעריבלט פון זיינעטוועגן אַ ווייסע העמד פון קאַסטן. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט דערשפּינען דעם מאָטעק. דער פאָטער האָט זיך געזעצט צום וואַרשטעט. און דאָוויד האָט זיך געלייגט שלאָפן — מיד פון וועג. צוקאָפּנס האָט זיך צו אים עמיץ אָנגעבויגן...

— טשעפּעט אים ניט, קינדער, ער איז דאָך מיד, און איר לאָזט אים ניט שלאָפֿן.

— זאָלן זיי, מאַמע.

...צוקאָפּנס זיינען געשטאַנענע פּעטריק און צאָקיקע — זיך אָנגעבויגן צום סאַמע פּאָנעם. זיי האָבן לאַנג דערציילט שטילערהייט — מ׳האָט זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט געזען! פֿון זיך: אין שול גייען זיי ניט, ניטאָ אין וואָס, צאָקיקע וויקלט קלאָמשע, און זומער האָבן זיי ביידע געדינט אין כוטער.

דאָוויד האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, געווען זייער מיד. און פּונקט ווי ער וואָלט ליגן אין אַ ריוו באַם שליאַך, און איבער אים פֿון סטעפּ, פֿון געדיכטן וואַלד הוידן זיך ווילדע גראָזן, רוישן שטיל. דערנאָך שטילער, שטילער. און אַ אַקער קריכט לעבן ריוו, דער שניי־האייזן האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק שמעקעוודיקע ערד און פֿאַרשאָטן דאָווידן.

V

האַרבסטיקע נעכט האָבן זיך געקעלבט מיט גראָווע פּרימאָרגנס. באַם פֿאַרזיי זיינען רעגנס געגאַנגען און איצט איז שטיל, זוניק. די ווינטן זיינען אַנטשטילט געוואָרן, האָבן זיך די ווינטמילן אויסגעשטעלט, ווי צווילעמס אַפֿן וויהאָן, און אַפֿן ברעג פּיקעט די דאַמפֿמיל נאָכאַנאַנד, אָן איבערשלאָגן. הינטערן דאָרף איבער די פֿעלדער פֿליען ערהגעץ אום די קראָען, און זייער קאַרקען הערט זיך אַזוי נאָענט, גלייך זיי וואָלטן אין גאָרטן געווען.

האַרבסט. און אַזאַ שטילער, אַזאַ ליבער. נאָר אַגיט זעט מען ניט דיין אומעט, האַרבסט? און ווי זאָל מען זיך ניט ריכטן יעדע מינוט, אַז אָט וועלן דיר אויסגיין די קויכעס, וועסטו פֿאַלן מיטן קאָפּ אַף די פֿאַרבראָכענע הענט און וועסט צעלאָזן די גראָווע צעפּ איבער דער ערד מיט רעגנס און מיט נעפּלען. דעריבער זיינען די טעג איצטער זוניקע, ווי גאָלד. טעמפּ האָבן געקלאַפּט די דרעשערס אין די הויפֿן פֿון די אָרעמע פּויערים, פּריילעך האָבן געטומלט די ווייַ־מאַשינעס און די טערניצעס אין די הויפֿן — טרר־אַך... טאַך־טאַך...

...ס'שיטן זיך אָפּשניצלעך אַף דער ערד אונטער די פּיס. אונטער די טערניצעס ליגן שוין גאַנצע בערג, און באַ דער קלוניע זיינען נאָך אָנגעוואַלגערט גאַנצע קופּעס קאַנאָפּליע און פלאַקס. מאַטיושיכע איז אַ גוטע באַלעבאָסטע. פאַרוואָס דען ניט — ס'איז דאָ מיט וואָס צו אַרבעטן. צוויי טערניצעס קלאַפּן פון פרי ביז נאַכט, הערן ניט אויף אַף קיין מינוט ניט. און אָפּשניצלעך — אַ יאַם!

— עך, פאַרשאָלטענע באַלעגופן!

— טראַ-אַך... טאַך-טאַך... אַניסקע האָט אויסגעשלאָגן אַ פּאַסמע, האָט זי דערנאָך אַקוראַטנע פאַרבונדן און מיט שמייכל און פאַרדראָס געזאָגט:

— אַט-דאָס הייסט שפּינעכטס! דער רוער זאָל זי נעמען, וואָס וועט זי טאָן דערמיט?

— זאָרג זיך פאַר איר, — האָט זיך אָפּגערופן די טערעדיכע, — מענטשן וועלן עס אויסשפּינען, וועלן עס ניט לאָזן פוילן. און צו פרילינג וועט זי גרייט-מאַכן היפּשע עטלעכע שטיקלעך לייוונט. און זינקע, געזונט זאָל זי זיין, וועט עס פיין אויסווייסן.

זינקע האָט נאָר אַ ריר געטאָן מיט די ברעמען. שפּעטער האָט זי זיך אָפּגעקערעוועט פון דער טערניצע און אָנגערופן זיך:

— פון מיינעטוועגן מעג עס בלייבן ניט געווייסט. איך דאַרף נאָר ווי ס'ניט איז אָפּזיין דאָ מיין צייט.

פון פרילינג דינט זי דאָ, און איר ווייזט זיך אויס, ס'איז שוין אַזוי לאַנג. אָנגעליטן זיך אָן שיר. זי טוט דאָך אַלצדינג איינע אַליין, ווייל ער איז פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, און זי איז דאָך אַ פריצע, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער. און ניט אַזוי נאָך די אַרבעט, ווי דאָס אומרואיקע לעבן: ניט קיין זונטיק, ניט קיין יאָנטעוו. קיין איין נאַכט שלאָפט זי ניט רואיק. אַז מע טרינקט אינדערהיים, איז האַלבע נאַכט שטעל זיי דעם סאַמאָוואַר, אָדער לויף זוד פון זייערעטוועגן סאַמאָהאָן. וועמען אַרט עס, וואָס זי דאַרף גאָר עפשער, ווי אַנומעלטן זומער, אויפשטיין קאיאָר און לויפן אַפן פעלד. און דערצו נאָך אַ כעווריע, — דער קאָפּ טוט ווי פון זיי, אַז מע טרינקט זיך אָן און מע צערעדט זיך, נעמט אָן אַ שרעק. און דאָס איז פאַר „נאַטשאַלסטווע“ אַף די אויגן בריקעוועט „אונדזער“

גנידע, און איצט האָט אָנגעהויבן אָפּטלעד אַריינקומען דער מיליציע־נאַטשאַלניק פון ראַיאָן.

די טערניצע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מיידל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט פאַרקלערט:

— כ'האָב שוין געהאַט געוואָרפן די אַרבעט איבער אים.

די פרויען האָבן געשוויגן, נאָר די שלאָגערס האָבן געקלאַפּט און אַף יענער זייט קלוניע, הינטער די גערטנער האָט מיד גערוישט די דאַמפּמיל.

אַניסקע האָט פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער כאַווערטע:

— אַ נאַר ביסטו, זינקע,—האָסטו איינמאָל געוואָרפן, האָסטו שוין ניט געדאַרפט אומקערן זיך אַהער. אַניט ווייסטו ניט ווער ער איז? אַדאַרקע לוקיאַנס האָט זיך דען ניט איבער אים געהאַנגען,—און זי האָט שטיל צוגעגעבן, — ער איז דאָך אַ קראַנקער.

— מיין אייסעק!

— ס'רעדט זיך אַזוי... אַדאַרקע האָט עס אויך געמאָן ניט פון ליבע. זי איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן טשעפען צו איר. וויפל מאָל האָט ער זי געשלאָגן, אַנומלטן האָט ער זי באַגעגנט אַף דער לאָנקע, און ס'איז קיינער ניט געווען...

זינקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די ברעמען נידעריק איבער די אויגן און געזאָגט מיט קאַס:

— נו, דאָס איז נאַרישקייטן! טאָמער איז ער אַ נאַטשאַלניק מיט אַ נאַגאַן? נישקאָשע, שיסן וועט ער ניט. און איכ'ל ניט קוקן אַף אים, וואָס ס'וועט זיך טרעפן אונטער דער האַנט וועל איך אים וואַרפן אין קאָפּ.

אַפן כיינעוודיקן פּאָנעם זיינען פאַרקלערט די אויגן און צונויפגעדריקט די ליפּן. געגומען ווידער אַרבעטן און גערעדט פאַרקלערט:

— דערפאַר טאַקע האָב איך געוואָרפן די שטעלע, אַנטלאָפן פון אַ צאָרע. אינגדערהיים איז אָבער אויך ניט פריילעך — די מאַמע וויינט, דער טאַטע האָט מוירע, מע זאָל זיי ניט אַרויסטרייבן פון דער עקאָנאָמיע, אויב איך וועל ניט אָפּדינען מיין צייט. דריי טאָג בין איך געווען אינדערהיים. כ'האָב שוין גאָר ניט געקלערט, און דערנאָך... — און נאָך אַ ווײַלע שווייגן, — איז אַפן כוטער געוואָרן

אזוי אומעטיק. וואָס איך זאָל ניט טאָן, איז מיר דער קאָפּ שטענ־דיק דאָ אין דאָרף.

— אזוי?!

זיגקע האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אַף אָניסקען און פאַר־רויטלט זיך. האָט זיך אָנגעבויגן צו דער טערניצע, פלייסיק געאַר־בעט און זיך אַליין געזידלט: — וואָס פאַר אַ נאַר איך בין — גע־פונען זיך באַוואָרטעס פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצוגיסן, אָניס־קען און די סערעדיכע. — זי האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן, און אַפן פּאָנעם שטייט נאָך די פאַרב.

אָניסקע האָט אָנגעהויבן שטיל זינגען אַן אומעטיקע ליד. זיגקע האָט איר נאָכגעזונגען אין ווערטער; איר יונגער קערפּער האָט גע־זונגען. די אויגן פאַרטרוימט, האָט גאָר פאַרגעסן, אַז זי קלאַפּט פּלאַקס אין אַ פרעמדער קלוניע. זעט ניט די אָפּשניצלעך. זי הערט סע שורשעט עפּעס אונטער די פיס — איז עס דאָך טרוקענער בוריאַן.

...זי גייט אינם טרוקענעם בוריאַן, און אָט איז אַפּאָנעם, דאָס קעלבל דורכגעלאָפן. זי האָט זיך געלאָזט נאָך דעם מיט אַ ריטל און לעבן דער וואַנט האָט זי זיך שיר ניט אָנגעשטויסן אַף איינעם: ער איז געשטאַנען אין שינעל און אַ בודיאָנאָווקע. זיי האָבן ניט דערקענט איינס דאָס אַנדערע. אין שטוב האָט זי שפּעטער דערציילט דער מוטער:

— עפּעס אַ רויטאַרמייער איז אומגעגאַנגען אין הויף.

און די מוטער אומרואיק:

— עפּשער קלערט מען עפּעס טאָן מיט דער עקאָנאָמיע, מע וועט נאָך אונדז אַרויסזעצן.

— ניין, ניין, מאַמע.

— אָך, טאָכטער, ס׳פילט מיין האַרץ, אַ צאָרע קומט. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ מאַכט ער האָט, איין וואָרט זיינס — און וואוהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן? באַטראַכט זיך, זיניע, עפּשער וואָלסטו פאָרט געגאַנגען.

— מאַמע!

אַ שטילשווייגן. דערנאָך האָט גענומען הודען איין שפּינדל, און שפּעטער אַ צווייטס, דער מוטערס. ס׳איז טונקל אין

שטוב, וואָס פּאַר אַ געדאַנקען האָבן זיי ביידע געצויגן מיט די לאַנגע אומענדלעכע פעדים און געוויקלט אַף די שפּולקעס?

פון דער קוזניע איז געקומען דער פאָטער מיט סעריאָזשע־קען. דער אַלטער האָט געוואַשן די הענט איבער דער פּאָמפּע־ניצע, און די מוטער האָט אָפּגעשטעלט די ראָד פון שפּינדל:

— האָסט געהערט, אַלטער? עמיצער איז דאָ אומגעגאַנ־גען איבערן הויף, עפּעס אַ רוויטאַרמייער. ס'איז ניט מאַטיו־כעס אַן אויפטו?

— דאָס איז דאָך דאָוויד מאַטוזקע געגאַנגען פון סטאַנציע אַהיים.

זינקעס שפּינראָד — גלייך ס'וואָלט דער שנור פון איר אָראָפּגעפאַלן. אין שטוב איז שטיל און טונקל, און קיינער האָט ניט געזען, ווי ס'האָבן געציטערט אירע הענט...

דערנאָך איז שוין געוואָרן אַזוי אומעטיק אַפן כוטער, וואָס זי זאָל ניט טאָן, איז איר דער קאָפּ אין־דאָרף. אין אַ פּאָר טאָג אַרום גאַנצפרי האָט זי זיך גענומען קלייבן. די מוטער פרעגט זי:

— וואוהין איז, טאָכטער?

— כ'וועל שוין גיין צו מאַטיוכען, אָפּדינען מיין צייט, — און האָט זיך פאַרוויטלט. שפּעטער האָט זי געלאַכט צו דער מוטער: — האָסט דאָך מוירע, ער וועט אונדז אַרויסטרייבן פון שטוב.

די אויגן אירע פינקלען, און די מוטער איז אי צופרידן, אי זי זיפצט:

— זע נאָר, היט זיך, טאָכטער!

— עט, — האָט זי פרייליך געזאָגט, — זיי געזונט!

די זון איז נאָרוואָס אויפגעגאַנגען, און זי איז שוין געווען אין אָבוכיווקע. געגאַנגען גיך איבער דער גאַס. נאָך מיט עטלעכע הויפן פריער האָט זי שוין געהערט, ווי בא די מאַ־טוזקעס מעלויצעט מען אינצווייען. פאַרביי דעם הויף איז זי געגאַנגען אַן אויפגערעגטע, האָט געוואָרפן אַ בליק אַפן טויך און דעם „גוט מאָרגן“ געזאָגט עפּעס מאָדנע, גלייך ניט מיט איר קאָל.

— אַ גוטן! — האָבן געענטפערט פון טויק צוויי שטימען.
נאָר אָפּגעשטעלט האָט מען זיך ניט, ביידע דרעשערס קלאַפּן—
טוק־טוק! שוין פון הינטן.

וואוהין האָט זיך הינגעטאָן דעם מיידלס פרייד? זי האָט
זיך אַזוי געריכט ער זאָל זי אַ רוף טאָן — „זינקע". אָט
אַ נאַר איז זי... און עפּשער האָט ער זי ניט דערקענט?

ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן די פירטקע פון גאַס. דער הונט אויפן
קייט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פון שטוב צו דער קאַמער און גע־
בילט צום טויער. זינקע האָט אויפגעציטערט, און אָניסקע האָט
אַ קוק געטאָן און אין אַ שפּאַס פייערלעך געזאָגט צו די פרויען:

— די שוויגער פאָרט?

— אַליין?

— מיטן אַרבעטער.

טראַ־אַד... טאַד־טאַד...

— מאָרגן וועט באַ אייך, זעט אויס, זיין אַ הוליאַנקע, — האָט
זי זיך געווענדט צו זינקען. די סערעדיכע האָט געענטפערט פאַר
איר: — ניט אומזיסט האָט כאָמאַ געכטן אויסגעטריבן דריי דריי־
זשעס. ער האָט געזאָגט, מע וועט באָדן מאַטיוכעס יורעש.

— נאָר איין כאָמאַ? די אָהירס האָבן באַ זיך אויך אַ גאַנצע
וואָך בראָנפן געטריבן. ניט איין טאָג, ניט איין נאַכט וועט מען דאָ
הוליען.

— זאָל איך אַזוי לעבן, — האָט אָניסקע געזאָגט, — די שווי־
גער פירט אַ גאַנצן וואָגן.

אין הויף איז אַריינגעפאָרן אַ בריטשקע איינגעשפּאַנט מיט צוויי
גוטע פערד. אויף דער בריטשקע זיצט די אָהיריכע, אַן אַלטע, קליי־
ניטשקע פרוי. הינטערן געזעס איז עפּעס פאַרדעקט מיט אַ פאַר־
ביקער רעדנע.

אילקאָ האָט פאַרמאַכט דעם טויער, גענומען די פערד פאַרן
צוימל און צוגעפירט צו דער שטוב. דער הונט האָט זיך געריסן פון
קייט. פון שטוב איז אַרויס דער באַלעבאָס אָן אַ היטל, אין איין
קאַמזויל.

— פשאָל וואָן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויפן הונט. דער
הונט האָט ניט אויפגעהערט. מאַטיוכע האָט געכאַפּט אַ ציגל, אַ

וואָרף געטאָן אַפן הונט און געטראָפן אין וואַנט פון דער הילצערנער קאַמער. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ברימשקע און געהאָלפן דער „מאַמען“ אַראָפגיין, און שוין פון גאַניק אַ זאָג געטאָן אילקאָן:

— די פערד שטעל אַוועק צו די יאסלעס, און יענץ טראָג אַראָפ אין שטוב אַריין.

זיי זיינען אַוועק אין שטוב. אילקאָ האָט די פערד ניט אויסגעשפאַנט און צוגעשטעלט זיי צו די יאסלעס. זיך געגריסט מיט די פרויען און גענומען טראָגן עפעס קלומעקלעך אין שטוב אַריין. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אומגעקערט — אַריינגעטראָגן אַ פעסל און אַ גרויסן בוטל.

— גענוג שוין דיר טראָגן! — האָט אָניסקע פריילעך אויסגעשריען.

ער האָט אַף איר אַ קוק געטאָן און אַרויפגערוקט דאָס היטל אַף דער פאַטיליצע:

— זאָלן זיי טרינקען! — ער האָט זיך אַרומגעקוקט און שטילער צוגעגעבן, — עפשער וועלן זיי עס אויסברעכן.

— זיי זיינען שוין געוואוינט דערצו...

אַראָפגעטראָגן דאָס לעצטע, האָט אילקאָ געמאַכט אַ ציגאַר, פאַריכט דעם געשפאַן אַפן גראָוון פערד און איז אַוועק אונטערן אָפדאַך. זיך ווידער געגריסט מיט די פרויען פון דערנאָענט און געזאָגט מיט אַ שמייכל אַ „גאָט העלף“.

— אַלץ „גאָט“! וואָלסט בעסער אַליין געהאָלפן, — האָט זינקע פריילעך אַ לאַך געטאָן.

— וואָס ס'האָט זיך דיר פאַרגלוסט?, — האָט ער ווידער אַ שמייכל געטאָן.

זיך אַנידערגעזעצט לעבן זינקעס טערגיצע, טיף פאַרצויגן זיך מיטן ציגאַר און אַוועקגעוואָרפן אים. די טערגיצעס האָבן געקלאַפט, און ער האָט געשוויגן. פלוצים האָט ער ווידער אַרויסגענומען פון קעשענע די מאַכאָרקע און גענומען דרייען אַ פרישן ציגאַר. און ניט אַבי וועלכן, נאָר פון אַ ביכעלע „פראָגרעס“ און געקויפטער מאַכאָרקע. זינקע האָט שוין געוואָלט אַ שפאַס טאָן — זי איז אָבער שטיל געבליבן. זי האָט אַ פרעג געטאָן, צי איז ער ניט געווען בא איר אינדערהיים, ער אַקערט דאָך דאָרט און טרינקט אָן די אָקסן

אַפֿן כוטער. — ער איז געווען. די אַלטע לעבן. דער טאַטע מיט סעריאָזשקען אין קוזניע, און די מאַמע שפּינט. ער האָט אַרויסגע־קוקט אַף איר, האָט שוין געפרעגט אַפילע, האָט אים דער טאַטע געזאָגט, וואו זי איז. דער פעטער קלים איז בייז, ס'טוט אים זייער באַנק, וואָס ער איז ניט געווען דערביי, ער וואָלט זי אין קיין פאַל ניט אָפּגעלאָזט. „איר ווילט, — זאָגט ער, — אומברענגען ס'מיידל. איינע האָט מען שוין...“.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָבן געקלאַפּט די טערניצעס, געפאַלן זיינען די אָפּשניצלעך אַף דר'ערד, און אַף אילקאָן זיינען געפלויגן ווייסע שפּענדעלעך. ער האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרצויגן מיטן ציגאַר, אָנגענומען דאָס מיידל פאַר אַ האַנט און שטיל געזאָגט:

— ס'איז רעכט, וואָס דו ביסט דאָ.

זינקע האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַפֿן יאַט, און ער האָט ווידער געזאָגט שטילערהייט:

— מאָרגן וועט דאָ בײַ אייך זיין אַ ציקאַווע פאַרזאַמלונג. עפּשער וועסטו, עפּעס־וואָס דערהערן, גיב אַכטונג; וועסט בײַ מיר זיין דער אויסשפּיר־פּונקט.

זינקע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו אים:

— וואָס איז?

— אַזוי... גאָרנישט. אַרבעט בעסער, זעסט דאָך דאָרט צוויי פּאָר אויערן.

— זיי וועלן ניט דערהערן.

אָניסקע און די סערעדיכע האָבן ביידע געאַרבעט פלייסיק. די סערעדיכע האָט אָפּגעשטעלט איר טערניצע און זיך אָנגערופן צו זיי:

— וואָס הייסט יונגוואַרג, — אַלץ שו־שו־שו!

— וואָזשעדען זאָלן מיר טאָן? — האָט אילקאָ פריילעך גע־ענטפערט, — נאָר איר וועט דען לאָזן? אַרבעט, אַרבעט.

און אַז ביידע טערניצעס האָבן ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן, האָט זיך זינקע אָנגעבויגן צו אים, און ער האָט איר דערציילט, קוקנדיק פון דער זייט אַף די אַרבעטערנס:

— אָט וואָס. פון קושנירענקאָן איז אָנגעקומען אַ בריוו פון טורמע. ס'לאָזט זיך אויס, הערסטו, אַזאַ זאַך.

— און ווי האָסטו?...
— טסס...

...נעכטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פעלד פאַרויכערן. אָפּגעריסן אַ שטיקל פּאַפּיר אַף אַ ציגאַר, פאַרדרייט, ליגט און רויכערט. און ער האָט אַ טעווע, יעדער פּאַפּירל, וואָס ער רויכערט, איבערצולייענען. ער גיט אַ קוק, ס'איז גאָר אַ בריוו. „ליבער דאַניושע", דאָס איז צום יונגען אָהירענקאָן, וואָס איז געווען אין כריסטאָוויס באַנדע, — „איך לייד דאָ אין דאָפּר אונטער די גראַטעס, און איר זיינט אַף דער פריי און סטאַרעט זיך גאָרניט פאַר מיר. גיב איבער קאָרניושען אויך, ער איז דאָך די מאַכט, זאָל ער זיך סטאַרען, מיר האָבן דאָך איניינעם אי דעם פינאַנגעט, אי די פערד... ער האָט דאָך גענומען זיין כיילעק, אַניט, אויב איך וועל דאָ איינער פאַרפאַלן ווערן, וועל איך אַלעמען צוגייען צום אייסעק, און סאָכנאָווסקין אויך פאַר די פערד־קאַרטעס...", ס'איז דאָרט נאָך עפּעס געווען אָנגעשריבן, נאָר דעם סאָף האָט אילקאָ אָפּגעריסן אַף אַ ציגאַר, סאַמע דאָרט, וואו ס'איז געשטאַנען די בסימע.

ס'טוט אים נאָך ביז איצט באַנק. און זינקע:

— מען זעט דען ניט אַזוי אויך, ווער וועמען סע שרייבט: דאַ־ניושע, קאָרניושע.

— נו, יאָ, גראַדע מיט אַ טאָג פריער איז קושנירענקאָס ווייב געווען אַפן כוטער, נאָכדעם ווי זי איז געקומען פון שטאָט. זי האָט עפּעס געשמועסט מיט דאַניושען און, אַפּאָגעם, אָפּגעגעבן אים די בריוו, און ער — עפּשער האָט ער זי פאַרלאָרן פון קעשענע — האָט זיך היינט געכאַפּט ווען מ'האָט זיך שוין געקליבן פאָרן, האָט ער זי גענומען זוכן און האָט אופגעהויבן אַזאַ פּאַניקע, איבערגע־קערט די גאַנצע שטוב, און די בריוו ניט געפונען. האָט מיך געפרעגט, צי האָב איך ניט געפונען אַזאַ שטיקל פּאַפּיר. ניין, זאָג איך. טאָמער וועסטו געפינען, זאָלסטו עס ניט אויסרויכערן, — ער האָט אַפילע געשמייכלט דערביי, — סע אַרט אים קלוימערשט ניט — נאָר דאָס פּאַפּירל איז צו גראָב, אַף רויכערן טויג עס ניט און פאַר אים איז

עס אַ גויטיקס. גוט, האָב איך געענטפערט, אַף וואָס טויג עס מיר, אַז רויכערן קאָן מען עס ניט?

אילקאַ האָט זיך צעלאַכט:

— ער האָט מיר געגעבן אַ פּערציקער אַף אַ ביכעלע „פּראַגרעס“.

— אָ, דערפאַר רויכערסטו געקויפטע מאַכאָרקע.

— וואָדען האָסטו געמיינט?

ער האָט דערוויכערט דעם ציגאַר און אַוועקגעוואָרפן אים. אויפגעהויבן זיך און פאַרזאָגט איר:

— זעזשע, זיי געהיט. ס'איז ניט קיין קאַטאָוועס; וועלן זיי דערגיין, אַז די בריוו איז בײַ מיר, וועלן זיי מיך האַרגענען, היגטישע זין, כ'וועל אַפילע קיין פּיפּס ניט טאָן. סע זאָל קיינער ניט וויסן.

— וואָס, אַ קינד בין איך! — און זינקע האָט זיך פאַרקלערט; דערנאָך האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט. אילקאָן האָט מען אַ רוף געטאָן פון גאַנעק. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן אָפּדאַך און ווידער געזאָגט צו זינקען: — האָבזשע איגזיגעןן!

ער איז אַוועק. פון גאַנעק האָט אים די אָהיריקע עפּעס לאַנג אָנגעזאָגט, עפּעס איבערגעגעבן און געהייסן פאָרן. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אַף דער בריטשקע און אַרויסגעפאָרן פון הויף. זינקע איז געלאָפן עפענען דעם טויער.

פאַרבײַפאָרנדיק האָט ער דעם מיידל געוואָרפן אַ „זיי געזונט“ און צוגעוואונקען. זי האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל פאַרמאַכט נאָך אים דעם געשניצטן טויער.

VI

ערגעץ וווּט הינטערן דאָרף האָט זיך געלאָשן די זון. שאָטנס זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די סערלעך, פון אונטער די סטריכעס און דעכער. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן די שאָטנס איבער די גאַסן און פאַרדעקט דאָס דאָרף מיט אַ לייכטן טונקל. נאָר אַף די קוימענס און אַף די שפּיצן בוימער גלאַנצן לעצטע שטראַלן, אַף יענער זייט טייך האָט זיך געלאָשן דער האַרבסטיקער געלבלעכער וואַלד, פאַרגאַנגען איז דאָס פייער פון די גאָלדענע שפּיצן בוימער. אויסגעלאָזט זיך און פאַרלאָשן. פון קלויסטער האָט הער גלאָק געקלונגען צו דער

אָוונטיקער טפּילע, גלייך ווי עמיצער וואָלט אַרויסגעלאָזט געלע פויגלען, און זיי פליען איינער נאָכן אַנדערן איבער די הייזער צום וואַלד צו. און דאָרט זאַמלען זיי זיך עפּשער אין שאַרעס. איבער די הייזער זייגען נאָך געפלויגן האַוועס אין וואַלד אַריין, אַף נאַכטלעגער. מיט ראַש האָבן זיי זיך געמאָסטעט אַף די צווייגן. פון וואַלד-געדיכ-טעניש האָבן זיך אָנגערוקט שאָטנס, ווי אַ הורט שוואַרצע אָקסן, און זיך אויסגעלייגט לעם ברעג טייך.

אין אַ זייט, לעבן בריק, האָט שווער געאָטעמט די דאַמפּמיל. דאָ איז ווי אַף אַ יאַריד, אָן אַ שיר וועגענער. די אָקסן מאַלעגייערן לעבן די יאַרמאָען, פאַר די פורן שטייען פערד מיט ניט אויסגע-שפּאַנטע כאָמוטן, מענטשן גייען אום הין און צוריק, שטייען אין רעדלעך, זיצן אַף זעק לעבן מיל, שמועסן. מען וואַרט אַף דער ריי. באַם שפּייכלער שטייט אַ וואָג. אַן אוילעם מיט זעק טומלט דאָרטן. אַ געלינקער פלינקער אַלטיטשקער שרייבט קוויטלעך און קוקט אַף דער וואָג. ס'איז פינצטער. ס'פליען פויערשע פונטן טוואָוע פאַר מאָלעכטס אין שפּייכלער אַריין, אַן אָרעמפויער טוט זיך אַ קראַץ אין קאָפּ:

— אַכט מיט פופצן. נעם אַראָפּ די זעק, — דער אַלטער גגידע שרייבט אָן אַ קוויטל און רעכנט אויס, — אַכט מיט פופצן, קומט פאַרן מאָלן פינף און דרייסיק פונט, — שטעלט אַ דרייפונטניק גע-וויכט, — און אַליין שטופּט ער אונטער, ס'זאָל זיין פינף. גו, וועט זיין אַביסל מער, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַן איבעריק פונט.

— ווער גייט דאָרט ווייטער, קום אַהער!

דאָוויד מאַטוזקע האָט אָוועקגעלייגט צוויי זעק אַף דער וואָג און קוקט. ניין, פינקטלעך, „ווי אין אַפּטייק“, — דער אַלטער גגידע ווייסט, באַ וועמען מע קאָן נעמען; ער האָט זיך גאָר אַליין דער-מאָנט אַראָפּוואַרפן זעקס פונט אַף די זעק, און זאָגט כימרע צו דאָווידן: — וועלן מיר, הייסט עס, אָפּמאָלן פרישינקע?

דאָוויד האָט אַראָפּגענומען די זעק.

— וואָזשעדען, פאַראַיאָריקן. וויפל קומט פון מיר?

— פיר און צוואַנציק פונט, — מער האָט גגידע קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אַ קלער געטאָן: אַן ערנסטער מענטש, מע זעט עס גלייך נאָך די רייד, נאָר מיר הערן אים פאַר אַ פּיטאַק“.

דאָוויד האָט אָפּגעשאָטן וויפל ס'איז פון אים געקומען. געהאָלפן מיכאָנען איבערוועגן די זעק (זיי זיינען צוזאַמען געקומען צופאָרן אַהער).

אין מיל איז ערדטריטעניש.

— ס'וועט, ווייזט אויס, אויסקומען מאָלן ערשט באַנאַכט.

— געוויס.

מיכאָן איז אַוועק צום וואָגן — זאָל פּעטריק מיטן פערד פאָרן אַהיים. דאָוויד איז צוגעגאַנגען צום קויש אַ קוק טאָן, ווי סע מאָלט. פון דער זייט, פון די זעק, האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער אכטיז:

— קום נאָר אַהער, דאָוויד, וועלן מיר פאַרויכערן.

דאָוויד איז צוגעגאַנגען. זיי האָבן פאַרויכערט דעם פעטערס שטאַרקע היימישע מאַכאָרקע.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, דאָוויד? וואָס הערט זיך אינדערהיים?

— איך קוק זיך דערווייל ערשט צו.

— אָפּגעמלויצעט שוין?

— נעכטן געענדיקט.

פון הויף, וואו די פויערן זיינען געזעסן אַף די זעק, האָבן זיי ביידע דערהערט האַרדים (דאָווידס אַ שאָכן) פעסטע און נידעריקע שטים:

— ניין, צווישן די קאָמוניסטן איז אויך פאַראַן אַלערליי מענטשן... (דאָוויד האָט זיך צוגעהערט) געוואוינטלעך, ס'איז מער דאָ אַזוינע, וואָס טראָגן הויזן מיט זעקלעך, האַליכעס, אָדער, ווי מע רופט זיי דאָרט...

— די קעשענעס זאָלן זיך ניט אָנזען! — האָט זיך עמיצער צעלאַכט.

— עפשער מאַקע צוליב דעם, און עפשער פאַשעט קעדיי אויס־טיילן זיך פונם פּראָסטן אוילעם: ס'הייסט, — מיינט ניט, איך בין אַבי ווער. אַזאַמינער האַלט אין קעשענע דעם בילעט און קלערט נאָר וועגן זיך.

— אַלע זיינען זיי אַזוינע. אַט וועט איר זען, מאַטוזקעס זון אויך, ער וועט אָפּזיין אַ וואָך־צוויי און וועט אַוועק אָדער אין קאָאָפּעראַציע, אָדער אין אַרטעל. איצט האָט ער קיין פערד ניט,

װעט ער אים גיך באַקומען. זײ זײַנען ניט קײן נאַראָנים, די פּאַרטיע.

אָכטיז האָט אַ שטופּ געטאָן דאַװידן מיטן עלנבויגן.

— גו, אַן אױלעם באַ אונדז. אַנדערש קומט גאָר באַ זײ ניט אױס; אומזיסט האָסטו געליטן אַף די פּראָגנטן און פאַרגאָסן בלוט? — ער האָט זיך פאַרצױגן מיטן ציגאַר, אױסגעשפּיגן און װידער געזאָגט דעם פּלימעניק, שטיל און סוידעסדיק: — גנידע האָט דאָ געהאַט געזאָגט, מ׳קאָן דיך נעמען אין אַרטעל אַף סכירעס און עפּשער פאַר עפּעס אַן עלצטן. ס׳װאָלט אונדז אַװאַדע ניט געשאַדט. די צאָרעס לאָזן דאָך דעם טאַטן ניט לעבן.

דאָװיד האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַפן פעטער און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— װאָס מײנסטו, דאָװיד? — האָט זיך אָכטיז אָפּגערופן און אױסגעשפּיגן פון צװישן די צײן.

— לאָמיר בעסער ניט רעדן דערפון, פעטער.

פון הױף הערט זיך װידער האָרדיס קאָל:

— איך זיץ דאָך לעבן זײ, אַ פּלױט צו אַ פּלױט, כ׳קאָן אים נאָך פון יונגלװײס, װען ער איז נאָר געװען אַ פּאַרטיזאַן. שױן דעמאָלט, נאָך גאָר אַ שנעק, איז ער געװען אַן „איבערצײגטער“, און אַט גיטאָ אים און ניטאָ — אין דער רױטער אַרמײ איז ער געװען, און איך הער, ער שרײבט, ער איז געװאָרן אַ פּאַרטײאישער. די עלטערן האָבן טכילעס ניט געװאָלט מוידע זײן, אַ לאַנגע צײט קײנעם ניט דערצײלט. דערצײלט האָט מיר די שװעסטער זײנע. האָב איך געפרעגט דעם אַלטן. עמעס, זאָגט ער, אַ טעל געמאַכט פונם זון. איך האָב אַ קלער געטאָן: יאָ, ער איז פאַרפאַלן. ערשט דאָ ניט לאַנג, איך גײ אַרױס גאַנצפרי, מע מעלױצעט אײנצװײען אַפן טױק; אײנער אין אַ שינעל — דאָװיד! ער איז באַנאַכט געקומען און אײנדערפרי שױן געשטעלט זיך צו דער אַרבעט, אַט אַזױ פאַרשטײ איך, כאָטש אַ קאָמוניסט, נאָר דעם שינעל טראָגט ער דעם אַלטן, דאָס געװאַנטענע העמדל האָט ער פאַרקױפט און געקױפט שטיװל דעם ברודער, — יענער גײט שױן איצט אין שול.

— װעדליק דו דערצײלסט, האָרדו, — האָט זיך אָפּגערופן אײנער פון אױלעם, — איז ער גאָר ניט קײן פּאַרטײאישער.

— ניין, אַ ביכל האָט ער. סע שטייט דאָרט, אַז ער איז מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ער האָט נאָך אַסאַך ביכלעך פּאַרטייאישע: דעם ערד־קאָדעקס און אַנדערע וועגן ראַטנמאַכט. מיר האָבן געפונען אינגם קאָדעקס מיקוייעד איבערטיילן די ערד, שטייט דאָרט געשריבן: מע דאַרף אָרגאַניזירן ערד־כעוורעס און אַ „פּריהאָוואָר“, וועט מען אַרויסשיקן אַ פעלדמעסטער, און ער וועט צעטיילן די ערד אַזוי, ווי יעדער כעוורע וועט באַשטימען.

— אַפן פּאַפּיר איז אַלץ גוט, שלעכט איז נאָר, ווען סע קומט צום טאָן, — האָט עמיצער געזאָגט און געווים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אָט האָבן מיר דאָך פּאַראַיאָרן פרילינג געשריבן אַ „פּראָשעניע“, איז זי גלייך ווי איינגעזונקען געוואָרן.

— ניין, ניט איינגעזונקען: דער אַלטער יאַוווטוך, וואָס דינט אין וואָלאָסט, ערשט געכטן גיט ער מיר פּאַרויכערן — מיין טוטיז, זיין פּאַפּיר, כ׳קוק זיך צו, ס׳איז אונדזער „פּראָשעניע“.

— ס׳קאָן ניט זיין!

— צו וואָס טויג מיר אויסקלערן, און סאַמע וואו סע שטייען די כסימעס, מיינע און דיין פּאַמיליע, האַרדי, האָט ער געלאָזט מיטן רויך. דו שפּיי זיך אוים און שלאָג זיך אַרוים פון קאָפּ... וואָס האָסטו געוואָלט, אַז די מאַכט, כאָטש זי איז אַן אַרבעטער־פּויערשע, אָבער קיין פּויער אָדער אַרבעטער וועסטו ניט אָפּזוכן מיט קיין ליכט — הוילע פּאַרטייאישע.

— און ווי איז באַ לייטן? דען ניט די זעלביקע מאַכט? אָט נעם, אַשטייגער, נעדריהיילאָווקע... ניט מער, אין אַן אַנדער ראַיאָן...

— זאָל זיין אין אַן אַנדערן. ס׳איז דאָ וואָס צו רעדן... — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן און גענומען זיך זידלען.

און דאַן אַן אומבאַקאַנטע שטים, ווייזט אויס, עמיצנס פון די נעדריהיילאָווקער:

— פּאַרוואָס? באַ אונדז האַלט עס מיט דער ערד נישקאָשע. מיר האָבן זיך אויסגעסטאַרעט אָן שום פּאַרשלעפּעניש. די פעלדמעסטער זיינען שוין געקומען, צייכענען שוין פּלענער. און פרילינגצייט וועט מען טיילן.

— און ווי איז באַ אייך, — כוטערעס?

— ניין, ווי ווער סע וויל. — דאָוויד איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף; אין טונקל זעען זיך די שוואַרצע פלעקן פון געשטאַלטן און ס'בלישטשען די פייערלעך פון די ציגאַרן. דער געדריהייל־אָוועקער האָט פאַרויכערט, פאַרצויגן זיך — די וואָנצעס און די באָרד האָבן זיך פאַרויטלט אַף אַ רעגע.

— איר זאָגט, כוטערעס. אַוואַדע, ליגן שוין אַלעמען אין די גע־דערים די שטיקלעך און ברעקלעך, איינס ווייט פונס צווייטן. אָט איך, אַשטייגער, האָב זעקס דעסיאַטין אין זיבן שטיקלעך, ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס זיינען אַ פערטל די גרויס און דערצו נאָך פינף ווערסט ווייט. אַרבעטסט ניט אַזוי פיל אַף דער ערד, ווי דו פּאַטערסט צייט אַפן פאָרן, ס'איז אומעטום אַזוי. איז מען, געוויינטלעך, גע־שטאַנען פאַר כוטערעס, מ'ע זאָל איבערטיילן די גאַנצע ערד, קאָן מען דאָך אָבער אַלעמען ניט צופרידנשטעלן. ס'איז דאָך ניט קיין שטיקל ציץ, וואָס מע נעמט עס אַראָפּ פון פּאָליצע. האָסטו איינמאָל אַוועק, היינט, וואָס וועט איר דאָרט ניט געפינען — אי זאַלץ־ערדן, אי זאַמדן און, טאָמער ווילט איר, איז אַ פּאָר הונדערט דעסיאַטין זומפּ אויך דאָ. וואָס וועמען געבן? און ווידעראַמאָל: די ערד ליגט לעבן דאָרף, און יענע איז צען ווערסט ווייט.

— די אייגענע מאַיסע וואָס בײַ אונדז.

— מיר האָבן זי אייגנטיילט אין פיר פעלדער. אַף דער ווייטע־רער ערד וועט אַ טייל זיך אַרויסציען אַף כוטערעס.

די געשטאַלטן האָבן אופגערודערט, אַפּטער האָבן געגומען פינק־לען די פייערלעך, אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל.

— הערסט, וואָס בײַ לייטן טוט זיך. ס'איז דען ניט די זעלביקע מאַכט?

— ווייל דאָרט זיצן מענטשן, און דאָ איז שאַף, — האָט געזאָגט טיכאָן קאָזשושני און זיך פאַרהוסט. און די פויערן אין כאָר:

— זאָגסט, די פעלדמעסטער זיינען שוין געקומען?

— יאָ, זיי צייכענען שוין פּלענער.

— אַף כידושים! און בײַ אונדז... — עמיצער האָט זיך אויס־געזידלט און אויסגעשפּיגן.

דאָוויד האָט זיך איבערגעבויגן אינם רעדל און שטיל געזאָגט, גלייך ווי געאַקערט מיטן אַקער רויערד,

— און באַ אונדז — איך בין נעכטן געווען אין ראַיאָן און אַרײַן אין ערד־אָפּטייל, אונדזער „פּריהאָוואַר" האָט מען דאָרט אין די אויגן ניט געזען. ניטאָ אים ניט אין די אָנגעקומענע, ניט אין די אָפּגעשיקטע פּאַפּירן. איר פֿאַרשטייט, צי נײַן?

שטיל, טשאָק־טשאָק... די אַרטעלנע מיל ווערט, דאַכט זיך, באַלד אויסשיסן אַ געלעכטער פֿון די אָפּגענאַרטע פּויערן. באַם שפּײַכלער, לעבן דער וואָג האָט שוין געברענט אַ פֿײַער. גנידע שרײַט: — גו, ווער גייט דאָרט ווײַטער? — פֿון אוילעם האָט זיך עמיצער אָפּגערופֿן:

— וואָזשע הייסט עס? מע האָט דאָך שוין די פֿונטן אויך גענומען, צו צען פֿונט פֿון דעסיאַטין.

— יענע פֿונטן זײַנען שוין איצט קיין פֿונטן ניט; זיי האָבן זיך דאָך אָנגעצונדן אין קאַמער, איז וואָס זאָל מען טאָן מיט זיי? דאָס ברויט זאָל פֿאַרפֿאַלן גיין? ס'איז גוט, וואָס דעם אַרטעל האָט זיך פֿאַרגלוסט צו האָבן „וואַלצעס". פֿאַר צוויי זין האָט שוין גנידע אויפֿגעבויט הײַזער, הײַנט וואָס וועט זײַן מיטן דריטן? וואָס, ער דאַרף קיין שטוב ניט? ער קאָן דאָך אַמאָל כאַסענע האָבן אויך. און באַ קנישן לערנט זיך אַ טאָכטער אין כאַרקאָוו אַף דאָקטער, דאַרף מען דאָך האָבן די פֿונטן. און פֿונם פֿאָרזיצער איז שוין גאָרניטאָ וואָס צו רעדן... — פֿון הינטן האָט עמיצער דאָווידן אַ שטופּ געטאָן. דאָוויד האָט זיך אומגעקוקט, ס'איז טיכאָן. ס'הייסט: דאָוויד, האַלט ס'מויל.

— וואָס איז דען? איך זאָג דאָך: פֿון מאַטיוכען איז ניטאָ וואָס צו רעדן. וואָרום די נײַע בריטשקע אַף רעסאָרן, אַז ער פֿאָרט אין איר, די בריטשקע אַליין דערציילט דעם גאַנצן דאָרף וועגן די פּויערשע פֿונטן, און דער גראַמאָפֿאָן זינגט אין די אָוונטן ראָמאַנסן וועגן די פֿונטן. וואָס איז נאָך דאָ צו רעדן? מ'האָט געמאַכט אַ טאַכלעס. די מעניע איז געבליבן נאָר אין... דער ערד־אײַנאָרדענונג.

דאָוויד האָט זיך אָפּגערוקט, אַוועקגעזעצט זיך אַף אַ זאַק און פֿאַרטראַכט. און דער אוילעם — גלײַך, ווי מע וואָלט אים פֿאַרגעבן אַ רעטעניש: די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און קיין וואָרט ניט, שאַ־שטיל.

דער ערשטער האָט האָרדי זיך אויפֿגעהויבן און אַפֿילע געשאָקלט מיטן קאָפּ — קאָן ניט גלייבן.

— ווי זשע האָט זיך עס טאַקע פאַרלאָפן, וואָס דער „פריהאָוואָר“ איז נישטאָ? מ׳האָט דאָך געכאַפּט און געקליבן באַפּולמעכטיקטע, און די פונטן... עמעס, מיט די פונטן איז עפּעס ניט גלאַט. נאָר מ׳האָט זיי דאָך קלאָמערשט נאָר אָנטליען דעם אַרטעל, ביז וואַנען מע דאַרף זיי ניט.

דאָווויד האָט אַ פרעג געטאָן:

— און וויפל פונט פאַר וויפל?

דער אוילעם שווייגט. און דערנאָך שוין עמיצער:

— וואָס הייסט „פאַר וויפל“!

— אַזוי.

— באַ די באַפּולמעכטיקטע איז דאָך דאָ אַ פּאַפּיר, וויפל מ׳האָט אָנטליען. — מיכאָן! — האָט עמיצער אַ רוף געטאָן אינדערפינצ־טער. פון הינטן האָט געשטשעפּעט מיכאָן קאָזשושני:

— איך בין דעמאָלט ניט געווען אינדערהיים, כ׳האָב [illegible]אַקערט אַפן פעלד. און דאָ, איך פאָר אַהיים, זע איך, מע טאַסקעט דעם ברויט פון שפּייכלער. כ׳בין צוגעלאָפן — וואָס טוט זיך דאָ? ענט־פערט מען, דעם אַרטעל אַ הלוואָה, נו, און די אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג? צו וואָס אַ פאַרזאַמלונג? צו וואָס אַ פאַרזאַמלונג, אַז דאָס ברויט פוילט, און מיר לייען דאָך נאָר ביז מע וועט עס דאַרפן. און די טוואָרע שייגט ווי גאָלד! גאַרגישטן, זיינען זיי, כאָטש מ׳האָט זיי געקליבן פאַר באַפּולמעכטיקטע. כ׳האָב געשריען, געשריען, און האָ איז נאָך קאָווטון אויך נישטאָ פון פעלד. וואָס קאָן איך אייגער מאַכן? מ׳האָט געשריבן עפּעס אַן אַקט, איך האָב ניט געכאַפּט, מ׳האָט מיר ניט געגעבן, און וועגן וואָס דאַרט שרייבט זיך, דער־ציילן זיי ניט.

דאָווויד האָט זיך אָפּגערופן:

— זיי דערציילן ניט. מירן אייך, הייסט עס, באַווייזן דעמאָלט, ווען מע וועט דאַרפן, עפּשער וועט דערווייל אָפּלויפן אַ יאָר, צווי. און ביז דאַן וועט מען עפּשער גאָר פאַרגעסן, צי ס׳איז געווען ברויט ווי גאָלד, צי אַף האַלב פאַרברענטער.

— טאַקע אַזוי!

אַ טומל.

— וואָזשע טוט זיך דאָ אַזוינס? מע ראַבעוועט אינמיטן העלן טאָג!

— ווּאָרום די מאַכט איז אויך דאָרט!

— טסס..., — האָט עמיצער פון הינטן אָפּגעשטעלט, און ס'איז שטיל געוואָרן. פון די שפּייכלערס זיינען געגאַנגען צו דער מיל מאַטיוכע מיט גנידען. אין דער שטילקייט הערט זיך דאַווידס קאָל (גלייך ער וואָלט ניט געזען מאַטיוכען):

— דאַרפן מיר טאַקע מאָרגן אַפּן „סכאָד" אָנפרעגן, וואָס הערט זיך מיטן „פריהאָוואָר" און בעטן מע זאָל אונדז איבערלייענען דעם אַקט. ווייל מיר זיינען געוואוינט נאָר צו שושקען זיך אין די ווינקעלעך, און דערפון קומט קיין טאָלק ניט אַרויס. ווי די גנידעס און מאַטיוכעס ווילן, אַזוי דרייען זיי דאָס רעדל. נעמט, אַשטייגער, גנידען, — געפונען אַ שטאַדלען: באַ אים און באַ ביידע זין זיינע איז די ערד לעבן סאַמע פלויט. זיי שרייען נעבעך אַלע אַף אַ קאָל: גוואַלד, ערד־איינאָרדענונג!

ער האָט זיך פאַרצויגן מיטן ציגאַר, אַף אַ רעגע האָבן אַ פינקל געטאָן אונטער די ברעמען די טונקעלע אויגן, און די ליפּן האָבן ניט פריילעך געשמייכלט.

— אַלץ איז באַ אונדז ניט ווי באַ לייטן. ראַטנמאַכט — אַ דאָס איז זי דאָך, קלערן מיר, קוקנדיק אַף מאַטיוכען. אַזוי אָבער קאָן מיינען נאָר דער, וואָס האָט ווייטער פון שטשערבאַניוקע קיין וועלט ניט געזען; ווער ס'האָט יאָ געזען, דער ווייסט — ניט אַזאַ איז די ראַטנמאַכט. אַ פינצטער, פאַרוואָרפן האָרף איז די אָבוכיווקע, און אין אים זיינען די אָהירס, גנידעס און מאַטיוכעס, ווי די העכט...

שטיל, פון הינטן הערט זיך פלוצים אַ באַס:

— אַנו, לאָז דורכגיין!

דער אוילעם האָט געמאַכט אַ ווארע פאַר מאַטיוכען. ער האָט געטראָגן אַ קודלאַטע היטל און אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. צוגעגאַנגען צו דאווידן. אינדערפינצטער:

— ווער איז דאָס?

אַף די זעק האָט אַ שיין געטאָן אַ פייערל און באַלויכטן דאָווידס פאָנעם. ער האָט געזאָגט שטיל, נאָר פעסט:

— דאָס בין איך.

אַ ווײַלע איז מאַטיוכע געשטאַנען אומבאַוועגלעך. די אויגן זײַנע האָבן זיך שאַרף אײַנגעקוקט אין דאָווידן. פּלוצים האָט ער אָנגע־הויבן שרײַען אַפֿן אוילעם:

— צעגייט זיך! וואָס זײַנט איר געקומען אַהער, — מאַלן אָדער אַף אַ מיטינג? — ער האָט אופגעהויבן דעם שטעקן, — טייקעף זאָלט איר זיך צעגיין...

דער אוילעם איז גלײַך אַפּ, — ווער צווישן די וואַגנס און ווער אין מיל אַרײַן. אַף די זעק איז געבליבן זיצן נאָר דאָוויד מיטן ערגסטן באַרדיקן האָרדיעז, און לעבן זיי איז געשטאַנען טיכאָן קאזשושני. ער האָט געדריקט מיט דער האַנט די ברוסט און געהוסט. דאָוויד האָט אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר און אופגעשטאַנען. מאַטיוכע האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אַרבל און געזאָגט צווישן די ציין:

— אַ גו, כאַווער, קום נאָר.

ער האָט אים אָפּגעפירט אין אַ זײַט. אונדערפינצטער האָבן זיך לאַנג געשוואַרצט זייערע סילועטן זיי האָבן היים געשמועסט, מ׳האָט עם געזען נאָר די באַוועגונגען.

דערנאָך זײַנען זיי אַוועק ווײַטער אין דער פינצטער, ווײַט אַפּן זאַמד האָבן זיי זיך אויסגעטײַלט, ווי שוואַרצע פלעקן.

אין מיל זײַנען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר דער שטיין האָט געקלאַפּט און מענטשן זײַנען אומגעגאַנגען אין ווײַסן מעלשטויב. פון יענער זײַט וואַנט האָט די דאַמפּמאַשין געטשמיכעט.

...אין אַ מינוט צען אַרום איז דאָוויד אויך אַרײַן אין מיל. ער איז געווען אַביסל בלייך. נאָך אים האָט זיך מאַטיוכע אַרײַנגערוקט אין טיר. זײַן פּאַנעם אונטערן קודלאַטן היטל איז געווען ווי אַ גרויסער רויטער באַקלאַזשאַן. ער איז דורכגעגאַנגען צווישן די פויערן, שאַרף געקוקט אַף זיי. און אַף וועמען זײַן בליק איז געפאַלן, יענער האָט זיך פאַרלוירן, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פאַר־זאָרגט געגומען קריכן אין קעשעניע נאָך מאַכאָרקע, אָדער זיך פאַרען לעבן זאַק. מאַטיוכע האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם מילנער. דערנאָך איז ער דורך דער לאָך, וואָס איז דורכגעבראָכן אין וואַנט, אַוועק צו דער דאַמפּמאַשין.

דאָווידן האָט טיכאָן באַגעגנט מיט פרעג אין די אויגן. ער האָט אים אויסגערעדט:

— כ׳האָב דיר געזאָגט. היט זיך. איצטער וועסטו שוין ניט זשעדנע זיין קיין צאָרעס.

— נישקאָשע. אַלצייגס, הייגט צי אָן אַנדערש מאָל האָב איך זיך געדאַרפט מיט אים דורכשמועסן. מיר דאַרפן דאָך ביידע וויסן, מיט וועמען מ׳וועט האָבן צו טאָן. האָבן מיר זיך טאַקע „האַרציק" דורכגעשמועסט. — וואָס, אונדזער גומער איז נאָך וויים?, — האָט ער אומיסטן פאַרקערעווט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— ניין, נאָך ניט אַזוי גיך, — טיכאָן האָט זיך פאַרהוסט, און אַ הוסט איז בײַ אים געוועזן אַ מיעסער — טיף פון ברוסט. מ׳האָט געזען, אַז ס׳טוט אים וויי, ווייל די האַנט האָט ער געדריקט צום האַרצן, און דאָס פּאָנעם זיינס פאַרקרימט זיך פון ווייטעק. אַז ער האָט זיך אויסגעהוסט, האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן און זיך אָנגערופן:

— מיט אים איז איין שמועס: וואָס ס׳זאָל זיך ניט טרעפן, איז בײַ אים טייקעף קאָנטר־רעוואָליוציע. און דו, דאַוויד, היט זיך ניט אַזוי שטאַרק, היט זיך. איך בין דאָך געבליבן אָן אַ לעבער. ס׳איז זייערס אַ שטיקל אַרבעט. — ער האָט זיך ווידער פאַרהוסט, געדריקט מיט דער האַנט די ברוסט.

דאַוויד האָט אים אָנגענומען פאַר דער פּלייצע.

— זיי דו בעסער מער געהיט — גייסט אום מיט אַ הוילער ברוסט. און ווי גיך דו ביסט. ס׳איז דיר ניט גוט, טיכאָן?

טיכאָן האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: אך, ווי ניט גוט! דאַוויד האָט אים געהייסן גיין אַהיים, ער וועט שוין דאָ זיינס אויך אָפּטאָלן. זאָל ער נאָר מיט עמיצן שפּעטער צושיקן דאָס פערד.

— סיידן מיט מאַריען צושיקן, — האָט טיכאָן געזאָגט, — ס׳איז אים זייער ניט גוט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָלנער און אַרויס פון מיל.

פון די נעדרי־הייל־וואָקער האָט שוין דער לעצטער געענדיקט מאָלן; זיי האָבן געטראָגן די זעק אויף די וואָגנס און געקליבן זיך אין וועג אַריין. נאָך זיי האָט פאַרשאָטן דער פּעטער האַרדי, און דאַוויד האָט ערשט שפּעטער מיט פיר גומערן, האַלעוויי אין אַ שאָ אַרום.

ער איז אויך אַרויס אין הויף.

פּראַסטיק. אויפן הימל, — גלייך עמיצער וואָלט אויסגעשאָטן הירזש פאַר די הינדעלעך: ציפּ, ציפּ, ציפּ... און זיי לויפן ניט. נאָך העט פון יענער זייט לעוואָדע, פון בוריאַן האָט זיך איינס באַוויזן און ס'איז גלייך געוואָרן ליכטיק, לעוואָנעדיק. אינדערפינצטער האָט מען נאָר געהערט אַ טומל און אַ גאַקען, און אַצינד האָבן זיך אַרויס־געזען פעדערדישע קעפּ מיט דוהעס, פויערן, — אַלע געפאַרבט אין צוויי קאָלירן, לעוואָנעדיק און טונקל. די שאָטנס אויף דער ערד ליגן אויך שאַרף, ווי פאַרגאָסן מיט טינט. ס'האָט שטאַרקער פאַרשמעקט מיט פערדישן מיסט. און די שטימען זיינען אין דער שטייפער פּראַסטיקער לופט זאַפטיקע.

אין אַ לאַנגער שורע האָבן זיך די וואָגנס אויסגעצויגן איבער די שווערע זאַמדן אויפן וועג; זיי האָבן הילכיק געטראַכקעט אויפן בריק. און אויף יענער זייט בריק האָבן פריילעך געקלונגען אויפן אויסגעפּאָ־רענעם שליאַך אייזערנע אַקסן.

דאָוויד איז זיי נאָכגעגאַנגען ביזן טייכל. אויפן בריק האָט פאַר־שמעקט פון וואַלד מיט דעמבענע געלבלעכע בלעטער. ס'האָבן אויפ־געוואַכט, ווי פון באַלעם, אַלטע אַלטע זיכרוינעס... האַרבסטיקער וואַלד און אַרום די פייערן אין די יאָרן ליגן אַסאַך פאַרקילטע און קראַנקע... ס'האָט דעמאָלט אויך געשמעקט מיט געלבלעכע בלעטער...

ניין, היינט וויל ער ניט קיין זיכרוינעס. ס'טוט אַביסל ווי דער קאָפּ. ערגעץ ווייט אין וואַלד קלינגען רעדער. דער וואַלד שווייגט, און פּלוצים האָט זיך דערהערט פון געדעכטעניש: כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — און נאָך ערגעץ, ווי אַ ווידערקאָל. — פאַרשאָלטענע סאָוועס!

דאָוויד האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער פּערענטשע פון בריק און אויסגעשפּיגן אין וואַסער אַריין דעם ציגאַר, — ער האָט אַ בליץ געטאָן און זיך פאַרלאָשן. דאָוויד האָט זיך מיטאַמאָל דער־מאָנט, ווי ער איז געשטאַנען מיט מאַטיוכען אויפן זאַמד: „פאַר מיר האָסטו אַ ווערט, ווי אָט דער ציגאַר“, — און האָט צעקוועטשט דעם ציגאַר מיט דער פוס, — איך זאָג דיר, קיין קאָנטר־רעוואָליוציע וועל איך ניט פאַרליידן, וועסט באַ מיר קיין פּיפּס ניט טאָן“. דאָ־וויד צו אים: „דו, מאַטיוכע, וואַרף אָוועק דיינע שטיק, איך בין דיר

ניט טיכאָן, וואָס כראַקעט אוים שוין דעם צווייטן כווידעש די לעבער, וואָס דו האָסט אים אָפּגעשלאָגן, און וואָס שייער קאָנטר־רעוואָליוציע, וועלן מיר נאָך שמועסן וועגן דעם“. און איז גלייך אַוועק.

דאָוויד האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ; גלייך אין פּאָנעם אַריין לאַכט די רויטע לעוואָנע און זשמורעט אַזוי כיטרע אן אויג, גלייך זי וואָלט זאָגן: „לאָז צורו מאַטיוכען. אַ געמיינער גנעפעש, וועסט אים מאָרגן נעמען אין דער אַרבעט אַף דער פֿאַרזאַמלונג. און אַצינד — שאַ.“ און הערט זיך אַליין צו, און אַפֿן קיילעכיקן רויטן געזיכט לויכט אַזאַ גליקלעכער שמייכל. — אין דאָרף זינגען די מיידלעך. ווי שיין זיי זינגען, טייוולשע מוידן! אַפֿילע די הינט זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, אַף דער לעוואַדע זיינען אויפֿגעשטאַנען שאָטנס, האָבן זיך גענומען פֿאַר די הענט און געדרייט זיך פֿאַרטרוימטע אין לעוואָנע־שיין. און הערט ווייט, לעבן פּסיאָל, וואו ס׳איז צוגעבונדן אַ שיפֿל, איז איינע געקומען, האָט פֿאַרבראָכן די הענט און אָנגעבויגן זיך אַזוי, אַז די צעפּלאָסענע האָר שווענקען זיך אין וואַסער.

דאָווידס האַרץ קלאַפּט שטאַרק. זיך פֿאַרכמורעט. ווידער דערמאָנט זיך אין מאַטיוכען. עפּעס איז ער אַזאַ גליטשיקער — גליטשט זיך אַליץ אַרויס פֿון דאָווידס געדאַנק. אָט האָט ער אים נאָר צוגעצויגן צו זיך, און שוין שפּרינגט ער אַוועק,—און ווידער שטייט דאָוויד אַפֿן בריק אַליין; ערגעץ זינגען מיידלעך, אַזוינע יונגע, פֿאַרויטלטע אַפֿן פּראָסט. זיי גייען אַ גאַנצע כאָפּטע איבער דער גאַס. די ברוסטן אָטעמען טיף, און פֿון די ברוסטן גיסט זיך אַ ליד, און ניט נאָר די ברוסט זייערע, דער גאַנצער יונגער קערפּער זינגט.

ווידער זיך פֿאַרכמורעט. ס׳האָט זיך אים ווידער דערמאָנט — וואָס עפּעס גראַדע איצט? — טיכאָן דריקט מיט דער האַנט די ברוסט און הוסט לאַנג און מיט ווייטעק. אין וואַלד אַמאָל איז ער דאָך געווען געזונט ווי אַן אָקס. און אַז זיי האָבן נאָך יונגלוויים געדינט אין עקאָנאָמיע, פֿלעגט ער ארויסלויפֿן אַן אָפּגעריסענער, אַ באָרוועסער אינדרויסן און ס׳האָט אים גאָרניט געשאַדט. איצטער — גיין אין שפּיטאָל? דאַרף מען יעדער מאָל פֿירן אייער און פּוטער. און אין שטוב באַ אים מיסטאָמע:

...ער איז אַריין אין שטוב, מיכאַן, שווייגנדיק אויפגע־ האַנגען דאָס היטל אַפן העקל, אויסגעטאָן די סוועטע און אָנגע־ רערגעזעצט זיך אַף דער באַנק.

— סט'פאַרן אין מיל אַריין, מאַריע, — ער פאַרהוסט זיך לאַנג און דריקט די ברוסט, — עפּעס איז מיר זייער שלעכט! דאַוויד וועט דאַרטן אָפּמאָלן.

בא מאַריען טוען אַ ציטער די דינע גאָזלעפלעך. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון הענגער; אַ שוואַרצבייגעוודיקע און זאַפּטיקע האָט זי אויסגעבויגן איר שלאַנקען פּולבוס־ טיקן קערפּער און זאָגט צום מאַן:

— וואָלסט באַמש אָנגעטאָן דאָס פעלצל, — און אַליין האָט זי אָנגעטאָן אַ סוועטקע און גיט פאַרשפּיליעט זיך אַפּי־ לע, — דער באָמוט איז אין פעדערהויז?

— אָט גיי איך.

— כ'וועל אַליין, — האָט זי נאָר אַ פאָכע געטאָן מיט די פאַלעס.

או, צו אַלדי רוכעס! — עפּעס איז דאַווידן מיעס געוואָרן. נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געווען בא זיי ס'ערשטע מאָל, אפּדערנאָכט, איז פונקט געווען דאָס זעלבע.

ער האָט זיך אַזוי וואַרעם באַגעגנט מיטן אַלטן באַוער זיינעם. סע זיינען געווען נאָך שכיינים. דעם גאַנצן לאַנגען אָוונט האָט מען געשמועסט. מאַריע און דעם פעטער האַר־ דים שנור (זי איז געקומען העלפן שפּינען) זיינען געזעסן אַף דער באַנק, און די פויערן אַרום טיש, דאַוויד האָט גע־ לייענט אַ צייטונג. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן לעבן אין טורקעסטאַן, וועגן זיין רייזע, און וואָס ער האָט געזען אין וועג, ווי מע לעבט בא ליטן, מ'האָט גערעדט אויך וועגן אַבו־ ביוועקער לעבן, די שפּינדלען רוישן, נאָר די פרויען הערן זיך אויפמערקזאַם צו. און אָט האָט מען זיך צערעדט וועגן דעם וואָס וועט זיין העט שפּעטער, אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום: „ווי זשע וועלן אונדזערע קינדער לעבן (ווי מיר לעבן, אימ־ שטיינס געזאָגט, זעט מען דאָך!)". דאַוויד האָט זיך צע־ לאָזט: קאָמונעס, טראַקטאָרן, אַ לעבן ווי אין מאַיסע־בוך.

די אויגן בײַ די פֿויערן זײַנען, ווי בײַ קינדער, זײַ הערן, רײַסן זיך ניט אָפּ: „...ער דערציילט רעכטע באָבע־מײַסעס!“ אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז מאַריע געזעסן אָנגעבויגן איבערן שפּינדל, דערנאָך האָט זי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט אין אַ שפּאַס:

— טיכאָן, אָט דערציילט דאָוויד וועגן דעם, וואָס ס'וועט זײַן אַמאָל, וועגן לעבן פֿון די קינדער, אַז... זאָג דיר, וואָס דו ווילסט, נאָר מיר מוזן האָבן אַ קינד... — זי האָט זיך פֿאַרשעמט, אירע שוואַרצע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן, זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף דאָווידן, און זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. די פֿויערן האָבן געלאַכט, געטריבן קאַטאָוועס, און טיכאָן אויך.

— מע דאַרף נאָך גוט אויספֿאָרשן, ווער פֿון אונדז איז שולדיק?

מאַריע איז אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך אָנגעטרונקען און אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ קוואָרט וואַסער, דערנאָך האָט זי זיך מיטן שלאַנקן קערפּער איבערגעבויגן איבערן טיש צום מאַן, אַזאַ פֿולברוסטיקע און שוואַרצטייגעוודיקע, האָט מיט שפּאַס צעפּאַטלעט אים די האָר און ווידער געוואָרפֿן אַ קוק אויף דאָווידן.

ס'אַ קלייניקייט, נאָר דאָווידן איז אי דערמאָלט, אי איצט עפּעס מיעס געוואָרן.

ער האָט אַרויסגענומען די מאַכאָרקע און פֿאַרויכערט. די לעוואָנע האָט געקוקט, נאָר אַצינד האָט זי שוין ניט געלאַכט. אויף יענער זײַט פֿסיאָל, אין לעוואָנע־שײַן, דאָרט וואו ס'איז צוגעבונדן דאָס שיפֿל, איז שוין קיינער ניט געשטאַנען מיט פֿאַרבראָכענע הענט, בלויז אַ צעפּאַטלעטע ווערבע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן וואַסער... אין דאָרף האָבן די מיידלעך שוין ניט געזונגען, מ'האָט ווי זיי לאַכן, — אין דער פֿראָסטיקער לופֿט דערטראָגן זיך אַהער זייערע קלינגעוודיקע שטימען. געקלונגען האָט נאָך אַן אײַזערנער וואָגן, נעענטער, נעענטער, גלײַך צו דער דאַמפּמיל. און ווידער קלאַפּט בײַ דאָווידן דאָס האַרץ — טוק־טוק!

ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער מיל, האָט ער צווישן די פורן דערזען טיבאַנס גראָע שקאַפּע. פון מיל העדט זיך קוילעס און גע־לעכטער. אַריין אַהין, האָט ער גלייך דערהערט מאַריעס געלעכטער. און אַ ווייס קליין טיכל, די עקן פאַרבונדן פון פאָרנט, די סווימע צעשפּיליעס, די אויגן ברענען, און דאָס פּאָנעם איז רויט פון די קאָ־טאָוועסן. צו זיי אין די הענט, אַז מע פּאַקט זיך! און אַנדערער האָט שוין אַ לאַנגע באָרד און איינדערהיים לויפן באַ אים עפּשער אום אַ האַלב טוץ קינדערלעך מיט הוילע פּופּקעס, — נאָר אַלע האָבן זיי ליב אַ פּרויען־געלעכטער. און אויב זי איז נאָך אַ פּריילעכע און דורכגעטריבענע, — צעפּאַטלען די בערדיקע זייערע בערד און פאַרזשמורען שטאַרק די אויגן.

— זאָגסט, ער וועט ניט אָנשטאָפּן קיין זאַק. ער וועט נאָך אָנ־שטאָפּן, דער אַלטער.

— ניין, כ'וועל שוין ניט קאָנען, — האָט אַ גראָער אַלטיטשקער געשאָקלט מיטן קאָפּ לעבן קויש, — אַ ליולקע נאָך ווי ס'גיט איז, מיטן פינגער כאַטש.

— האַ־האַ־האַ!

— מאַריע!

זי האָט זיך אויסגעדרייט אַפּצאַס און ניט געהערט שוין דעם געלעכטער: אַ קוק געטאָן צו דער טיר, און די ברעמען אירע האָבן אַ ציטער געטאָן. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן און געלאַכט מיט די אויגן:

— וואו האָסטו זיך עס געזאַמט, מילנער מיינער?

דאַוויד האָט אומיסטן געענטפערט שוין צו ערנסט:

— מיר דאַרפן דאָך מאָלן ערשט נאָכן אַלטן.

— אַ, — זי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אַפּן באַכער, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי זי איז אומעטיק אָדער פאַרקלערט.

— כאַפּ, קאַרפּאַ, — האָט דער אַלטער געוואָרפן פון קויש אַ ליידיקן זאַק; — קאַרפּאַ האָט גראָדע געדרייט אַ בענדל, האָט מאַריע געכאַפּט דעם זאַק, צוגעטשעפּעט אים צום קעסטל און מיט אַ שופל געשאָטן אין אים די מעל. אויסערלעך איז זי שוין ווידער פריי־לעך, נאָר פאַר זיך טוט זי אַלע מאָל פאַרקלערט אַ קוק אַף דאַווידן.

דאָוויד האָט איבערגעטראָגן די זעק אָפּן ברעטער־געשטעל גע־ענטער צום קויש און זיך אַוועקגעזעצט אַף זיי, דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אַף די הענט.

דעם אַלטנס קאָרן האָט זיך אויסגעלאָזט.

— גרייט זיך, דאָוויד.

דאָוויד האָט צעבונדן טיכאָנס זאַק מיט ווייץ, אַז דער קאָרב האָט זיך אויסגעליידיקט, האָט ער אָנגעשאָטן דעם קויש און גע־שטעלט זיך באַם קאָרב מיט אַ ליידיקן זאַק אַריינצושיטן די מעל. מאַריע איז אַוועק צום קויש. דער שטיין האָט געקלאַפּט. די פּויערן זיינען שטילער געוואָרן, געשמועסט צווישן זיך, און אייניקע האָבן געדרימלט.

דאָוויד איז געווען שטאַרק פאַרטראָגן מיטן אָנשיטן די מעל אין די זעק. אַף מאַריען האָט ער זיך געסטאַרעט ניט קוקן; ער האָט אַזוי אויך געפילט, אַז זי שפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זיינער. גלייך ער וואָלט געפילט דורך די וויעס איר הייסן בליק. „וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן“, האָט ער זיך געבייזערט. ער האָט געקלערט וועגן דער מאָרגעדיקער פאַרזאַמלונג. דאָס ערשטע מאָל פאַר אַזוי פיל יאָרן, וועט ער זען אַלע אָבוכיוועקער צוזאַמען. ווי זיינען זיי אַף דער פאַרזאַמלונג? אַ סוואָרע, ס'איז טאַקע אַן עמעס: וואָס מאַטיוכע זאָל ניט פאַרלייגן, גייט עס שטענדיק דורך „איינשטימיק“? עמעס, דער אוילעם איז טאַקע אַ פינצטערער, און אָנגעשראָקענער. עפּשער אז זיי וועלן דערזען, אַז ערגעץ איז דאָך פאַראַן דער עמעס, דער פויערשער עמעס... „גיין, מאַטיוכע, ס'וועט דיר ניט העלפן“. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דער עקאָנאָמיע, אַן סטעפּ און אַן דעם קאָוועל קלים. גידעריקער פון דאָרף וועט זיין אַ נייער יִשעוו, אַ קאָלעקטיוו אין הויף. בר־בר־בר... מע שניידט מיט שנייד־מאַשינעס, טיכאָן אַף דער פאָדערשטער, קלים... און אָפּן שניט־פעלד באַ די גארבן—ווייבלעך, מיידלעך אין רויטע און ווייסע טיכלעך... און איינע אַ פּולברוסטיקע, אַ שוואַרצכיינעוודיקע, די עקן פון טיכל פאַרבונדן פון פאָרנט...

— צו אַלדי רוכעס! — און זי שטייט לעבן קויש, קוקט אַף אים פאַרקלערט. ניין, מיט דער כאַזעריי דאַרף מען מאַכן אַן עק. מיט

טיכאָנען דאַרף מען לעבן, אַרבעטן. ווער איז נעענטער, געטרייער פון אים?

ער שטאָפּט אָן דעם זאַק, די ליפּן פּעסט צונויפגעדריקט. אַפן הויכן שטערן צווישן די ברעמען לייגט זיך אַ קנייטש. אַזאַ שוואַרצ־בייגעוודיקער און... שייגער!

— דאָוויד! — דאָס איז, ער זאָל כאָטש אַ קוק טאָן אַף איר. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דיינס פּאַרשיטן?

— וואָסזשעדען?

מאַריע האָט אָנגענומען אַ מעסטל קאָרן און געבליבן שטיין מיט דעם, דערנאָך האָט זי זיך שטייף אויסגעבויגן, אַ קוק געטאָן אין קויש, האָט געוואַרט און זיך פּאַרגעסן, ערשט אַז דאָוויד האָט זי פּונונטן אַ רוף געטאָן, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אַריינגעשאָטן דאָס קאָרן.

אַזוי האָבן זיי אָפּגעמאָלן. דאָוויד האָט אָנגעשאָטן דעם לעצטן זאַק, גוט אים פּאַרבונדן און גענומען אַף די פּלייצעס. און מאַריע האָט נאָך פריער גענומען אַ זאַק, קיינער האָט איר אַפילע ניט דער־לאַנגט, און אַוועקגעלאָפן צום וואָגן.

אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער פור, האָט זי געהאַט אַוועקגע־לייגט איר זאַק און האָט זיך אַ קערעווע געטאָן און—ס'איז דאָך פינצ־טער — איז זי אָנגעפלוינן גלייך מיט דער ברוסט אַף דאָווידן.

ער האָט זי אָנגענומען פּאַרן אַקסל.

— שטילער, ווייבעלע!

און כאָטש ס'איז פינצטער, נאָר זי האָט דערזען, ער האָט פּאָרט אַ שמייכל געטאָן.

מאַריע איז מיטאַמאָל פרייליכער געוואָרן. זי האָט זיך מאַמעש געוואָרפן מיט די זעק: די סוויטקע צעשפּיליעט, פון אונטערן טיכל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פּאַסמע שוואַרצע האָר, און אַז מ'איז שוין געפאָרן אַהיים, איז דאָוויד געזעסן פון פאָרנט און אָנגעטריבן: און זי הינטער אים, דעם קאָפּ פּאַרוואָרפן צו זיין עלנבויגן, אַז דאָוויד האָט זיך אויסגעקערעוועט, האָט זי אים מיט די אויגן גערופן: שפּאַר זיך אָן!

— דאָוויד, וואָס ביסטו היינט אַזוי ניט אויפגעלייגט?

ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס.

— וואָס איז דען? איך בין ווי אַלעמאָל.

מאַריע האָט געזאָגט פאַרקלערט:

— ניין, דאָס איז שוין ניט עמעס.

דערנאָך האָבן זיי שוין דעם גאַנצן וועג געשוויגן. דאָוויד האָט ווידער געקלערט וועגן טיכאָנען און וועגן זיין שלעכטן הוסט, און מאַריע האָט געקלערט — ווער ווייסט? — עפּשער אויך וועגן טי־כאָנען און וועגן זיין שלעכטן הוסט.

שטיל אין די גאַסן. פינצטער אין די הייזער. נאָר באַ מאַטיוכעס לייכטן זיך אַלע פענצטער און ס'הערט זיך, אַז אין שטוב זינגט פון גראַמאָפאָן, מיסטאָם עפּעס אַ ראָמאַנס.

— מיר זיינען שוין אינדערהיים. — דאָוויד האָט זיך אומגע־קוקט צו מאַריען; זי איז געלעגן, ווי פריער, מיטן פּנים אַרויף. די לעוואַנע שפּיגלט זיך אין אירע שוואַרצע, פינקלענדיקע אויגן, דאָ־וויד האָט געשווינד אָפּגעריסן זיין בליק און אַראָפּגעשפּרונגען. מאַ־ריע האָט זיך אויפגעזעצט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ זאַק, אַוועק־געשטעלט אים לעבן פּלויט, גענומען אַ צווייטן אַף די פּלייצעס. מאַריע האָט גענומען די לייצעס.

— הער נאָר, מאַריע, — האָט זי דאָוויד פאַרהאַלטן, — זאָל זיך טיכאָן ניט נאַריש מאַכן, זאָל ער זיך היילן. ער זשאַלעוועט ברויט? מירן אַרבעטן, וועט זיין ברויט.

די פרוי האָט אומעטיק און פאַרקלערט געענטפערט:

— אויב ער זשאַלעוועט ברויט, האָב איך דאָך לייוונט. אַניט זשאַלעווע איך?

זי איז אָפּגעפאָרן. דאָוויד האָט זיך שוין געשטעלט אַפן היל־צערנעם איבערקריך, און זי האָט זיך אומגעקוקט צו אים און עפּעס געזאָגט, ניט הויך, האָט דאָוויד ניט איינגעהערט.

— וואָס זאָגסטו?

שטיל. אַ געלעכטער.

— האָסט געזאָלט הערן!

שטיל. אין דאָרף קרייען די האָנען.

דאָוויד האָט איבערגעטראָגן די זעק אין קאָמער, אַריין אין שטוב און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. די מוטער איז אויפגעשטאַנען געבן דעם

זון וועטשערע. „ס'איז שוין, אַפּאָנעס, שפּעט?“ — „יאָ, שוין נאָך האַלבע נאַכט“. אָבער אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער נאָך דעם לאָמפּ ניט פאַרלאָשן. ער האָט אַראָפּגענומען פון פּאָליצע אַן אַבאַזשור פון צייטונג־פּאַפּיר — דאָס ליכט זאָל ניט פאַלן אַפן געלעגער, אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אַפן עק טיש און אויסגעטאָן זיך, געשלאָפן איז ער אַף אַ באַנק אַנטקעגן פענצטער, אין פאָדערשטן ווינקל, איבערן קליינעם פענצטערל הענגט לעגין. אַף דער פּאָליצע אַ פּעקל ביכלעך.

ער האָט גענומען אַ ביכל. די אויגן האָבן נאָך טרוימעריש געקוקט ערגעץ אַף יענער זייט פענצטער אין דער לעוואָנעדיקער פראָסטיקער נאַכט. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעקערט: „צו אַלדי רוכעס!“, געעפנט דאָס ביכל און, געפונען דאָס פאַרבויגענע זייטל, האָט ער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די הריבנע אויסיעלעך.

VII

מאַטיוכע האָט אַ היקע געטאָן און אַ טשמאָקע געגעבן מיט די ליפּן; פון מויל שטינקט ווי פון אַן אַפּטייק. „פו!“, ער האָט געעפנט די פאַרשלאָפענע אויגן, — איבערן קאָפּ די גלאַנצנדיקע גאַלקעס פון בעט, אַפן וואַנט אַ טעפּיך און אַ שיכעלע אויסגענייט מיט געל־בלויער בליטשקע — ליזעס אַרבעט. „היק“! — זיך אַראָפּגעבויגן פון געלעגער איבערן שפּיי־קעסטעלע און אויסגעשפּיגן, אַפן ווייסן קישן אַ געלער פלעק און אַפן ליילעך אויך פלעקן, ס'האָט זיך דאָ, אַפּאָנעס, געטאָן מייסים, מ'האָט דאָ געכטן פיין אויסגעטרונקען. און עפּשער איז עס דערפאַר, וואָס ער איז „ניט מיט אַלעמען“?

בול־בול, בול־בול, — זיינען געפאַלן די סעקונדעס פון יענער זייט וואַנט אין עס צימער, ווי טראָפּנס רעגן פון רינווע אין דייזשע אַריין, און שטיל. נאָר פון קיך לאָזט זיך הערן אַ שיפּען און דער רייער פון געבראָטנס — ס'האָט זיך געגלוסט ברעכן.

— זינקאָ!

דאָס קאָל איז שיקער און הייזעריק, — אַפּן קאַמאַד האָט דין אַ קלונג געטאָן אַ גלעזערנע וואַזע. די קיך־טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן; זינקע איז אַריין און געבליבן שטיין אַפּן שוועל.

— וואָס איז?

מאַטיוכע האָט געגענעצט און געצויגן זיך, אַז די ביינער האָבן געטרישטשעט. ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַף דער דינסט און געפּרעגט:

— פון קלויסטער איז מען נאָך ניט געקומען?

— נאָך ניט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון מיידלס פּאָנעם אַף איר שלאַנקן שטאַלט ביז די פיס, און פון די פיס אַרויף. אַ קלער געטאָן: „וואָס האָט עס ליאָנקע אַזוינס געפונען אין איר? אַזאַ פּאַרזעעניש“. זינקע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מער גאָרניט?

— וואַרט אַ ווײַלע. יאָ... ס'איז נאָך קיינער ניט געקומען צו־פאָרן?

— די בעספּאָלקאָס זיינען געקומען. זיינען אויך אין קלויסטער.

— אהאַ! נו, און די אָהירס זיינען געוויס גלייך פון כוטער גע־פאָרן אין קלויסטער, פאַרוואָס איז עס קיינער ניטאָ פון שטשער־באַגיוווקע? ליאָנקע מוז דאָך אומבאַדינגט זיין. סיידן עפּעס גאָר גוימיקע געשעפטן. ער האָט דאָך זיך אַף זיך אַי די מיליציע, אַי די פייערלעשער... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ווי־דער אָנגעבויגן זיך איבערן שפּיי־קעסטעלע.

— נעם צו אַ דאָס. וואָס שטינקט עס באַ אייך דאָרט מיט גע־בראָטנס? ס'פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. דערלאַנג מיר אַ פּאָר אוגערקעס, אָדער ניין. בעסער, קיסליצעס, נאָר זויערע, פון פּעסעלע, און קוואַס. און גיב מיר זיך וואַשן.

זינקע האָט פאַרמאַכט די טיר און אַרוים אין קיך. דער קאָפּ טוט איר וויי, ווי נאָך אַ משאָך, אין אויוון שיפּעט און זידט, ווי אין אַ גענעם, גלייך מ'וואָלט דאָרטן געבראָטן די זינדיקע נעשאָמעס. און די באָבע סעקלעטע, די גגידיכע (זי סאַרוועט דאָ הייגט) מיטן ראָהאַטש איז דער ריכטער איבער די זינדיקע נעשאָמעס, פון אונ־

טערן טיכל האָבן זיך אַרויסגעריסן גראָע פּאַסמעס האָר, זי האָט זיך פאַרויטלט לעם אויוון, דער שטערן גלאַנצט פון שווייס.

— וואוהין איז? — האָט זי געפרעגט זינקען, אַז יענע האָט גענומען אַ שאַלעכל אַף זיך.

— נאָך קוואָס אַף אויסניכטערן זיך.

— אָי, אַ צאָרע איז מיר, איך דאַרף גויטיק אַ ביסל שטרוי, די פּירעזשקעס באַקן זיך ניט און אָט־אָט קומט מען פון קלויסטער, ער וועט צואוואַרטן אַפן קוואָס— לויף, ברענג מיר אַ ביסל שטרוי.

זינקע איז אַוועקגעלאָפן, און די אַלטע סעקלעטע האָט אַן אויקע געטאָן, אויסגעגלייכט אַ ווייַלע דעם אַלטן רוקן און ווידער אָנגעבויגן זיך צום אויוון. ס'וועלן דאָך קומען פרעמדע מענטשן, דאַרף מען ס'זאָל זיין ווי באַ לייטן. „ווער האָט דאָ געקאָכט?" „די אַלטע סעקלעטע". — זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:.. אַף די כאַסענעס און מאָלצייטן באַ די רייכע לייט ווער האָט אַלע יאָרן געסאַרווערט, אויב ניט זי? באַ די אָהירס האָט זי אַלע קינדער באַסענע געמאַכט... און פאַר דער רעוואָליוציע האָט עס זיך באַ זיי געטאָן: געלעבט, ווי די פּריצים, און די אַלטע סעקלעטע איז דאָך באַ זיי, ווי אַן אייגענע. וואָרום פון קליינוויים אויף האָט זי געדינט באַ פּריצים און געקאָנט זייער פּירעכטס:.. זי האָט אָפּגערוקט אַ געזונטן טאָפּ (זומער, ווען די דאַמפּמאַשין האָט געמעלויצעט, האָט מען אין דעם טאָפּ געקאָכט), אויסגעמישט מיט אַ לעפל דאָס געקעכטס, אַ פּרואוו געטאָן און לאַנג באַלעקט זיך: אַ גוטער באָרשטש, ווי אין בעסטן האָטעל! זי האָט פאַרוקט דעם טאָפּ.

זינקע איז אַריינגעלאָפן פון הויף.

— מע פאָרט שוין פון קלויסטער.

— אָי, צאָרעס מיינע גרויסע! — האָט די אַלטע סעקלעטע אויסגעשריען דערשראָקן, זי האָט אַפּגיך צונויפגעדרייט אַ וויכעט שטרוי, אַריינגערוקט אין אויוון אַריין און צעבלאָזן, שפּרינגט שיר אַליין ניט אַריין אין אויוון. זינקע האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר — אַוועק אין קעלער, אַפן אויוון האָט עמיץ אַ קרעכץ געטאָן און גענומען וויינען.

— אָי, צאָרעס מיינע!

פון שטוב איז אַרויס דער באַלעבאָס, שוין אין די שיך, אין

גאַליפּע און אין אונטערשטן העמד מיט אַ מאַנישקע איבער דער גאַנצער ברוסט, געגייט מיט שוואַרצע ווייטגטרויבן, און דער קאָפּ איז צעפּאַטלעט פון שלאָף, ווי אַ סטויג היי. ער האָט זיך גענומען וואַשן אין אַ בלויער שיסל. זינקע האָט דערווייל אַריינגעטראָגן אַ פול קריגל קוואַס און אַ שיסל קיסליצעס, האָט ער זיך אַפילו ניט אָרומגעווישט, געכאַפּט דאָס קריגל און אויסגעזשלאָקעט עפּשער אַ גאַנצע קוואָרט; אויסגעשפּיגן און אָנגעהויבן זיך אַרומווישן.

אין הויף האָט אַ קלאַפּ געטאָן די פּירטקע, און דער הונט אַפן קייט האָט אָנגעהויבן בילן, זיך געריסן פון דער קייט. מ'האָט געהערט ליזעס שטים — זי האָט געשריען אַפן הונט, מ'האָט געטופּעט מיט די פיס אַפן גאַנעק. עגדלער, האָט זיך ברייט געעפנט די טיר און ס'איז אַריין אַ פולע שטוב געסט, פון פאָרנט ליזע.

—אָי, סאַרע לופּט דאָ איז! קומט אין די צימערן! מומע אָליע, די אַלטע אָהיריכע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פוטער און אַוועק צום אייניקל — האָט אים אַראָפּגענומען פון אויוון. מאַטיוכע האָט זיך גאַלאַנט פאַרנייגט פאַר די דאַמעס מיט זיין סטויג היי, ער האָט ראַשיק געדריקט די הענט די מאַנסבילן — בעספּאַלקאָ אין דעם שווער.

— און וואו איז דאַניושע?

— ער שפּאַנט אויס די פערד.

— נו, אָט נאָך... — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דער דינסט, וואָס האָט לעבן דער פּאָמעניצע געגרייט דאָס עסן פאַר די כאַזייִרים, און זיך צעשריען אַף איר.

— וואָס, ביסט ערשט נעכטן געקומען אַהער: מ'איז געקומען צופאָרן, דאַרפסטו גיין אויסשפּאַנען?

— איר זעט דאָך, איך שטיי ניט ליידיק.

— ווערסט מיר דאָ נאָך לאַנג רעדן? — ער האָט מיט כּאַס געקוקט אַף דער דינסט, און אַז יענע איז שוין אַרויסגעגאַנגען, האָט ער, דאַכט זיך, נאָך געזען דורך דער טיר איר שטאַלץ און געזיכט, אין פּראָפיל צו אים, ווי זי האָט געזאָגט „איך שטיי דאָך ניט ליידיק“. אַזאַ גאַרגישטע? רעדט נאָך?

— כ'בעט! — האָט ער זיך געווענדעט צו די געסט. און אַזוי ווי ער איז געווען אין כּאַס, האָט זיין „כ'בעט“ געקלונגען דעם אַלטן

אָהיר ניט ווי מע וואָלט אויפגענומען צוגאַסט, נאָר ווי מע וואָלט אים פאַרבעטן אין קעלער פון משעקאַ.

מ׳איז אַריין אין עס־צימער. דער גראָמער ביידער מיט די גרויסע פענצטער און טיולענע פאָרהאַנגען איז געווען מעבלירט גאָרניט ווי בײַ אַ פויער. אין פאָדערשטן ווינקל אַ גרויסער טיש, שוין געדעקט מיט אַ טישטעך, מיט געפעס, מיט קאַראַפקעס. אַ קאַנאַפע פאַרשפּרייט מיט אַ טעפּיך. בײַ אַלקער־וואַנט — אַ בעט, ניט צום שלאָפן, נאָר אַ דעקאָראַטיווע, מיט קישנס ווייסע ווי שניי, און שיר ניט ביז דער סטעליע. אַנטקעגן טיר אַ „שיקאַרנע“ טרימאָ. באַם שפּיגל שטייט פאַר אים נאַטאַליע, דאַגיושעס ווײַב, פאַריכט די האָר און זעט אין שפּיגל — דורך דער קיך־טיר זיינען אַריין די מאַנסבלען: מאַטיוכע איז דורכגעגאַנגען אין אַלקער אַריין, דער שווער, אַ גראָבער, מיט אַ שווערן אָטעם, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן ערשטן בענקל, בעספּאַלקאָ איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן גראַמאָפאָן, וואָס שטייט אין ווינקל אַף אַ טישל מיט אַ גרויסער בלויער טרויב.

— אָ, דאָס איז אַ זאַך! פינף טשערוואָנצעס! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דער גראָבער אָהיר האָט געסאַפּעט. גינאָטשקע, וואָס איז געזעסן אַף אַ בענקל אַנטקעגן פענצטער, די הענט צוגויפגעלייגט אַפן בויך און מיט אַ שמעקנדיק טיכעלע אין האַנט, האָט גלייכגילטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאָטער, דערנאָך האָט זי זיך ווידער אָפּגעקערט און פאַרגליווערט געוואָרן — מיטן בליק צו דער קיך־טיר — גלייך ווי פון דאָרט וואָלט אַ פאָטאָגראַף איר געזאָגט: „איין רעגע, כ׳פאָטאָגראַפיר“. פון אַלקער איז אַרויסגעגאַנגען ליזע אין אַ בלאָען קאַפּאָט, צוגענומען בײַ דער מוטער דאָס קינד און אַ געשריי געטאָן אין קיך דער אַלטער סעקלעטע, מ׳זאָל דערלאַנגען צום טיש. דערנאָך שטיל אַ מינוט. די ערשטע האָט אָנגעהויבן די בעספּאַלטשיכע, ווי סע פּאַסט נאָכן קלויסטער און מיט אַ גוטן אַפּעטיט פאַר אַ געשמאַקן וואַרעמעס:

— אַלט איז שוין דער פאָטערל יעוולאַמפּי, אַלט און גראָוו.

— יאָ, אַ זאָקן אַ גרייז, — האָט שווער אָטעמענדיק געזאָגט אָהיר, — אי די יאָרן טאַקע, און דאָס לעבן איז אויך אַזוינס: די

גאזלאָנים האָבן דען אים אויך ניט געשלעפט? ער האָט איגייגעם מיט מיר געליטן אין טשעקא אין קעלער...

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע צייט ס'איז געווען? מיר האָבן שוין גאַרניט געקלערט...

— ס'האָט זיך איינגעשטעלט, — האָט ווידער געזאָגט אָהיר, — מע ניכטערט זיך אויס צוביסלעך. אָט נעמט אַפילע אין קלויסטער: ווער ס'האָט געצונדן, גערויבעוועט, גייט איצטער אין קלויסטער.

— אַ גאַלעך איז אָבער באַ אייך — ס'שיט זיך שוין פון אים דער שטויב, — האָט אַ זאָג געטאָן בעספאַלקאָ און איבערגעקוקט די גראַמאָפאָן-פּלאַסטינקעס. נאַטאַליע האָט זיך אָנגערופן פון טרימאָ:

— אך, ניקאנאָר איוואַנאָוויטש, ווי פיין איר רעדט? — און מאַנירלעך אויסגעבויגן די ברעמען.

— יאָ, יאָ, צו אייך וואָלט מען געדאַרפט אַף איין כוידעש אונד-זער פאָטערל סימאָן, וואָלט מען אייך דאָן פאַר די אויערן ניט אַרויסגעשלעפּט פון קלויסטער.

בעספאַלטשיכע איז געוואָרן אין קאָס: ער טראָגט זיך אַרום מיט זיין פאָטערל סימאָן, ווי מיט עפּעס רעכטס. און אָהיר האָט זיך פאַרינטערעסירט, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַלעך באַ זיי. בעספאַל-טשיכע האָט געענטפערט פאַרן מאַן:

— באַ אונדז איז דאָך קאַטאַפּאַליע *.

אָהיר האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן גאַנצן קערפּער צו דער שוועסטער.

— אַן עמעסע קאַטאַפּאַליע?

— וואָסזשע דען, אַן עמעסע. אין צוויי געמיינדעס האָבן זיי די קלויסטערס פאַרנומען. פריער איז דאָרט געווען, וואָס איר ווילט— מ'האָט זיך אי קעפּ געפּלעט, אי פאַרשלאָסן די קלויסטערס אַף צוויי שלעסער: סיי די, סיי יענע. דערנאָך האָט בייגעקומען די קאַטאַפּאַ-ליע, אין אונדזער אוספּענסקער געמיינדע אויבעט. איצט גיי איך אין קלויסטער אַריין אַזש פאַר אַ וועדסט.

*) אַוטאָקעפאַליע — די אַוטאָנאָמישע אוקראַינישע קירך.

— ווייל דו ביסט א נארעשע. ביסט קיין איינמאל ניט געווען און רעדסט לאשנארע, — האט דער מאן געזאגט, — גאטסווארט איז אף אלע לעשוינעס, אפילע אף כינעזיש און אף נעגריש, אלץ איינס — גאטס ווארט, — האט ער קלאמערשט ערנסט געזאגט, האגאם ס'איז קלאר, אז ער אליין גלויבט ניט אין גאטס ווארט אף קיין שום שפראך. — פריער פלעגט מען אף אלט־סלאוויש, און איצטער, אז דער כאר גיט א זעץ „גאט גרויסער, איינציקער“ *, גיסט זיך עס מאמעש אין הארצן אריין. אן אנדער ווייבל הערט ניט אויף צו גיסן טרערן. אזא געטלעכע שיינקייט אין קירך: אומעטום קרענץ, און אלע איקאנעס באצירט מיט אויסגענייטע האנטיכער. ער האט ארגאניזירט א געמיינדע פרויען גאטספארכטיקע. היינט, די טפילעס פראוועט ער, ווי אן עמעסער ארטיסט. וואס ווילט איר — א באס געזונטער, און אליין אזא שטאלטנער, א זער ווייִרעכט און גייט איבערן קלויסטער, איז דער גאנצער אוילעם, איבערהויפט די פרויען, בויגן זיך פאר אים. נו, היינט האלט ער דראשעס! און אין פאליטיק פארשטייט ער אויך גוט.

אין שטוב איז אריין דאניושקע. א פעסטער, מיט רוסיאווע אראפגעלאזטע וואנסעלעך און נידעריקע ברעמען, אנגעטאן אין א מיליטעריש העמדל, פון שוץ־קאליר, אף יעדער אקסל צו צוויי לעכעלעך לעבן קאלנער — א זייכער פון די אמאליקע שליפעס. אפן שוועל פון אלקער איז געשטאנען מאטיוכע, ווי אין א שפיגל. א שווארצער, אנגעטאן אין א רעקל, און פון זייט־קעשענע זעט זיך ארויס דער רויטער קאנט פון פארטייבילעט, — אנומעלטן אף א פארטיי־צוזאמענפאר געזען אזוינס בא איינעם זייער אן אנגעזעענעם פארטייער.

זיי האבן זיך געגריסט. אין צימער זיינען אלע שטיל געווארן. מאטיוכע מיט דאניושען האבן זיך אוועקגעזעצט אף דער גענעראלשעם פליושענער קאנאפע. אהירענקא האט פארווארפן א פוס איבער א פוס, ארויסגענומען א פעקל פאפיראסן, אונטערגעטראגן מאטיוכען און אליין אויך פארויכערט. ניקאנאר איוואנאוויטש האט אוועקגעלייגט די פלאסטינקע „Ой, казала мині мати...“,

*) א טפילע פאר אוקראינע, וואס מע זינגט אין אווטאקעפאלישע קירכן.

דאָס איז געווען אַ גוטער אײנפֿאַל: אַלע האָבן זיך דערפֿילט פֿרײַער, ניט אַזוי אָנגעשטרענגט, מאַכמעס מ'איז מאַקע קרויווים, גאָר קען מען דען אַרויסרײַסן בײַ אַהירן פֿון זיקאָרן יענע דערמאָנונגען?

...ער איז געשטאַנען אָן אַ היטל, אָן איבערגעשראָקענער, און מאַטיוכע האַלט דעם גאַנצן אים פֿאַרן פּאָנעם (דאָס 17-טע און דאָס 18-טע יאָר).

— וואו זײַנען די ניקאָלאַיעוועס, באַווײַז!

אַהיר, אַ בלײַבער, האָט געגראָבן אין סאַד מיט אַ לאָפּעטע, און מאַטיוכע האָט אים געשלאָגן מיטן גאַנצן אין זײַט:

— ריר זיך, גראָבער בויך! — און געזידלט זיך. און נאָך נאַטאַשען האָט ער זיך געיאָגט רײַטנדיק איבערן כוטער. עמעס, ס'איז שוין אַסאַך יאָרן דערינען — ליזע האָט נאָך דעמאָלט געלערנט אין גימנאַזיע... אַצינד איז ער אַן אײגענער מענטש, אָבער ווי אַזוי רײַסט מען אַרויס די דערמאָנונגען פֿון זיקאָרן?

אַהיר סאַפּעט, רירט מיט די גראָבע פֿינגער אַפֿן קני, ער האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן אײדעם, און יענער קוקט אויך אַף אים — די בליקן האָבן זיך אויסגעמיטן. ער רירט ווידער מיט די פֿינגער, ער סאַפּעט, דער אַלטער. יאָ-יאָ... מאַטיוכע האָט עס, ווײַזט אויס, אויך ניט פֿאַרגעסן? אַ וואָרעמל טאַטשעט ערגעץ. ניט אומזיסט האָט ער אָנומלטן 'שיקערערהייט געגומען דעם שווערס האַנט, געשלאָגן זיך מיט איר איבערן פּאָנעם און געשריען: „איך בין אַ סוואָלאָטש!" און ווידער געשלאָגן זיך אַליין.

דאָס האָט זיך דערמאָנט דער אַלטער. און מאַטיוכע האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס אַנדערש, אָנגעבויגן זיך צו דאַניושען און בײַז אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עס קושנירענקאָ פֿאַר אַ שפּיק אין דאָרף?

— כ'האָב דאָך דיר געשריבן מיט דער מאַמען.

— יאָ, האָסט געשריבן, אַז מע דאַרף אים נעמען אַף אָרוועס, אַניט וועט ער אויסגעבן. איך האָב געוואוסט, אַז ס'וועט אַזוי זײַן. איך האָב דען ניט געפֿילט, וואָס פֿאַר אַן אַלימענט דער קושנירענקאָ איז? איצט האָב צו טאָן מיט אים! געוויס, קײַנער וועט אים ניט

גלויבן, ער האָט דאָך גיט קיין זאַכלעכע באַווייזן, נאָר פאָרט אַ פלעק און אַ מאַראַקע! — מאַטיוכע האָט פאַר קאַס געביסן דעם פאַפּיראָס. — אַזאַ האַר! האָסטו זיך געפּאַקט, טאָ זייַ רואיק. ער וועט באַקומען די פאַר יאָר... מיר וואָלטן דאָך אים מיט עפּעס וואָס אונטערגעהאַלטן.

— איך האָב אים איצט אויך, אַז דאָס ווייַב איז געפאָרן צו אים, איבערגעגעבן אַ טשערוואָנעץ.

— נו, וואָס טוט ער דאָרטן?

— האַלט אין איין שפּילן אין קאָרטן. דאָס ווייַב דערציילט, — ער איז אַרויסגעגאַנגען זיך זען מיט איר אין איינע גאַטקעס און מיט אַן אַנטליענעם פעלץ אָפן הוילן לייַב. און דער קאָפּ צעהאַרגעט. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז טכילעס האָבן אים די אורקעס גיט געלאָזט לעבן, אַצינד זייַנען זיי מיט אים די בעסטע גוטע פריינט.

— און מיט דער אויספאָרשונג, וואָס הערט זיך?

— ווייַזט אויס, פאַרענדיקט. ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ: ער האָט קלאָמערשט געקויפט בײַ אַ ציגיינער און גאָר. דאָס ווייַב האָט געפרעגט דעם אויספאָרשער, צי קען מען אים אַרויסנעמען אַף אַרוועס, זאָגט ער, אַז מע דאַרף האָבן אַ פּאַפּיר פון דאָרף.

האַניושע האָט זיך גענומען אָנגעבויגן צום שוואָגער און געזאָגט:

— אָט איז דאָך היינט דער „סכאָד“, וואָלט מען געדאַרפט...

— יאָ, מע וועט טאַקע דאַרפן! — האָט מאַטיוכע אין אַ ווײַלע אַרום פאַרקלערט געזאָגט.

דער גראַמאָפאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן. די אָהיריכע האָט דערלאַנגט די פּירעזשקעס צום טיש, און סעקלעטע דעם באָרשטש.

— כ'בעט די ליבע געסט צום טיש, — האָט די אָהיריכע פאַרבעטן, — ליזעטשקע, דו ביסט דאָך די באַלעבאָסטע... און וואו איז דאָס אייער זינקע, זאָל זי כאָטש צונעמען דאָס קינד. — זינקאָ! — האָט זי אַ רוף געטאָן אין קיך. זינקע איז אַרייַנגעלאָפן און צוגענומען דאָס קינד.

מ'האָט אָנגעהויבן רודערן מיט די בעגקלעך, — צום טיש האָט מען זיך געזעצט מיט ראַש. מאַטיוכע האָט גענומען פון בופעט נאָך אַ קאַראַפע בראָנפן און איינע מיט ווישניעק — פאַר די פרויען.

געסאַרווערט האָבן דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, פֿאַרגעלייגט פּירעזשקעס, באָרשטש. און גלעזלעך זייַנען בײַ מאַטיוכען היפּשע. נאָר די לאָקשן זייַנען אַלע געוואָרן גאָר אַנדערע. דער באַלעבאָס אַליין האָט שוין אויך ניט געקוקט בייז, איז געוואָרן באַדייַדעוודיק. אַלע האָבן גערעדט העכער, ווי געוואויגלעך, און גערעדט האָט מען אַסאַך.

סעקלעטע און זינקע האָבן אַרייַנגעטראָגן אַף צוויי פּאַלומעסיקעס דאָס געבראָטנס און געווייקטע עפּל. מאַטיוכעס ערשטער געדאַנק, ווי ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַפן געבראָטנס, איז געווען, אַז קאַטשקעס קאָנען זיך אָן וואַסער ניט באַגיין.

— זיי ווערן פעטער און ווייניקער, אַז זיי זייַנען אַפן וואַסער, — האָט עמיצער געזאָגט אַפן ווייבערשן עק טיש.

— ס'איז קלאָר! — ער האָט אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל, איבערגעגאָסן אַפן טישטעך און אונטערגעטראָגן דעם שווער, אָהיר האָט לייכט אָפּגעגנויגט די האַנט — ס'הייסט, טרינק פאַר מיין געזונט!

— הם! — האָט ער זשעדנע אַ קוק געטאָן אַפן גלעזל; ס'איז געווען לויטער ווי קרישטאָל. און פון דער זייט־קעשענע שטעקט דער רויטער קאַנט. מאַטיוכע האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געגעבן אַף די געסט. דערנאָך האָט ער אָנגעכמורעט די ברעמען און געזאָגט ניט מיט זיין קאָל, אַפּאָנעם, נאָכגעקרימט זיך עמיצן פון קיך. — „ביסטו אַ פּאַרטייער, טאָרסטו ניט טרינקען“. און שוין מיט זיין קאָל: „און טראָצקי און ריקאָוו טרינקען דען ניט? פאַרשטייט זיך, ניט אַזאַ איפּעש, נאָר קאָניאַקן אַלערלייַ, פאָרטווייַנען. נאָר אַ מין טרינקען! וואָרום בײַ אונדז, בײַ די פּאַרטייאישע, איז שוין די אַרבעט אַזאַ — טרינק און רייד ווייניקער“.

ער האָט אויסגעטרונקען, דערלאַנגט די געסט און ווידער גערעדט:

— דאָס האָט מען זיך שוין כאָטש אויסגעלערנט טרייבן, אַלצאיינס ווי ס'איז געווען אַמאָל ניקאָלאַיעווער בראָנפן, און טכילעס איז געווען אַזאַ געלער, שטינקעדיקער, מע פלעגט מוזן פאַרשטעקן די נאָז, פונדעסטוועגן האָט מען געטרונקען, וואָרום ווען איך זאָל ניט טרינקען, וואָלט איך שוין לאַנג פאַרברענט געוואָרן. בעאיים דער פּאַרטיזאַנשטשינע אויך אַזוי, נאָר ווען מ'איז געשלאָפן, איז מען ניט געווען שיקער, אָבער דערפאַר האָט מען געטאָן מייסים! אָדער

אָט אַנומעלטן, אַז איך בין געווען מיליטערישער קאָמיסאַר אין וואָלאָסט... נו, נו, ניקאַנאָר איוואַנאָוויטש, טרינקט ביזן סאָף, אָט אַזוי! אונדזער מאַזל זאָל אונדז ניט מיידן!

ער האָט אָנגעגאָסן דאַניושקען, און ווייטער גערעדט:

— וואָרום אַז דו טרינקסט ניט, בלאָנקעט דאָס מאַזל ערגעץ אַרום, און אַליין ביסטו ווי אַ נעכטיקער. איר מיינט ס'איז גרינג פאַר אַ פאַרטיימאַן האָבן צו טאָן מיט אַזאַ אוילעם? איר מיינט, איך וויים ניט, ווי די אָבוכיוווקער קוקן אַף מיר. ווי אַף אַ שער, „לעבט ווי אַ סראָרע“, וואָזשערען — בלוט פאַרגאָסן באַ דער רעוואָליוציע, מע קאָן זאָגן, דאָס לעבן ניט געזשאַלעוועט, און איצט גיין אַן אָפּגעריסענער. שטיקן זיך מיט יאַטשניקעס און לעבן ווי אַ כאַזער? גלייך ווי זיי? פאַרוואָס זשע האָבן מיר דאַן געקעמפט?

— ריכטיק.

דאָס געפעס האָט געקלונגען, אַפן צווייטן עק טיש האָבן די פרויען פריילעך געשמועסט. און מאַטיוכע האָט זיך אַלץ מער געהיצט.

— אוואַדע, ווער סע פאַרשטייט, ווי צו לעבן, דער זאָגט — ריכטיק. און מיט אונדזער אוילעם? מע האַלט נאָר אין איין ריידן, — ניט אין די אויגן, פאַרשטייט זיך, אַניט וואָלט איך דערלאָזט? — אין די ווינקעלעך: „איז געוואָרן אַ מעכוטן מיט די באַלעגופן“...

באַם טיש איז אַלעמען ווי אַן עקלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפן.

— ביז וואַנען וועלן עס זיין באַלעגופן?

— מ'איז, דאַכט זיך, אַלע גלייך, און אַלץ נאָך באַלעגופן!

— טראָצקאָ וואוינט אין אַ פרעמדער שטוב (פון כוטער האָט מען אים דאָך אַרויסגעטריבן), גייט ער אום ווי אַ שלעפער, און הייסט נאָך אַלץ אַ באַלעגוף!

— אָט אַזאַ אוילעם איז דאָס! און אַפן דרייצנטן צוזאַמענפאָר האָט מען קלאָר געזאָגט, אַז קיין באַלעגופן איז איצטער ניטאָ, ס'איז דאָ אַ פעסטער באַלעבאָס. נאָר ווער סע גייט קעגן דער מאַכט, אָדער שטיצט זי ניט, דער איז אַ באַלעגוף, אַ שערלעכער אַלימענט.

— מיר צאָלן דען ניט קיין נער־שטייער? — האָט אָהיר געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, און טאָמער פּאַרמאָגט איר אַ פּאָר אָקסן און אַ פּאָר פערד...

— די פערד זייגען דאָך דאַניושקעס.

— און אַז אייזרע? הייסט עס — אַ גוטער פּויער, אַ באַלעבאָס. און די מעלוכע האָט פון אים אויך נאָר נוצן. אָט האָט ליזע געלייענט אין צייטונג, אין „פּראַוודא“, מע גיט שוין פּרעמיעס גוטע פּויערן, וואָס פירן קולטורעל זייער ווירטשאַפט, און דאָס זעלביקע מיט דער אַרענדע — נעם וויפל דו ווילסט, אַבי זאָלסט מאַכן אַ טאָלק פון דער ערד, דינג כאָטש צען אַרבעטער.

דאַניושע האָט סאָליד געזאָגט:

— אַנדערש קאָן עס גאָרניט זיין. אונדזער אוקראַינע איז ביז דער מילכאָמע געווען „די ברויטגעבערן פון אייראָפּע“. איר ווייסט, וויפל ברויט מיר האָבן אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד? און איצטער, — ווי לאַנג איז עס געווען, אַז מיר האָבן אַליין געפוכנעט פאַר הונגער, און מיר וועלן נאָך פוכנען, אויב די מאַכט וועט ניט אָננעמען קיין מיטלען און ניט לייזן די ערד־פראַגע, ווי ס'קער צו זיין, אַזוי ווי סע פאָדערן די אינטערעסן פון דער מעלוכע. וואָס זעען מיר מיט אונדזערע אויגן? די דעסיאַטינע ערד, וואָס האָט דעם פאָרעץ אָדער דעם פּויער־באַלעבאָס, — זאָל זיין אַפילע, ווי זיי רופן — דעם באַלעגוף, האָט זי געגעבן 200 פּוד, גיט איצטער 20 עמעס, עס טרעפט באַ באַלעבאַטים, אַז זי גיט נאָך ביז הונדערט, נו און דעם קענעסע * — איז טאַקע ניט מער פון צוואַנציק, אי דאָס נאָך „אַ דאַנקען גאָט“. וואָרום ווערליק מע באַארבעט זי, ווערליק דער קולטור, איז אַ נאַר די ערד, וואָס זי קערט אום די זריע.

— אָט דאָס איז ריכטיק! — אָהיר האָט אַוועקגעלייגט דעם גאָפּל און אויסגעווישט די וואָנסעס, — דאָס האַרץ טוט ווי, אַז איך גיב אַ קוק, ווי דידאָזיקע קענעסע מאַכן כויזעק פון דער הייליקער ערד. אָט האָט מען באַ מיר אויך אונטער דער קלוגיע צוגענומען די ערד, שוין זעקס יאָר, און איך קאָן עס ניט צוזען, דאָס

* קענעסע (KHC) — אָרים-פּויערים-קאָמיטעט. די באַלעגופים רופן אַז ,
איראָניש אויך איינצלנע אָרים-פּויערן.

האַרץ טוט וויי! ס׳פּאָרט אַרום אַזאַ איינער, די זון שטייט שוין
הויך, ער צעשיט די זריע איבערן פעלד, מיט די בעהיימעלעך גיט
ער אַזוי זיך אַן אַקער, פאַרבראָגעוועט איינמאָל — גיב ברויט,
נאָטעגיו, ווי דו ווילסט זיך! און ווען קומט ער שניידן? סע טרעפט,
אַז אַנדערער בלאָנקעט אום, זוכט נעבעך זיין פעלד און קאָן ניט
געפינען.

— באַ אייך איז נאָך גוט, מע זייט כאָטש, — האָט זיך צעלאַכט
ניקאָנאָר איוואַנאָוויטש, — און באַ אונדז איז דער אוילעם קליגער:
אין האַרבסט אַקערט ער אויף, און פאַרזייט גאָרניט, זאָל זיך אַליין
וואַקסן, און שטעלט זיך פאָר, סע וואַקסט.

— אַ דונער וואָלט זיי שוין בעסער דערשלאָגן קליינערהייט, איי-
דער אַזאַ אַרבעטן ערד! — אַן אויפגעבראַכטער האָט אָהיר זיך
אָנגעלענט אין ווענטל פון קאַנאַפּע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע-
קוקט אין אַ ווינקל. ער האָט גענומען ריידן פּאַוואָליע, גלייך ער וואָלט
אַרויסגעפּאָרן קאַיאָר פון הויף מיט די אָקסן צום אַקערן.

— אָט האָב איך פאַרמאָגט פאַר דער רעוואָליוציע זיבעציק דע-
סיאַטין, איז וועקט מיך אויף האַלבע נאַכט, וועל איך אייך מיט
פאַרבונדענע אויגן באַווייזן יעדער פּאַסיקל ערד, און אַקערן פלעג
איך שטענדיק מיט צוויי פּאָר אָקסן, כ׳האָב ניט מוירע געהאַט, זיי
זאָלן בלייבן שטיין, געהאַלטן אין איין אָנטרייבן. גראָבסט אַ בייט
ביז די קני די טיף, און פאַרזייסט ניט אין ערד, נאָר אין ווייכן פּוך,
האָט מאַקע די ערד געבוירן. ערד דאַרף מען ליב האָבן, כ׳פלעג שלאָפן
און אין כאָלעם זען זי...

— און אַצינד קומט זי אייך ניט צו כאָלעם? — האָט זיך ני-
קאַנאָר איוואַנאָוויטש צעלאַכט.

— ניין, איצטער אויך.

ער איז געזעסן פאַרקלערט, אַ שווערער און מאָרעשכויירעדיקער.
אָפן צווייטן עק טיש האָבן פריילעך גערעדט און געלאַכט די יונגע
פרויען, מאַטיוכע האָט ווידער גענומען די קאַראַפע — מע דאַרף
דאָך, הייסט עס, די הייליקע ערד אויך באַשפּריצן, זי זאָל געבוירן
און ס׳זאָלן זיך כאָלעמען גוטע כאַלוימעס.

— אָט יענע נאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, — האָט אָהיר
מיט אַ שמייכל געזאָגט און אָנגעבויגן זיך איבערן טיש, — אַ כאַ-

לעם מאַקע נאָר אַף כּידושים. — ער האָט אָפּגעווענדט מאַמיוכעס הענגט מיטן גלעזל, — ס'הייסט, טרינק פאַר מיין געזונט, — האָט אויסגעטרונקען אַ צווייטס, אויסגעווישט מיטן האַנטעך די וואַנצעס און אָנגעהויבן דערציילן דעם כאָלעם. די פרויען זיינען אויך אַנטשוויגן געוואָרן און אויפמערקזאַם געקוקט אַפן דערציילער.

...זיי פאָרן קלאָמערשט גאַנצפרי זייען: ער, דאַניושע און זייער באַטראַק אילקאָ, מיט דער זיי-מאַשין אַף יענער זייט כוטער. הינטערן סעדל איז טייקעף דאָס פעלד, ער קוקט זיך צו און זעט, עמיצער אַקערט נאָכאַמאָל איבער זייער פעלד. דער הימל איז רויט און אַפן הימל איז, ווי ס'טרעפט אַמאָל געמעלן אין אַ ביכל: אַ מענטש איינגאַנצן אַ שוואַרצער און אַ פערדל איינגעשפאַנט אין אַ סאָכע — ניט אין קיין אַקער, נאָר ווי בא די קאַצאַפעס, אין אַ סאָכע, און דער מענטש גייט נאָך דער סאָכע... „וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?“ אַהיר איז אַזש צעמישט געוואָרן, צו דאַניושען: „טו נאָר אַ קוק, דו זעסט?“ „כ'זע“, זאָגט ער, „ער אַקערט מיט אַ סאָכע“. „כ'בין דיר מויכל, וואָס מיט אַ סאָכע... אָבער ס'איז דאָך אונדזער פעלד!“ ס'האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן, זיי האָבן זיך געלאָזט גיכער גיין און אָפּגעשטעלט זיך אַף דער מעזשע. און יענער פאָרט שוין צו, דאָ האָט אַהיר שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, איז אַוועקגעלאָפן מיט דאַניושען אַנטקעגן, און אילקאָ איז געבליבן מיט די אָקסן, זיי זיינען צוגעלאָפן, אַהיר קאָן שוין ניט כאַפן דעם אָטעם, און דאָ איז יענער צוגעפאָרן — טיכאָן קאָזשושני, אַזאַ געזונטער מיט אַ רויטער מאָרדע; און דאָס פערדל — הויט און ביינער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און לאַכט אַזוי גיפטיק. אַהיר וויל אַ געשריי טאָן און קאָן ניט, שטייט ווי אַ ליימענער. יענער פרעגט שוין: „וואָס זידעלט איר זיך? וואָס איך אַקער? אָן וואו ס'איז איצטער אייער ערד“ — און ווייזט אָן מיט דער האַנט סאַמע אַף די זאַלץ-ערדן, — „וואָס הייסט ניט מיינע, מיט וואָס פאַר אַ רעכט?“ „אָט מיט אַזאַ רעכט, מיטן סאָוועטישן“, און לאַכט אַזוי גיפטיק און טרייבט אָן דעם פערד. אַהיר האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַפן בייט אַנקעגן פערד און

גענומען אים שלאָגן אין מאָרדע, און דער פערד, אַז ער האָט אָנגעהויבן הירזשען. פון הינטערן וואַלד גייט אויף די זון, און ניט די זון אַפילו, דער גאַנצער הימל איז פאַרגאָסן מיט רויטס, און פון וואַלד פליען, ווי האַוועס, עראָפּלאַנען. אָהיר זעט: טיכאָן האָט פלוצים אָנגעהויבן ציטערן, האָט אַ פאַל געטאָן גלייך אַף דער ערד, די הענט צעוואָרפן, פון מויל גיסט זיך אים בלוט, און ער קאָרטשעט זיך אין קראַמפן.

אַרום טיש איז שטיל, מע הערט זיך צו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, אין דער שטיל האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן „אַהאַ“. אָהיר האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און שווער אַ זיפץ געטאָן.

— בין איך געבליבן אַ געפּלעפטער: אילקאָ איז דאָך לעבן די אָקסן, דאָס וועט זיך אָנהויבן אַן אויספאָרשונג, מע וועט שלעפּן אין געריכט און אין געפּעאו אויך. כ׳קוק זיך ווייטער צו, ס׳איז גאָר ניט קיין בלוט, ס׳שיט זיך אים פון מויל קאָרן, ווי פון אַ עלעוואַטאָר, ס׳שיט זיך גלייך אַף דער ערד, ס׳האָט שוין פאַרשאָטן אַ גאַנצע קופּע, און ס׳הערט ניט אויף שיטן. איך שריי צו דאַניושען — לויף נאָך זעק — און ער שטייט, ווי אַ ליימענער, און רירט זיך ניט, ווייל איך שוין אַליין זיך לאָזן ניין, בין איך אויך, ווי אַ ליימענער, פאַר שרעק האָט מיך באַשלאָגן אַ שוויים, איך כאַפּ זיך אויף, און דאָס גאַנצע העמד איז אַף מיר נאַס, כאָטש קוועטש עס אויס.

אָהיר האָט זיך אָנגעלענט אַפן ווענטל פון קאַנאַפּע און שווער געאָטעמט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרמאַטערט געוואָרן דערציילנדיק דעם כאָלעם. אַפן ווייבערשן עק־טיש האָט עמיצער געזאָגט:

— וואָס ס׳קאָן זיך כאָלעמען אַ מענטשן, ס׳איז אַנטקעגן מיל־כאָמע, צי וואָס?

— דיר כאָלעמט זיך קעסיידער מילכאָמע! — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ניקאַנאָר איוואַנאָוויטש.

און די עראָפּלאַנען, און דאָס בלוט, — האָט דאָס ווייב געטייַנעט, — איצטער, אַז מע דערציילט, וואָס פאַר אַ מילכאָמע ס׳וועט זיין, ווער איך פאַרציטערט. מע זאָגט דאָך ס׳וועט אַלץ זיין אינדער־לופטן און מיט שטיקנדיקע גאַזן.

— יאָ די טעכניק איז איצטער אַלצדינג, האָט זיך אָפּגערופֿן מאַטיוכע און האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שווער, — און אייך האָט זיך טאַקע געכאַלעמט אַ מערווירדיקער כאַלעם.

— אוהו, — האָט דאַניושע אַ מרוקע געטאָן מיט אַ קרומען שמייכל, — ווען ס'זאָל טיכאָנען און נאָך אייניקע פֿון די ערד־איינ־אָרדענער כאַפּן קראַמפּן, וואָלטן זיך טאַקע געשאָטן בערג מיט ווייץ.

— נו, טיכאָן איז שוין אַ פּאַרטיקער. ס'איז שוין דאָ אַ גייער.

— ווער איז?

— ס'איז שוין דאָ איינער.

— ס'זיינען אַרייַנגעקומען גנידע און דער קלייטניק הובארענקאָ מיטן ווייב.

— אַ־אַ, ליבע געסט, — האָט מאַטיוכע אַ שיקערער אויסגע־שפּרייט די הענט, — ס'קאַצל קומט! און דו, אַלטער טייוול — צו גנידען — כיטרעוועסט אַליץ. אויב אַזוי, טרינק נאָכאַנאַנד אַזויפֿיל, וויפֿל מיר האָבן אויסגעטרונקען.

ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל.

— טרינק! — און אַליין האָט מאַטיוכע ניט געוואָלט טרינקען. גנידע האָט אויסגעטרונקען, מאַטיוכע דערלאַנגט אַ צווייטס.

— טרינק!

— וואָס רעדסטו, קאַרניושע?

— נו, מאַך ניט קיין שיעס!

גנידע האָט דאָס צווייטע אויך אויסגעטרונקען. מאַטיוכע האָט ווידער אָנגעגאָסן.

— טרינק נאָך!

— ניין, דאָס איז שוין נארישקייטן, ער מאַכט כויזעק פֿון אים?

— וואָס?! — און מאַטיוכע האָט אַזאַ קוק געטאָן, אַז דער אַלטער האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן און גענומען דאָס גלעזל אין די הענט, ער ווייס, וואָס פֿאַר אַ קאַטאָוועסן דאָס איז, דער באַלע־באָס האָט אָנגעהויבן טראַקטירן דעם קלייטניק.

— נו, און אַליין?

— ניין, איך וויל שוין ניט מער, כ'בעט דיך, טראָכים סווירידאָ־

ווימש, איך דאַרף דאָך נאָך גיין אויפן „סכאָד". און אַף באַנאַכט דאַרף מען נאָך אויך איבערלאָזן אַ אָרט, — האָט זיך מאַטיוכע אָפּגעזאָגט. הובאַרענקאָ האָט נאָכגעגעבן. דערווײַל האָט גנידע, הריזענדיק אַ בייגל, דערציילט:

— מע גייט זיך שוין צונויף. דאָרט איז שוין אַ היפּשער אוילעם. דאַוויד בקירעט עפּעס און מיט אים טיכאָן און יאַקים דער האַרמאַ־ניסט — ער האָט זיך אומגעקערט פאַרטאָג פון די בוריקעס, מע רייצט אָן די פויערן: איך האָב געהערט ריידן וועגן דער ערד און וועגן דעם ברויט, וואָס מ'האָט אַנומעלטן צונויפגעקליבן. און נאָך אַ פויזע: — דאָס איז אַ ערנסטער מענטש, דער דאַוויד, מיר וועלן האָבן מיט אים צו זינגען און צו זאָגן, און דאָ גייען נאָך אינגיכן די איבערוואַלן, ער קאָן דאָ אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל, אַז מיר זאָלן נאָר מאַכן מיט ליפּן.

— וואָס? — האָט מאַטיוכע מיט פאַראַכטונג און צאָרן געזאָגט צו גנידען, — ווער וועט מאַכן מיט די ליפּן? איך? — ער האָט גידעריק אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, און די אויגן זייַנע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, — איך וועל, אין דער מאַמע זייערער... און אַ קנאַק איבערן טיש מיט דער האַנט, אַז דאָס געפּעס האָט אָנגע־הויבן קלינגען. די פרויען האָבן זיך דערשראָקן, און אייניקע זייַנען אַפילע אופגעשטאַנען פון טיש. די מאַנסבילן זייַנען אַלע געוואָרן אומרואיק.

— קאָרניושע, מע דאַרף ניט! נו, לאָז צורו.

— וואָס הייסט עס, לאָז צורו? עפּעס אַ סמאַרקאַטש, און איך וועל מאַכן מיט די ליפּן? איכל דאָך אים מיט איין קלאַפּ — און ווידער אַ זעץ איבערן טיש — מאַכן צו נישט!

ליזע איז צוגעלאָפן צום מאַן און אים באַרואיקט.

— געוויס, געוויס. אָבער ערגער זיך ניט. דו טאָרסט דאָך ניט.

— וואָזשע זאָגט ער! — פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַנידער־געזעצט און שווער געאָטעמט. ליזע האָט אים מיט דער האַנט געגלעט דעם רוקן.

— זע, דו האָסט אַלעמען געפּאַטערט די שטימונג, מ'איז געקו־מען פאַרברענגען, און דאָ איז ווי אַף אַ לעוויע.

מאַטיוכע איז ווייכער געוואָרן:

— שטעל אָן דעם גראַמאָפאָן.

דער גראַמאָפאָן האָט געשפּילט אַ וואַלס. פּונדערווייטנס האָט געשפּילט אַף אַ גאָרטן־עסטראַדע אַ בלאָז־אָרקעסטער. די קלאַנגען האָבן פאַרפולט דעם צימער און פאַרהילכט די קוילעס. נאַטאַליע האָט געמאַכט אַ טור און אָפּגעשטעלט זיך לעבן טרימאָ, פאַריכט די האָר, די ברויען האָבן געראַמט פון טיש, אייניקע זייגען געזעסן אַף דער פּליושענער קאַנאַפּע, גערעדט צווישן זיך, נאָר פאַר די מאַנס־בילן זייגען נאָך געשטאַנען די טעלער, און ליזע האָט צוגעגאָסן אין קאַראַפקע. דער אָרקעסטער איז שטיל געוואָרן, ס'האָט געזונגען וויאַלצעווא; דערנאָך אַ דועט און ווידער אָרקעסטער.

פון קיך איז אַריין זינקע. אין טומל, אין טאַבאַק־רויך, ווי אין אַ נעפּל, איז דורכגעגאַנגען די אַרבעטערן, ווי אַ גרויע פעלד־הון, אין די גרויסע שטיוול איבער די אויסגענייטע סמעזשקעלעך צום באַלעבאָס. דאָרט איז געקומען אַ מענטש, די פאַרזאַמלונג האָט געשיקט: צי וועט זיין עפּעס הייגט. מאַטיוכע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זאָלן זיי צוואַרטן.

זינקע איז אַרויס און געזאָגט דעם מענטשן, ער איז שיקער, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געהייסן צוואַרטן. דער מענטש האָט שווייגנדיק אָנגעטאָן דאָס היטל און אַרויס פון שטוב. זינקע האָט זיך ווידער גענומען איבערוואַשן דאָס געפעס לעבן טיש. זי האָט געקוקט פאַרקלערט אין פענצטער: די זון איז רויט פאַרגאַנגען ערגעץ ווייט הינטער די הייזער, אין סטעפּ. אַ גאַנצע שאַרע קראָען איז געפלויגן פון סטעפּ. און דער זון־פאַרגאַנג איז אַ רויטער, ווי מיט בלוט פאַרגאָסן — ס'וועט זיין מאָרגן אַ ווינט.

VIII

אַפן פּלאַץ, וואו סע שטייט דער קלויסטער, באַם ראָג, לעבן דער שול, האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט אַסאַך מענטשן. מע האָט געטופּעט מיט די שטיוול אַפן גאַנעק, געדרויכערט, געשמועסט. מ'איז געגאַנגען אין קאָרידאָר, פון קאָרידאָר. מ'איז געשטאַנען אין ר'עד־לעך אַפן גאַס באַם טויער און הויך געשמועסט.

איבערן גאַנעק איז געהאַנגען אַ טונקעלער, פאַרזשאַווערטער שילד מיט אָפּגעריבענע אויסיעס, פונונטן האָט מען קוים געקאָנט איבערלייענען „...ער שול“. אַף די שויבן פון די גרויסע פענצטער האָט די זון פאַרן גנזעגענען געשפּילט מיט רויטער פאַרב, גלייך די שויבן וואָלטן זיין פון קאָלירטן רויטן גלאָז. וואו קיין שויבן זיינען ניט געווען, האָבן זיך טונקל געפּלעקט פאַרזשאַווערטע בלעכן. פון דאַך, באַם ראָג, איז געהאַנגען אַ שטיקל רינווע, און אַ צווייט שטיקל איז געלעגן אַף דער ערד לעבן דער וואַנט. אין גאָרטן האָט געסטאַרטשעט אַ גאַנצער וואַלד טרוקענע זונרויז־שטענגלעך. אַף דער שוואַרצער צעגראָבענער ערד אין גאָרטן האָט זיך געשפּרייט פאַרפלאָנטערטע קירבעס־הודענע, אַביסל ווייטער — דער אָפּטריט, און אין אַ זייט לעבן סטויג היי עפּעס אַ מאָדנע געביי, זעט אויס, פאַר דער קו.

פון סוטקע זיינען דורך אַ לאָך אין שול־פּאַרקן דורכגעקראָכן דריי פויערן און זיך געלאָזט מיטן גאָרטן פאַרביי דעם אָפּטריט. ווען זיי האָבן אים אויסגעמיטן, איז איינער אָפּגעשטאַנען, צוגע־גאַנגען צו דער שול־וואַנט, וואו דאָס שטיקל רינווע איז געלעגן, אַף דער ערד, און האָט גענומען מאַשטן זיין אַפּן פונדאַמענט. ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם צו יענע צוויי און געזאָגט מיט פאָרוואורף אין קאָל:

— אונדזער שול, נעבעך, — ס'וואַלגערן זיך שוין שטיקער אַף דער ערד.

איינער פון יענע האָט זיך אומגעקוקט און נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט; האָט הויך אויסגעשנייצט די נאָז, צעגלעט די באָרד און וואָנסעס און צוגעגאַנגען צום גאַנעק.

— וואָס, ס'הויבט זיך נאָך ניט אָן?

— דער פאָרזיצער איז דאָך ניטאָ.

— ער האָט דאָך היינט געסט.

איינער האָט זיך געקראַצט אין האַלדז און־ נאַקן: ער איז אַוועק אַהער, און אינדערהיים איז געבליבן דאָס פיך הונגעריק און ניט אָנגעטרונקען.

— דו ווייסט ניט, ווי באַ אונדז פירט זיך? איז אָפּגעשטעלט

אַף צוויי — קום צוגיין זיבן. אַזוינס טוט זיך מיסטאָמע אין ער־געץ נים!

— ס'איז איצטער אומעטום אַזוי, מע מאַכט בויזעק פונם פויער. סע רופט זיך, — מיטן פּאָנעם צום דאָרף!.. וואָזשע איז דאָס אינדערעמעסן!

עמיצער האָט זיך אויסגעזידלט, אַ צווייטער האָט צוגערעדט מע זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, ס'וועט שוין היינט בעמיילע גאָרניט זיין, פון יענער זייט טויער האָט אויך עמיצער פון אוילעם אַ געשריי געטאָן:

— צעגייט זיך, בעוורע!

— וואָס איז דען?

— אָן זעט אַליין, — האָט ער געזאָגט.

לעבן טויער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, אַלע האָבן געקוקט אַפן פּלאַץ. אַפן גאַנעק איז אויך שטיל געוואָרן. פון דאָרט זעט מען גוט. פון די ווינטמילן פליען גלייך אַהער אַ פּאָר גוטע שווארצע פערד אייגגעשפּאַנט אין אַ ברימשקע. אַט זייגען זיי שוין נעענטער, די פערד, באַדעקטע מיט שוים, רייסן מיט די טלאָען די ערד; אַף דער קעלניע אַ מיליציאָנער אין אַ רויט היטל האָט זיך פארבויגן אַף צוריק, האַלט קוים איין די פערד. אין דער ברימשקע האָט זיך צעלייגט דער מיליציע־נאַטשאַלניק סאַכנאָווסקי פון ראַיאָן, אויך אין אַ רויט היטל. דער אוילעם האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און אָפּ פון גאַס צום פּארקן. די פויערן האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און אַזוי געבליבן שטיין, ווי אַ שטורעמווינט וואָלט דורכגעפלויגן פארביי דער שול. מיט אַ האַש האָבן זיך די האָוועס אויפגעהויבן פון די טאָפּאָ־ליעס לעם קלויסטער. און ערגעץ פונדערווייט הערט זיך דער באַ־ריטאָן „וויאָ־וויאָ“, און די שפּערלעך פון די פּלויטן, און די קינדער פון שליאַך צעפליען זיך אין אַלע זייטן.

די פויערן האָבן אָנגעטאָן די היטלען, אָנגעהויבן טומלען, פּונקט ווי אַ וואַסער־ראָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ רעגע און איצט ווידער גענומען זיך דרייען, אין טומל האָט עמיצער אויסגעשריען:

— אַצינד מעגט איר שוין וואַרטן אַף זיי!

— גייט אַהיים, בעוורע.

דער אוילעם האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, און דער טומל איז גע־וואָרן נאָך שטאַרקער. מ'איז אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק צום טויער. מ'האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין זיך, נאָר דאָ האָט מען פון גאַס געגומען מאַכן צו זיי מיט די הענט.

— וואָס איז דאָרט נאָך? — מ'האָט זיך אומגעקערט צו דער שול, און יענע פון גאַס זייַנען אויך צוגעקומען.

— וואוהין צעגייט איר זיך? אָן גייען זיי דאָך, — און דער מי־ליציע־נאַטשאַלניק איז דען ניט צו אים געפאָרן?

— צו אים, באַם טויער האָבן זיי זיך באַגעגנט, ער איז אַראָפּ פון ברימשקע און איז אַפילע אין הויף ניט אַריין; זיי גייען אַלע גלייך אַהער. אַפּאַנעם, עפּעס וויכטיקס.

— יאָ, ס'איז, ווייזט אויס, ניט פּאָשעט, אויב ער איז אַפילע אין הויף ניט אַרייַנגעגאַנגען.

מע האָט געפּרואווט טרעפן: עפּשער וועלן זיי עמיצן אַרעס־טירן? וואָלטן זיי וועלן טרייבערן סאַמאָהאָן, וואָלטן זיי זיך אַזוי ניט געאײַלט, און דאָ איז ער אַפילע אין הויף ניט אַרייַנגעגאַנגען. אַלע זייַנען אַנטשוויגן געוואָרן און שווייגנדיק, פאַרכמורעטע און אומרואיקע, געטופּעט מיט די שטיוול אַפן גאַנעק, אַרייַנגעגאַנגען אין שול. דאָ איז אויך געפלויגן דאָס ניים פון מויל צו מויל — „זיי גייען“.

אין קלאַס איז פאַרן טיש געזעסן דער סעקרעטאַר פון דאָרפראַט און עפּעס געצייכנט אַף די גערשטייער־צעטלען. די פויערן האָבן אים אַרומגערינגלט, מ'איז אויך געזעסן אַף די בענק. דאָרט לעבן פענצטער איז אַ גאַנצער אוילעם. ס'איז געשטאַנען מיכאָן קאָזשושני און אַפן פענצטער־שוועל איז געזעסן יאַקים, וואָס האָט זיך אינ־דערפרי אומגעקערט פון די בוריקעס. ער האָט דערציילט וועגן דער אַרבעט דאָרט, וועגן לעבן פון די דאָרטיקע פויערן, וועגן זייערע פאַרדינסטן אַף די פּלאַנטאַציעס. די פויערן האָבן אים געהערט פאַר־גאַפּטע, און האָרדי — דער אָרעמפּויער, וואָס האָט זיבן קינדער, האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— לייטן האָבן מאַזל — אַ צוקער־פאַבריק! און דאָ — האָסטו אַראָפּגענומען דאָס ברויט, איז כאָטש צעברעך זיך די הענט — ניטאָ וואָס צו טאָן מיט זיי, סיידן פאַרברענען די מיל, און גאָט זאָל קיין

ווינט ניט געבן, וואָלט מען געדרייט די ווינטמילן פאַר די פליגלען, פאָרט אַן אַרבעט. ווי זשע וועלן מיר לעבן אַף דער וועלט אין אַ יאָר צען אַרום? מענטשן וועט דאָך ווערן מער, און ערד איז אַזוי אויך ווייניק, נעמט, אַשטייגער, באַ אונדז אין דאָרף, קומט אוים צו דריי פערטל אַף אַ נעפעש, שקראַבעסט זי, שקראַבעסט זי, און ברויט קלעקט קוים ביז ווען וועסנע, וואָסזשע וועט שוין דעמאָלט זיין? האַ, דאָוויד? — האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דאַווידן, וואָס איז געזעסן לעבן אים אַף דער באַנק, — דו לייענסט דאָך ביכלעך, זאָג מיר, וואָס וועט עס זיין?

דאַוויד האָט פאַרקלערט געפרעגט:

— און איר, פעטער האָרדי? ווי מיינט איר?

האָרדים קלוגע קאָרע אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אַפן טינטער, וואָס אַף דער באַנק. אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך מיין, אַז אויב דער צענטער וועט גאָרניט צוקלערן מי־קויעכן איבערוואַנדערן — ס'איז דאָך דאָ פרייע ערדן אין סיביר, און אין כערסאָנשטשינע, און אַפן קובאַן, — און אויב מע וועט ניט אויסבויען קיין נייע זאַוואָדן, וואָס זאָלן צונעמען אונדזער דאָר־פישע אָרעמקייט, — אָט באַ מיר וואַקסן דאָך אויך זיבן שטיק, — וועט זיין שלעכט, לעצט שלעכט.

— איר זיינט גערעכט, פעטער האָרדי, אי מיקויעכן איבערוואַנ־דערן, אי מיקויעד די זאַוואָדן. און דער צענטער האָט שוין זיינס גע־טאָן: אַן איבערוואַנדער־פאָנד איז שוין דאָ. מיר זענען אָבער אָרעם, די מעלוכע האָט ניט בעיאַד צו געבן הילף די איבערוואַנדערער, און אַליין איבערפאָרן — איז ווער פאַרמאָגט עס אַזוינע געלטער, איר, צי איך? די זאַוואָדן די אַלטע לאָזט מען אויך און מע בויעט נייע, אַז אין אַ מעשעך פון צען יאָר כאָטש פאַרטאָפּלען אונדזער פּראָ־דוקציע, אַ טייל אָרעמקייט וועט טאַקע אָפּפלייצן פון דאָרף. מיר האָבן איצט זעקס מיליאָן אַרבעטער, וועט דעמאָלט זיין נאָך זעקס. דאָס הייסט, אַף יעדע דריי הויפן וועט אַוועקגיין איין מענטש; דאָס איז דאָך אָבער אַ טראָפּן אין יאַם. צוואַנציק מיליאָן הויפן איז פאַראַן אין פסס"ר. הונדערט מיליאָן פויערן! מוז מען טאָן נאָך עפּעס, פעטער האָרדי, און איר האָט ניט געזאָגט וואָס. די ערד

גופע דאַרף מען באַאַרבעטן בעסער, שאַפן אַ קולטורעלע ווירטשאַפט און ניט אַזאַ צאָרע ווי איצט.

— האָס ביסטו געדעכט, ס'איז צאָרעס, ניט קיין ערד־אַרבעט, — זייגען די פּויערן באַשטאַנען. און באַ פּיוועגקאָן לערנט זיך אַ זון אין אַגראָטעכניקום, — האָט ער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין רעדל און געזאָגט:

— מע דאַרף זיך צוהערן, וואָס די אַגראָנאָמען זאָגן.

און יאָקים:

— און איינפירן מאַשינעס, אַשטייגער, טראַקטאָרן. אַף דער צוקער־פאַבריק באַאַרבעט מען די פּלאַנטאַציעס ס'ראָוו מיט טראַקטאָרן.

פון הינטער יאָקימס פּלייצע האָט זיך אויפגעהויבן אַף די שפּיץ־פינגער יעגער פּויער, וואָס האָט זיך לעבן פונדאַמענט געזאָרגט פאַר דער שול, האָט געוואָרפן אַ קוק אַף יאָקימען, בייז אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— טראַקטאָרן, יאָ! און דערנאָך בויען קאַזאַרמעס, די כאַטעס אונדזערע צעוואַרפן און איינפירן קאָמונעס, אַ שיין לעבן וועט עס זיין: אַרבעטן לויט „נאַריאַדן", און אַלצדינג נעמען פון מאַגאַזין אַף קאַרטלעך, — ער האָט אַ קרומען שמייכל געגעבן, — און דיך, יאָקים, וועלן מיר מאַכן פאַרן קאָפּטענאַרמוס, — יאָקים האָט נאָר אַ קוק געטאָן און קיין וואָרט ניט געזאָגט: מיט אַזאַמינעם... איז דאָ וואָס צו ריידן! — און האָט אויסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג. פון פון הינטער זיין פּלייצע האָט נאָך עמיצער צוגעגעבן:

— עפּעס פאַרן שוין איצט ניט אום די אָראַטאָרעס, דערציילן ניט קיין מייסעס מיקויעד קאָמונע.

— און פונדעסטוועגן, וויפל איז דאָ אי קאָמונעס, אי קאָלעק־טיוון, — האָט דאַוויד געזאָגט, — נאָר ניט וועגן דעם שמועסן מיר אַצינד. לאָמיר אָנהויבן פון אָנהויב און ניט פון סאָף. און פון אָנ־הויב איז אָט וואָס: גייסט איבערן דאָרף און קוקסט אין די הויפן, אַף די לאַנקעס, — וויפל פּליטקעס ס'איז דאָרט אַנגעוואַלגערט אַף הייצונג, — גאַנצע בערג שטאַל־מיסט געפּאַטערט, און טוסט זיך אַ קלער: וואָס וואָלט געווען, ווען מ'זאָל די טויזנטער וואָגנס אַרויס־פירן אַפן פעלד.

האָרדי האָט אים אָנגעגומען פאַר דער פּלייצע.

— אָט דאָס איז דאָך די מייסע, דאַוויד, וואָס ביזן פעלד וועסטו זיי ניט דערפירן, וועסט זיי צעטרייסלען אַפן וועג — אַז די ערד אונדזערע איז העט אַף יענער זייט כוטערס.

— צען ווערסט. פאַרן טאָג וועסטו קיין צוויי מאָל ניט דורכפאָרן זיך.

און נאָך עמיצער — אין קלאַס איז שוין פינצטערלעך, זעט מען ניט ווער:

— און באַ אייניקע די ערד איז שוין צו נאָענט, לעבן סאַמע דאָרף.

— וואָרעם ער האָט אין אָנהויב רעוואָליוציע ניט מוירע געהאַט — פאַרכאַפּט און אַן עק. וואָזשע, כ'וועל עס עפּשער דיר אָפּגעבן אַצינד? — האָט געזאָגט יאַקאָוו, דעם אַלטן גנידעס באַוויבטער זון.

— רוקט איבער די האַנאָווקער ערד צום דאָרף, וועט אייך זיין גוט.

דאַוויד האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אינם האַלב־טונקל, און געענטפערט:

— די פעלדמעסטער, זיי וועלן איבערוקן. גנידע ווידער:

— וואָזשעדען? פעלדמעסטערס האָט זיך אים פאַרגלוסט. דו זיי ניט קיין צו גרויסער כאָכעם.

— וואָס איז דען?

— אָט גיב אַ פרעג טיכאָנען, וועט ער דיר דערציילן, — און גנידע האָט אַ פינקל געטאָן מיט די ציין. אַנטקעגן פענצטער, אַפן גראָוון פאָן פון אָוונט, האָט זיך טיכאָנס טונקעלע אומגעלומפּערטע פיגור קוים אַ שאָקל געטאָן, און אַ שטים, פול האַס און פאַראַכטונג, האָט אויסגערעדט:

— דו גנידע שטשירע ניט ציין. וואָרום איך שווייג—שווייג, און אַז איך וועל דיר געבן, וועסטו זיי שוין ניט צונויפקלייבן.

— אָווא!

— וועסט שוין דעמאָלט זען!

און יאָקים האָט זיך אויך געווענדט צו גנידען:

— איר מיינט, מיר ווייסן ניט, ווּעמענס ארבעט דאָס איז?
פון מיר האָט זיך פּלוצים דערהערט — ששש. אין קלאַס איז שטיל געוואָרן. אין מיר זייַנען אַרייַן און צוגעגאַנגען צום טיש מאַ־טיוכע, דער מיליציע־נאַטשאַלניק און דער עלטער גנידע. נאָך זיי זייַנען געגאַנגען אַהיר און הובארענקאָ און זיך אַוועקגעזעצט אַף דער פאָדערשטער באַנק. ס'זייַנען אָנגעקומען נאָך פויערן, דורכ־געגאַנגען אין קלאַס, געבליבן שטיין בא דער טיר — ס'איז געווען פול. לעבן טיש האָט מאַטיוכע און דער מיל.־נאַטש. גערעדט מיטן סעקרעטאַר. גנידע האָט אויך אַרייַנגעשטעקט זייַן שפּיציכין פּע־נימל. אין קלאַס איז שטיל, מאַטיוכע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט די שיקערע אויגן געעקבערט די פויערשע פּענימער. לעבן פענצטער האָט ער אָפּגעשטעלט זייַן בליק אַף דאַווידן און מיכאָנען און אָנגעבויגן זיך צום מיל.־נאַטש. יענער האָט אויך אַ קוק געטאָן צום פענצטער און לאַנג ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דאַווידן, דערנאָך האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיטן זילבערנעם פּאַפּיראָסניק און פאַרויכערט.
מאַטיוכע האָט מיט אַ הייזעריק שיקער קאָל דערקלערט די אַל־געמיינע פאַרזאַמלונג פון אָבוכיוועקער געזעלשאַפט פאַר געעפנט. דער טאָג־סיידער איז אַזאַ — ער האָט גענומען אַ פּאַפּירל און געלייענט: 1) וועגן פאַרגרייטן הייצונג פאַרן דאָרפראַט, 2) די מעל־דונג פון בירגער פון כוטער אַהיר, אָבוכיוועקער דאָרפראַט, קוש־נירענקאָ און 3) לויפנדיקע איניאַנים.
— מער ניטאָ קיין שום פראַגעס? — האָט ער בייז אַ קוק גע־טאָן אַפן אוילעם.
שטיל. אין דער שטילקייט הערט זיך פון פענצטער דאַווידס שטילע, נאָר זיכערע שטים:
— ניין, ס'איז דאָ נאָך אַ פראַגע.
מאַטיוכע איז פאַר אומגעריכטקייט געבליבן שטיין מיטן טאָג־סיידער אין האַנט. דערנאָך האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אָנ־גערוקט די ברעמען, דער אוילעם האָט אויפגערודערט, פון די פֿע־דערשטע בענק האָבן זיך די פויערן אומגעקוקט צום פענצטער און אין דער שטילקייט האָט עמיצער אַ קנאַק געטאָן מיטן באַנק־דעקל.
דאַוויד איז אויפגעשטאַנען:

— מיך אינטערעסירט און דער פֿאַרזאַמלונג, רעכן איך, וועט אויך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, ערשטנס: וואָס הערט זיך מיטן „פֿויהאָוואַר“ פֿון די ערד־כּעוורעס מיקויעד דער ערד־איינאָרדע־נונג, וואָס איז אָנגענומען אין דאָרפֿראַט מיט זעקס כּאַדאָשים צוריק, און צווייטנס: זאָלן די באַפֿולמעכטיקטע זאָגן, וואו האָט זיך אָהינגעטאָן דאָס ברויט, וואָס מ׳האָט פֿאַר דער ערד־איינאָרדענונג געקליבן? וואָס פֿאַר אַן אַקט האָבן זיי צונויפֿגעשטעלט מיטן אַרטעל?

מאַטיוכע האָט פֿאַרקנייטשט די ליפּן אין אַ פֿאַרטראַכטלעכן שמייכל און געזייעט די ווערטער:

— זייער פֿיין!.. זאָלסטו וויסן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, כאַווער מאַטוזקע, אַז די פֿראַגעס האָבן אַהער קיין שייכעס ניט. אַז מע וועט זיי שטעלן אַפֿן טאָג־סיידער, דעמאָלט וועלן מיר זיי באַטראַכטן.

— לייג איך טאַקע פֿאָר, מע זאָל זיי שטעלן, און איר שטימט, ווי די פֿאַרזאַמלונג האַלט.

— וואָס איז דאָ? — האָט דער מיליציע־נאַטשאַלניק אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, מאַטיוכע האָט אויך געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און דאָס פּאָנעם זיינס דריקט אויס פֿאַרוואונדערונג: אַ מענטש רעדט עס נאַרעשקייטן!

— כ׳בעט אייך, בירגער מאַטוזקע, מיר קיין דייעס ניט זאָגן, און כ׳רוף אייך צו אָרדענונג. אַ טאָג־סיידער איז פֿאַראַן. אַלע האָבן געהערט? לעבן פּענצטער איז אַ טומל און באַוועגונג, איבערן טיש מיט דער האַנט — טראַך!

— כ׳וועל דיך אַרויסשליידערן ווי אַ קעצל, אויב דו וועסט מיר אויסריידן נאָך אַ וואָרט, איך בין ניט געקומען אַהער שפּילן זיך, איך לייען אַ פֿאָרטראַג וועגן הייצונג פֿאַרן דאָרפֿראַט.

אין קלאַס איז שטיל געוואָרן. מאַטיוכע האָט אָנגעהויבן פֿון דער וויט, שיר ניט פֿון דער אָקטיאַבר־רעוואָליוציע, דערנאָך האָט ער דערמאָנט דעם בירגער־קריג, די פּאַרטיזאַנשטשינע, זיין אָנטייל אין קאַמף. נאָכדעם איז ער צוגעטראָטן צו דער פֿראַגע — „ווי אַזוי איז אויפֿגעקומען די ראַטנמאַכט און אַלס רעזולטאַט פֿון איר האָט מען איינגעשטעלט דעם דאָרפֿראַט“. נו, דאָס פֿאַרשטייען שוין

אַלע — זאָל מען מאָרגן ברענגען צופירן אין דאָרפראַט צו 25 פּליטקעס און צו פּוד טרוקענע האָלץ.

האָרדי האָט זיך אָנגעבויגן צו דאווידן:

— דאָס האָלץ איז פאַר כאַמאַן, וואָרום דאָס שטאָל־מיסט ברענט דאָך ניט אין קוב.

מאַטיוכע האָט פאָרגעזעצט.

— האָבן מיר די ערשטע פראַגע באַטראַכט. איצטער די אַנדערע, — ער האָט גענומען באַם סעקרעטאַר אַ פּאַפּיר, קושנירענקאָס מעלדונג (דער טינט האָט נאָך ניט אויסגעטרוקנט אַף דער מעלדונג) און אָנגעהויבן לייענען:

דעם אָבוכיווקער דאָרפ־
ראַט, שטשערבאַניווקער
ראַיאָן, פון בירגער פון
כ׳ אָהיר, פּאַוועל קושני־
רענקאָ.

אַ מעלדונג.

אין דער נאַכט אַפן 19־טן אַווגוסט ד. י. בין איך אַוועקגעפאָרן אין שטעטל יארעסקי, 65 ווערסט פון אונדז, אַפן יאַריד קויפן זיך אַ פערד, כ׳האָב שוין געהאַט געקויפט באַ אַ ציגיינער אַ גניאַדע שקאַפּע פון 9 יאָר, און באַצאָלט פאַר איר 180 רובל. כ׳האָב זיך שוין געקליבן פאָרן אַהיים, אַז ס׳גייען צו מיר צו די פויערן פון דאָרף אָבוכיווקע — האָרדי טשומאַק, מאַטוזקע פיליפּ און אַנדערע און מעלדן, אַז דער פערד מיינער איז קלאָמערשט טשומאַקס, וואָס מ׳האָט אים מיט נאָך אַנדערע זעקס די נאַכט צוגענאַנוועט באַ זיי פון דער פּאַשע. מוירע האָבנדיק, די צעווילדעוועטע פויערן זאָלן מיך ניט הארגענען, כאָטש איך בין אומשולדיק, האָב איך זיך געלאָזט לויפן, נאָר מ׳האָט מיך געכאַפּט, שטאַרק געשלאָגן, און ערשט די מיליציע האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון די פויערן. דערנאָך האָט מען מיך אַרעסטירט, און אָט לייד איך שוין דעם אַנ־

דערן כווידעש אומשולדיק אין דאָרף. ס'פירט זיך אַן אויספאָרשונג, און פון איר איז צו זען, אַז איך בין אומשולדיק, אָבער דערווייל זיץ איך, און אינדערהיים גייט די באַלעבאַטישקייט צו גרונט, און די פאַמיליע האָט ניט פון וואָס צו לעבן. דעריבער בעט איך מיט טרערן די אָבוכיוועקער געזעלשאַפט אַרויסגעבן מיין ווייב אַ „פריהאָוואָר“, מע זאָל מיך אַרויסלאָזן פון דאָרף כאָטש ביזן געריכט, וועלכער וועט זיך פאַנאַנדערקלייבן און מיך דעם אומשולדיקן אינגאַנצן פריישפרעכן.

פאַוולא קושנירענקאָ.

מאַטיוכע האָט אָוועקגעלייגט די מעלדונג אויפן טיש. ער האָט גענומען אַן אַנדער פּאַפּיר אין האַנט. אַף די בענק האָט דער אוילעם אין די הינטערשטע רייען געטומלט. קושנירענקאָ קענען דאָך אַלע פאַרן רעכטן באַנדיט. און אַלע ווייסן, וואָס ס'איז געווען אַפן יאַריד, און אַצינד — זע נאָר, וואָס פאַר אַ קלאָגמוטער ער איז געוואָרן — אַ „פריהאָוואָר“ גיב אים, דעם גאַזלען.

דער אוילעם האָט טויב גערוישט. מאַטיוכע האָט אָוועקגעלייגט דעם פּאַפּיר, אָנגעשפּאַרט זיך מיט בײדע הענט אַפן טיש און מאָלע רעציכע איינגעגעסן זיך מיט די אויגן אינם אוילעם, אַסעקונדע, עפּשער אַ מינוט. דערנאָך האָט אָנגעהויבן שטיל ווערן, און ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע הערט קלאָר, ווי מע זינגט ערגעץ וויים אַ ליד, דאַן האָט ער ווידער גענומען דעם פּאַפּיר פון טיש, ווידער אַ קוק געטאָן שווייגנדיק אַפן אוילעם און פאַוואָליע געזאָגט:

— דאָס איז די מעלדונג, אָנגעשריבן קלאָר, אַף רוסיש און מע קאָן פּאָשעט שטימען, נאָר פונדעסטוועגן וועל איך זאָגן, אַז אונדזער כוויוו איז צו פאַרטיידיקן די מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט, ווייל אַזוינס קאָן זיך טרעפן מיט יעדערן: געקויפט און שפּעטער לאָזט זיך נאָר אויס, אַז ס'איז אַ געגאַנוועטער פערד. פאַרוואָס זשע זאָל מען אומשולדיק גיין צו גרונט? ווען ער וואָלט אינדערעמעסן געגאַנוועט, ווי איינציקע זיינען כווישעד, וואָלט עס שוין די אויספאָרשונג פעסטגעשטעלט, און דאָ זאָגט אויך דער מיליציע-נאַטשאַל-

ניק, אַז מ'האָט פאַרהאַלטן עפּעס ציגיינערס, דערווייל ביז וואָס־ווען ליידט דער מענטש אין דאָפּר אומזיסט־אומנישט. און די ווירטשאַפט גייט צו גרונט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אין קלאָס איז שטיל.

דער „פּריהאָוואָר" איז דאָ שוין אַן אָנגעשריבענער, — האָט מאַ־טיוכע ווייטער געזאָגט, — מע דאַרף אים נאָר באַסמענען. כ'מיין, ס'איז דאָ ניטאָ וואָס צו שטימען.

— ניין, שטימען איז דאָ וואָס, — האָט זיך אָפּגערופן דאַ־וויד, — און נאָך פריער איידער צו שטימען, דאַרף דאָך די געזעל־שאַפט וויסן דעם אינהאַלט פון „פּריהאָוואָר", פאַר וואָס צו שטי־מען.

— וועסט באַסמענען, וועסטו איבערלייענען, און אויב ער טויג ניט, וועסטו ניט באַסמענען, נויטן וועט דיך קיינער ניט. און כויץ דעם..., — מאַטיוכע האָט אַ שמייכל געטאָן, — דו ביזט ערשט געקומען אין דאָרף, וואָס קענסטו וויסן וועגן דעם גאַנצן אייסעק?

— ס'איז גענוג צו הערן, וואָס מע רעדט וועגן דעם.

דאָ איז גנידע אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— דו דאָרט, זע! קיין אַדוואָקאַטן דאַרפן מיר ניט! רעד ניט פאַר אַנדערע, — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק, איז צו צום טיש און ווייטער גערעדט: — עפּשער וועלן זיך דאָ געפינען נאָך אייניקע, וואָס האָבן מיט קושנירענקאָן זייערע בעשבוינעס, — איז וואָזשע, זאָלן מיר זיי נאָכגעבן? אויב מע האָט בא אים צוגענאַנוועט אַ פערד, איז פון זיינעטוועגן — מעגסטו יאָ זיין שולדיק צי ניין — ווער פאַרפוילט אין טורמע! — און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן די בענק — ער וועט ציילן די שטימען. מאַטיוכע דאָן:

— דאָס איז ריכטיק, — און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן באַסענע־רינגעלע איבערן טיש, — שטיל, באַוויירים! זע־זשע, ווער פאַר וואָס ס'וועט שטימען, איך שטעל צו אָפּשטימונג: ווער איז קעגן דעם, אַז...

דאַוויד פון אָרט:

— ניט „ווער איז קעגן", נאָר ווער איז פאַר.

— ...מע זאָל קושנירענקאָן אַרויסגעבן אַ פּריהאָגאָוואָר, הויבט אויף די הענט, — און האָט אויפגעהויבן דעם לאָמפּ, מע זאָל בע־סער זען.

יאקאָוו ציילט:

— איינס, צוויי, דריי... וועמעס האַנט איז עס דאָרט? העכער הויב די האַנט, אָדער ווי דו ווילסט זיך, באַהאַלטסט זיך הינטער אַ צווייטנס פּלייצע, אַ, ס'איז כאַמענקאָ!

— ניין, ניין, — האָט זיך כאַמענקאָ דערשראָקן, — איך האָב זיך אַזוי אָנגעשפּאַרט.

— זיבן, — האָט יאַקאָוו געזאָגט.

— ווילן מיר אַזוי פאַרשרייבן: זיבן קעגן, איבער פערזענלעכע בעשבוינגעס, און אַצינד קומט כאַסמענען זיך. אָט אַזוי, פון עק גייט צו, און מיר מיטן סעקרעטאַר ווילן באַשטעטיקן.

דער ערשטער האָט אונטערגעשריבן גנידעס זון, ניט געלייענט אפילע. ס'זיינען צוגעגאַנגען די פויערן פון דער ערשטער באַנק, וואָס האָבן ניט געוואוסט, ווי זיך אויסצודרייען. אייגער האָט זיך שרעקעוודיק גענומען פאַרן היטל, האָט לאַנג איינגעטונקען אין טינ־טער און גענראָפּעט — די פען איז עפּשער אַ קאַליע, — ס'האָט אים אַזש אַ שוויים באַשלאָגן. אין קלאַס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַ־וועגונג, ווער צום טיש און ווער פון טיש. דאַוויד האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון באַנק און איז מיט טיכאָנען און יאַקימען צוגע־גאַנגען צום טיש. מע האָט גראַד אָוועקגעלייגט דאָס העפטל. דאַוויד האָט גענומען דעם בויגן און אָנגעהויבן לייענען פאַר זיך, און טיכאָן מיט יאַקימען האָבן אַריינגעקוקט פון הינטער זיין פּלייצע. ער האָט איבערגעלייענט, אַנידערגעלייגט דעם בויגן און אָפּגעקערט זיך פון טיש.

— ניין, — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אַזאַ „פּרי־האָוואָר“ וועל איך ניט באַסמענען: „אין קיין באַנדעס איז ער ניט געוועזן“ און „קיין כשאַד פאַלט ניט אַף אים“ — מע דערקענט גלייך אייערע פינגער, כעוורע.

מאַטיוכע האָט דערהערט.

— וואָס איז? — איז ער צוגעגאַנגען צו דאַווידן אַ העליש־רוי־טער, און די הענט שוין צונויפגעדריקט, אין פויסטן, ער ברענט ווי אַ פייער. ס'איז דאָך אַן אוילעם אָרום, אַלע הערן און זעען, דאָס הייסט דאָך אונטערייסן די מאַכט. נאָר וואָזשעדען, דאַוויד איז אַ פּאַרטייאישער? און מאַטיוכע האָט זיך איינגעהאַלטן. זיין בליק

איז געפאַלן צום טיר, וואו ס'האָבן זיך געשטופּט אַסאַך מענטשן, און כאַמענקאָ האָט זיך געפּרואווט הינטער די רוקנס אַנטלויפן פון צימער. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוסט און אַרויסגע־שלעפּט אַפן מיטן קלאַס.

— וואוהין אַנטלויפסטו? דו האָסט געשטימט קעגן? ניין? — און האָט אים אַ זעץ געגעבן אין פּאָנעם, אַז ס'האָט גענומען רינען בלוט, — אויב אַזוי, טאָ כאַסמע, הער! איכל דיך אויסלערנען!

דאַוויד איז בלייך געוואָרן — און האָט געציטערט ווי אין אַ פי־בער. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צום פּאָרזיצער. גאָר טיכאָן האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

— דאַוויד, לאָז אָפּ!

דאַוויד האָט זיך געריסן.

— אַ, איז שלאָגסטו נאָך אַדאַיעם? אַף אַן אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג? אַך, דו געמיינער בעפעש!

— אַרויס פון דער פאַרזאַמלונג!

דער באָכער עקט זיך. דאָס געזיכט זיינס דריקט אויס ווייטעק און האַס, גאָר טיכאָן מיט יאַקימען האָבן אים גענומען אונטער די הענט און אַוועקגעפירט צום טיר. ער האָט זיך שוין ניט געווערט גאָר לעבן טיר האָט ער אויסגעדרייט דאָס בלייכע און שטרענגע געזיכט און אַ זאָג געטאָן:

— זאָלסט וויסן, מאַטיוכע, ס'וועט דיר אַזוי גלאַט ניט אָפּגיין!

— מאַך צו די טיר!

פאַרמאַכט האָט עמיצער פון די פּויערן, וואָס איז געשטאַנען לעם טיר, ווידער איז געוואָרן שטיל אין קלאַס, ס'האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט, ווי סע שקראַבעט די פּען איבערן פּאַפּיר, אָט האָט כאַמענקאָ אויסגעווישט מיט דער פּאָלע דאָס פאַרבלוטיקטע פּאָנעם און האָט אויך אונטערגעשריבן. באַם טיש איז געזעסן מאַ־טיוכע און צובייסלעך באַרואיקט זיך. דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און עפּעס געזאָגט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געמאָלדן, אַז די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן, מאַכ־מעט קיין „לויפנדיקע איניאַנים“ איז ניטאָ. דעם „פּריהאַוואָר“ זאָל מען דאָ כאַסמענען. יאַקאָוו גנידע וועט דאָ בלייבן און אַכטונג

געבן, און אז אַלע וועלן אונטערשרייבן, זאָל ער ברענגען צו אים אַהיים.

זיי זיינען אַוועק. פון דער באַנק האָבן זיך אויפגעהויבן דער קליי־ניק מיט אַהי׳רן און אויך אַרויסגעגאַנגען.

IX

אין קיך אָפן טיש איז געשטאַנען דער פּאַרלאַשענער סאַמאָוואַר, און זינקע האָט לעם פּענצטער געוואַשן די גלעזער: באַם עק טיש איז געזעסן אַ מיליציאָנער אין אַ שינעל, מיט רוקן־רימענס און מיט אַ שאַשקע באַ דער זייט. ער האָט געטרונקען טיי; דאָס ברייטע לעפּישע פּאָנעם, גלייך מע האָט עס אָפּגעהובלט מיט אַ האַק, האָט געגלאַנצט פון שוויים. רימשקעלעך שוויים זיינען גערונען פון זיין נידעריקן שטערן אַף די ברעמען, און פון די ברעמען אַראָפּגע־רונען אַף די שלייפן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גלאָז, אַרויסגענו־מען פון הויזנקעשענע אַ טיכעלע און לאַנג געווישט דאָס פּאָנעם, פון עסצימער האָט מען געהערט פרויען־שטימען און קלינגעוודיקן געלעכטער.

— אָנגיסן נאָך? — האָט זינקע געפרעגט.

— עט, גענוג. אָט ווען דו גיסט מיר אָן אין דער גלאָז אַ גראַד זעכציק! דאָס וואָלט געווען רעכט!

ער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער, אויסגעווישט דעם פּאַר־שוויצטן האַלדז און געזאָגט, ווי פאַר זיך:

— זאָלסט זאָגן, ס׳איז ניטאָ, וואָלט ניט געווען אַזאַ פאַרדראָס. איר ווייס דאָך אָבער: מע וועט זשליאָקען אַ גאַנצע נאַכט, אַז קיין געוויסן איז ניטאָ אַף אַ האָר, כאָטש אַ גלעזל אָנגיסן פון יויצע וועגן.

— איר זאָגט בעסער דער באַלעבאָסטע.

— וואָזשעדען? „כ׳בעט אייך, גיסט מיר אָן“? ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַף דער וואַנט און מיט בייזער געקוקט אָפן מיידל. — איך זאָל נאָך וועלן, וועט שטיין פאַר מיר אַ פערטל עמער, אַ גאַנ־צער עמער! און — הוליע, כעוורע, טרינקט! וואָס, איך האָב קיין געלט ניט? עפּשער פאַרהוליע איך גאָר גאַנצע משׂערוואָנצעס פאַר

איין נאַכט? דו ווייסט, צי ניין? ניט דאָס איז דער איקער, מע האָט מיך אָוועקגעזעצט לעבן פּאָמעניצע טרינקען טיי, ווי אַ באַטראַק... איך מיטן נאַטשאַלניק, אַז מיר קומען צונאַסט, זיינען מיר שטענדיק צוזאַמען.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פאַרויכערט און איינגעוויקלט זיך אין גראָוון רויך. פון עסצימער הערט זיך פרויען־געלעכטער און אַ פּליעסקען מיט די הענט — „בראַוואָ, גינאָטשקע“. דער מיליציאָנער האָט פאַרמאַכט די אויגן — פאַרטרוימט זיך. לאָזט דעם רויך, פּלוצים אַ פרעג געגעבן זינקען, עפשער ווייסט זי, וועלכע האַלט נאָך איר געשעפט? — זינקע ווייסט ניט. שלעכט, וואָס זי ווייסט ניט. און שפּעטער, נאָך אַ פּויזע, האָט ער ווידער געפרעגט, צי איז נאָך אינדערהיים יענע פּלימעניצע וועקלעס, וואָס האָט געדינט אין שטאָט אין די נאָמערן, זינקע האָט געענטפערט, אַז, דאַכט זיך, אינדערהיים.

אין הויף האָט אָנגעהויבן בייזן דער הונט. זינקע האָט זיך אָנגעבויגן צום שויב — אינדרויסן איז לעוואָנעדיק. מ'איז שוין אַפן גאַנעק...

מ'איז אַריין אין שטוב. סע קלינגען די שפּאָרן, מאַטיוכע ווענדט זיך צו די געסט, בעט זיך אויסטאָן און אַריינקומען אין שטוב.

— און איינס־צוויי, וואָרום דער אָוונט איז שוין אַזוי אויך פאַרפאַלן, — האָט ער זיי געאיילט.

— נו, מיט דיין דעמאָקראַטיע איז אַ כידעש, וואָס דו ביסט ניט פאַרגומען ביז האַלבע נאַכט, — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק, צעשפּילענדיק דעם שינעל, — ס'איז דאָ, ברודערקע, באַ דיר אַ גאַנצע באַנדע. וואָס קלערסטו זיך נאָר?

— וואָס איך קלער? אויב מיר וועלן זיך ניט נעמען צו זיי, וועט זיין צאָרעס.

— קלאָר!

סאַכנאָווסקי האָט אויפגעהאַנגען דעם שינעל אַפן הענגער, אָנגעטאָן אַפן פרענטש די רימענס מיט דער שאַשקע און דעם נאַגאַן אין שיידל. ווידער אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן. פון טיש האָט זיך אויפגעהויבן דער מיליציאָנער און אָנגעטאָן דאָס היטל

— נו, איך גיי, כאָווער נאַטשאַלניק.

— ווייט?

— ניין, דאָ אין דאָרף.

— ווייל, ס'קאָן זיין, כ'זאָל דיך באַנאַכט באַדאַרפֿן.

— וועט מיך דאָס מיידל אָפּזוכן. איך גיי דאָ ניט ווייט, צו וועקלען.

— א האָס מיידל?

אַ פּויזע, דער מיליציאָנער האָט גענומען אין ווינקל דעם קאַראַבין, פֿאַרוואָרפֿן אים אַפֿן רוקן און אַרויס פֿון שטוב. סאַכנאָווסקי האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון זינקען. זי שטייט צו אים מיט אַ זייט, און ער האָט געזען איר דינעם און שטרענגן, ווי אויסגעשניצטן, פּראָפֿיל. ס'האָבן נאָר געציטערט אירע נאָזלעכער און אַ ברעם האָט זיך אויסגעבויגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון איר נאַקעטן האַלדז אַף דער ברוסט און נידעריקער אַף איר שלאַנקן שטאַלט. דזין, — ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו איר. דאָס מיידל האָט אַ ציטער געטאָן און אויסגעדרייט זיך: די ליפּן פֿאַרביסן, און די אויגן פֿון אונטער די שטרענגע ברעמען האָט זי איינגעשטיטן אין זיינע אויגן, אַ רעגע און עפּשער צוויי. אָט האַלט זי ניט אויס און ווענדט אָפּ דעם בליק, די קני אירע ציטערן דריבנע. און ערגעץ ווייט, ווייט הערט זיך אַ קלונג, ער האָט זי אָנגענומען פֿאַרן עלנבויגן, — זי האָט זיך אַרויסגעריסן און געזאָגט:

— משעפּע ניט! ?

און פֿון שוועל מאַטיוכע:

— ליאָניע, קום זשע אַהער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט אַפֿן אָפּצאַס און איז אַוועק אין עסצימער, אַריבער די שוועל, האָט ער אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן, זיך פֿאַרנייגט פֿאַר די געסט. צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע, — זי איז געזעסן אַף דער קאַנאַפּע פֿאַר אַ קיילעכיקן טיש צווישן דעם יונגוואַרג, — און געקושט איר די האַנט. געדריקט די הענט די פֿריילנס: אויסער באַטאַשקען און ניגען, איז דאָרט נאָך געזעסן דעם קליימניקס טאָכטער, אַ גראָבע געלע מויד, און נאָך עמיצער. מ'האָט געשפּילט אין „פֿלירט“. פֿון די מאַנסבלען איז געזעסן מיט זיי איין דאַניושע. די איבעריקע זיינען געווען לעבן צווייטן טיש און דאָרט

עפּעס געשמועסט. מאַטיובע האָט זיך געפּאָרעט לעבן בופעט מיט קאַראַפע. די עלטערע פרויען האָבן געגרייט צום טיש.

„אַ פּיילבל", — האָט ליזע דערלאַנגט נאָטאַלקען אַ קאַרט, און צו סאַכנאָווסקין האָט זי געווענדט דאָס געזיכט און געזאָגט אין אַ שפּאַס:

— אַך, סאַראַ שלעכטער איר זיינט, לעאָניד פּעטראָוויטש!

— איך?

— יאָ, איר. די פריילנס האָבן נאָך דערהערט פון קיך אייערע שפּאָרן, האָבן באַ זיי שוין אָנגעהויבן קלאַפּן די הערצער, און איר גייט ניט. אַסוואָרע, אייך האָט פּאַרקישעפט אונדזער ציגיינערן? — און האָט אַ קוק געטאָן שנעל און מיט געלעכטער. און נאָטאַלקע אויך:

— זי איז טאַקע אַ שיינע.

— פּכע, געפונען אַ פּאַרשוין, — האָט געזאָגט דעם קלייטניקס טאָכטער און אָנגעבלאָזן די ליפּן, — טאַקע אַ ציגיינערן, ביפראַט, אַז זי פּוצט זיך נאָך אויס אין אירע שמאַטעס...

— „כריזאַנטעם", — האָט זי דערלאַנגט סאַכנאָווסקען אַ קאַרט. ער האָט איבערגעלייענט — „פּאַרוואָס קומט איר אַזוי זעלטן צו אונדז". ער האָט אַ קוק געגעבן אויף איר: „אָט אַ פּאַסקודסטווע". דערנאָך האָט ער גענומען זוכן מיט די אויגן אין דער קאַרט און געפונען עפּעס, וואָס האָט זיך געפּאַסט פּאַר אַן ענטפער: „איך בין זייער געריִרט פון אייער מיטפיל", איבערגעגעבן עס פּאַשען, דאַן אַרויסגענומען דעם זילבערנעם פּאַרטסיגאַר מיטן גאָלדענעם מאָנאָגראַם און פּאַרויכערט.

דורכן רויך האָט ער געקוקט אויף די פרויען-פּנימער. ליזע, — וואָס פעלט איר? ער האָט זי מיט די אויגן אָנטבלויזט ביזן גאַרטל, ווייטער לאָזט ניט דער טיש, איבערגעפירט דעם בליק אויף נאָטאַלקען — באַ דער זעט מען די גאַנצע פיגור, זי האָט פּאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, פון אונטערן קליידל זעט זיך אָן אַ שטיקל ליטקע אין אַ דורכזיכטיקער זאָק, — ער איז צוגעפּאַלן צו איר מיטן בליק...

דזין, דזין, — אונטערן טיש. ער האָט זיך זשעדנע פּאַרצויגן.

„בעז", — אַפּן טיש איז פאַר אים געפאַלן אַ קאַרט. ער האָט אַ ציטער געטאָן פאַר אומגעדולדיקייט.

„Только утро любви хорошо,
Хороши только первые встречи“ *

האָט טרוימעריש געשעפּטשעט צו אים דער „בעז“. אַרום טישל איז שטיל. באַם צווייטן טיש האָט מען געקלאַפּט מיט די טעלערס. סאַכנאָווסקי האָט געקוקט אין דער קאָרט, געזוכט אַן ענטפּער, דערנאָך ווידער אַ קוק געגעבן אַף די פרויען און אַ קלער געגעבן מיט פאַרדראָס: „וואָס פאַר אַן אומזיניק לעבן. וואָס וואָלט געאַרט — צוגיין און זאָגן — קום! איבערלעבן זיי אַלע פאַר איין נאַכט. דאָס גאַנצע לעבן צעלייגן אַף אָן אַ שיר באַגעגענישן, אַלץ נייע, אַ רעגע יעדע“. און ער האָט זיך פאַרטרוימט.

...אין געדיכטעניש פון טראָפּישן וואַלד צווישן די ביימער
גאַנוועט זיך אַ נאַקעטער, מיט האָר באַוואַקסענער ווילדער,—
ער, ליאָנקע, ערגעץ ווייט איז אַ לאַגער. און אַהער זייגען די
פרויען געקומען גראָבן וואָרצלען. ער גאַנוועט זיך צווישן די
ביימער, ס'האָט אַ קנאַק געטאָן אַ צווייגעלע אונטער די פיס,
ער האָט פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט פון הינטער אַ קוסט: אַ
כאָפּטע פרויען, אויך נאַקעטע, האָט זיך צעשפּרייט צווישן
די ביימער. ער פאַרהאַלט דעם אָטעם, קוקט זיך שאַרף איין,
די אויגן שפּרינגען פון איינער אַף דער צווייטער. אָפּגעשטעלט
זיך אַף איינער — זי איז נאָענט. ער גאַנוועט זיך, איז שוין
גאָר נאָענט... דאַן פון הינטערן קוסט אַ שפּרינג און — גע-
פּאַקט. די פרויען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַלד אַריין,
ווי אַ סטאַדע סאַרנעס. נאָר איינע קרעכצט. זי רייסט זיך,
נאָר ליאָנקע האָט זי איבערגעבראָכן, ווי אַ לייב, מיט די
מוסקל־דיקע הענט, און זיי זייגען געפאַלן אין גראָז...

אַרום טישל האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אויפגעהויבן פון די בענקלעך. ליזע איז אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפּע און, אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן סאַכנאָווסקין, האָט זי צו אים עפּעס געזאָגט מיט אַ שמייכל. וואָס — האָט ער ניט איינגעהערט, ער האָט נאָך אַלץ

---

* „נאָר דער מאָרגן פון ליבע איז שיין,
עס איז שיין נאָר די ערשטע באַגעגניש“.

דורך איר געלעכטער געזען איר פּנים, וואָס איז פאַרקרומט פון ווייטעק, און די צעפּאַטלעטע האָר פאַרפלאָנטערט מיט גראָז... — ער האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס און אויפגעשטאַנען. פון טיש רופט מאַטיוכע:

— ליבע פרייגט, ס'איז דאָך שוין האַלב ניין! קומט צום טיש!— די געסט האָבן גערודערט מיט די בענקלעך, געזעצט זיך צום טיש מאַטיוכע האָט באַטראַכט דעם טיש. מיט די געסט — ער איז געווען צופרידן. ער האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך.

...מ'האָט געגעסן, געטרונקען, אַסאַך געטרונקען...

— — — — — — — — — — — —

גנידע איז געקומען שפּעטער, איינייגעם מיטן זון, דער זייגער האָט נאָר וואָס געשלאָגן צען, אין שטוב איז אַ ראַש, אַ טומל, ווי אַף אַ כאַסענע. געדעדט האָבן אַלע מיטאַמאָל און הויך, ווי צו טויבע. מאַטיוכע איז שוין אין איין קאַמזויל, און דער קאָלנער פון דער אויסגענייטער העמד איז צעשפּיליעט. אַפן אַנדערן עק טיש האָבן געגראַגערט די פרויען. גנידע איז צוגעגאַנגען צום פאָרזיצער, און יענער איז שוין טויט-שיקער. פונדעסטוועגן האָט ער אויפגעהויבן דעם שווערן צעפּאַטלעטן קאָפּ און געקוקט אַף גנידען.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט?

— אָט איז עס, מ'האָט געבאַסמעט, — גנידע האָט אַרויסגענומען פון זייט קעשענע דעם צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און אַוועקגעלייגט אַפן טיש, מאַטיוכע האָט אים אַ בלעטער געטאָן און שווער געקוקט אַף די כסימעס.

— נים אַלע האָבן אונטערגעשריבן, — האָט געזאָגט דער יונגער גנידע. מאַטיוכע דערצאָרנט:

— ווער איז?

— די זעלביקע. האַרדי טשומאַק און פּיווענקאָ... ס'וועט זיין אַ מאָן צען מיט יענע, וואָס האָבן געשטימט קעגן, — ער האָט זיך געזעצט צום טיש און צוגעגעבן, — ס'זיינען נאָך געווען אַזוינע כוואַטן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרמעקן די כסימע זייערע, קלאָמערשט איבערגעקלערט. — מאַטיוכע האָט שווער אַ קוק געגעבן:

— און דו ווייסט ניט, וואָס מע טוט מיט אַזוינע האַדעס? אין מאָרדע אַריין!

— ווײסן ווײס איך דאָפּקע, ווען איך זאָל האָבן די מאַכט!

— מיט מײַן האַנט! — מאַטיוכע האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אין ווינקל פון בענקל. פּלוצים האָט ער זיך אָנגעוואַלגערט אַפן טיש מיט דער ברוסט, האָט אויסגעצויגן די האַנט צום בראָנפן, איבערגעקערט אַ גלעזל און אָנגעגאָסן אַ גלאָז „סאַמאָהאָן“, פול ווי אַן אויג, און שווייגנדיק אָנגעוויזן יאַקאָוו. יאַקאָוו האָט שווייגנדיק אויסגעטרונקען די גלאָז מיט איין אָטעם, אויסגעווישט מיט איין האַנט די וואָנסעס און פאַרביסן, מאַטיוכע האָט ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך.

— און בײַ דאַווידן איז איצטער עפּעס אַ פאַרזאַמלונג, — האָט זיך יאַקאָוו פּלוצים דערמאָנט נאָכדעם, ווי ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן, און האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַפן פאָרזיצער, — אַזוינס פעלט אונדז נאָך.

— אַצינד אַ פאַרזאַמלונג?

— יאָ, יאָ, אַ פולע שטוב מיט מענטשן און, ווײַזט אויס, מע באַהאַנדלט עפּעס פראַגעס.

מאַטיוכע האָט פון אונטער די כמורנע ברעמען אַ קוק געטאָן אַף יאַקאָוון און שיקער אויפגעהויבן זיך פון בענקל.

— ליזקע, וואו, איז מײַן נאַגאַן.

ליזע האָט זיך אויפגעכאַפּט, די פרויען האָבן זיך אַלע דער־שראָקן. אָהירענקאָ, וואָס איז געזעסן לעבן שוואָגער, האָט אים פעסט אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קאָרניושע, לאָז צורו. ניט איצטער.

מאַטיוכע האָט נאָר אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— וואָס איז עס, ס׳איז העפּקער אַ וועלט! ס׳איז זיי דאָס צוואַנציקסטע יאָר, צי זיי פילן ניט די מאַכט?

דאַניושע האָט זיך אָפּגערופן:

— איר זענט מאָדנע לײַט, כאָשעווע כאַווײרים. זאָלן זיי זיך באַהאַנדלען צו געזונט! אַניט איז דען אונדז ניט ציקאַווע צו ווײסן, וואָס זיי כקירען דאָרט, אימשטײנס געזאָגט, מיט זייערע מויכעס? און וואָס פאַר אַ פּלענער זיי בויען? דעריקער איז אָט וואָס, — ער האָט זיך געווענדעט צו גגידען, — עפּשער קאָן מען אַהין אונטער־שיקן אונדזערס אַ מענטשל?

יאַקאָוו האָט אַ קלער געטאָן און געזאָגט:

— ס'איז שוין דאָרט דאָ איינער אַ פּאַסיקער.

— ווער? — האָט שווער געפרעגט מאַטיוכע.

— אָכטיז.

— נו, אָט, זעט זיך, קאָרניושע, ס'וועט אַלץ זיין רעכט, און מיר וועלן בעסער אויסטרינקען, — ער האָט אַוועקגעזעצט דעם שוואָגער, אונטערגערוקט אים אַ גלעזל און גענומען זיך אויך, און אַז מ'האָט אויסגעטרונקען, האָט ער זיך אָנגעבויגן מיט דער ברוסט אָפן טיש און געזאָגט שטיל, די פרויען זאָלן ניט הערן: — דאָ, זעט איר, טאָר מען זיך ניט איילן. מע דאַרף דעם איניען באַקלערן פון אַלע זייטן און דאַן אָף אַ מיליטערישן אופן — איינס, צוויי! און פאַרטיק!

— וואָס האָט איר מוירע? — האָט סאַכנאָווסקי אַ שיקערער געפרעגט פון דער קאַנאַפּע, און יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— אָט, ווען מיר רייסן נאָר אַרויס קושנירענקאָן.

מאַטיוכע האָט אַ קוק געגעבן אָף אים:

— און אַז אים איז באַ אונדז ניטאָ ווער?

פון הינטער זיין רוקן האָט זיך אויסגעצויגן אַ האַנט מיט אַ שיסל ווייגשל-זאַפּט; מאַטיוכע האָט זיך אָנגעבויגן אין אַ זייט:

— מע דאַרף אים אויסטשאַטעווען באַנאַכט, אָט אַפילע די, און פּאַטערן, ווי אַ הונט.

דאַניושע האָט אַ שטופּ געטאָן דעם שוואָגער. יענער האָט אַ קוק געגעבן אָף אים און דערזען, אַז דאַניושע ווייזט אָן מיט די אויגן אָף זינקען, וואָס האָט געשטעלט די שיסל אָפן טיש. ער האָט זי אַ שטופּ געטאָן מיט קאַס:

— גיי צו אַלדע רובעס! וואָס קריכסטו דאָ אום?

— איך קריך ניט, איך דערלאַנג דאָס עסן.

מאַטיוכע האָט אויפגעהויבן אָף איר די האַנט, נאָר זינקע האָט זיך אָפּגעווענדט, — ער האָט ניט געטראָפן און אַליין שיר ניט געפאַלן פון בענקל.

ליזע האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז צוגעלאָפן צום מאַן, זי איז אָנגעפאַלן אָף זינקען:

— אייביק פירסט דו אַרויס פון די קיילים! אזא פאַסקודסטווע!

זינקע האָט פֿאַרכידעשט אופגעהויבן די ברעמען און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. דערנאָך איז זי שווייגנדיק אַוועק. מאַטיוכע האָט געהייסן ליזען צוגרייטן פֿאַר זיי אַ טישל אין אַלקער: זיי וועלן זיין דאָרטן, און זאָל זי הייסן זינקען ברענגען קיסליצעס. דאָ פּאַסט ניט צו רעדן, ס'וועט עפּשער זיין אַן ערנסטער געשפּרעך.

— און טייקעף זאָל עס זיין! — האָט ער בייז געקוקט אַפֿן ווייב.

דערנאָך האָט ער זיך צוגערוקט צום טיש און לאַנג ניט געקאָנט אָנכאַפּן מיט די פינגער דעם לעפּל, אינדערשטיל געמאַכט אַ יִפּע,— סאָפּקאָלסאָף האָט ער געכאַפּט דעם לעפּל, אָנגענומען זאַפּט פון שיסל, מיט די שיקערע אויגן באַטראַכט די געסט, וואָס האָבן שוין פֿאַרביסן, און געמאַכט אַ שיקערן צעפּאָרענעם זשעסט מיט דער האַנט, ס'הייסט — כ'בעט אייך!

די ערשטע האָבן זיך אופגעהויבן פון טיש די פרויען. די מאַנס־בלען זייגען אויך אַרויסגעקראָכן. אָהיר, גנידע און דער קלייטניק האָבן זיך פלייסיק געצייכלעמט צו די איקאָנעס און דערנאָך גע־דאַנקט דעם באַלעבאָס פֿאַר דער האַנט. די יונגערע האָבן פֿאַרוי־כערט. ניקאָנאָר איוואַנאָוויטש האָט אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן. די עלטערע האָבן זיך געזעצט צום טיש, וואָס איז איצט געווען פֿאַר־שפּרייט מיט אַ טעפּיך, און פֿאָרגעזעצט דעם ניטפֿאַרענדיקטן שמועס. מ'האָט גערעדט וועגן יאַריד, דער קלייטניק לאָזט דאָך ניט דורך קיין איינעם, און אָהירן האָבן גראָדע אינטערעסירט די פרייזן אַף אָקסן.

— וואָס, איר קלערט בייטן?

— ניין, מיינע זייגען נאָך אויך ניט קיין אַלטע, — האָט אָהיר געזאָגט און אַ ווײַלע געשוויגן, — מע וואָלט גענאַרפֿט צו וועסנע צו נאָך אַ פּאָר, מיט איין פּאָר איז שווערלעך אויסצוקומען.

דער קלייטניק האָט פֿאַרזשמורעט אַן אויג, שאַרף אַ קוק געטאָן אַף אָהירן און אַ שטופּ געגעבן גנידען.

— הערסט: מיט איין פּאָר איז אים שוין שווערלעך, אי, יוכים כוועדאָראָוויטש, זע נאָר מ'זאָל דיך ווידער ניט פֿאַנאַנדערבאַלעגון.

דאָס איז אין אַ שפּאַס. נאָר גנידען איז געוואָרן עפּעס ניט היימ־לעך. ער האָט ווי אַ שולדיקער געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— ס'איז דאָך דעמאָלט געווען אַזאַ צייט.

— יאָ, ס'איז געווען...

דער קלייטניק האָט געזען, אַז בײַ אָהירן האָט זיך געלייגט אַ שאָטן אונטער די אויגן; ער איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט און גע־זאָגט פאַרקלערט גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— ניין, ביסטו אַ באַלעבאָס, אַ קלוגער מענטש, איז מעגסטו אים ניט נאָר פאַנאַנדערבאַלעגופן, נאָר טאָן וואָס דו ווילסט, — אַלץ איינס וועט ער בלייבן באַלעבאָס, און ווער ס'איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט און אַ פּוילאַק — מעגסטו אים געבן אַלע יאָר אַ פּאָר אָקסן, וועט ער בעמיילע פייגערן אַ פּראָלעטאַריער: אָדער ער וועט זיי פאַרטרינקען, אָדער ער וועט גלאַט ניט איינזען, און זיי וועלן בײַ אים פייגערן.

— אָט דאָס האָט איר געזאָגט אַנעמעס, — האָט גנידע צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, — וואָרים סע קאָרטעט דאָך אים ניט: ער האָט דאָך זיי ניט פאַרהאָרעוועט, און אַן אַנדערער קלערט זיך גלאַט: וועט ניט זײַן, וועט מען ווידער געבן.

— ניין, דאָס מעגן שוין די „כאַווײרים" פאַרגעסן! איצט האָט שוין די מאַכט אויך פאַרשטאַנען, אַז וויפל זאָלסט ניט גיסן אין אַ פאַס, אויב זי האָט קיין דנאָ ניט, וועט זי פול ניט ווערן, און אונדזער אַ „קענעסע" וויפל זאָלסט אים ניט געבן אי ערד, אי זריע, אי פיך — ער האָט זינט זיין לעבן ניט געבאַלעבאַטעוועט, אייביק געדינט בײַ יענעם — אַזאַ מאַזל האָט ער שוין. ס'איז דאָ ערדאַרבע־טער עמעסע, פון זיידעס און עלטערזיידעס. אָט וועמען די מאַכט דאַרף איצט האָבן אינזינען!.. — האָט דער קלייטניק געזאָגט. אָהיר האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ס'טוט זיך בײַ אים אין מאָגן, און עפּשער גאָר ניט געהערט דעם קלייטניקס ווערטער, און יענער האָט גערעדט ווייטער:

— דאָס וועט, פאַרשטייט זיך, גיין פּאַוואָליע, צוביסלעך, אָט אַצינד איז די גאַנצע זאַך געווענדט אָפּן מיטלפּויער, און שפּעטער

וועט מען גיין ווייטער: מע מעג דאַך שוין אַרענדירן ערד אויך בײַ די אָרעמפּויערן, ניט נאָר אין פּאָנד.

אַהיר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער פֿאַרקלערטקייט און צוגע־רוקט זיך מיטן גראָבן בויך צום טיש, אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט:

— מיט די ציין האַלטן זיי זיך פֿאַר דער ערד. סיידן עמיצער האָט קיין פֿערד ניט, און די ערד זיינע איז ווייט, טאָמער אָבער וועט יענער בראָדיאַגע אָנרייצן דעם אוילעם, און זיי וועלן זיך אָנהויבן סטאַרען...

דער קלייטניק האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ, שאַרף אַ קוק געטאָן אױף גנידען און געזאָגט:

— נו, דאָס איז שוין זייער זאַך, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן קאָפּ, — זאָלן זיך די יונגע זאָרגן...

בײַ גנידען האָט נאָר אַ ציטער געגעבן די לינקע ברעם, ער האָט זיך געמאַכט, גלייך ווי ער הערט ניט, און אָנגעהויבן ווידער רעדן פֿון די פּרייזן אױף אָקסן. פֿון גראַמאָפֿאָן האָט וויאַלצאַווע געזונגען די „משייקע“. דאָס יונגוואַרג אױף דער קאַנאַפּע האָט געלאַכט, דאַ־ניושע האָט אַזוי קאָמיש דערציילט יִדישע אַנעקדאָטן. אַפֿילו מאַ־טיוכעס מאַרדע, וואָס איז רויט, ווי אַ באַקלאַזשאַן, האָט זיך צעגאָסן אין אַ שיקערן שמייכל. ס'איז צוגעגאַנגען ליזע און געזאָגט, אַז דער טיש אין אַלקער איז שוין געגרייט. מאַטיוכע האָט זיך אָנגעכמורעט און צוגעוואַרט ביז דאַניושע האָט פֿאַרענדיקט דערציילן. דאַן האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און אַ מאַך געגעבן מיטן קאָפּ. ווי די מיידלעך האָבן זיך ניט געבעטן — נאָך אױף איין ווײַלעטשקע, זאָל דאַניושע דערציילן נאָך איין קורצינקן אַנעקדאָט, — מאַטיוכע האָט ניט אָפּגעלאָזט, — מ'טאָר ניט! זאָל זיין שפּעטער.

X

אין אַלקער איז לעבן בעט געשטאַנען אַ קיילעכיק טישל מיט אַ קאַראַפֿקע סאַמאָהאָן, גלעזלעך און פֿאַרבייסן...

— נו, אָט, ליבע פֿריינט, — מאַטיוכע האָט זיך אָוועקגעלייגט אױפֿן בעט און אָנגעשפּאַרט זיך אין דער וואַנט מיטן צעפּאַטלעטן

קאָפּ, — דאָס, וואָס מיר דאַרפֿן דאָ ריידן, איז ניט קיין קאָטאָוועס, דעריבער פֿאַרמאַך די טיר, יאַקאָוו, און איר אַלע זעצט זיך.

צומאַלעמערשטן האָט מען, נאַטירלעך, אויסגעטרונקען.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט זיך געהאַט אויסגעזידלט — מע לאָזט אַפֿילע ניט פֿאַרברענגען אַביסל מיט די פֿרויען, אָפּגעזוכט זיך געשעפֿטן. דאַניושע האָט אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע מיט אַ שיקערן שמייכל:

— גענוג דיר, ליאָניע, צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַנאַיגזם! אָט נעם זי סאַשען, דאַכט זיך, אַזאַ דער רוך ווייסט־וואָס, פֿונדעסטוועגן ביז דו וועסט ניט באַסענע האָבן...

— אַף קאַפּאָרעס דאַרף איך זי!

מאָטיוכע האָט באַמערקט:

— דאָס האָט אַ שייכעס, ברודערקע, ניט נאָר צו מיר, נאָר צו דיר אויך, דאָס איז אַ שעד אַף אונדזער קאָפּ. דעריקער, וואָס ער איז אַ פּאַרטייאישער. אָט וואו דער הונט ליגט באַגראָבן.

— יאָ, ער קאָן אָנטאָן מיימים, — האָט צוגעגעבן יאַקאָוו גני־דע, — דאָס איז ניט מיכאָן, דער וועט דיר געפֿינען אַ צוטריט אי אין פּאַרטיי און אין קרייז. פּאַר אים איז דען עפּעס שווער, אַזאַ שעד! איך קוק שוין נאָך אים: ער שמעקט אָן אומעטום; אָט האָב איך היינט אַפֿן „סכאָד“, געהערט, זיי האָבן גערעדט וועגן קוש־נירענקאָן: וואו האָט ער גענומען די דיסקאָנט־קאַרטע אַפֿן גענאָנ־ווענטן פֿערד? וואו האָט ער עס געקריגן אַזאַ קאַרטל, אַז ס׳איז דאָרט אַלץ אַזוי גלאַטיק, אי דער קאָליר און אַלע איבעריקע סימאָנים זיינען אָנגעוויזן ריכטיקע. האָט מאָקע דאַוויד געזאָגט: „ער האָט דאָך אַליין דאָס קאַרטל ניט אָפּגעדרוקט, ער האָט שוין, ווייזט אויס, אַזאַ גוטן פֿריינט, וואָס דרייט זיך לעבן די קאַרטלעך“, און מיקוויעד אָדאַריקען, וואָס האָט זיך געהאַנגען, איז אויך קלאָמערשט פֿאַראַן עפּעס אַ בריוו, אָדער זי האָט עפּעס געהאַט דערציילט. איך זאָג אייך, ס׳איז אַ מעסוקענער מענטש. און טאָמער טרעפֿט זיך עפּעס וואָס — זיינען מיר אַלע פֿאַרפֿאַלן!

שטיל. אַ ווײַלע שווייגן אַלע. עפּשער האָבן זיי זיך אין איילע־ניש דערמאָנט שטיקער אייגענעם לעבן פֿאַר די לעצטע יאָרן: וויפֿל פֿרויען סע קלאָגן זיך, ניט ווייסנדיק אַף וועמען, ס׳איז פֿאַראָרעמט

געוואָרן, געבליבן אָן אַ פערד. אייגנטלעך, איז דאָס אַלץ געשעפטן גנידעם מיט זיין קאָמפּאַניע, דאַניושע פלעג מער ניט אַ שעפּטשע טאָן: „מע וואָלט געדאַרפט אָנלערנען אָט יענעם, ער זאָל זיך אַזוי שטאַרק ניט היצן“, און מאַטיוכע האָט גענומען אַ פּאַי נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געשוויגן. און סאַכנאָווסקי — פאַר די דיסקאָנטקאַרטלעך... נאָר טאָמער וועט זיך עס אַנטפּלעקן, וועט מען קיינעם ניט שאַנעווען. פאַר גאַנוועגען פערד גלעט מען ניט איבערן קעפּעלע. און נאָר זייגען געקומען אַפן זיקאָרן ברודיקע הענט מיט בלוט פאַרשמירטע פלעקן. ליאָנקע האָט זיך אַזוי קלאָר פאָרגעשטעלט: די קלוניע און דעם אוילעם, אַף דער ערד ליגט אָדאַרקע, מ'האָט זי נאָר וואָס אַראָפּגענומען פון שטריק. ער האָט געפירט די אויספאָרשונג אין דאָרפראַט, און איינער אַ באָכער, בעשאַס זיי זייגען געבליבן אינצווייען אין צימער, האָט אים געזאָגט: „דאָס האָסטו, געמיינער נעפעש, זי אומגעבראַכט“, און געוואָלט אים שלאָגן, דעם באָכער האָט מען דערנאָך אַרעסטירט און שפּעטער — ווער ווייסט?, אַז די מיליציאָנערן האָבן אים געפירט אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך לעבן די קוסטעס געלאָזט לויפן... נו, האָט מען אים דערשאָסן...

אונטערן טיש האָבן אַ קלונג געטאָן די שפּאָרן. סאַכנאָווסקי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון בענקל און אַ צערודערטער דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טיש און געזאָגט לאַנגזאַם און פעסט:

— אָט וואָס, כאַווײרים, איך מיין, מע דאַרף לאַנג ניט שמועסן און פאַטערן דעם האַד.

שטיל. הינטערן טיר, אין עסצימער לאַכן די פרויען. דערנאָך האָט ליזע געזאָגט, אַפּאָנעם, עפּעס זייער אַ קאָמישע זאַך, וואָרים מע לאַכט ווידער. מאַטיוכע האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און, אָנגיסנדיק די גלעזלעך, געזייעט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— יאָ, איך האַלט אויך אַזוי, פאַטערן!

דאַניושע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — ווער קאָן עפּעס האָבן דערווידער? דעריקער אָבער איז ניט, וואָס צו טאָן, נאָר ווי אַזוי זאָל מען עס אָפּטאָן? ס'זאָל קיינער קיין פּיפּס ניט טאָן, און ניט אַזוי, מ'זאָל גלייך כאַפּן פאַר דער האַנט. אָט וועגן וואָס

מע דאַרף קלערן. יענע זיינען דאָך אַ גאַנצע בעוורע, זיי וועלן עס אַזוי ניט לאָזן, וועלן נישטערן, דעריבער דאַרף מען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, אַלצדינג פּינקטלעך אויסרעכענען, שאַפן די פּאַסיקע אומשטאַנדן, דאָס איז דאַניושקעס פאָרשלאָג.

ביסקלוואַנען דו וועסט שאַפן די אומשטאַנדן, וועט ער דאָ אַזוינס באַווייזן!

— שוין „באַווייזן“! מע דאַרף טשאַטעווען נאָך אים.

יאַקאָוו גנידע האָט אַ חוסט געטאָן און אָנגעבויגן זיך צו די כאַווירים, ער האָט אַ שטיקל פּלאַן. עמעס, אַ שלאַבעריקן, פונדעסטוועגן, ווען מע זאָל זיין, אַזוי ווי ער קלערט, וואָלט געווען גאָר גיט שלעכט. די מייסע איז אָט וואָס: ער איז נעכטן געווען אין מיל שפּעט, און דאַוויד האָט געמאָלן מיט טיכאָנען, טיכאָן איז אַוועק אַהיים און האָט צוגעשיקט פאַר זיך מאַריען. און דאָס ווייבל — זי קריכט אַליין אונטערן באָכער, אַלעמען פאַר די אויגן, דערנאָך איז ער געגאַנגען מיטן פאָטער פון דער מיל. האָט ער געזען לעבן מאַטוזקעס טויער — זיי הויבן שוין אָן פאַרדרייען אַ ליבע.

סאַכנאָווסקי האָט אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן:

— עפּעס אַ וואויל ווייבל?

יאַקאָוו האָט שווער אַ זיפץ געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

— שיין ווי גאָלד! קיין קינדער האָט זי דאָך ניט, איז זי ווי אַ מיידל — אַ לייביקע, אַ ברוסטיקע! און טיכאָן איז דאָך קראַנק, האָט זי זיך געקריגן אַ כעוורעמאַן.

יאַקאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן. מאַריע שטייט אים פאַר די אויגן, ווי אַ לעבעדיקע: מיט די רויטע באַקן און פולער ברוסט. יאַקאָווס ברייטע ברעמען האָבן זיך אַ ריר געטאָן.

— איז אָט קלער איך: עפּשער קאָן מען עס אויסנוצן? אַז זיי וועלן זיך פאַרדרייען אַף אַזויפיל, מע זאָל כאָטש נאָך אָנהויבן רעדן דערפון; בלייבט שוין איין קלייניקייט; דאַווידן קאָן מען דאָך אויסטשאַטעווען, אָדער גאָר פּאָשעט אין שטוב בא אים — ער לייענט שטענדיק לעבן פענצטער — און פאַרפּאַלן. — ווער? — ס'איז קלאָר, ווער: דער, בא וועמען ער האָט דאָס ווייב צוגענומען, ווייל אייפערזיכט. וויפל גיט מען דערפאַר?

סאַכנאָווסקי האָט סאַ'יד געענטפערט:

— אַכט יאָר מיט שטרענגער איזאָליאַציע.

— וואָס רעדסטו! — האָט זיך יאַקאָוו דערפרייט, — דאָס וואָלט געווען רעכט! — און ווידער איז אים פאַר די אויגן געשטאַנען מאַריע, ווי אַ לעבעדיקע. ער האָט עפּעס נאָכגעקלערט און געזאָגט:

— יאָ, מע דאַרף עס...

אַלע האָבן מאַסקים געווען, אַז ס'איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן. נאָר צי וועט ער געראָטן, איז נאָך אַ ספק, ווייל ס'איז דאָך געווענדט אין מאַריען און דאַווידן אַליין, פון דער זייט קאָן מע דאָ גאָרניט העלפן. גוט, אויב ס'וועט זיין אַזוי, אַף יעדן פאַל האָט דאַניושע אַן אַנדער פּלאַן. עמעס, ער איז אַביסל שווערער...

אַלע האָבן אַ קוק געגעבן אַף דאַניושען. ער האָט זיך טיף פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס, פּאַרוויקלט זיך אין גראָוון רויך און גענומען פאַנאַנדערוויקלען זיין פּלאַן. מע האָט אים אויסגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. אייניקע פּראַטים האָבן אַרויסגערופן היספּיילעסדיקע באַמערקונגען: „אָט דאָס איז רעכט“. און אַז דאַניושע האָט געענדיקט, האָט מאַטיוכע אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש:

— אָט דאָס פאַרשטיי איך! דעריקער איז דאַניושע גערעכט: „ווען איז עס געהערט געוואָרן, עמיצער זאָל שטימען קעגן?“ און דאָ זיבן מיטאַמאָל. מ'האָט פאַריסן די נעזער, און איך זע שוין, דאַכט זיך, ווי זיי אַלע, גאַנץ אָבוכיוועקע טאַראַשטשעט די אויגן און לאָזט אַראָפּ די הענט.

— מ'קאָן אַזוי מאַכן, אַז די פויערן זאָלן זיך אַליין מיט זיי צערעכענען, קלאָמערשט מיט אַ זעלבסטגעריכט, — האָט יאַקאָוו געזאָגט.

— מירן שוין געפינען אַ מיטל. לאָמיר אויסטרינקען, ס'זאָל זיין מיט האַצלאָכע.

מ'האָט געטרונקען. צווישן די גלעזלעך האָט מען גערעדט אַלץ וועגן דעם זעלבן: דער, יענער האָט אַריינגעשטעלט אַ פּראַט: און סאַכנאָווסקי, גלייך פון שיקרעס, האָט פּלוצים געזאָגט:

— מ'דאַרף נאָך עפּעס אַ פּרוי אַריינציען אינם אייסעק. כ'וועל דאָך ניט גיין מאַכן די אויספאָרשונג אַפן ניכטערן האַרצן! — ער האָט אַרומגענומען מאַטיוכען פאַרן האַלדז און איינגערוימט אים

עפּעס אַפן אויער. וואָס—הערט קיינער ניט. נאָר מאַטיוכע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און באַפריים זיך.

— דער רועך ווייסט דיך, — האָט ער געזאָגט אינדערהויך, — וואָס איז עס פאַר אַ גוסט באַ דיר. נו, וואָס האָסטו אין איר דערזען אַזוינס? אַ קליינס, אַ דאַרס.

וועגן וועמען איז דאָס? — האָט זיך דאַניושע פאַרינטערעסירט, — אַ סוואַרע, וועגן זינקען?

— ליאָנקע האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איר, — האָט מאַטיוכע געלאַכט. אַהירענקאָ האָט אומבאַשטימט ארויפגערוקט די ברעמען, און סאַכנאָווסקי, האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און, בלישטשענדיק מיט די שיקערע אויגן, אָנגעהויבן.

— איר האָט קיין גוסט ניט אַף אַ האָר, נאַראָנים! אַ קליינס און אַ דינס — דאָס איז דאָך דער סאַמע צימעס! עך, ס'איז געווען אַ לעבן, — ער האָט אַ זיפץ געטאָן און פאַרקלערט זיך, — אַז איך האָב געדינט אינם „פּראַדאַטריאַד", בעאייסן הונגער... צווישן די פּאַרוואָרלאָזטע פלעגן זיך טרעפן אַזוינע שיינהייטן, — טאָמער איז עס געווען שמוציק און פאַרדריפּעט, האָט ער געהאַט באַ זיך אין דירע אַזאַ זיידן כאַלאַט, אַז ער פלעג זי ברענגען, פלעג ער זי איבערטאָן אין דעם כאַלאַט. און דאָס איז נאָך יונג — אַ יאָר צוועלף, ס'האָט נאָך קיין ברוסטן ניט... לאָזט עם אַרוים אינדערפרי, גייט עס און סע שאָקלט זיך... און דער גאַנצער פאַרגעניגן פאַר איין פונט שוואַרץ ברויט...

גגידע האָט אויסגעשפּיגן פון צווישן די ציין. דאַניושקע האָט געקוקט אַף ליאָנקען מיט עקל, און אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן, האָט ער זיינעם אָפּגעפירט אין אַ זייט. מאַטיוכע האָט אַ זאָג געטאָן: — אָך, ביסט אַ נעוויילע, — ליאָנקע!

ליאָנקע האָט זיך ניט באַליידיקט:

— מיר זענען אַלע רעכטע זוינעס... ווייל דאָס לעבן אַליין איז אויך אַ שאַנד־הויז.. נו, מיר האָבן געמאַכט אַן עק?

נאָך אַ ווײַלע, און מ'האָט איינגעטיילט די ראָלען: דער פּלאַן, איינגעלעך, איז וואָסערער ס'וועט געראָטן — אָדער גגידעס, אָדער דאַניושקעס. און דערווייל דאַרפן אַלע שטאַרק נאָכקוקן נאָך דאַווידן און דעריקער פאַרצוימען אים אין אַ פאַרשלאָסענעם קרייז, ער

זאָל זיך פון אים ניט אַרויסגליטשן. דאָס איז שוין סאָכנאָווסקיס זאַך — אין ראַיאָן אַלעמען פאַרשמירן די אויגן און קאָנטראָלירן די פּאַטשט. ליאָנקע האָט לאַנגווייליק געקוקט אין אַ ווינקל און געשוויגן.

עמיצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. ליזע איז אַריין און אַ פרעג געטאָן: מיי דערלאַנגען אַהער, אָדער עפּשער וועלן זיי אַרויס־גיין אין עסצימער?

— באַלד, — האָט מאַטיוכע געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך דער־מאָנט און געפרעגט דאָס ווייב, — וואו איז דאָס זינקע מיט די קיסליצעס?

— זי האָט דען ניט געבראַכט?

סאָכנאָווסקי האָט זיך אַנידערגעזעצט אָפּן בעט מיט די אויגן צום טיר. ער האָט שוין ניט געהערט, וואָס מ'האָט דאָ גערעדט. דאָרט הינטערן טיר האָבן געלאַכט די פרויען, און ערגעץ וויט־וויט האָט עלנט געזונגען אַן אומעטיקע פרויען־שטימע. פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט — ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ווידער פאַר־מאַכט זיך ערגעץ וויט־וויט... זינקע איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַוועקגעשטעלט די שיסל און באַלד אויסגעקערעוועט זיך. מאַטיוכע האָט זי אָפּגעשטעלט.

— אָט וואָס, נעם אָן אַן עמער האָבער אין קאַמער און גיב דעם נאַטשאַלניקס פערד. און נעם דעם שליסל, ווערסטו פאַרשליסן די קלוניע, האָסט דאָך נאָך קיין האָבער ניט געגעבן?

— איר האָט דאָך ניט געהייסן.

— נו, גיי.

זינקע איז אַרויס. אין קיך איז דער סאַמאָוואַר פאַרקילט — אין די באַלעבאָסטע אָנגעפאַלן אַף דער אַרבעטערן, און זינקע איז שוין אַזוי פאַרמאַטערט פאַרן טאָג, דער קאָפּ פּלאַצט איר שיר. זי האָט אַפילע ניט געענטפערט דער באַלעבאָסטע. אַרויפגעוואָרפן אַף זיך אַ גרויסע שאַל, גענומען אונטערן באַנק אַן עמער און אַרויס פון שטוב.

שוין שפּעט. די פולע לעוואָנע שטייט הויך אָפן הימל, סאַמע איבערן הויף. שטיל אַזוי אַרום און אַרום. מע הערט ווי ס'איז אַראָפּ־געפאַלן אַ בלאַט פון אַ קאַשטאַנבוים לעבן דער קאַמער. ערגעץ

ווייט, אין צווייטן עק דאָרף רופן זיך איבער די פּאַרובקעס, און ס'בילן הינט. זינקע האָט זיך דערמאָנט: אַפן כומער הערט זיך אויך באַנאַכט פון גאַנץ ווייט. ס'האָט אַפילו פאַרשמעקט אַזוי: מיט קלאָנעס פון סאָד און מיט בוריאַן פון פּוסט־פעלד.

אין קאַמער האָט גאַכגעגעבן מיט טוואוע און מייז, זינקע האָט אָנגענומען אַ פולן עמער האָבער, פאַרשלאָסן די קאַמער און אַוועק מיטן הויף און דורכן טויער, וואָס פירט אין גאָרטן אַריין, צו דער קלוניע. געגאַנגען שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עפּעס גע־קלערט. אין גאָרטן האָט געשמעקט מיט בוריאַן און פון ברעג מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. ווען דאָס מיידל האָט געעפנט אַ האַלבן טויער, פון קלוניע, איז פון דרויסן געפאַלן אַ ברייטער פּאַס לעוואַנע־שיין און דער כווישעד איז אָפּ אין די ווינקלען. לעבן זשאַלאָב האָבן שטיל געהירזשעט די פערד — דערשמעקט דעם האָבער.

— וואַרט, אָט גיב איך, — האָט זיך דאָס מיידל אָנגערופן צו זיי און פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען — עפּשער בריקען זיי זיך. אויסגע־צויגן אַ האַנט, אַ גלעט געטאָן אַ קאָפּ. צוגעגאַנגען נעענטער, די פערד זיינען שטילע. זיי האָבן זיך געצויגן מיט די מאָרדעס צו איר, זי האָט אַפילו געמוזט אָפּ זיי אָנשרייען. אויסגערייניקט דעם זשאַלאָב און אָנגעשאָטן אַהין האָבער. די פערד האָבן גענומען געשמאַק כראָמקען, און דאָ האָט שטיל אַ סקריפּע געטאָן דער טויער און פאַרמאַכט זיך. אין קלוניע איז געוואָרן פינצטער.

זינקע האָט אַ ציטער געטאָן און צוגעהערט זיך. ניין, אין קלוניע איז שטיל, קיינער איז נישטאָ. ס'איז עמיצער פון דרויסן. קיין ווינט איז דאָך אָבער נישטאָ, זי איז שטיל אָפּ די שפּיצפינגער צוגעגאַנגען צום טויער און געוואָלט אים עפענען; פּלוצים האָט זי עמיצער אָנ־געכאַפּט פאַר דער האַנט. זי האָט אויפגעשריען, זיך אַ ריס געטאָן, נאָר אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן זי פאַרקוועטשט אַזוי, אַז ס'האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם; און אין פּנים האָט אַ זעץ געטאָן דער רייעך פון סאַמאָהאָן און אַ הייזעריקער שטים:

— שטיל, אַניט דערשטיק איך דיך!

— אַ־אַ!..

...ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס מיידל אַפן היי און אָנגעוואַל־גערט זיך אָפּ איר, איין האַנט אירע האָט ער פאַרקוועטשט און פאַר־

וואָרפֿן הינטער איר רוקן, און די אַנדערע האָט ער ניט געקאָנט כאַפּן; אין פֿאַרצווייפֿלונג האָט זי אים געשלאָגן איבערן פּנים, געריסן אַף אים די קליידער — ער איז ווי פֿון שטיין, ענדלעך האָט זי זיך נאָך איינמאָל פֿאַרצווייפֿלט אַ ריס געטאָן, אַרומגעכאַפּט אים מיט דער האַנט פֿאַרן האַלדז און ניט אָנגעבויגן אים צו זיך, נאָר זיך אַ צי געטאָן צו אים און איינגעגעסן זיך מיט די ציין אין זיין האַלדז. ער האָט אַ געשריי געטאָן, זי האָט אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ, זיך ווידער אַ ריס געטאָן און אַוועקגעפֿלויגן אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט...

...אַז זי האָט זיך אויפֿגעהויבן אַף די הענט און אַראָפּגעשאַרט פֿון פּנים די צעפּאַטלעטע האָר, האָט זי דערזען: זי ליגט אונטער אַ פּלויט אין אַ קאַרטאָפֿל־גאָרטן, ס'איז שטיל — סע קלינגט נאָר אין די אויערן, ס'האָט געשמעקט מיט בוריאַן און ביז ווייטיק האָט געשמעקט מיט ערד.

זינקע האָט זיך דערמאָנט אַלצדינג: ווי אַזוי האָט זי זיך אַרויס־רסן? און וואו איז זי איצט? ער זוכט דאָך זי מיסטאמע? ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר, געשאָסן, נאָר אַצינד איז זי אַזוי מיד. זי האָט גאָר אויפֿגעהויבן דאָס קליינע אומעטיקע געזיכט צו דער לעוואָנע און מיטאַמאָל פֿאַרדעקט מיט די הענט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער סאַמע ערד.

ערגעץ ווייט האָבן געגוואַלטעוועט הינט.

XI

ווי אַ בלאָווער נעפּל האָט זיך געשפּרייט דער שטיקנדיקער מאַ־כאָרקע־רויך, אין גרינגע כוואַליעס האָט ער זיך געהוידעט איבער די קעפּ פֿון די פּויערן, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש, אַף דער באַנק און לעבן פּריפּיטשעק. אין שטוב איז דושנע, נאָר מע זיצט אין די פּעלצן, אין די סווימעס. סע שמעקט מיט שוויים, מיט שאָפּענע פּעלצן און מיט שוואַרצערד. די טיר אין פֿעדערהויז איז אָפֿן, נאָר סע העלפֿט ניט: אַלע מאָל שטיקט זיך די אַלטע מאָטוזיכע הוסטנ־דיק אַף דער לעזשאַנקע, וואו זי זיצט מיט נאָך שכיינעס. כריסטיע שטייט — ערשט ניט לאַנג געקומען פֿון שפּאַציר. נאָך דער מאָ־טוזיכעס הוסט שוער טיכאָן און דריקט מיט דער האַנט די ברוסט.

דאַוויד לאָזט דאָן אַלעמאָל אַראָפּ די צייטונג און רייסט איבער דאָס לייענען ביז מיכאָן וועט זיך ניט אויסהוסטן, אויסשפּייען אַף דער ערד, אופהויבן דאָס אָפּגעמאָגערטע געזיכט און זאָגן: „שוין, לייען".

אין שטוב איז שטיל. די פּויערן זיינען פאַרגאַפט און זיצן פאַר־גליווערטע אין פאַרשיידענע פּאָזעס: איינער האָט זיך אָנגעבויגן מיטן גאַנצן קערפּער צום טיש און הערט מיט ברייטגעעפנטע אויגן; אַ צווייטער האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און הערט, ווי פאַרקלערט. פון ווינקל קוקט אַראָפּ בריסטאָס אַ שוואַרצגעוואָרענער פון אַלטקייט, מיט הויך אופגעהויבענע ברעמען, גלייך ער וואָלט זיין פאַרבידעשט, און פון וואַנט, איבערן קאָסע פענצטערל קוקט לענין, פאַרזשמורעט איין אויג, כאַפּט יעדער וואָרט, יעדע באַוועגונג פון די פּויערן, קעדיי שפּעטער, ווען אַלע וועלן זיך שוין פאַנאַנ־דערגיין און אין שטוב וועט ווערן שטיל, אָנבויגן דעם הויכן שטערן און קלערן.

האָרדי האָט אָפּגעשטעלט דאַווידן:

— וואָרט אַ ווײַלע! וואָס איז דאָס אַזוינס סטאַביליזאַציע?

דאַוויד האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס הייסט פאַרשטאַרקונג, ווען מע שטייט פעסטער אַף די פיס. דאָס רעדט זיך וועגן קאַפּיטאַ־ליזם. אָבער איז דאָס דען אַן ענטפער? — האָט שוין דאַוויד גע־מוזט אַוועקלייגן די צייטונג, זיך אויסגעהוסט און געהאַלטן אַ גאַנצן פאָרטראַג: אין וואָס פאַר אַ שטאַנד די קאַפּיטאַליסטישער מעלוכעס זיינען אַרויס פון דער מילכאָמע, ווי סע וואַקסט זייער אינדוסטריע, וואָס פאַר אַ ווידערשפּרוכן סע צעפרעסן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט. ער האָט שוין געמוזט דערציילן אויך וועגן פּסס"ר, וועגן דער אויפלעבונג פון אונדזער ווירטשאַפט; אַראָפּגענומען אַ ביכל פון פּאָליטשקע, געלייענט ציפערן. און דערנאָך ווייטער געלייענט די צייטונג, ס'האָט זיך באַגעגנט אַ וואָרט „אוגאָדאָוועצעס", — דאַרף מען זיך ווידער אָפּשטעלן, כאָטש אין קורצן, אַף אַלע פּאָלי־טישע גרופּירונגען. דעם צוזאַמענפּאָר פון קאָמיוג האָט דאַוויד פאַ־שעט איבערגעהיפּערט: ער פילט, דער אוילעם איז שוין מיד; האָט ער קורץ איבערדערציילט, וואָס דאָרט איז געווען, איבערגעקערט די צייטונג און געעפנט דאָס זייטל „פּויערן־לעבן". דאָס זיינען קורצע דאָרפקאָרישע נאָטיצן.

לעבן דאָווידן איז געזעסן האָרדי משומאק, — ער האָט אויך אַריינגעקוקט אין צייטונג, דערנאָך זיך אָנגעבויגן נעענטער.

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ פּים שטעקן עס דאָ?

ווער ס'איז געזעסן נעענטער, האָט זיך צוגערוקט צום טיש, און לעבן פּריפּיטשעק איז אויך עמיצער אויפגעשטאַנען:

— אַנו, לייען אקארשט איבער.

דאווויד האָט איבערגעלייענט. דאָס האָט זיך אין דעמידאָווקע, אַ דאָרף טאַקע אין זייער קרייז, דער פּאָרזיצער אָנגעשיקערט אַף אַ סימכע און, געענדיק אַהיים איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ריוו אַנ־קעגן דאָרפראַט; דאָרט איז ער געבליבן שלאָפן ביז די פּויערן האָבן אים ניט אַרויסגעשלעפּט. אין צייטונג איז אָנגעמאָלט, ווי מע קלייבט זיך אים אַרויסשלעפּן, פון ריוו שטעקן זיינע פּיס, אַ כאַזער וויל זיך צעקושן מיטן פּאָרזיצער, און די איבערגעשראָקענע פּויערן קאָנען זיך קיין אייצע ניט געבן.

פון די פּויערן האָט עמיצער ניט זיכער אַ לאַך געטאָן, איין יאַקים האָט זיך הילכיק צעלאַכט, און האָרדי האָט געזאָגט ערנסט:

— דאָס מאַכט מען כויזעק פון אונדז: זע נאָר ווי מ'האָט זיי אויסגעמאָלט, ווי נאַראָנים — אָן היטלען און קראַצן זיך אין קאָפּ. דער פּאָרזיצער איז דאָ נאָר אַ צוטשעפּעניש, וואו איז ער דען! סע שטעקן נאָר אַ פּאָר שטיוול, און נאָך וואָס פאַר אַ שטיוול — די פינ־גער קריכן פון די לעכער.

דאווויד האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס הייסט, נאָר די שטיוול. אָט איז נאָך אָנגעשריבן: „אין דאָרף דעמידאָווקע איז פּאָרזיצער קונדראַט נעסטערענקאָ", מיר קאָנען אים ניט, נאָר האָט קיין יעסורים ניט, די דעמידאָווקער וועלן אים גלייך דערקענען.

— און איך זאָג אייך, ס'איז אַלץ אויסגעקלערט, אי דער נאָמען, אי דאָס דאָרף, אַניט וואָלט די מאַכט דערלאָזט, מע זאָל וועגן איר אַזוינס שרייבן? — האָט עמיצער מיט אומטרוי געזאָגט. דאווויד האָט געענטפערט:

— אַ מענטש, אַז ער האָט קרעץ אַפן לייב, וועט ער זיך דען אויסהיילן, אויב ער וועט שלאָפן אין פּעלץ? ניין! מ'דאַרף אַפילע די העמד אויסטאָן, אַלע וואונדן זאָלן זיין אויבנויף. איינע דאָרף

מען עפּעס באַשמירן מיט יאָד, און אַן אַנדערע גאָר אויפשניידן און אויסקוועטשן. אַזוי איז אויך אונדזער רעפּובליק. זי איז געבוירן אין די גאַסע גראָבנס, אין די ניטגעהייצטע עשעלאָנען, געליטן הונגער און כאַדאָשימוויים ניט געביטן קיין העמד, וואָזשע זאָלן מיר זיך שעמען, אַז מיר זיינען אינגאַנצן באַדעקט מיט בלאָטערן און וואונדן? ס'איז פאַראַן באַ אונדז סאַמאָהאָן; ס'זיינען דאָ באַנדיטן לעבן דער מאַכט, אין פּאַרטיי איז אויך דאָ פּוילעניש. ניט באַהאַלטן זיך דאַרף מען, נאָר אויסטאָן די העמד און ברענען מיט יאָד. דאָס טוט איצטער די מאַכט און די פּאַרטיי, און ניט מע טרייבט לעצאָנעס פון די פויערן, ווי איר מיינט, פעטער האָרדי.

האָרדי האָט אין סאָפּעק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ער האָט געקוקט אַף דאַווידן און לאַנג וועגן עפּעס געקלערט. דאַוויד האָט שוין געלייענט אַ צווייטע נאָטיץ וועגן דער קאָאָפּעראַציע אין אַן אַנדער דאָרף, און האָרדי האָט נאָך אַלץ געקלערט זיינס. און אַז דאַוויד האָט געענדיקט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעקוועטשט פון זיך אינדערשטיל אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— איז עפּשער... וואָלטן מיר וועגן אונדזערן אויך אָנגעשריבן אין בלאַט?

— ס'וועט ניט קלעקן קיין פּאַפּיר, ווען מ'זאָל וועלן באַשרייבן אַלע זיינע שיינע מייסים, — האָט עמיצער ביין געזאָגט.

טיכאָן האָט זיך פאַרהוסט, דאַן אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— נישקאָשע, סעט קלעקן! אָט ביזוואַנען מיר זענען אַלע איינגעם, לאָמיר אָנשרייבן; ביז וואַנען איז דער שיר צו ליידן? עפּשער איז דאָ עמעס אין די העכערע אָרגאַנען? און טאָמער ניט — וועלן מיר אָנשרייבן אַ פּאַפּיר אין סאַמע צענטר!

— געווים. עפּשער זיצן טאַקע אין די העכערע אָרגאַנען די עמעסע מענטשן? ביז וואַנען איז דער שיר!

— באַ לייטן איז אַ מאַכט, און באַ אונדז קאָן מען דען לעבן?

אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. לעבן פּריפּיטשעק האָט מען אויך געהויבן די מאָרעשכוירעדיקע, טיפגעקנייטשטע פּענעמער, אייניקע האָבן נאָך געקוקט דערשלאָגן, נאָר וואָס ווייטער האָבן זיך אונטערן דרוק פון מאַטיוכעס פויסט געוועקט איינגעהאַלטענער קאַס,

צעיאַטערטע פּויערשע קריוודעס און האַפּענונגען, צעטראַטענע פון מאַטיוכעס הייזעריקן „מע טאָר ניט“.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק כאַמענקאָ, אַן אַלטער, מיט אַ געשוואָלענעם פּאָנעם פון מאַטיוכעס זעץ. ער האָט געזאָגט פאַרצווייפלט: „איר האָט דאָך אַליין געזען! וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? ס'האָט געשלאָגן דעניקין, איז עס דאָך געווען אַ בורזשויסקע מאַכט, און דאָס איז דאָך אונדזער מאַכט, די סאָוועטישע! וואו זשע איז יווישער? ער האָט זיך פאַרקויפט צו די באַלעגופן און האַלט שוין דעם אָרעמען פאַר אַ הונט!

— עמעס, עמעס! טאָמער וואָס, נעמט ער זיך פאַרן נאַגאַן!

— שרייב, דאַוויד!

— און אונדזער דאַמפּמיל — זי איז דאָך אַן אָרעמפּויערשע — האָט ער מיט פאַלשקייט פאַרכאַפּט אין אַרענדע מיט די קאַמפּאַניע זייער, און איצטער שינדן זיי פון אונדז די הויט!

— און די ערד-איינאָרדענונג פאַרהאַלט ער אומיסטן, קעדיי מיר זאָלן פאַרדינגען די באַלעגופן די ערד.

— שרייב, דאַוויד!

האָרדי האָט זיך ווידער אופגעהויבן:

— און איך וועל אָט-וואָס זאָגן... אָט האָט מען בײַ אונדז אָנגעהויבן גאַנוועגען פערד. איר מיינט, ס'איז פרעמדע? טוט נאָר אַ קוק, ווי מע לייגט איין די וועלט פאַר קושנירענקאָן? ס'איז אַלץ איין בעוורע... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט פאַרכידעשט אַף דער טיר. לעם טיר האָט אַ מיידל אונטער די שטומע בליקן פון די פּויערן, ווי פאַר קעלט אופגעהויבן די אַקסלען און שטיל געזאָגט — „אַ גוטן אָוונט“. זי האָט געפירט מיט די אויגן איבער דער שטוב, דערקאָנט אַפן געלעגער כריסטיען, — אירע ברעמען האָבן זיך לייכט אַ ריר געטאָן, גלייך זי וואָלט זיך דערפרייט. איז שטיל צוגעגאַנגען צום געלעגער.

די פּויערן האָבן נאָך אַלץ געשוויגן. עפּעס האָט זיי ניט געלאָזט אויפהויבן די אויגן און פאַרזעצן דעם שמועס וועגן זייערע געשעפטן. דאָס מיידל האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן כריסטיען, אין שאָטן בײַם וואַרשטעט, מיט אָפענע און אומבאַוועגלעכע אויגן, און

קײנער האָט קײן מוט ניט געהאַט זי פֿרעגן... װאָס זאָל מען דאָ פֿרעגן? ענדלעך האָט דער אַלטער מאַטוזקע זי געפֿרעגט:

— װאָס, קינד מײַנס, מ׳האָט דיך געשלאָגן?

זינקע האָט מיד געשאָקלט מיטן קאָפּ — נײן.

— פֿאַרװאָס זשע איז באַ דיר בלוט? — האָט כריסטיע געפֿרעגט אַ דערשראָקענע. זינקע האָט שװײַגנדיק אױסגעװישט די ליפּן. די פּױערן זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער, און עמיצער האָט צוגעטראָגן דעם לאָמפּ פֿון טיש — די שײַן איז געפֿאַלן דעם מײדל אויפֿן בלײכן פּאָנעם, אַף דער צעריסענער העמד.

— טאַקע בלוט! — האָט נאָך עמיצער געזאָגט.

זינקע האָט מיטאַמאָל פֿאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט און אָנגעהױבן טרײסלען זיך אין אַ שטומען געװײן.

אין שטוב האָבן זיך אַלע איבערגעשראָקן און ניט געװאוסט, װאָס צו קלערן. נאָר כריסטיע האָט אַרומגענומען די כאַװערטע פֿאַר די פּלײצעס און געטרײסט זי, פֿון טיש איז אױפֿגעשטאַנען דאװיד, צוגעגאַנגען צום מײדל און שװײַגנדיק געקוקט אַף איר, דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך אַראָפּגענומען אירע הענט פֿון פּאָנעם און האַרציק אַ פֿרעג געטאָן:

— װאָזשע װײנסטו?

װײזט אױס, אין זײַן שטים האָט אַ קלונג געטאָן אַן אַלטער, האַלבפֿאַרגעסענער קלאַנג, — דאָס מײדל האָט אַ בליק געטאָן און מיטאַמאָל שטיל געװאָרן, אַ פּאָר גרױסע טרױעריקע אױגן האָבן געקוקט אַף דאװידן. און אַזױ איז זי געבליבן שטום, דאװיד איז אױך געשטאַנען אַ שטומער, דערנאָך האָבן זיך אירע װיעס שטיל אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרדעקט די אױגן.

ס׳האָט זי נאָך עמיצער געפֿרעגט: װאָזשע האָט זיך מיט איר געטראָפֿן? זינקע האָט דערצײלט: װי זי זײַנען דאָרט אַלע שיכּור באַ מאַטיוכען, װי דער מיליציע-נאַטשאַלניק האָט זי געפּאַקט און קלוגיע. זי װײסט ניט, װי אַזױ זי האָט זיך פֿון אים אַרױסגעריסן און אַנטלאָפֿן. זי איז געקומען צו זיך ערשט אין גאָרטן באַם פֿעטער האָרדי — אַפּאָנעם, אַראָפּגעפֿאַלן איבערן פּלױט בעשאַסן לױפֿן.

זי געדענקט נאָך: ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר און געשאָסן

לעבן טיש האָט טיכאָן זיך פֿאַרהוסט און אַ כראַקע געטאָן.

— עפּשער זוכט ער נאָך איצט אויך? — האָט עמיצער אַ פרעג געטאָן. די פויערן זיינען געוואָרן אומרואיק. עמיצער האָט שוין פאַרשפּיליעט דאָס פּעלצל און געקנייטשט דאָס היטל אין האַנט. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט אַ האַנגען־קרייען פון פעדראשעק. אַלע האָבן דערהערט און אָנגעהויבן איילן זיך — אַזוי שפּעט פאַרזעסן זיך. מ'האָט זיך אַפגיך פאַרשפּיליעט, אָנגעטאָן די היטלען און געזעגנט זיך.

באַם עק טיש זיינען געבליבן זיצן נאָר מיכאָן, האָדי משומאַק, און לעבן פּריפּיטשעק האָבן געראָויכערט יאַקים מיט פיוונענקאָן, דאַוויד איז געשטאַנען אַ פאַרקלערטער לעבן וואַרשטעט. אַ לאַנג שווייגן. דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן האָרדי און געזאָגט:

— לאָז שוין זינקע אינערגעץ ניט גיין, זאָל זי איבערשלאָפן באַ אייך. און דו, דאַוויד, — דאָס האָבן דאָך שוין מענטשן געזען און געהערט... ס'אַ סוואָרע, אומעטום איז אַזאַ אומרעכט? צי עפּשער זאָלן מיר שוין גאָר אָנהויבן שטיקן איינער דעם צווייטן? מע קאָן דאָך שוין אַזוי מער ניט לעבן!

יאָ, מאָרגן וועט דאַוויד זיין אין ראַיאָן. דאָרטן איז דאָך מיטטאַמע ניט אַזוי, און טאָמער ניט — ווייסט דאַוויד דעם וועג ווייטער.

מיכאָן איז נאָך אַלץ געזעסן באַם עק טיש.

— גיי שוין, מיכאָן, — האָט דאַוויד געזאָגט, — אַהער וועלן זיי ניט קומען.

מיכאָן איז שווייגנדיק אויפגעשטאַנען, און אַלע פיר זיינען אַרויס פון שטוב.

דאַוויד איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָף די הענט. כריסטיע האָט אויסגעבעט. און זינקע איז אַלץ געשטאַנען אַ פאַרקלערטע לעבן וואַרשטעט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום טיש און געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקע. דאַוויד האָט זיך ניט גערירט. מיטאַמאָל האָט ער האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געגעבן אָפן מיידל — זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. און שטום — עפּשער אַ רעגע, און עפּשער אַ מינוט — האָבן זיי געקוקט אייגס אָפן אַנדערן.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן דאַוויד; געווען איז ער נאָך פֿאַר־קלערט, און אין זיין שטים האָט זיך געהערט, אי פֿרייד, אי שטילער אומעט: —

— ווען איז דאָס געווען? דו ביסט נאָך געווען גאָר אַ קליינע. כ'האָב דיך טאַקע ניט דערקאָנט דעמאָלט אין הויף. כ'בין געווען איבעראַשט — קאַטערינע! און איצטער, איך קוק — אי די אויגן, אי דער שמייכל דיינער — איז מיר אַ כידעש: ס'איז דאָך פֿאַרביי אַזויפֿיל יאָרן, און איך וואָלט דיך דערקאָנט נאָכן שמייכל אַליין.

זינקע שמייכלט שטיל, פֿאַרטרוימט.

— און איך... ווען האָב איך דיך געזען ס'לעצטע מאָל? נאָך ווען די עקאָנאָמיע האָט געברענט, בעאיים די פּאַרטיזאַנען, ביסט אומגעלאָפֿן אַף דער טרייפּע אָן אַ היטל מיט אַ נאַגאַן... דערנאָך האָט מען צעשאָסן די ווייסע... און ביז טאָג האָט מען געזוכט קאַט־רען אין סאָד, לעבן טייכל... מער האָב איך דיך ניט געזען — איר זענט דאָך אַוועק אַפֿן פֿראָנט. נאָר געקלערט האָב איך אָפֿט, די גאַנצע צייט, און ס'האָט זיך אַזוי געגלוסט זיך זען...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. צווישן די שוואַרצע ברעמען האָט זיך געלייגט אַ קליינינקער קנייטש. האָט זיך, אַפּאַנעם, פֿאַרקלערט. און מיטאַמאָל איז דער קנייטש פֿאַרשוואונדן, און זי האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך אין עפּעס דערמאַנט, און פֿאַרוואָס איז עס געקומען אַפֿן געדאַנק?

דעם זומער, ווען ס'זיינען געשטאַנען די ווייסע, האָט ער געוואוינט בא זיי, געאַרבעט אין קוזניע, זי האָט אַרויסגע־גאַנוועט פֿון זיינעטוועגן אַ גאַנצע פּאַפּקע מיט פּאַפּירן פֿון שטאַב (זי פֿלעגט גיין אַהין מיט דער שוועסטער וואַשן די פּאָד־לאָגעס). „אָט סאַראַ דרייסטע זי איז געווען! דאַוויד האָט אָפּגעקליבן די נויטיקע פּאַפּירן, און די איבעריקע האָט זי אין בוזעם אָפּגעטראָגן צוריק.

דערנאָך האָט מען געהאַט אַרעסטירט דאַווידן:. אייגער פֿון די כוטערניקעס האָט אים געמאַסערט. מ'האָט אים שוין געפֿירט באַנאַכט צו דער ציגעלניע אַף שיסן, איז ער אַנט־לאָפֿן. ווי שרעקלעך ס'איז דעמאָלט געווען אין עקאָנאָמיע! און אַז זי דערמאָנט זיך אין דעם, גלויבט זיך איר גאָרניט:

זי איז געווען נאָך גאָר אַ קליינע, און פּונדעסטוועגן, אַז מ'האָט אָנגעהויבן שפּירן נאָך קאַטרען אויך, פלעגט איר קאַטרע זאָגן, וואָס איבערצוגעבן, וואו מע וואַרט אַף איר, און זי פלעגט לויפן באַנאַכט... זי קוקט זיך פאַרזיכטיק אום, צי מע שפּירט ניט נאָך איר. און דאַן מיטן פעלד. פייפן האָט זי געקאָנט אַזוי ווי מ'האָט זיך צונויפגערעדט, וואו ס'רופט זיך אָפּ פון קאָרן אַ פייף, אַהין פאַלט דאָס מיידל, ווי אַ פעלד-הון... ער געדענקט עס?

זינקעס אויגן זייַנען נאָענט לעבן דאַווידס, ווי אין יענע אַמאָליקע בלאָע זומער-נעכט ערגעץ אין פעלד...

...מע זיצט נאָענט, און זי דערציילט שטילערהייט, וואָס אין הויף הערט זיך. און דערפון, וואָס זיי שושקען זיך אין ברייטן סטעפּ, זייַנען ביידע אַביסל אויפגערעגט, און די אויגן ברענען בּאַ זיי ניט ווי געוואוינלעך. דאַוויד נעמט אַראָפּ דאָס היטל, לייגט אַרייַן אין אים דעם נאַגאַן. דערנאָך זאָגט ער איר, וואָס זי זאָל איבערגעבן קאַטרען... זיי ווערן אַנטשוויגן; מע דאַרף שוין גיין, און זיי זיצן נאָך... די ברעמען זינקעס זייַנען שוין ניט אָנגעשטרענגט. זי קוקט פאַרקלערט אין שטערנדיקן הימל, און דאַוויד — אין אירע פאַרקלערטע אויגן...

זי איז נאָך געווען אַ קליינע, — האָט ער זי ניט פאַרטשעפּעט. כאָטש ס'האָט גערוישט דאָס יונגע בלוט, ס'האָבן געצויגן די אויגן. „אך!" דאָס היטל אַפן קאָפּ, דער נאַגאַן אין דער האַנט.

— זיי געזונט, זינקע!

...ער גייט גלייך מיטן סטעפּ, איבער די טוואָועס. ס'רוישט דאָס בלוט באַם באַכער, שלאָגט אין קאָפּ מיט יונגן מוט, גיסט זיך איבער, ער שטעלט זיך אָפּ מיטן פּאָנעם צו דער עקאָנאָמיע און שרייַט מיט אויסרוף. און צעזינגט זיך אַזוי, אַז דער סטעפּ און די שטערנדיקע נאַכט ווערן אַנטשטילט און הערן זייַנע לידער, די פּאַרטיזאַנישע.

— עך, זינקע, ס'איז געווען אַ צייַט...

אירע פאַרטראַכטע אויגן קוקן אַף אים, און איר שמייכל איז אויך אַ שטילער, אַ פאַרכאָלעמטער, פּלוצים האָט זי אַ ציטער געטאָן,

און דאָס פּאָנעם אירס איז אַף אַ רעגע געוואָרן ווי פון ליים — ניט קיין לעבעדיקס. די ברעמען האָבן זיך טרויעריק אויסגעבויגן, און פון די אויגן קוקט פּאַכער. זי האָט זיך נאָענט אָנגעבויגן צום באַכער און געזאָגט שטיל און אופגערעגט:

— דאַוויד, זיי ווילן דיך הארגענען!

דאַוויד האָט אויפגעציטערט, אויסגעגלייכט זיך און שאַרף אַ קוק געטאָן אַף איר.

— וואָס, דו האָסט עפּעס געהערט?

— ניין, איך זע עס אין זיי. און כ'האָב טאַקע געהערט אויך — מאַטיוכע האָט געזאָגט וועגן עמיצן — מע דאַרף אים נאָכטשאַטע־ווען, איך בין דעמאָלט גראָדע אַריינגעגאַנגען און האָב דערהערט. האָט ער מיך געוואָלט שלאָגן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און וועגן עפּעס געקלערט. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געשאָקלט מיט אים, גלייך זי וואָלט אָן ווערטער אין זיך געזונגען אַן אומעטיקע ליד; און עפּ־שער האָט איר דער קאָפּ אַזוי ווי געטאָן.

ס'איז צוגעקומען בריסטיע און פּריילעד געזאָגט עפּעס. נאָר זי האָט דערזען די פּאַרקלערטע פּענעמער און איז אַנטשוויגן געוואָרן און צוגעטוליעט זיך מיטן קאָפּ צו דער באַוווערטע...

— — — — — — — — — — — —

שוין שפּעט. אין שטוב שלאָפן אַלע. אַפן געלעגער קרעכצט עמי־צער אַלעמאָל שטיל און רעדט פון היץ... דאַוויד האָט אַוועקגעלייגט די פּען און אָפּגעריסן זיך פון פּאַפּיר — נאָר וואָס געענדיקט. ער האָט אויסגעצויגן די הענט אַפן טיש און געפאַלן אַף זיי מיטן קאָפּ.

ס'דריטע מאָל האָבן געקרייט די האָנען.

XII

אינדערפרי האָט זיך צעהוליעט אַ ווינט און פאַרצויגן דעם הימל מיט גראָווע צעפּאַטלעטע כמאַרעס. גלייך ווי קויטיקער גראָוועד וואָל וואָלט געשווימען נידעריק איבער די הייזער. אַט־אַט, דאַכט זיך, וועלן זיי זיך פּאַרטשעפּען פאַר די הויכע טאָפּאָליעס לעם קלויסטער און דאָרטן בלייבן הענגען אין פאַרפּלאָנטערטע פּאַס־

מעס. ס'האָט שטאַרק פאַרשמעקט מיט האַרבסט: דער ווינט האָט געריסן די פאַרגעלטע בלעטער, ווי פוך פון לופטלעך, און געדרייט זיי איבער די נאַקעטע גערטנער. מיט געשרייען זיינען אומגעפאַלן די קראָען. אַפן ווי‌האָן האָבן די ווינטמילן שנעל געדרייט די פליגלען. און לעבן די קופקעס געטריקנטן מיסט אַפן ווי‌האָן האָבן זיך אײלנדיק געפאָרעט די פרויען — געפירט די מיסט-ציגל אַף וועגעלעך אין די הויפן און באַהאַלטן אונטער די אָפדעכער. ס'וועט גיין אַ רעגן.

דאַוויד האָט זיך אינדערפרי געקליבן גיין קיין שטשערבאַניוקע, נאָר אַז ער האָט דערזען, וואָס אינדרויסן טוט זיך, האָט ער זיך דערמאַנט, אַז זיי האָבן נאָך ניט געענדיקט ווייען די טוואָוע. ער האָט אָפגעלייגט דאָס גיין. מע דאַרף דערווייען, ביז ס'לאָזט זיך ניט דער רעגן. פון אונטערן אָפדאַך אַרויסגעפירט די ווײ-מאַשין צום שטוב; דעם טויך פאַרשפרייט מיט רעדנעס. דער אַלטער מאַטוזקע האָט אָנגענומען די טוואָוע מיט אַ מעסטל אין קאַמער און געטראָגן זי אַפן טויק, דאַוויד האָט געדרייט דאָס הענטל. די אַלטע צעפאָרענע מאַשין האָט געטאַראַכטעט מיט די אָפגענוצטע שרויפן, גלייך ווי דער טויק איז איר צו קליין, דער ווינט האָט געשמיסן, באַשאָטן מיט מעקענע, פאַרשטויבט די אויגן. דער פאָטער שיט אויס אַ מעסטל טוואָוע, שטעלט זיך אַף די קני און שאַרט פאָרזיכטיק אָפ די אָפגערייניקטע קערנער, ער האָט אַלץ געכעשבנט אין קאָפ, וויפל מע דאַרף צולייגן צום דעם געלט, וואָס כריסטיע האָט געבראַכט פון די בוריקעס, אַף קויפן אַ פערד. דאַוויד האָט עפשער אויך וועגן דעם געקלערט.

פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן מאַראָקן אַ רעגנדל.

...אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען דאַוויד איז אופגעשטאַנען און אַ קוק געטאָן אין פענצטער, האָט נאָך אַלץ געמאַראַקעט, לעבן שוועל האָט דער הויף, וואָס איז אָפגערייניקט פאַר אַ טויק, געגלאַנצט, ווי אַ פעטע סקאָווערדע. גנידעס שטוב אַף יענער זייט גאַס און ווייטער דער גאָרטן מיט די ווינטמילן זיינען געשטאַנען ווי אין אַ נעפל. פון דרויסן האָט כריסטיע אַרייגעטראָגן שטרוי אַף הייצן. די שטרוי איז געווען נאַס פון רעגן. די מוטער לעם אויוון האָט אַ קוק געטאָן אַפן זון און געזאָגט:

— ווי וועסטו עס גיין אין אזא רעגן? ס'איז דאָך ווייט.

— מע דאַרף גיין.

ער האָט אָנגעטאָן דעם שינעל און שטייף פאַרבונדן דעם פּאַס, אַפּן קאָפּ די בודיאָנאָווקע. די מוטער האָט געזאָגט ער זאָל צוא־וואַרטן, די קאַרטאָפליעס קאָכן זיך. עט, קלייניקייטן. ער וועט בים פּאַרכליאַנעט ווערן, אויב עס וועט אויסקומען איין טאָג נאָר מיט ברויט — גוט, וואָס מ'האָט אים דערמאָנט: ער האָט זיך אָפּגע־שניטן אַ שטיק ברויט און אַריינגעלייגט אין קעשענע. דערנאָך האָט ער פון די ביכלעך אַרויסגענומען עפּעס פּאַפּירן, פאַרזיכטיק באַ־האַלטן זיי אין ברוסט אַרבל און אַרוים פון שטוב.

ס'האָט אַלץ געמאַראַקעט. אַפּן ברעג האָט שווער געסאַפּעט די דאַמפּמיל. הינטער די גערטענער אַף די אַקערפעלדער האָבן געשריען די האַוועס. ס'האָט געשמעקט מיט סטעפּ, מיט צעאַקערטער ערד, מיט קיזיקעס־רויך: אין אַלע הייזער האָט זיך געהייצט. איבערן גאַס זיינען געגאַנגען קינדער אין שול, מיט גראָע לייוונטענע טאָר־בעלעך איבער די פּלייצעס. באַגעגנט אים, האָבן זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג, אָפּגעשטעלט זיך און פאַרריסן די קעפּ אין די גרויסע היטלען, וואָס פאַלן איבער די אויערן, און לאַנג און שווייגנדיק אים נאָכגעקוקט. ערשט שפּעטער שוין פון גאַנץ ווייט האָט עמיצער פון זיי אויסגעשריען — אַ גוטן־מאָרגן.

הינטען דאָרף האָט געהוידעט דער דראָט אַף די טעלעפאָן־סטויפּעס. לינקס, פון יענער זייט טייכל, אין דער גראָוער רעגן־נעץ האָט זיך געצויגן דער טונקעלער פּאַס וואַלד. גלייך אַנטקעגן — סטעפּ, פאַרנעפּלטע ווייטקייט, צעוואָרפענע בוטערס. און איבער דעם אַלץ אַ דרובנע גערייכט רעגנדל און דאָס איינטאָניקע הודען אַף די סטויפּעס. אַפּטמאָל האָט זיך דאָס הודען אָפּגעריסן, און פון די סטויפּעס זיינען אַראָפּגעהאַנגען שטיקער דראָט, וואָס מ'האָט אָפּגע־ריסן בעאייסן בירגערקריג און שפּעטער אַף געשפּאַן.

דאַוויד האָט געקלערט וועגן די ברייטסטע סטעפּישע רוימען, וועגן טויזנטער אַבוכיוועקעס פינצטערע און פאַרוואָרפענע אין די־דאָזיקע רוימען. ס'האָט זיך דורכגעטראָגן איבער זיי די רעוואָלוי־ציע, ווי אַ וויכער איינגעשפּאַנט אין אַן אַקער מיט טויזנטער לעמען

און האָט איבערגעאַקערט די רוי=ערד. און אָט: אַף שוואַרצער פּרוכפּערדיקער ערד איז געדיכט און גרין פון שפּראָצן.

און ערגעץ אין אַ העק באַווייזן זיך דערנאָך געדיכטע בוריאַנעו...

ער האָט געקלערט וועגן מאַטיוכען מיט זיין כעווריע, וועגן דעם אייערנעכטיקן „סכאָד", וועגן דער פּאַרזאַמלונג בײַ אים אין שטוב. „ניין, מאַטיוכע, אַ נעכטיקער טאָג! אַז דער באַלעבאָס קומט אַפן פעלד און זעט, אַז דער בוריאַן האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן, גייט ער צווישן ברויט און רייסט אויס דעם בוריאַן מיט די וואָרצלען".

ער האָט ברייט געשפּאַנט און אַלץ געקלערט וועגן אָבוכיוווקע.

ביז די קוסטעס איז דער וועג געווען אַ גוטער, אַ זאַמדיקער, און פון דאָרט איז שוין אַוועק שוואַרץ=ערד און זאַלץ=באָדן. די פיס האָבן נאָך אַפילע ניט געהריזגעט טיף, נאָר די בלאָטע האָט זיך געקלעפּט צו די שטיוול, און ער האָט זיי געשלעפּט ווי אַ שווערע מאַסע. אַף זיין גליק האָט אים נאָך די מיכאַילאָווער כוטערס אָנגעיאָגט אַ פויער אַף אַ וואָגן, איינגעשפּאַנט אין אַ ראַבער שקאַפּע; דאוויד האָט געבעטן אים צופירן, האָט דער פויער אים גענומען. ער איז אויך געפאָרן אין ראַיאָן. און אין צוויי שאָ אַרום זיינען זיי געווען אין שטשערבאַניווקע.

גלייך נאָכן סטעפּ, פונוואַנען דאוויד מיטן מיכאַילאָווער פויער זיינען אָנגעקומען, האָט זיך ברייט אויסגעשפּרייט דער יאַריד=פּלאַץ. אַ גאַנצע שאַרע ווינטמילן איז אָנגעפלויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט דאָ. ווייטער זיינען געשטאַנען ברויט=שפּייכלערס, קלייטן און מאַרק=שטעלעכלעך. לינקס הינטער די ברויט=שפּייכלערס — דעם אינזשענער פּאָקאָמילאָווס געוועזענער מאַיאָנטעק. אַמאָל, אַז דאוויד פלעגט יונגלווייס קומען צופאָרן מיטן פאָטער אַפן יאַריד, האָט אים דער מאַיאָנטעק אונטערן הויכן פּאַרקן אויסגעדאַכט ווי אַ וואונדערמייסע: אַ הויכער ווייסער טורעם, געבייען מיט טעראַסעס... דורך אַ שפּאַרונע אין פּאַרקן האָט מען געקאָנט זעען אין הויף אַלערליי מאַשינען, אַ סאָד מיט מאָדנע ביימער — אונטערגעשוירענע, און אויך אַזעלכע, וואָס וואַקסן מיט די צווייגן אַראָפּ. איצט איז קיין פּאַרקן ניט געווען. אין גרויסן הויף, אין דעם בוריאַן=פּאַרוואַקסענער הויף איז געשטאַנען דער שווייגנדיקער וואַסער=טורעם, כאָרעווע געביידעס, קופּעס ציגל אין בוריאַן. נאָר לעבן סאָד איז געשטאַנען

אַ ניי־רעמאָנטירטער פליגל מיט שטאָלן. לעבן אַ קופּע פערד־מיסט האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ ווידלע אַ מיליציאָנער אין אַ רויט־היטל.

ווען זיי זיינען דאָ פאַרבייגעפאָרן, האָט זיך דער פויער אומגע־קוקט צו דאַווידן און געזאָגט:

— אָט דאָ געפינט זיך די מיליצע. דאָרט אונטערן סאַד איז אַ קעלער, איך בין שוין אויך געזעסן דאָרטן, זאָל גאָט אָפּהיטן! אַ קומוזקע איז דאָ באַזונדער, נאָר אָפטמאָל זעצט מען אַריין אין קעלער.

דאַוויד איז נייגעריק געווען צו וויסן, פאַרוואָס האָט מען עם אים אַריינגעזעצט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — האָט דער פויער אָנגעהויבן, — מיר וואויגען אָפּן כוטער, נו, דו ווייסט דאָך מיסטאָמע, ווי מיר לעבן. באַנאַכט איז מען געקומען צו מיר אונטערן פענצטער: „עפן, באַ־לעבאָס“. און איך האָב גראַדע געהאַט פאַרקויפט אַ בעהיימע, דער־נאָך האָט מען געגומען קריכן אין פענצטער. האָב איך אויסגעשאָסן פון אַ ביקס. טאַקע פאַרטריבן זיי. איז אַף מאָרגן געקומען צו לויפן די מיליציע זוכן די ביקס. איך האָב זי דאַפקע אָפּגעגעבן, פונדעסט־וועגן האָט מען מיך גערעשטעוועט. און דאָ אין קעלער האָט מען מיך געשלאָגן, דריי מעסלעס האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן, ביז איך האָב ניט באַצאָלט קיין שטראָף. יענע האָבן ניט גענומען, האָבן די צוגענומען. כ'קאָן ביז איצט ניט צוגויפקלייבן קיין געלט אַף אַ בע־היימע, טפרו!

זיי זיינען געקומען.

לעבן גאַנעק זיינען געשטאַנען פורן, אַפּן גאַנעק אַסאַך פויערן. ס'איז געווען פונקט עלף, ווען דאַוויד איז אַריין אין קאַנצעליאַריע און אַ קוק געטאָן אַפן זייגער. אין קאַנצעליאַריע זיינען געזעסן באַ טישן שרייבערס און עפּעס געשריבן, ס'האָט אַפילע געקלאַפּט אַף אַ מאַשינדל אַ בלאָנדע צאַרטע פריילין. פאַר די טירן זיינען געשטאַ־נען פויערן. ס'האָט געשמעקט מיט שוואַרצערד און — פון די סווי־טעס — מיט שאָף אין אַ רעגן, פון וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט לע־נין, ריקאָוו, פּלאַקאַטן האָבן געשריען: „קויף די פויערן־האַלוואָע!“ „העכער די גערעטעניש!“ אָן אַרבעטער האָט גערופן אין „ערד־אַרבעטער־פאַריין“. צוויי מעכטיקע מענטשן, אַן אַרבעטער און אַ

פויער, האָבן זיך געדריקט די הענט און אויסגערופן: „זאָל לעבן דער צוזאַמענשלוס פון שטאָט און דאָרף!“ און בײַ דאַווידן איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן דער געפיל פון עלנטקייט און די געדריקטע שטימונג. ער האָט ווידער דערפילט אין זיך אַזאַ זיכערקייט און פרייד, גלייך דאָס איז ניט קיין פאַפיר און פאַרב אויף וואַנט, נאָר לעבעדיקע מענטשן, לעבעדיקע זאַוואָדן און פאַבריקן רויכערן זיך, ס'קלינגען ניט אויפן פלאַקאַט, נאָר אינדערלופטן די עסקאַדריליעס עראָפּלאַנען, דאָס לעבן קאָכט. שטורמיש לעבט אויף דאָס לאַנד.

ער האָט אָראָפּגענומען די בודיאָנאָווקע, די אויגן שייַנען פריי־לעך, די האָר זיינען צעפּאַטלעט. צוגעגאַנגען צום קאַבינעט פון פאָר־זיצער, געווען איז דאָ נאָר דער סעקרעטאַר, דער פאָרזיצער איז אין ראַיאָן און וועט זיך אומקערן עפּשער אַפּדערנאַכט, אָדער גאָר מאָרגן, אַ שאָד.

— און וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט דער סעקרעטאַר גע־פרעגט.

— בײַ אונדז אין אָבוכיוווקע קאָן מען אַלץ ניט קומען צו קיין מאָלק מיט דער ערד. זיי האָבן פרילינג־צייט דערלאַנגט אַ „פריהאָ־וואָר“, מ'זאָל דורכפירן די ערד־איינאָרדענונג, איז דער „פריהאָוואָר“ ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מע קלערט איצט ווידער צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג, האָט ער זיך געוואָלט דורכשמועסן ס'זאָל עמיצער קומען פון ראַיאָן, וואָרים בײַ זיי אין אָבוכיוווקע איז מאַטיוכעס דיק־מאַטור, — ער קאָן אי אין מאָרדע געבן, אי די פאַרזאַמלונג צע־טרייבן.

דער סעקרעטאַר האָט געענטפערט אומבאַשטימט. ער האָט אויפ־מערקזאַם אַ קוק געטאָן אויפן באָכער — ווען ס'זאָל זיין דער פאָר־זיצער, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. יאָ, אַן אַווירע, וואָס דער פאָר־זיצער איז ניטאָ.

דערנאָך איז דאַוויד אַריינגעגאַנגען אין פאַרטקאָמערל. ס'איז מאַקע דערנעבן, גלייך פון קאָרידאָר, בײַ מיראָנאָוון (דעם סעקרע־טאַר פון קאָמערל) איז געראַדע געזעסן דער מיליציע־נאַטשאַלניק; האָט מיראָנאָוו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דאַווידן — ער איז איצטער פאַרנומען. דאַוויד איז אַרויס אין קאָרידאָר, האָט זיך צוגעזעצט אויפן פענצטער צוואַרטן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז

סאכנאָווסקי מיט אַ פאַרבונדענע האַלדז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַף דאַווידן און אַוועק קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, דאַוויד איז דאַן אַריינגעגאַנגען.

— וואָס ט'איר געוואָלט, כאַווער! — האָט אים מיראָנאָוו גע־פרעגט און פאַרויכערט קוקנדיק אַף דאַווידן מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

דאַוויד האָט אַרויסגענומען פון אַרבעל די פּאַפּירן און פון קע־שענע דעם פאַרטבילעט און אַוועקגעלייגט אַפן טיש פאַרן סעקרע־טאַר, פריער פאַר אַלץ דאַרף ער זיך פאַרעגעסטרירן. ער איז דאָ אַנומעלטן געווען, האָט ער קיינעם ניט געטראָפן אין קעמערל. און זאָגן וועט ער אָט וואָס: באַ זיי אין דאָרף איז אַ שרעקלעכער ווילקיר און אומאָרדענונג. ער איז אַליין פון אָבוכיוווקע. מיראָנאָוו ווייסט עס. ער האָט געעפנט דאַווידס בילעט, אַריינגעקוקט און פון דער זייט געכאַפּט אַ קוק אַף דאַווידן, האָט זיך דערמאָנט, וואָס סאכ־נאָווסקי האָט אים דערציילט, ווען ער האָט זיך נאָר וואָס געקלאָגט אַפן „פריהאָוואָר“ פון די אָבוכיוווקער באַנדיטן; און דאָ שטייט די ערשטע בסימע „דאַוויד מאַטווזקע“. מיראָנאָוו האָט אַ קלער גע־טאָן: יאָ, ס'פעלט אים טאַקע נאָר אַ רויטער זשופּאַן און אַ שוואַר־צער טשעפּעק... ער האָט אַ פרעג געגעבן שאַרף:

— אין פאַרטיי פון וועלכן יאָר?

— פון איין און צוואַנציקסטן. —

— וואו זענט איר אָנגעקומען אין פאַרטיי?

— אין דער רויטער אַרמיי, אין טאַשקענט.

מיראָנאָוו האָט אַ מרוקע געטאָן און לאַנג ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דאַווידס פּאָנעם, דערנאָך געפרעגט: וואָזשע איז דאָס באַ זיי אין אָבוכיוווקע פאַר אַ ווילקיר און אומאָרדענונג? (אַפן „ווילקיר“ און „אומאָרדענונג“ האָט ער געשטעלט דעם טראָפּ). פון זיין טאָן איז דאַווידן גלייך געוואָרן עפּעס ניט היימלעך, ער האָט טייקעף דערפילט, אַז ער וועט שוין ניט דערציילן אַזוי, ווי ער האָט געקלערט — כאַוועריש, אופריכטיק — ער האָט זיך אָנגעכמורעט און גענומען דערציילן וועגן „סכאָד“, וועגן מאַטיוכעס פּאָליטיק און שלאָגערייען, וועגן דער געשיכטע מיט דער אַרבעטערן, מיראָנאָוו האָט, דאַכט זיך, אופמערקזאַם געהערט, אָבער אַז דאַוויד האָט

געענדיקט, האָט ער זיך פֿאַרצויגן מיטן ציגאַר און געפֿרעגט אײַנ-
מיטן דרינגען:

— זאָגט מיר בעסער אָט וואָס, כאַווער: אין 19-טן יאָר, ביז דער רויטער אַרמיי, וואו זענט איר געווען?

— ביזן קומען פֿון די דעניקינצעס אינדערהיים, און דערנאָך אין וואַלד בײַ די פּאַרטיזאַנען.

— און קושנירענקאָ איז דאָרט אויך געווען?

— קושנירענקאָ איז אויך געווען.

מיראָנאָוו האָט ווידער אַ מרוקע געטאָן און געשוויגן. אַ לאַנגע פּויזע. ס'האָט זיך געהערט דער טומל אין קאָרידאָר און דאָס סקריפּען פֿון טיר אָפֿן בלאָק. מיראָנאָוו האָט זיך אָפּגערופֿן דער ערשטער:

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט געהאַט צו מיר? — און אָפּגעלייגט אין אַ זייט דעם בילעט, האָט ער גענומען אַ בלײַער און אָנגעבויגן זיך איבער די פּאַפּירן. דאַוויד איז אויפֿגעבראַכט געוואָרן.

— כאַווער, איך וואַרט, וואָס איר וועט מיר זאָגן? צי דען איז אײַך נאָך ווייניק: אָפֿן סכאָד, פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, שלאָגט אַ פּאַרטייער ביז בלוט אַ מענטשן דערפֿאַר, וואָס ער האָט געשטימט קעגן פּאָרזיצער — דאָס איז אײַך ווייניק? דער מיליציע-נאַטשאַלניק כאַפּט אַ מיידל און וויל זי פֿאַרגוואַלטיקן, אַ גליק, וואָס זי האָט זיך אויסגעריסן, — דאָס איז אויך ווייניק? דאָס דאָרף איז פֿינצטער, דערשלאָגן, אין לייענשטיבל קומט מען זיך צונויף נאָר אַף הוליאַנקעס, מאַטיוכע שיקערט אַלע נאַכט מיט אַ גאַנצער כעווריע. די טעג גיי איך אום, ווי אַ משוגענער. סע דאַכט זיך מיר אָפּטמאָל אויס, אַז דאָס איז ניט אַפּדערעמעסן, נאָר אַזוי ווי איך וואָלט שלאָפֿן און סע שטיקט מיך אַ קאָשמאַר. איך בין געגאַנגען אַהער, געוואָלט זיך האַלטן אַן אײַצע מיט כאַוויירים. מע דאַרף עפּעס וואָס טאָן! מע קאָן דאָך שוין ניט לעבן!

מיראָנאָוו האָט צוגעוואַרט, ביז דאַוויד האָט זיך באַרואיקט, און דאַן געזאָגט גלייכצייטיק:

— דאָס אַלץ וועלן מיר באַהאַנדלען אין קעמערל. יאָ, אַבוכיווקע איז אַ באַנדיטיש דאָרף, אַ פֿינצטערס. ווער זשע איז שולדיק? אַז מאַטיוכע טרינקט, ווייסן מיר, און דער פּאַרטקאָם ווייסט אויך. ער

טרינקט, אָבער דעם סייכל פאַרטרינקט ער ניט — ניט אומזיסט קלייבט מען אים דאָס צווייטע יאָר אויס פאַר אַ פאָרזיצער, און עפּעס גלויבט זיך אים ניט, ער זאָל... און נאָך אַף אַ סכאָד. סאָכנאָווסקי איז אַן אומפּאַרטייאישער — זאָל ער עס וויסן זיין, און אַבוץ דעם — „געוואָלט פאַרגוואַלטיקן": דאָס איז זייער אומבאַשטימט.

און ביכלאַל איז אים, מיראָנאָוו, אַ כידעש: אין דאָרף איז פאַר אַ פאַרטיימאַן דאָ אַרבעט אָן אַ שיר, ס'איז דאָ קאָאָפּעראַציע, קווי"ד *, קולט-אויפקלער-אַרבעט. און ער קומט דאָ מיט אַזוינע קלייניקייטן.

אַ צעמישטער האָט דאַוויד לאַנג געקוקט אַף אים און געשוויגן, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איינגעהאַלטן זיך. האָט נאָר שטאַרק, ביז ווייטיק פאַרביסן אַ ליפּ און איז אויפגעשטאַנען. לאַנג אָנגעטאָן די בודיאָנאָווקע אַפן קאָפּ. איז ווידער געשטאַנען און געקלערט; ס'האָט זיך אים ניט געגלויבט, אַז מע דאַרף זיך אויסקערעווען און אַוועקגיין, דער סעקרעטאַר האָט אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, גלייך ער וואָלט ניט באַמערקט צי דאַוויד איז דאָ, צי ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען. נאָר אַז דאַוויד האָט אויסגעצויגן די האַנט נאָכן פאַרטבילעט, האָט ער פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ניין, כאַווער, דער בילעט וועט בלייבן בא מיר.

— זאָל ער בלייבן.

אינדרויסן, ווען ער איז אַראָפּ פון גאַנעק, איז ער געבליבן שטיין אונטערן רעגן נאָך אַלץ אַ געפּלעפטער. ער האָט געקלערט: „וואָס איז עס — עפּשער איז ער איין כעווריע מיט זיי. שפּעטער איז ער צוביסלעך געקומען צו זיך, נאָר די שטימונג איז געבליבן אַ האָפענונגלאָזע, און אַ שווערע. ער איז אַוועק אַף דער פּאָטשט, האָט אַריינגעוואָרפן דעם בריוו אין רעדאַקציע פון „שטים פון אַרבעט" און אויסגעשריבן די ציידונג אַף דריי כאַדאָשים פאַרן לייענשטיבל פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן יענעם זונטיק. ס'איז אים געוואָרן אַביסל גרינגער און זיכערער אַפן האַרצן.

---

* קאָמיטעט פאַר קעגנזייטיקער הילף.

דער זייגער אויף דער פּאָטשט האָט געוויזן האַלב צוויי. דאַוויד האָט זיך שוין לאַנג ניט געזאַמט און אַוועק אַהיים.

ס'האָט נאָך אַלץ געגאָסן אַ דריבנע רעגנדל, און אומעטיק האָט געהוידעט איבערן קאָפּ דער טעלעפאָן-דראָט. און באַם באָכער איז אויך ווי אָנגעצויגן אין ברוסט אַן אייגזאַמע סטרונע, וואָס קלינגט אומעטיק און שמערצלעך.

אַזוי דעם גאַנצן וועג. פאַרביי די מיכאַילאָווקער כוטערעס איז ער געגאַנגען שוין אין בײַנאַשמאָשעס. וואו ניט וואו אין די הייזער האָט שוין געברענט אַ פייער. און נאָך די כוטערעס איז שוין געווען גאָר פינצטער.—מ'זעט ניט דעם וועג און דאָס פעלד. דער גאַנצער הימל האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שוואַרצער געדיכטער קלעפּיקער קאַשע. ס'האָט געהודעט דער דראָט, און וואו דער דראָט איז געווען אָפּגעריסן, איז געווען שטיל, נאָר די פיס האָבן געטיאָפּקעט אין בלאָטע. דערנאָך האָט ער דערפילט מיט די פיס, אַז ס'הויבן זיך אָן די זאַמדן, און אָט זיינען שוין די קוסטן. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך אַרויסגעזען אַפן גראָוון זאַמד קוסטן, בערגלעך. און גאָר נאָענט האָט זיך געשוואַרצט דער פּאַס סאָסנע-ביימלעך.

ער איז פאַרביי דעם ציילעם, וואָס שטייט באַ זייט שליאַך — אַמאָל האָבן דאָ די דעניקינצעס געשאָסן עטלעכע פּויערן, ווען זיי האָבן זיי געטריבן קיין שטשערבאַניווקע. זיך דערמאָנט אין זינקען, און פלוצים דערפילט אַזאַ שטערבלעכן טרויער, פּונקט ווי עמיצער וואָלט צענויפגעדריקט זיין האַרץ מיט אַ קאַלטער גליטשיקער האַנט, אַזוי שטאַרק, אַז די פינגער האָבן זיך איינגעקוועטשט.

— זיי וועלן מיך האַרגענען, הינטישע זין. וועלן ערגעץ אויסשטשאַטעווען און האַרגענען. מיילע! האָב איך דען פריער ניט געקוקט מוטיק דעם טויט גלייך אין די אויגן — מע האָט דאָך מיך געשטעלט איינמאָל צום ווענטל. וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אונדזער לעבן פאַר יענער גרויסער פרייד פון דער מענטשהייט, וואָס צוליב איר האָט מען פאַרלאָזן מוטערס, ווייבער און קינדער און געגאַנגען מיט ביקסן, אָפּגעריסענע, הונגעריקע עפּשער אויף קיינמאָל ניט אומקערן זיך מער. טויזנטער זיינען געפאַלן ניט איבערקלערנדיק, ווייל זיין נאָך וועט פרייד אי באַ די, וואָס מ'האָט פאַרלאָזט, אי באַ די, וואָס וועלן ערשט אַמאָל קומען אויף דער וועלט. אָבער צי מעסט

מען דען פרייד און אַפּילע דאָס לעבן אַליין מיט צייט! אַ רעגע, אַ טאָג, אָדער יאָרן!?

הינטער די קוסטן האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ געל פּינטעלע, נאָך דעם אַ צווייטס — דאָס לאָזן זיך שוין אויס די קוסטן. און גלייך אַראָפּ אונטערן באַרג אין טאָל ליגט אָבוכיוווקע, פּונקט ווי עמיצער וואָלט צעשאָטן אַ הויפן גאָלדענע קערנער איבער אַ שוואַרצן שעטער.

XIII

נאָך שטשערבאַניוווקע איז דאוויד געוואָרן שווייגנדיקער און פאַר־טראַכטער. די ערשטע טעג איז ער איגערגעץ ניט אַרויסגעגאַנגען פון הויף. זיך געפּאָרעט אין הויף, געריייניקט מיטן פאָטער אין קלו־ניע די טוואוע אַף אַ זיפּ: זונטיק האָבן זיי געוואָלט קויפן אַפן יאַריד אין שטשערבאַניוווקע אַ פערד. און ווען ער איז געווען אין שטוב, האָט ער געאַרבעט באַם וואַרשטעט. געקלאַפּט מיטן קאַם, געוואָרפן דאָס שיפל, און דער קאָפּ איז אים געווען ערגעץ ווייט. אָפטמאָל פלעגט טרעפן: די שפּוליע האָט זיך אויסגעלאָזט, ער שטעלט אַריין אַ נייע און פאַרקלערט זיך אַזוי, פונקט ער וואָלט פאַרגעסן, וואָס ער דאַרף ווייטער טאָן.

די מאַמע טוט אַ פרעג, פונם שפּינראָד:

— וואָס, סע ניטאָ קיין שפּוליעס? דאקיקע, גיי וויקל אָן.

דאקיקע ענטפערט פאַרבידעשט:

— ס'איז דאָך אַ פולע רעשעטע מיט שפּוליעס. און דאוויד כאַפּט זיך אויף:

— האַ וואָס? ניין, שפּוליעס איז נאָך דאָ גענוג, — און קלאַפּט ווידער מיטן קאַם; ער אַרבעט אַווטאָמאַטיש מיט די הענט, און ניט דאָס וועבן ליגט אים אין קאָפּ.

דער שוואַרציאָר ווייסט, עפּשער זאָל ער גאָר זיך אַראָפּכאַפּן אין אויעזד? טאָקע מאָרגן אינדערפרי גיין צו דער סטאַנציע? ניין, סע טויג ניט — וואָס וועט ער קומען מיט הוילע הענט, אָן שום מאַטע־ריאַלן. און דאָ איז נאָך דער בילעט געבליבן באַ מיראָנאָוון. ניין, מע דאַרף צוואַרטן, וואָס וועט זיין מיט דער צייטונג. דאָס ערשטע בריוול האָבן זיי שוין געוויס באַקומען; און אין אַ פּאָר טעג אַרום

וועלן זיי דערהאַלטן דאָס צווייטע. ער וועט נאָך צוואַוואַרטן און מ'שוין דעמאָלט זען, וואָס ער האָט צו טאָן.

ס'איז אַריינגעקומען טיכאָן. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער בורקע מיט אַ קאַפּיושאָן אויפן קאָפּ, ער האָט אַריינגעטראָגן מיט זיך פון רעגן אַ שאַרפן רייעך פון שאָפענער וואָל. אויפן שוועל האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּיושאָן, שטיל געגריסט זיך און אַנידערגעזעצט זיך לעבן דאַווידן. געשוויגן, גאָרניט געפרעגט, נאָר אויפמערקזאַם געקוקט אויפן כאַוער. דאַוויד האָט אָפּגעלייגט דאָס שיפל אין אַ זייט.

— כ'האָב גאָרניט געפּויעלט מיט מיין גיין, טיכאָן.

טיכאָן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ס'הייסט, ער האָט עס פריער געוואוסט. ער האָט זיך אָנגעכמורעט. און דאַוויד מאַכט זיך האַרץ:

— דו פאַל באַ זיך ניט אַראָפּ, טיכאָן! ס'איז עפּעס אויסגעקומען אַזוי נאַרעש, — און ער האָט דערציילט, אַז דער פּאָרזיצער איז געווען אָוועקגעפאָרן, האָט ער ניט געקאָנט מיט אים דורכשמועסן, און אין פּאַרטקעמערל...

דאַוויד האָט שוין אינדערהיים אויך איבערגעקלערט וועגן דעם כאַווער מיראָנאָוו, דאָס פּאָנעם איז באַ אים, דאַכט זיך, נישקאָשע, רופט ניט אַרוים קיין ספּייקעס, נאָר אַז ער רעדט, איז דער רועה ווייסט אים: קוקט אַזוי פאַרדעכטיק מיט איין אויגל; האָט זיך דערפרעגט, וואו איז ער געווען בעאיים דער רעוואָליוציע, און צוגענומען דעם בילעט. דאַוויד האָט שוין געקלערט: איידער ער איז אַריינגעגאַנגען, איז באַ מיראָנאָוון געזעסן סאַכנאָווסקי, עפּשער האָט ער אים שוין אָנגעדרודלט. טיכאָן האָט איינגעשטימט — ס'קאָן אַזוינס אויך טרעפן. עפּשער האָבן זיי פאַרקלערט עפּעס אַ שפּיצל. עד, שווער איז מיט זיי צו האָבן אַן אייסעק! אַזוי ווי אַמאָליקע יאָרן זיך לאָדן מיט אַ פּאָרעץ. און דאָ אין אָבוכיווקע איז אויך אַ רעכטער אוילעם. ער האָט שוין געהערט, ווי מע שמועסט: „מע פאַרשרייבט שוין ווידער אַף ערד־איינאָרדענונג, מ'עט ווידער קלייבן פונטן. דער אַרטעל האָט שוין זיינס פּאַרדיגט, און איצטער דאַרף דאַוויד אַף אַ פערד“.

דאַווידן האָט זיך דאָס בלוט געוואָרפן אין פּאָנעם.

— סע זאָלן כאָטש רעדן באַלעגופן, וואָלט ניט אַזוי געאַרט. נאָר דאָס ריידן דאַפקע אָרעמפויערן, פון די אומבאַוואוסטזיניקע.

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ בויגן, צענויפגעלייגט אין פירן, און דערלאַנגט דאַווידן. דאָס איז דער צעטל פון די, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין די ערד־כעוורעס: אַף אַרויסציען זיך אין נייע אישואווים האָבן זיך פאַרשריבן 23 מענטשן, און אין קאָלעקטיוו אויך אַף אַרויסציען זיך אין דער עקאָנאָמיע — זיבן, ס'ראָוו סיבירער. הייגט איז נאָך געווען קלים דער סיבירער, וואָס וואוינט אין כוטער באַם קאָוועל, ער האָט זייער געוואָלט זען דאַווידן, דאַרף אים עפעס גויטיק האָבן, געוואַרט ביז פאַרנאַכט. ער באַשטייט אויך גיין אין קאָלעקטיוו, און דער קאָוועל, זינקעס פאָטער, וויל זיך אויך פאַרשרייבן. קאָן מען שוין רעכענען סאַכאַקל ניין מישפּאָכעס. די איבעריקע ווילן בלייבן דאָ, נאָר מאַכן אַ טאָלק מיט דער ערד. קעגן וועלן זיין עפשער אַ פופציק הויפן.

דאַוויד האָט זיך דערפרייט.

— זעסט, און מיר זיינען שוין געפאַלן באַ זיך. דעם זונטיק וואָלט מען אומבאַדינגט געדאַרפט... ניין, זונטיק וועט זיין יאַריד, וועט זיך דער אוילעם צופאָרן. יענעם זונטיק אָדער אינמיטן וואָך מאַכן מיר אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. מירן בעטן אין ראַיאָן, מע זאָל עמיצן צושיקן, אונדזערע רעדלפירער זאָלן ניט אונטעררייסן. און דעם „פריהאָוואַר“ וועלן מיר שוין אַליין דורכשטופן. מירן אים נאָכגיין פוסטריט, ער זאָל ווידער ניט פאַרפאַלן ווערן.

טיכאָן איז געזעסן, זיך לאַנג פאַרהוסט, אָפּגעאָטעמט און אַ קוק געגעבן אַפן כאַווער.

— ס'איז שווער, דאַוויד! — און ווייטער שוין שטיל: — ווערליק איך זע, וועט זיך דאָ אָן בלוט ניט באַגיין. אין קאָאָפּעראַטיוו האָבן די פויערן נעכטן אָנגעהויבן שמועסן. גנידעסביידע זין זיינען געווען שוואַרץ, ווי אַ כמאַרע, נאָר האָבן געשוויגן. דאָס איז דורכגעטריבענע כעוורעלייט. זיי ווילן, אַפּאָנעם, אָנרייצן די כוטערניקעס. נעכטן האָבן זיי זיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט איבערן דאָרף מיט טיאַגניכאַדנען. גנידע האָט אים אָנגעשיקערט. און אין קאָאָפּעראַטיוו האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט אונדזערע: „איך, זאָגט ער האָב קיין מוירע ניט פאַר טורמע, פאַר דער באַנדע האָט מען

מיר געגעבן צען יאָר, בין איך אָפּגעזעסן צוויי, און אַט בין אַף דעו־פריי; וועל איך אָפּזיצן נאָך צוויי. און מיט מיין ערד וועל איך ניט איינעם אָנשטאָפּן דעם בויך, אַזוי ווי איך האָב אַמאָל געשטאָפּט די נער־קאָמיסאַרן מיט ברויט".

אין דער שטילקייט האָבן געהודעט די שפּינדלעך. כריסטיע האָט שטיל אָן וווערטער געזונגען. דאַוויד האָט אַוועקגעלייגט די האַנט טיכאָנען אַף דער פּלייצע און געזאָגט אופגערעגט, נאָר פעסט:

— יאָ, טיכאָן, ס'איז שווער, איך האָב דאָס אייגענע געקלערט אַנומלטן, אַז איך בין געגאַנגען פון שטשערבאַניוקע. זיי וועלן אונדז עפשער האַרגענען, די פּאַדלעצן. נו איז וואָס, וועל איך ניט זיין, אָדער דו, ס'איז אָבער ניט אומזיסט, וואָרים אונדזערס וועלן מיר האָבן אָפּגעטאָן — אַנדערע וועלן בלייבן לעבן.

טיכאָן האָט געשוויגן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, אַן אויס־געדאַרטער און אומגעלומפּערטער — אין ברוסט כריפּעט בא אים בעאייסן אָטעמען — געזאָגט בלויז: „יאָ" און זאָל דאַוויד היינט אָפּדערנאַכט אַרייגגיין צו אים, — מע וועט זיך עפשער צונויפקוי־מען, איצט איז אין אַלע הייזער אין די אָוונטן גאַנצע מיטינגען אַף דער שטרוי לעבן די פּריפּיטשקעס.

טיכאָן איז אַוועק.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל און מ'האָט שוין ניט געקאָנט זען, ווי צו וועבן, האָט זיך דאַוויד אויפגעהויבן פון וואַרשטעט, אַראָפּגענו־מען פון פּאַליצע אַ העפטל און אַוועקגעזעצט זיך לעבן פענצטער; ער האָט געשריבן אינם העפט ציפערן, אויסגערעכנט עפּעס. ביידע שפּינדלעך זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. די מוטער האָט געזיפט מעל אַף האַלעשקעס, און כריסטיע האָט געגרייט ס'עסן פאַרן כאַזערל.

פון שול איז געקומען פּעטריק, און נאָך אים איז זינקע אַריין אין שטוב. פּעטריק האָט אויפגעהאנגען די טאָרבע און שטיל, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם — קעדיי ניט שטערן דאַווידן — געקוקט, וואָס דאַוויד שרייבט. דאַוויד האָט אים לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בלייער איבערן שטערן. אַפן יונגלס פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל: אויך ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן. הייסט עס, מע מעג קוקן. זינקע האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף דער באַנק לעבן זיי.

— אָהאָ, וואָס איז דאָס פאַר אַ סיניעק באַ דיר אונטערן אויג?— האָט אים דאוויד געפרעגט, — ווער האָט עס דיר אַריינגעלייגט?

די מוטער:

— אניט לערנען זיי אין שול? קיין אַרבעט אַהיים פאַרגיט מען זיי דאָך ניט. מע קאָמאַנדעוועט נאָר און מע האַרגעט זיך.

— א, איר פאַרשטייט אַסאַך! דאָס איז באַ אונדז געווען אַ לימעד פון מאָלן.

— אַך דו הונט מיט אויערן, — האָט די מוטער קלאָמערשט מיט כּעס אויסגעשריען און געקוקט אַפן יינגל מיט אַ שמייכל, — די מאַמע איז שוין באַ דיר געוואָרן אַזאַ נאַר, אַז זי פאַרשטייט גאָרניט! און איר זענט די יונגע און די קלוגע! וואָזשע, דאָס האָט מען דיר מיט בלאָווס אָנגעמאָלט אונטערן אויג.

דאקיקע לאַכט. פּעטריק קוקט אַף איר פון אויבן אַראָפּ: וואָס זי קאָן שוין פאַרשטיין! — ער האָט גענומען דערציילן:

— איך מאָל, און דאָ גייט צו אַנע איוואַנאָוונע און קוקט אין די העפטן. זי איז צו צו מיר: וואָס מאָלסטו דאָ? און איך איר, „אַ קאָלעקטיוו“. „וואָס פאַר אַ קאָלעקטיוו?“ און איז צוגעשטאַנען צו מיר, וואו האָב איך געזען אַזוינס און דאָסגלייכן. „איגנערגעץ, זאָג איך, האָב איך ניט געזען, נאָר מיר אָרגאַניזירן אים, מיר פויערן“. האָבן זיך די יינגלעך צונויפגעקליבן, און באַ מיר איז אָנגעמאָלט אַ הויף און געביידעס אַלערליי, און הינטערן הויף שניידט מען קאָרן אַלע אינייגעם, מיט אַ טראַקטאָר. זאָגט ווילקע דעם קלייטניקס: „ס'איז אומזיסט די טירכע, די ערד איז צוגעפעסטיקט“, און האָט איינגעטונקען אַ פינגער אין טינטער און אַ שמיר געטאָן איבערן געמעל. נו, בין איך אים פאַרפאָרן אין אויער, און אַנע איוואַגאָוונא שרייט: „מע טאָר דען אַזוי?“ וואָזשע טשעפּעט ער זיך, הינטישער...

— אָבער דערווייל זייגען די סיניקעס באַ דיר, — לאַכט מען אין שטוב.

— דאָס איז שוין שפּעטער, פון אונטער אַ ווינקל. אַזוי קאָן יעדערער, בעשאַס דער האַפּסאָקע איז ער אָנגעלאָפן מיט זיין כעוורע און מיר געגעבן. דערפאַר האָבן מיר מיט די יינגלעך אים אויך פאַרגעבן. נאָך די לימודים האָבן מיר זיי געיאָגט מיט שטעקנס ביז

דער מיל, איוואַן קנישם האָט אין בלאָטע פאַרלוירן די שטיוול, האָבן מיר זיי געפונען און פאַרוואָרפן אַף דער מיל.

די מוטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשטראָפט דעם זון:

— מעג מען דען אַזוי טאָן? וואָזשע וועט זיין פון אייך, ווען איר וועט אויסוואַקסן גרויסע, אַז איר שלאָגט זיך שוין איצטער, אָ, קינדער, קינדער!

— אַף וואָס זשע האָט ער פאַרשמירט מיט טינט! — „די ערד איז צוגעפעסטיקט!".

דערדאָזיקער אויסדרוק איז פעטריקן — עפשער דערפאַר, וואָס ער האָט אים געהערט פון וואַלקען — שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן: — און מע זאָל נאָך ניט שלאָגן! — פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער וויל גאָר עסן. ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן טישטעכל אַ קאָרענעם ברויט, לאַנג זיך מיט אים געבאָברעט, ביז ער האָט אָפּגעבראָכן אַ רעכטן שטיק און גענומען קייען.

די מוטער:

— באַשמיר כאָטש דעם ברויט מיט אייל, אָן דאָרט אין קריגל, דו היידאַמאַקע!

פעטריק פאָלגט און איז שוין לעבן קריגל.

— מאַמע, דאָ איז גאָרניטאָ, נאָר אַ פעדער.

— נו, איז הייסט עס, ניטאָ, וואַרט צו, אָט וועל איך אָפּקאָכן האַלעשקעס. היינט קאָך איך ווייצענע.

די מוטער טרייסלט די זיפּ איבער דער מולטער און שאָקלט זיך פאַר אומעט: ניטאָ מיט וואָס צו באַשמירן אַ שטיקל ברויט פאַר אַ קינד. שוין דריי יאָר, אַז מע קלייבט זיך קויפן אַ קו און מע קאָן זיך ניט אויסקלייבן. אַ טעליטשקע איז פאַראַן. געקלערט, ס'וועט אויסוואַקסן אַ קו, און אַצינד דאַרף מען אַף אַ פערד. און כריסטיע: טאָמער האָט זי געבראַכט אַ קערבל, איז עס אויך אַפן פערד. מע וואָלט געדאַרפט דעם מיידל מאַכן כאָטש אַ ציצן קאַפטל. זי האָט געפרוירן, אויסגעריסן געוואָרן אַף די בוריקעס, אַ באָרוועסע, אַ נאַקעטע. נאָר מער פאַר אַלץ האָט די אַלטע צאָרעס, אַז זי גיט אַ קוק אַף דאַווידן, אַ מוטערס אויגן זעען שאַרף, אירע אויערן הערן גוט — דאָרט האָט זי געכאַפט אַ וואָרט, דאָ — באַמערקט, ווי ס'האָט זיך באַ אים דאָס פּאָנעם געביטן — און שוין איז איר האַרץ פול טרויער.

ער איז דאָך געווען אַפן פראָנט, צוויי יאָר ניט געווען פון אים קיין גרוס, האָט זי געקרענקט און געדאַרט. אַצינד איז ער שוין געקומען אַהיים, איז דאָ אויך ניט גלאַטיק. איר האַרץ פילט. מע באַהאַלט נאָר פון איר. פון פענצטער האָט דאַוויד עפּעס אַ פרעג געטאָן זינקען. די מוטער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן.

— ניין, כ'האָב נאָך גאָרנישט באַמערקט, — האָט שטיל געזאָגט זינקע, — טאָמער וועט עפּעס זיין, וועל איך דיר טייקעף געבן צו וויסן.

אָ, זי וועט שוין פון זיי ניט אָפּלאָזן קיין אויג, סיידן זיי וועלן זיך זייער היטן. נאָך יענער נאַכט האָט זי געהאַט אַזוינע יעסורים, האָט מוירע געהאַט, מאַטיוכע זאָל זי ניט אַרויסטרייבן, איז דאַפּקע ניין. נאָר ער טוט איר אָן געברענטע ליידן, באַליידיקט זי מיט יעדן וואָרט. נאָר זי ליידט שוין, ווי זי קאָן שוין אָפּטמאָל ניט פאַרליידן, פונדעסטוועגן האַלט זי זיך איין און שווייגט, אַבי ער זאָל זי ניט אָפּשיקן אַהיים.

אין שטוב איז געוואָרן גאָר פינצטער. נאָר פון אויוון, וואו כרימטיע האָט אָנגעצונדן שטרוי, איז געפאַלן אַ רויטער שיין און געשפּילט אַף דער מוטער, אַף דער באַנק קעגן אויוון. און פון דער שיין איז אין שטוב אויך געוואָרן ליכטיקער, ס'איז בוילעט אַרומגעטראָטן זינקעס געשטאַלט מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ געווידמעט אים צו דאַווידן און געזאָגט פאַרקלערט:

— ביזן טערמין איז מיר געבליבן נאָר צוויי וואָכן. זי'ט ווידער אָוועקגיין אַפן כוטער, שוין ביז פריליגג. וועט זיך עפּשער מער ניט פאַרדינגען. געכטן איז געווען קלים, ער האָט זיך פאַרשריבן באַ טיכאָנען און פאַרשריבן דעם טאַטן אויך. און די נאַכט האָט זי געזען אין כאָלעם: אין הויף איז שוין ניטאָ קיין בוריאַן, ס'איז אויסגערייניקט, און אונדזערע שטעלן שוין סטויפּעס.

— דיך, דאַוויד, האָב איך שלעכט געזען אין כאָלעם, נאָר דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב מוירע און האַלט אין איין איבערקלערן.

— און דו קלער ניט.

— אַז מע קלערט זיך אָבער אַליין.

דאָס מיידל איז אַנטשוויגן געוואָרן. שטיל איז אויך דאַוויד. עפּ־שער האָבן די שאָטנס אין שטוב דערמאָנט אין די פאַרגאַנגענע בלאָווע פאַרנאַכטן און אין די שטערנדיקע נעכט. אין סטעפּ רוישט דער קאָרן; זיי זיצן אַפן סטעזשקעלע, און די זאַנגען וועגן זיך איבער זייערע קעפּ. געקוקט האָבן זינקעס אויגן אינם אויסגעשטערנטן הימל, און דער יונג האָט געקוקט אין אירע פאַרכאָלעמטע אויגן...

פּלוצים האָט דאָס מיידל אַ ציטער געטאָן און גיך אויפגעשטאַנען. אָי, זי וועט שוין האָבן אויסצושטיין איינדערהיים! — לעבן אויוון האָט זי נאָך כריסטיע אָנגעכאַפּט פאַר אַ פּאָלע און אַ ווײַלע גע־שושקעט זיך מיט איר.

דאַוויד איז געזעסן פאַרטראַכט אין שאָטן לעם פענצטער. און ווי אַמאָל האָט אין אים אויפגעוואַכט יונגער מוט און דרייסט. „אַ נעכטיקער טאָג! מיר וועלן נאָך קעמפן!" אין פאַנטאַזיע האָבן זיך אויסגעמאָלט נים קלאָרע קאָנטורן פון געליבטן טרוים אין זו־ניקע פאַרשיידנפאַרביקע פלעקן, ווי אַף אַ לייוונט פון אַ מאָלער אַ פוטוריסט. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר אויגן, נאָר דעם טרוים נים פאַרשטעלט, ווײַל זיי זיינען דורכזיכטיקע. דורך זיי האָט רעגנ־בויגן־פאַרביק געשפּילט דאָס בילד אין דער ווייט...

XIV

נאָך לאַנגע האַרבסטיקע אָנשטרענגנדיקע נעכט זיינען געגאַנגען טעג נאָך טעג. פון די בוימער זיינען שוין אָפּגעפאַלן אַלע בלעטער. די שטרויענע דעכער אָנגעווייקט פון רעגנס און ענגען, דאַכט זיך, נידעריקער. די גאַסן און שליאַכן אין סטעפּ אַריין זיינען פאַרפּליוצט מיט בלאָטע. האַרבסט. די, וואָס האָבן שוין אָפּגעאַקערט, און די, באַ וועמען די פעלדער זיינען געבליבן ליגן ווי געלע פלעקן צווישן פרעמדן פעלד, — אַלע גלייך האָבן געפּוצט די אַקערס, זיי זאָלן גלאַנצן, און באַהאַלטן זיי אונטער די אָפּדעכער ביז פרילינג. די גאַנצע אַרבעט איז איצט אין הויף. די פּויערן האָבן זיך געפּאָרעט אַרום פּי, געווייעט אין די קלוניעס, געריייניקט די טוואָוע אַף רעשע־טעס, געטריערט. גאַנצע טעג פון פרי ביז נאַכט אין הויף. אין שטוב לויפט מען אַריין נאָר אָפּעסן. און ווי מע שטייט אויף פון טיש,

פֿאַרוויכערט מען אַפֿילע ניט און מע נעמט זיך גלייך פֿאַרן היטל. וואָרים אין שטוב איז שווער צו כאַפּן דעם אָטעם:

נאָך דער טערפּקער סטעפּישער לופֿט זייגען די לונגען נאָך ניט צוגעוואוינט צום שטויב פֿון פֿלאַקס און קאָנאָפּליעס, צום רייעך פֿון קיזיקעס אין אויוון. און אין שטוב איז טאַקע אַן עמעסע טעקסטילפֿאַבריק. די פֿרויען הייצן נאָר אויס און זעצן זיך טייקעף צו די שפּינדלעך.

די מיידלעך און יונגע ווייבלעך שפּינען אַף אַ שפּינראָד, און די עלטערע אַף ווערעטענעס. און טאָמער איז אין שטוב נאָך דאָ אַ וועבער — אַן אַלטער זיידע, שניידט זיך דאַן אַריין אין דעם איינפֿאַכן ניגן פֿון די שפּינדלעך דער וואַרשטעט, ווי אַ טערקישער פּויק, און דאָס שיפֿל שפּילט איבער די פֿעדים, ווי אַ קלאַרנעט. די אייניקלעך האָבן אויך אַן אַרבעט — וויקלען שפּוליעס. אַזוי פֿון אינדערפֿרי ביז אַפּערנאַכט, און נאָך דער וועטשערע אַרבעט מען ווידער ביז שפּעט.

נאָר די מאַנסבלעך אַנטלויפֿן אין אָוונט פֿון שטוב.

— וואָלסט כאָטש אָנגעוויקלען איין שפּוליע, — טוט אַ זאָג ניטצופֿרידן דאָס ווייב.

— זאָל זיין אינדערפֿרי, — ענטפֿערט ער אַפֿן שוועל און קריכט שוין אַריבער איבערן פּלויט צו אַ שאָכן.

טיכאָן האָט געזאָגט אַן עמעס. אין די אָוונטן קלייבן זיך איצט צונויף אין די הייזער גאַנצע מיטינגען. גאָר ווי אַמאָל אין אָנהויב רעוואָליוציע, גאַנצע אַפּערנאַכטן, לאַנגע האַרבסטיקע, שמועסן די פֿויערן וועגן דער ערד, פֿון דער אָרטיקער מאַכט און גלאַט גייעס: באַם סטרוזש אין דאָרפֿראַט האָט עמיצער פֿאַר אַ ביסל טוטין געקריגן אַ שטיקל צייטונג, ווער ווייס פֿון ווען זי איז, ווייל דאָס קעפּל איז אָפּגעריסן, קיין פּאַראַיאָריקע איז זי פֿונדעסטוועגן ניט. נאָר מער פֿאַר אַלץ האָט מען גערעדט וועגן די נאָענטסטע אָנגעווייטיקטע געשעפֿטן — וועגן דער ערד. עמעס, מע האָט נאָך גערעדט נאָר־צווישן אייגענע מענטשן אונטערן רויש פֿון די שפּינדלעך און אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אַף דער טיר, ווייל מאַטיוכעס לייט שמעקן אָן אומעטום. אָט האָט דאָך יוכים קאָלאָדקע געכאַפּט אַ פּסאַק. מע האָט זיך אַזוי צונויפֿגעקליבן באַ אים אַפּערנאַכט, און אינדערפֿרי

האָט אים מאַטיוכע אַרויסגערופֿן אין האָרפּראַט, און ער ווייסט שוין אַלץ, וואָס מ׳האָט דאָרט גערעדט. ער האָט אים אָנגעשלאָגן די מאָרדע און נאָך געוואָלט אָפּשיקן קיין שטשערבאַניווקע אין מיליציע, קאָם זיך אויסגעבעטן.

— אויך מיר כּידושים, — האָבן די פֿויערן אופגענומען די יעדיע, — ער מ׳וועלן, וועט ער אי מיך אי דיך אָנהאַרגענען! וואָרים ער איז בײַ דער מאַכט און ווייסט, אַז וואו דו זאָלסט זיך אָף אים ניט קלאָגן, איז אומעטום דאָס זעלביקע, — די פּאַרטיע איז בײַ דער מאַכט

— ניט אומעטום איז אַזוי! מיר ווייסן בלויז ניט, וואוהין זיך צו ווענדן, און ער נוצט אויס אונדזער פֿינצטערקייט, ער ווייסט, אַז אויב ער וועט עמיצן דערהאַרגענען ביז בלוט, וועט זיך יענער נאָר אויסווישן מיטן אַרבל, דאווידן האָט ער פֿונדעסטוועגן מוירע צו שלאָגן, כאָטש דאוויד זאָגט אים עמעס אין די אויגן. איר געדענקט, דעמאָלט אָף דער פֿאַרזאַמלונג? — „דו געמיינער גנעפֿעש!“ פֿאַר וואָס זשע איז דאָס?

— יאָ־יאָ!

די אָבוכיוועקער האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו קלערן... מ׳האָט גערעדט פֿאַרשיידן, אַז נאָר ווײַל ער איז אַ פּאַרטייער לײַדט פֿון אים מאַטיוכע אַזעלעכס, וואָס ער וואָלט קיינמאָל ניט געליטן פֿון קיין אַנדערן. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס איז „אַזאַ מין פּאָליטיק“, און וואָס פֿאַר אַ פּאָליטיק, האָט זיך קיינער ניט פֿאָרגעשטעלט קלאָר. דעריקער, וואָס דאוויד האָט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופֿן קיין ספֿייקעס און כשאַד איבער זײַן אופֿריכטיקן ניט באַהאַלטענעם האַס צו מאַטיוכעס כעוורע. טכילעס, באַלד ווי ער איז געקומען צופֿאָרן, האָט מען אַפּילע געקלערט אַנדערש. ווײַל מע האָט געוואוסט נאָך פֿון זײַנע בריוו, אַז ער איז אַרײַן אין אַפּרטיי און געדינט ערגעץ פֿאַר אַ פּאָליטרוק. און כאָטש מע האָט געקאָנט דאווידן פֿון קלייניוויס אויף, און די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע אויך פֿאַר אַן ערלעכע און לײַטישע, פֿונדעסטוועגן — ווער קאָן ווייסן? פֿאַר דער צײַט פֿון רעוואָליוציע האָט זיך גאַנץ רוסלאַנד איבערגעביטן, הײַנט וואָס איז שוין דאָ צו רעדן וועגן אײנצלנע מענטשן? ס׳האָט זיך דען ניט געטראָפֿן אַזוינס, אַז ביז דער רעוואָליוציע איז דער מענטש געווען

אַזוי זיך, אַ שיקער, אַ באַטראַק, אַ דער רועך ווייסט וואָס, — אָט אַשטייגער, דער זעלביקער קאָלאדקע, — און איצטער איז ער אַן עמעסער פּויער — האָט אַ פערד, אַ בעהיימע, זיבן דעסיאַטין פּאַר־זייט ער אַלע יאָר און נעמט קיין טראָפּן ניט אין מויל אַריין, און ווידער טאַקע, לאָמיר נעמען מאַטיוכען אַליין — האָט געשלאָגן די בורזשועס, געקעמפט פאַר דער מאַכט פון אָרעמפּויער, און אַצינד... איז עפּשער דאַוויד אויך אַזעלכער?

אָבער די ערשטע באַגעגענישן און שמועסן מיט אים האָבן זייער אָנגענעם פאַרוואונדערט די פּויערן. ער איז געבליבן דער זעלביקער דאַוויד מאַטוזקע. אַזוי ווי דעמאָלט, בעאיים דער רעוואָליוציע, אַזאַ הייסער און באַטראַכטער. האָט זיך דערפרעגט, ווי זיי לעבן, אַסאַך דערציילט אַליין. דער קאָל איז באַ אים געוואָרן געשטעלטער און זיכערער. און אי־גאַנצן איז ער אויסגעוואקסן. געטראָגן האָט ער אַ ניטאיבערגעגייטן סאָלדאַטישן שינעל, אָן אַ נאַגאַן. שוין אַפּן צווייטן פרימאָרגן האָט ער געמעלויצעט מיטן פאָטער, און אין די אָוונטן האָט ער געשמועסט מיט די פּויערן; מע זעט, אַזאַ קלוגער און אָנגעלייענטער, און גאַס אַף הוליאַנקעס האָט אים קיינער ניט געזען. „אַ געשטעלטער מענטש“, — האָבן געקלערט די פּויערן. און שפּעטער אין מיל און אַף דער פאַרזאַמלונג האָבן זייגע דרייס־טע רייד מאַמעש געשניטן די אויערן, ער האָט האָר אינדערהויך אָנגערופן נעמען „מאַטיוכע, גנידע“, וואָס די אָבוכיוקער זייגען געוואוינט זיי אָנצורופן אינדערשטיל, אָדער גאָר „כאַוועך פאָרזיצער, יאַקאָוו האַוורילאָוויטש“. און זאָל גאָט אָפּהיטן אויסרעדן אַ וואָרט קעגן זיי. טיכאָן קאָזשושני האָט געפּרואווט, איז האַלעוויי ער זאָל דערלעבן ביז פרילינג, און אַז דאַוויד איז אַרויסגעטראָטן אַף דער פאַרזאַמלונג, האָבן די פּויערן אייגגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט מיט אויערן, וואָס וועט דאָ זיין. האָט אים מאַטיוכע דאַפּקע ניט געטשעפּעט. דאָס איז געווען אַזאַ אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, אַז מ׳האָט גאַנצע טעג געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם. מ האָט אַרויסגעזאָגט די פאַרשיידנסטע האַשאָרעס, דערמאָנט זיך די קלענסטע פּראָטים, ווי מאַטיוכע האָט זיך אָנגעהויבן טרייס־לען, און פון די פאָדערשטע בענק האָט מען אַפילע קלאָמערשט געהערט, ווי ער האָט געקריצט מיט די ציין. און פונדעסט־

ווען האָט ער אים ניט געטשעפּעט! וואָס הייסט דאָס? ניט אַנ־דערש, ער האָט זיך דערשראָקן, אַפילו די, וואָס זייגען געווען פעסט פאַרגלויבט אין מאַטיוכעס אזעס, האָבן אויך בלויז געקוועטשט מיט די פּלייצעס. נאָר אַלע האָבן געפילט: אין דער לופט שמעקט מיט בעהאָלע, און די אייגצלגע ווערטער, וואָס עמיצער פון „יענע" האָט געזאָגט אין קאָאָפּעראַטיוו און לעבן מיל, האָבן אַלעמען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ שטילקייט פאַר אַ שטורם.

טיאַגנירהנאָ שיקערט שוין פון ווען אָן הוליעט דאָ אין אַבוּ־כיוועק, שלעפּט זיך אַרום מיט גנידען איבערן דאָרף.

נעכטן האָט זיך דאוויד אויסגעקליבן גיין צו טיכאָנען, ס'איז שוין געווען נאַכט, אַ שוואַרצע און ווינטיקע נאַכט. אין דאָרף האָבן געבלינצלט פייערלעך. הינטערן שטאַל האָבן צוויי שטימען שיקער געליאַרעמט. דאוויד איז נאָר אַרויס פון הויף, און אים אַנטקעגן גייען צוויי געשטאַלטן אַרומגענומען און פּלאָנטערן מיט די פיס אין בלאָטע; מיט די שיקערע קוילעס זינגען זיי אין דער ווינטיקער נאַכט אַריין:

> מיט מיין בעוורע מיט מיין טרייער וועל איך פאָרן,
> צעשטערן כאָטש קינדער, כאָטש שטעט...

— ווער גייט? — האָט זיך איינער פּלוצים אָפּגערופן באַם פּלויט.

דאוויד איז שווייגנדיק פאַרבייגעגאַנגען לעבן זיי.

— ווער! איך פרעג, — מיט רוגזא און מיטן טראָפּ אָפן „איך".

דאוויד האָט זיי שוין אויסגעמיטן. און פון הינטן הערן זיך זיד־לערייען. גלייך מע וואָלט אָנגענומען זשמיניעס בלאָטע און געוואָרפן אים אין רוקן. דערנאָך האָט געטרישטשעט אַ פּלאָקן אין פּלויט; דאוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקוקט זיך. אַפּאָנעם, ער האָט אָנגעטראָפן אַף אַ שלעכטן פּלאָקן: דער שטרענגער „איך" האָט זיך שוין געוואַלגערט אין בלאָטע לעבן פּלויט. דער צווייטער האָט געסאַפּעט, ווייזט אויס, געראַטעוועט דעם ערשטן. זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געבאָברעט. דאוויד איז שוין געווען לעבן טיכאָנס הויף, ווען ער האָט דערהערט, ווי זיי טיאַפּקען איבער דער גאַס גלייך צו גני־דען אין הויף אַריין.

דערנאָך שוין שפּעט אַפּדערנאַכט, באַ טיכאָנען איז די שטוב געווען פול מיט מענטשן, און פלוצים: טראַך־דזין! ס'פליען שויבן און אַ שפּיק ציגל האָט שיר ניט געטראָפן האָרדיען אין קאָפּ אַריין. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקענע. מ'איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס, טיכאָן מיט אַ האַק, אינדרויסן איז פינצטער. אַפן דאָרף גוואַלטעוועט די הינט. קיינער איז ניט געווען ניט אין הויף, ניט אין גאָרטן, און נאָענט אין גאַס אויך ניט. איבערן גאַס איז נאָר געגאַנגען דאָס יונגוואַרג מיט געזאַנג און געשרייען. נאָר אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז „זייערס" אַ שטיקל אַרבעט און מער קיינעמס ניט.

און היינט איז דאַוויד אַריינגעקומען אין דאָרפּראַט, געפרעגט באַ מאַטיוכען, וואָס פאַר אַ פאַרשוין שלעפּט זיך עס אום אַ שיקערער איבערן דאָרף. האָט געוואָלט אויסברעכן אַ פלאָקן אַף אים, דאַווידן. און נעכטן אַפּדערנאַכט האָט עמיצער אויסגעזעצט אַ שויב באַ קאָזשושקין.

מאַטיוכע איז ניט געווען שיקער, נאָר זייער בייז. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט די רויטע אויגן אַף דאַווידן און אַ ריר געטאָן מיט די ברעמען. געזאָגט, שאַרף קוקנדיק אַפן באָכער:

— האָסט מינאַסטאַם פאַרדינט אַ פלאָקן, אויב מע ברעכט אים פון פלויט. און די פענצטער היט איך ניט. איר וועט עפּשער אַליין אינגיכן אָנהויבן אויסזעצן שויבן איינער באַם צווייטן און פלעטן זיך די קעפּ מיט פלעקער. איז עס ניט מיין דייגע!

און שפּעטער אַביסל — אין קאַבינעט איז מער קיינער ניט געווען — האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און געזאָגט שטיל און מיט קאַס, אין זיין קאָל האָט זיך געפילט דראָונג און האַסראָע:

— מאָטוזקע, דו זאָלסט מיר וואַרפן דייגע שטיק! קאָלזמאַן ס'איז ניט שפּעט. אַניט, זאָלסטו קיין פאַריבל ניט האָבן. איך וויים אַלץ, וואָס דו פאַרקלערסט. זאָלסטו וויסן זיין: איך האָב אויך פאַרקלערט אַף דיר. וועסט ווייגען, נאָר ס'וועט שוין זיין צו שפּעט. גיי, פיר מיך ניט אַרויס פון די קיילים!

דערנאָך, אַז די טיר איז שוין געווען אָפן, האָט ער געזאָגט אַלע זאָלן הערן: — זאָלסט מיר אופהערן מיט די פאַרזאַמלונגען! וואָרום אַז איך וועל אַמאָל אָנטרעפן... עפּשער טרייבט איר דאָרט

סאַמאָהאָן, און עפּשער נאָך עפּעס. אין דאָרף האָבן זיך שוין ווידער אָנגעהויבן גנייוועס.

דאַוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך אַף מאַטיוכען און געפרעגט מיט איראָניע, אויך אַז אַלע זאָלן הערן:

— דו פאַרגעסט אַפּאָנעס, כאַווער מאַטיוכע, — ער האָט אָנגע־ וויזן אַף דער וואַנט, — דאָס איז ניט ניקאָלאַי דער צווייטער, נאָר לענין, און וואָס שייעך די גנייוועס, איז... ביסטו פּאָרזיצער, מיס־ טאָמע ווייסטו, ניט נאָר בײַ וועמען מ'האָט געגאַנוועט, נאָר אויך ווער ס'האָט געגאַנוועט.

— מירן נאָך קלאָר מאַכן, ווער דאָס איז! — האָט אויך שאַרף און הויך געזאָגט מאַטיוכע און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דאַ־ ווידן.

...פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין ניט פאַרזאַמלט ניט בײַ מאָטוזקען, ניט בײַ קאָזשושנין. מ'האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר מאַטיוכען, נאָר אַלע טאָג אַרײַנגשטעלן שויבן לוינט ניט. און אויסער דעם, האַלט דאַוויד גלאַט, אַז ס'איז שוין צײַט אויפהערן צו בויגן זיך לעבן די פּריפּיטשקעס, ס'איז שוין צײַט אַרויסגיין אַף אַ ברײַ־ טערן שליאַך. און העריבער דאַרף מען אַרויסקריכן פון דער „אונ־ טערערד" אין לייענשטיבל אַרײַן. די כאַווײרים האָבן מאַסקים געווען.

— נאָר בײַ אונדז איז דאָך דאָס לייענשטיבל אויך אַ רעכטס... יאַקים האָט אויסגעשפּיגן און מער גאָרניט געזאָגט.

XV

אינמיטן דאָרף לעבן פּלאַץ, וואו סע שטייט דער קלויסטער, אַף דער אַנדערער זײַט גאַס אַנטקעגן דער שול, איז געשטאַנען אַ גרויס אָפּגעקאַלופּעט הויז, געדעקט מיט בלעך, און מיט אַ גאַנעק צו דער גאַס. אַמאָל איז דאָ געווען די מאָנאָפּאָלקע. נאָר וואָס איז פאַרבליבן פון איר, פון דער מויד, וואָס איז געווען אַמאָל אַזוי ריידנדיק, פול מיט שיקערן כיין און פאַרקויפטן פאַלשן צויבער, ווען בײַ אירע פיס האָבן זיך געוואַלגערט פויערן אין בלאָטע, אין מייקעכץ! האַרב־ סטיקע רעגנס, שנייאיקע זאַווערוכעס האָבן זי אָפּגעשונדן, און קיי־ נער האָט ניט פאַרשמירט די וואונדן. זי איז ווי באַשאָטן מיט בלאָ־

טערם — לעם די פענצטער, לעם גאַנעק און אונטן באַם פונדאַמענט איז דער טינק אײַנגאַנצן אָפּגעפאַלן, און ס'קוקן אַרויס די ברעטער. דער בלעך אַפן דאַך איז אַמאָל געווען געפאַרבט, נאָר דאָס איז געווען מיט אַסאַך יאָרן צוריק, און קיינער געדענקט שוין ניט אַפילע דעם קאָליר. דער גאַנעק איז צעפוילט, און די ווינטן האָבן אָפּגעבראָכן די ברעטער פון דעכל.

איצט איז דאָ דאָס לייענשטיבל.

באַטאָג קוקט עס טעמפּ אַפן וויהאָן מיט די ברודיקע פענצטער און אויסגעשלאָגענע שויבן. און קיין איין געדאַנק רירט זיך ניט אין אים דעם גאַנצן טאָג. וואָרים פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט הענגט אַ שלאָס אַפן טיר. אַף די צוויי עקסטע פענצטער הענגען ווייסע פאָרהענגלעך, און אַף די פענצטערשוועלן גרינען אין טעפּעלעך קווייטן. אין איין האַלב וואוינט דער געוועזענער ביבליאָטעקער. ביבליאָטעקער איז ער געווען נאָך אין די צייטן פון דער „פּראָסוויטע", און אַצינד איז ער, אייגנטלעך, ניט דער פאַרוואַלטער פון לייענשטיבל, נאָר גלאַט עפּעס אַ איבערבלייבעכטס, און דינט נאָך אַלס פאַרקויפער אין קאָאָפּעראַטיוו. נאָר דער שליסל פון לייענשטיבל איז באַ אים, און אָפּדערנאַכט, ווען די יונגע פאַרשליסן די טיר, לייגן זיי אַוועק, ווי אָפּגערעדט, דעם שליסל אונטערן גאַנעק און אינדערפרי, אַז דעם ביבליאָטעקערס ווייב, די לערערן אַנע איוואַנאָוונאַ, לאָזט אַרויס די היגער פון בוידעם, נעמט זי דעם שליסל אין קעשענע. דאָס איז גאָר.

אַפן גאַנעק האָבן דעם ביבליאָטעקערס הינער אויפגעשטעלט די פעדערן און געזעסן פאַרגליווערטע, ווי אין כאָלעם, צי אין שלאָף. דאָ אַפן בוידעמל וואוינען זיי טאַקע. זומערצייט איז זיי דאָ געווען שטיל און היימלעך. אַ גאַנצע נאַכט רואיק, קיינער איז ניט אַרײַנגעקומען. אַפן גאַנעק האָט שוין אַפילע אָנגעהויבן וואַקסן גראָז און פון אונטער די פאַרפוילטע טרעפּלעך האָבן אַרויסגעשפּריצט צוויי זונבלומען, נאָר דעם ביבליאָטעקערס ציג האָט זיי אָפּגעהריזעט. האַרבסט־צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל. יעדער נאַכט האָבן אַפן גאַנעק געטופּעט פיס, מ'האָט געהאַקט מיט די טירן, אַ טומל, קוילעם. און סאָפּקאָלסאָף אין איינער פון די נעכט, אָט אַזוי, צווישן קוילעם און מיידלשן געזאַנג, האָבן זיך צוויי הענט מיט צעשפּרייטע

פינגער אויסגעצויגן צום בוידעם און שוין געפּאַקט די ראָבע הון, נאָר זי האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. און וואָס וועט זיין היינטיקע נאַכט? ס'איז דאָך ניט אַנדערש עמיצער פון די שטיבלער.

ס'איז שוין פאַרנאַכטלעך. ס'הערן זיך שטימען, שפּאַסעריי און קלינגענדיקער מיידלשער געלעכטער. פון ביידע עקן דאָרף איז גע־גאַנגען דאָס יונגוואַרג אין סעדלעך. מ'האָט געטופּעט מיט די שטיוול אָפּן גאַנעק און מיט ליאַרעם אַריין אין שטיבל.

ווען דאַוויד מיט יאַקימען זיינען צוגעקומען צום גאַנעק, האָבן די קינדער איינגעטאַפּטשעט אין בלאָטע די בלייכע פּאַסן שיין פון אַלע פענצטער — מ'האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט. אינעווייניק. און אין שטיבל האָט מען געליאַרעמט, מ'האָט דאָרט געזונגען, אומגע־לאָפן, קעגן די פענצטער האָבן זיך באַוועגט לעבעדיקע געשטאַלטן.

— כוועדאָר, הויב מיך אונטער, וועל איך דיך אויך שפּעטער.

און די קינדער זיינען צוגעפאַלן צו די שויבן מיט נייגעריקע קינ־דערשע אויגעלעך.

— אַף מיין וואָרט, כוועדאָר, אייער איוואַן האָט אַרומגענומען האַפּקען, ער קושט זי!

— ס'אַ ליגן?

— זאָל איך אַזוי לעבן! זע נאָר, זע, ער קושט זי ווידער, — האָט זיך אייגער אַזש פאַרכליגעט און נאָך שטאַרקער איינגעקוקט זיך.

אינעווייניק האָט זיך דאַווידן גלייך געוואָרפן אין די אויגן דער נעדיכטער מאַכאָרקע־רויך, וואָס איז געשוואומען אין כוואַליעס איבער די קעפּ. דורכן בלאָון רויך האָבן זיך אַרויסגעזען צוויי רייען מיידלעך אַף די בענק לעבן וואַנט — זיי האָבן געזונגען אַ ליד וועגן געליבטן און ווייטן וועג. אונטער דער אַנדערער וואַנט — אַ כאָפּטע באָכרים, און אָפּן טיש, סאַמע אונטער שעוושטשענקאָס בילד, וואָס איז באַהאַנגען מיט אַן אויסגענייטן האַנטעך און באַדעקט מיט שפּינ־וועבס, איז געזעסן אַ לאַנגער באָכער און אים אַף די קני אין די פּאָלעס פון דער סוויטקע האָט פאַרגראָבן דאָס פּאָנעם אַ צווייטער און האָט זיין האַנט געהאַלטן פון הינטן. איבערן קאָפּ, אין נעפּל, האָט אַ שווינדל געטאָן אַ האַנט און מיט קויעך, — יענער האָט זיך אַזש איינגעבויגן, — געפאַלן אים אַף דער דלאָניע, ער האָט אויפ־געהויבן דאָס פּאָנעם, — ווייזט אויס, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל

האָט ער זיך געבויגן און אופגעבויגן, וואָרים דאָס פּאָנעם איז פּאַר־קרימט פאַר ווייטעק, — נאָר ער זוכט פריילעך מיט די אויגן.

— דו!

— לייג זיך! — האָט דער אוילעם אויסגעשריען פריילעך. מ'האָט ווידער אָנגעהויבן און צוגעקוועטשט זיין קאָפּ. דער לאַנגער האָט אים ווידער פאַרוויקלט מיט די פּאָלעס. און פון הינטן שטופּט מען זיך שוין: איך, איך... קנאַק!

דאוויד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. און יאַקים האָט געזאָגט:

— אָט, ווי דו זעסט.

— יאָ, אַרבעט, וועט דאָ זיין געגוג. נאָר דערפאַר זאָלסטו וויסן זיין, יאַקים, — און ער האָט מיט באַגייסטערונג געקוקט יאַקימען גלייך אין די אויגן! — קוק, ווי ס'גלאַנצן באַ זיי אויגן, הינטישע זין! און דאָס באַ אַזאַ שפּיל. היינט, ווען מע זאָל זיי אַריינציען אין לעבן, עפענען זיי די אויגן אָף דער וועלט — מע זאָל כאָטש גיכער אַרויסשיקן די ציימונג. — ניט אַזוי וועלן נאָך גלאַנצן די אויגן!! יאָט איינער, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. מע דאַרף נאָר קאָנען.

ער האָט אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז דאָ אַ ביבליאָטעק. ס'איז דאָ. יאַקים האָט אים אָוועקגעפירט אין אַ פינצטערן קאָרידאָר און דורך אַ אָפענער טיר אין אַ פינצטערן כיידער, ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע.

— דאָס זיינען אונדזערע שאַפעס.

עפּעס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן לעבן וואַנט — האָט אַ פּאָכער געטאָן מיטן קליידל און מיט דער ווייסער פּאָלע.

זי האָט זיך אָנגעבויגן און פאַריכט די צעפּאָטלעטע האָר אונ־טערן טיכל. און ער האָט זיך אָנגעבויגן און לאַנג געזוכט דאָס היטל אונטער דער באַנק. דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעלאָשן. דאָס מיידל איז אַרויסגעלאָפן און זיך צוגויפגעמישט מיטן ליאַרעמדיקן אוילעם. יאַקים האָט זיך גענומען צום באָכער.

— דאָס טויג שוין גאָרניט, כעווערעמאַן. וואָס קומט איר אַהער מיט אַזוינע געשעפטן? אָף דערויף איז דאָ געגוג אָרט אומעטום, און מאַכן דאָס לייענשטיבל פאַר אַ „הייזל" טאָר מען ניט, — האָט ער געזאָגט באַרויגעט און מיט שוועבעלעך באַלויכטן דעם בלאַנדן באָכערס פּאָנעם, — זאָלסט וויסן. אין וואַנטציימונג וועסטו שוין

דיין כיילעק באַקומען, מעגסט זיין זיכער, און די באַכערטע דיינע וועלן מיר אויך ניט שאַנעווען.

דאַוויד איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און געקוקט דורך די צע־בראָכענע שויבן אַף די פּאָליצעס מיט אָנגעוואָרפענע צעשויבערטע ביכלעך. ער האָט גענומען איינס — אין נאָז האָט אַ שלאָג געטאָן דער גערוך פון פאַרלעגערט פּאַפּיר און שטויב. די ווינקלען איבער די פּאָליצעס זיינען געווען פאַרוועבט מיט שפּינוועבס. ער האָט אוועקגעלייגט דאָס בוך — אַ באַנד לעסקאָוו. יאָקים האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער איבער דער טיר פון אַ צווייטער שאַפע.

— דאָ איז אויך פול ביכער. דאָס איז דער גענעראַלשעס. מיט איין וואָרט, אַ וואוילע ביבליאָטעק, נאָר ס'איז צומיינסטנס ראָמאַנען און לידער, און קיין פּויערש ביכל איז קאַמאַט ווי ניטאָ, איז אַז מע נעמט אַ בוך, קוקט מען ניט אָפּן נאָמען, נאָר מע טאַפּט מיט די פינגער, צי דער פּאַפּיר איז ניט צו גראָב. און אַצינד גיט מען גאָר ניט אַרוים קיין ביכלעך, ווייל קיינער קערט ניט אום:

אונטערן וואַנט האָט אַ קלונג געטאָן אַ גיטאַרע און אַ סאָפּראַנאָ שטיל:

Нічка розсипала зорі сріблестії,
Ось вони в річці на дні...*)

יאָקים האָט אָנגעצונדן נאָך אַ שוועבעלע.

— און די ווענט! — האָט דאַוויד געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי זיינען געווען צעגעסן פון וואונדן, זינט דער „פּראָסוויטע“ האָט מען זיי, ווייזט אויס, ניט געווייסט. די ווינקלען סטעליע באַהאַנגען מיט שפּינוועבס; איין ווינקל איז שוואַרץ געוואָרן פון פייכט־קייט און באַדעקט מיט שימל. אונטערן פענצטער איז דער טינק אָפּגעפאַלן.

— מע דאַרף דאָ אַ רעמאָנט, און אַ רעכטן.

— דאָס וועלן מיר מאַכן, דאָס איז אַ קלייניקייט, — האָט יאָקים געזאָגט, אוועקגעוואָרפן דאָס פּוסטע שוועבעלעך־קעסטעלע און זיך אויסגעדרייט צום טיר, — אַבי מיר זאָלן נאָר קומען צו אַ טאָלק

*) „די נאַכט האָט צעשאָטן זילבערנע שטערן,
זיי זיינען אין טייכל, אָפּן דנאָ...

מיט דער יוגנט. וואָרים ביז איצט איז מאָמער קומט אַריין אַ פויער און דערזעט אַזאַ בילד, וועסטו אים שוין מער מיט קיין שטריק ניט פאַרשלעפּן אַהער.

מיט דער יוגנט וועלן מיר זיך ווי ס'ניט איז צוגויפריידן, — האָט דאוויד געזאָגט:

אין גרויסן צימער האָבן די באָכרים נאָך אַלץ געשפּילט אין פּאַטשערלעך, די ערנסטערע זיינען געשטאַנען לעבן פענצטער אין אַ רעדל, געריוכערט און געלאַגגווייליקט זיך. דער נעפּל איז געוואָרן נאָך געדיכטער, און אין נעפּל, ווי אין אַ לעוואָנע־נאַכט, האָבן גע־בלאַנקעט די מיידלעך מיט געזאַנג — עמיצן געזוכט. געזונגען האָט מען זייער שטיל. גלייך ווי ניט דאָ לעבן דער וואַנט, נאָר ערגעץ העט ווייט. לעבן סאַמע אַריינגאַנג האָט קאָסטיע האָרדים אויפגעהויבן די האַנט, אַ זעץ געטאָן איבער דער אויסגעשטרעקטער דלאָניע און אויסגעדרייט זיך צו יאַקימען. דאָס פּאָנעם זיינס איז מיר, און אין קאָל הערט זיך בענקשאַפט.

— וואָלסט באַטש געבראַכט מיט זיך די האַרמאָניע, יאַקים.

— זי ליגט מיר איצט ניט אין קאָפּ, די האַרמאָניע, — האָט יאַקים געענטפערט. ער האָט אַ פרעג געטאָן, צי זיי קלייבן זיך נאָך לאַנג פאַרנעמען מיט נאַרישקייטן. קאָסטיע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס — ווער קאָן עס וויסן? און דאָ האָט אים עמיצער אָנ־געכאַפּט פאַרן אַקסל און שלעפּט אים — מ'האָט אים דערקאָנט. ער האָט נאָר אַ שפּיי געטאָן און מיט קאָס אויסגעשאָלטן זיך!

— ס'איז אייך נאָך ניט נימעס געוואָרן?

דער לאַנגער איז אויך אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש און ניט געוואָלט מער שפּילן. דאָס רעדל איז זיך צעפאַלן. אייניקע זיינען אָפּ צו די מיידלעך. די באָכרים פונם פענצטער זיינען צוגעגאַנגען צו דאַ־ווידן און אַסטאַפּ איוואַזשין האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל, נאָר ניט פריילעך:

— דאָס איז בײַ אונדז אַזאַ לייענשטיבל. דאַוויד.

— איך זע שוין, סע טויג אַף צאָרעס.

יאַקים איז שוין געשטאַנען אינמיטן צימער און אויפגעהויבן אַ האַנט.

— כאַווייִרים, שפּילער! מיידלעך, זאָל זיין גענוג, איר וועט שפּעטער דערזינגען.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים. דער טומל האָט אויפגעהערט. די מיידלעך האָבן נאָך געזונגען, דערנאָך זיינען זיי אויך צוביסלעך אַנטשוויגן געוואָרן, און אַ ווינקל נאָר האָט זיך איינע געשמיקט פאַר געלעכטער, גלייך מע וואָלט זי געקיצלט. קאָסטיע האָט אַ שפּאַן געטאָן פּאָרויס און אויסגעשריען איבער די קעפּ.

— אַנו, דאָרט, איר האָט זיך נאָך ניט אָנגעקיצלט? שווייגט!

— און טאָמער ניט? — איז אויפגעשטאַנען קנישענקאָ און געקוקט בייז.

— וועסט שוין דעמאָלט זען.

— אָוו-וואָ!

ס'איז צוגעקומען אַ געזונטער הויכער באָכער, קאַראַסקע קאָלאָדקעס:

— ווער אַנטשוויגן! אַניט וועלן מיר דיך אָוועקזעצן. רעד, יאָקים!

— עפּעס זעצסטו מיר צו שטאַרק! — האָט זיך אָפּגערופן באַס וואַנט דער בלאָנדער פּעדקע גנידע. יאָקים האָט אים שווייגנדיק באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פּיס און אויסגעשריען:

— אָט וואָס, כאַווייִרים! מאָרגן זאָלן אַלע מיידלעך, וואָס זיינען אין כאָר, און ביכלאַל אַלע באַוואוסטזיניקע זיך צונויפקלייבן אַהער וואָס פריער, מע דאַרף זיי דאָ, מאָרגן איז דאָך עפּעס אַ כאָגע, וועט איר בעמיילע ניט שפּיגען. און ברענגט מיט זיך באַרשטן און צו ביסלעך ווייסע ליים. צי דען וועלן מיר דעם גאַנצן האַרבסט און ווינטער פאַרברענגען אין דער כאַזער-שטאַל?

און ביכלאַל — דאָס מיינט ער שוין אַלעמען, אי די באָכרים, אי די מיידלעך — ער איז גלאַט קיין רעדנער ניט, ער קאָן ניט אַרויסזאָגן אַזוי קלאָר, וואָס ער מיינט, נאָר זאָל זיין ווי ער קאָן, — ס'איז שוין צייט, די יוגנט זאָל אָנהויבן אַ נייעם לעבן. די עלטערן זייערע אַמאָל, ווען דאָס לעבן איז אינגאַנצן געווען אַ פרעמדס, ניט זייערס, אַז מ'האָט זומער אַרויסגעזעצט פון זיך די נעשאָמעס, און ווינטער איז ניט געווען וואָס צו טאָן, איז וואוהין האָבן זיי געזאָלט אַוועקטראָגן די יונגע קראָפט? אָף הוליאַנקעס! פון געלעכטער און גע-

זאַנג האָבן געציטערט די ווענט און, ווען מע פלעגט פאַרלעשן דעם לאָמפּ, האָט מען שטאַרק געליבט די מיידלעך ביז פאַרטאָג. ביז סע פלעגט קומען דער פרילינג, ווען מ'האָט זיך ווידער פאַרדונגען צום פּאַרעץ. איז דאָך דעמאָלט ניט געווען וואו אַהינצוטאָן די קויכעס. און אַציִנד האָט זיך געעפנט פאַר דער יוגנט אַ נײַ לעבן, ס'זאָל נאָר קלעקן קויעך. דאָסדאָזיקע לעבן דאַרף מען אָרגאַניזירן מיט די איי־געגנע הענט און מיטן אייגענעם סייכל. צוליב דעם דאַרף מען זיך גוט צוקוקן, לייענען ביכלעך, צייטונגען, מע באַדאַרף אַלערליי לעק־ציעס. אַוואַדע, מע דאַרף אויך אַ הוליע טאָן. דערויף איז מען דאָך יונג, אָבער ניט אַזוי, ווי איצט. ס'איז ניט דאָס! וואָרים זייט זיך אַליין מוידע — האָט איר זיך כאָטש איינמאָל אומגעקערט פונדאַ־נען אַהיים מיט אַ גרינגג האַרץ? ער, יאקים, ווייסט דאָך פון זיך: סע פלעגט אים ציען אַהער, ווייל ס'האָט זיך עפּעס געוואָלט, ער האָט אַליין ניט געוואוסט קלאָר וואָס. און קומט ער נאָר צוגיין אַהער, איז עפּעס ניט דאָס, מאַכמעס דאָ פאַרנעמט מען זיך נאָר מיט נאַרעשע שפּילערייען... ס'ווערט אומעטיק אַפן האַרצן!

— איז אָט ווילן מיר, — האָט יאקים פאַרענדיקט — ס'זאָל דאָ זיין בעסער, ווענן דעם וועט שוין דאַוויד קלערן. אַ צייטונג האָט מען שוין אויסגעשריבן, און מאָרגן... זאָל פון די באָכרים אויך עמיצער קומען, ברענגען אַ לייטער, פאַריכטן דעם גאַנעק.

קאָסטיע, מיט היספּאַילעס:

— אָ, אין אונדז וועט קיין אָפּהאַלט ניט זיין.

און נאָך עמיצער:

— מיר ווילן קומען!

אין צימער האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי, אַ טומל, די מייד־לעך האָבן זיך אַנגעלאָזט אַף יאקימען — וואָס זאָלן זיי מיטנעמען פונדערהיים? ווייסע ליים ווייסן זיי, מע דאַרף נאָך אָבער פאָשעטע ליים אויך אַף פאַרשמירן די ווענט, און קאָזלעס דאַרף מען צום ווייניקסטן צוויי — די באָכרים זאָלן זען ערגעץ קריגן.

— און זאָלן זיי אָנברעכן אין וועלדל סאָסנע־צווייגן, — האָט איינע אויסגעשריען.

בריסטיע איז אַרויפגעשפּרונגען אַפן טיש, אַראָפּגענומען פון שעוטשענקאָן דעם האַנטעך און אים אויסגעטרייסלט, האָט זיך

אויפגעהויבן אַ שטויב ווי אַ כמאַרע. זי האָט אים צוגויפגעלייגט — יועט אים מאָרגן אויסוואַשן.

— יאָ, — האָט ווידער געזאָגט יאקים, — ווער סע האָט פאַר־טרעטן פון רעוואָליוציאָנערע טוערס, זאָל זיי ברענגען אַהער, און בא דיר, — האָט ער זיך געווענדעט צו דאַווידן, — וועלן מיר דער־ווייל רעקווירירן לעגינעס.

דאַוויד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און די אויגן זיינע קוקן מיט פרייד און היספּאַילעס אַף דער יוגנט.

XVI

אַף מאָרגן אינדערפרי. מ'האָט נאָך געקלונגען אין קלויסטער, האָבן די אָבוכיוועקער פויערטעס, גייענדיק פון קלויסטער, געזען, ווי לעבן לייענשטיבל פּאַרעט זיך די יוגנט. לעבן גאַנעק זיינען געשטאַ־נען צווי קאָזלעס: אַפן גאַנעק האָט געקלאַפּט אַ העמערל און גע־קלונגען אַ האַק — דאָס האָבן די יונגען פאַריכט דעם גאַנעק און די טרעפּ. אַפן גאָס האָבן זיך צונויפגעקליבן קינדער מיט טאַרבעלעך אַף די פּלייצעס — זיי זיינען געגאַנגען אין שול אַריין און האָבן זיך פאַרהאַלטן דאָ. פון שטוב איז אַרויסגעלאָפן אַ מיידל אין איין העמד און דאָס קליידל אונטערגעשטעקט ביז די קני.

— קאָסטיע, דערלאַנג מיר יענע „קאָזלעס“.

קאָסטיע האָט געאַרבעט אַף דער ערד לעבן די טרעפּ. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו כריסטיען.

— און אַליין וועסטו ניט אַזוי גוט זיין אַראָפּקריכן? — און לאַכט, ווייל די טרעפּ זיינען צענומען.

— דו זעסט דאָך?

— איכל דיך אַראָפּנעמען!

אַ, שעד אייגער, נאָר שפּילערייען ליגן אין קאָפּ.

קאָסטיע לאַכט פונגטן, און די אויגן זיינע רייסן זיך ניט אָפּ פון כריסטיען. פון שטוב איז נאָך אַרויסגעלאָפן האַלקע, גענומען מיט כריסטיען די קאָזלעס און אַריינגעטראָגן אין טיר. עטלעכע יונגען זיינען אַוועק אין סאָסנע־וועלדל נאָך צווייגן. ס'זיינען צוגעקומען נאָך מיידלעך. די יונגען האָבן זיי געהאָלפן אַרויפקריכן אַפן גאַנעק, איי־

ניקע אָבער, פֿון די סאַמע זשוואַווע, האָבן זיי אומיסטן ניט געוואָלט העלפֿן: „זאָל זי פּרואוון, צו וואָס זי טויג אָן אַ מאַנסביל". די מיידלעך האָבן איר דעמאָלט דערלאַנגט אַ האַנט און באַוויזן די באַקרים, אַז זיי קאָנען זיך באַגיין אָן זיי.

— אַ, וואָס? מיר טויגן?

— אָט גייט צו אונדז מאַריע טיכאָנאָס! — האָט כריסטיע פֿריילעך אויסגעשריען.

מאַריע איז צוגעגאַנגען אין אַ שוואַרצער סוויטקע. אַ צעשפּיליעטע, מיט אַ קליין בלומלדיק טיכל אויפֿן קאָפּ; זי האָט זיך פֿאַרויטלט פֿון גיכן גיין און געוואָרן פֿריילעך. אַ מיידל האָט איר דערלאַנגט אַ האַנט, און מיט איין שפּרינג איז זי אַרויף אויפֿן גאַנעק.

אינעווייניק אין שטיבל טוט זיך כווישעד, ווי שטענדיק ווען מע שמירט: די ווענט הוילע, שעוומשענקאָס בילד שטייט שוין אויפֿן פֿענצטער. אינמיטן שטוב אויפֿן טיש איז אָנגעוואַלגערט אַ באַרג סוויטקעס און וואַרעמע שאַלבעלעך. די מיידלעך האָבן געשאָבן די ווענט, איינע האָט געקנעטן אינמיטן שטוב גלייך אויף דער ערד ליים מיט קיזיעק אויף פֿאַרשמירן די שפּאַלטן. לעם אַ פֿענצטער האָט יאַקים געקנעטן קים.

מאַריע איז אַריינגעגאַנגען און פֿריילעך אויסגעשריען:

— אַ גוט־מאָרגן אייך, מיידלעך! — דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט אויפֿן אָפּצאַס, ווי אַ יונג מיידל, און געזוכט מיט די אויגן איבערן צימער. די סוויטע הענגט שוין בא איר אויף איין אַקסל, נאָר זי טוט זי ניט אויס. זיך פֿאַרקלערט אויף אַ ווײַלע. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ באַרשט, אַוועקגעלייגט זי אויפֿן פֿענצטער און געווענדט זיך צו יאַקימען מיט אַ שפּאַס, און דאָך ווי פֿאַרקלערט:

— און דו ביסט דאָ, נעבעך, איינער אַליין מיט די מיידלעך. זיי וועלן דיך שוין נעמען אין דער אַרבעט!

— וועל איך אַ רוף טאָן דעם באַוועך, ער זאָל ראַטעווען, — האָט יאַקים געענטפֿערט אויך מיט אַ שפּאַס און טאַקע אַ רוף געטאָן: — דאַוויד, ביסט נאָך אַ לעבעדיקער?

דאַוויד האָט זיך אָפּגערופֿן פֿון צווייטן צימער. בא מאַריען איז די סוויטקע אַליין אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַקסל — זי האָט זי אַ וואָרף

געטאָן אױפֿן טיש, אױפֿן באַרג מײדלשע קלײדער. אונטערגעשטעקט דאָס קלײדל, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבױגן און דאָס בלימלדיקע טיכל פֿאַרבונדן מיט די עקן אױף הינטן. זי האָט זיך נאָך אַ דרײ געטאָן איבער דער שטוב, באַקוקט די װענט.

— דאָרט, האָרט, כריסטיע, שאָב גוט. אָט אַזױ.

ס'איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ גרױסע שטיק לײם.

— שמירן איז שמירן! מיר האָבן זיך דאָך ניט פֿאַרדונגען, מיר שמירן דאָך פֿאַר זיך אַלײן.

מאַריע האָט זיך נאָך אַלץ ניט גענומען צו דער אַרבעט; שמירן דאַרף מען דאָך אומעטום, אין יענעם צימער אױך?

— דאָרט פֿאָרעט זיך אָבער דאָװיד מיט די ביכלעך, — האָט אַ מײדל געזאָגט.

— איז װאָס, קאָן מען דען ניט אין דער זעלביקער צײט שמירן?

זי האָט זיך אַ דרײ געטאָן און אַרום אין קאָרידאָר; אױפֿן שװעל פֿונעם ביכער־צימער איז זי געבליבן שטײן און אַ װײלע געקוקט שװײַגנדיק אױף דאָװידן, װאָס האָט זיך אָנגעבױגן אױף דר'ערד איבער די צעװאָרפֿענע ביכלעך. ביז ער האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ, האָט זי אים גוט באַטראַכט, געגריסט זיך פֿרײַנטלעך און אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים.

— אײביק האָסטו צו טון נאָר מיט ביכלעך, דאָװיד! — און האָט זיך פֿאַרקלערט. דאַן אַ פֿרעג געטאָן אים: זי קלערט דאָ שמירן, װעט זי אים ניט שטערן? אײגנטלעך, װעט זי דערװײַל ניט שמירן, נאָר אָפּשאָבן די װענט. דאָװיד האָט געענטפֿערט, אַז אױב זי װעט ניט פֿאַרליאַפּען די ביכלעך מיט לײם, אַרט עס אים ניט. ביפֿראַט, אַז אַרבעט איז דאָ אַסאַך, האַלעװײ ער זאָל ביז פֿאַרנאַכט ענדיקן. דער קאָפּ טוט אים שױן װײ פֿונעם אָנבױגן זיך די גאַנצע צײט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אױפֿן װײַבל. זײ האָבן זיך באַגעגנט מיט די אױגן, און זײערע בליקן האָבן זיך װי פֿאַרפּלאָנטערט. דאָװיד האָט דער ערשטער אָפּגעפֿירט זײַן בליק אין אַ זײַט. און מאַריע האָט אַ זיפֿץ געטאָן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אין זײַן אַקסל און אױפֿגעשטאַנען. דאָװיד האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— טיכאָן איז אַװעק און אַהײמװוּקע?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט שוין פון שוועל און ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן. דערנאָך האָבן זיך אַף די אויגן אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע וויעס, ווי אָטשערעט פון אַ ווינט. זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן מיט פאַרזשמורעטע אויגן. און מיטאַמאָל האָט איר דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּאָנעם מיט רויטקייט. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן צו דאַווידן.

— וואָסע דען, דאַוויד?

— גאָרניט...

מאַריע האָט געהויבן די ברעמען און אויסגעדרייט זיך: דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט שטייף־אויסגעבויגענעם שטאַלט,— געוואוסט, אַז ער קוקט.

דאַוויד האָט מיט פאַרדראָס אויסגעשפּיגן און ווידער אָנגעבויגן זיך איבער די ביכלעך. אָפּגעקליבן די, וואָס טויגן, און געקלערט: ווי אַזוי האָט ער עס פאַרגעסן זאָגן טיכאָנען (אין אָהיריוקע וואוינט זיינע אַ שוועסטער — אַן אַלמאָנע, איז בײַ איר אַראָפּגעפאַלן דער דאַך פון אַ שטעלעכל, און די קינדער זיינען נאָך קליינע, איז ער געגאַנגען פאַריכטן). ס'האָט דאָך געקאָנט גיין עמיצער פון די יונגע. בײַ אילקאָן, האָט זינקע געזאָגט, איז דאָ עפּעס אַ ציקאַווע בריוו. און נאָך קלערט דאַוויד: „דערפאַר אָבער ווייסט טיכאָן, וואָס צו רעדן מיט די כוטערשע אָרעמפויערן, זיי וועלן געוויס קומען צו אים זיך דערפרעגן. אָהירענקאָ מיט טיאַגניראַדנעו פירן שוין דאָרט מיסטאַם די רעכטע אַגיטאַציע. אַפן „סכאָד“ וועלן דאָך די כוטערניקעס אויך דאַרפן זיין, מ'איז דאָך אין איין ערד־געזעלשאַפט“.

די ביכער זיינען ס'ראָוו געווען פון די רוסישע קלאַסיקער, אַ טייל אויך אוקראַאינישע, דאָס איז די ביבליאָטעק פון דער „פּראָסוויטע“: קאָשטשענקאָס שמאַטעס, גרושעווסקיס „געשיכטע פון אוקראַינע“, פּיעסעס־ביכלעך איז דאַפקע געווען אַ היפּשע צאָל, אָבער „פויערשע ביכלעך“, ווי יאקים האָט געזאָגט, האָט ער דערווייל אָפּגעקליבן גאָר אַ קליין פּעקל: עטוואָס איבער לאַנדווירטשאַפט, „דער אַקער“, אַ זשורנאַל פון 1910 יאָר, און עטלעכע פּאָפּולערע בראָשורן.

מאַריע מיט האלקען האָבן אַריינגעטראָגן אין צימער אַ פּאָר „קאָזלעס“, צוגעשטעלט צו דער וואַנט לעם פענצטער. מאַריע האָט אויסגעטאָן די שטיוול און אַרופגעקראָכן. האַלקע איז אַרויס — זי

וועט זיך שוין דאָ אַליין אָפּאָרען. געגומען שאָבן מיטן מעסער די וואַנט און האָט שטיל אָן ווערטער געזונגען עפּעס אַ פריילעכע מעלאָדיע. און דאוויד האָט גלייך גענומען קלערן וועגן איר. אַניט זעט ער זי ניט אַף דורך און דורך? דאָס בלימלדיקע טיכל און די העמד מיט די פריילעכע מיידלשע אויסנייעכטצן האָט זי דען ניט פון זייגעטוועגן אָנגעטאָן? ניט שמירן איז זי געקומען! און ווי זי קוקט אַף אים! דעמאָלט נאָך, ווען ער פלעגט קומען צו זיי, האָט זי אויך געהאַלטן אין איין קוקן אַף אים.

אין רוקן האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אַ קליין שטיקעלע ליים, ווי אַן אַרבעסל די גרויס. ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ—זי קוקט אַף אים. אַפּאָנעם, צופעליק אַראָפּגעפאַלן. פלוצים אָבער האָט זי אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אַף אים פון אונטער דער האַנט מיט אַ שמייכעלע. אָט, אַ שעדיש ווייבל! דאָס קליידל אונטערגעשטעקט, אַז ס'זעט זיך אַרויס די קני! און די שטיוול אומיסטן אויסגעטאָן. דאוויד האָט זיך אָנגעכמורעט און גענומען אויפמערקזאַם איינקוקן זיך אינם קעפּל פון ביכל. און אַף כידושים! — ער קאָן ניט איבערלייענען דאָס קעפּל: די אויסיעס האָבן זיך צונויפגעמישט, און דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן ס'געזיכט. אָט זאָל ער נאָר אויפשטיין און אַ רוף טאָן זי: „מאַריע“, וועט זי אויסציען די האַנט פון די „קאָזלעס“ און מיט אָפּענע פאַרנעפּלטע אויגן פאַלן אים אַפן האַרצן. אַך, צו אַלדי רוכעס! — און אירע אויגן זייגען שוין ברייט צעעפנט, ווי דע־מאָלט אין יענער נאַכט אַנקעגן דער לעוואָנע.

דאוויד האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס פון יענער נאַכט, געוואָלט אַ פרעג טאָן, נאָר איינגעהאַלטן זיך. דאַן האָט מאַריע אַ פרעג גע־טאָן. זי האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג, אַ ווײַלע געשוויגן, אינגאַנצן זיך אויסגעדרייט צו אים און אומעטיק אַזוי:

— פאַרוואָס איז, דאוויד, טאָמער בלייבן מיר אינצווייען, גע־פינסטו פאַר מיר קיין וואָרט ניט? עפּשער טראַכסטו: וואָס איז דאָ צו רעדן מיט אַ ווייבל? אָדער ביסט באַרויגעז אַף מיר?

דאָס פּאָנעם אירס איז געוועזן פאַרלוירן־טרויעריק, ווי בײַ אַ קינד. דאוויד האָט געקוועטשט מיט די פלייצעס. פאַרוואָס זאָל ער זיין באַרויגעז אַף איר? זאָל זי אַליין זאָגן, פאַרוואָס?

— איך ווייס ניט, — האָט זי פאַרקלערט געזאָגט.

פוסטע זאכן. עמעס, זי וואונדערט איך אפט מיט איר אויפירונג, דאס מ'ער ניט לייקענען. און אפטמאל טוט איך ווי פאר איר, דאס איז אויך אן עמעס. אט, א שטייגער, ווען זיי זייגען געפארן פון טיל און געבליבן שטיין לעבן טויער. זיי האבן גערעדט וועגן טיכאנען, אז ער דארף זיך היילן. זי האט נאך געהאט טייגעס, אלעמאי ער זשאלעוועט ברויט פאר די דאקטוירים. „איך האב דאך לייוונט", האט זי געזאגט. דערנאך איז זי אפגעפארן און האט עפעס א זאג געטאן.

שטיל. מאריע האט שטארק געקוקט אפן יונג און, דאכט זיך, פארהאלטן דעם אטעם. הינטערן וואגנט האבן געזונגען די מיידלעך. דאוויד האט זיך פארטראכט אף א ווײַלע — צו וואס דערציילט ער עס? דערנאך האט ער מיטאמאל דערעדט:

— איך האב דעמאלט ניט איינגעהערט און געפרעגט דיך: „וואס זאגסטו?" און דו, מאריע... האסט זיך צעלאכט און געענטפערט: „האסט געזאלט הערן!" דאס איז גאר. א קלייניקייט, דאכט זיך. אבער פיי דעם אפדערנאכט, פיי שפעטער, אז איך האב זיך דער־מאנט, האב איך אסאך געקלערט: וואס האב איך עס געזאלט הערן? און, — דו ווייסט, מאריע? — אפטמאל האב איך שלעכט געקלערט וועגן דיר. ווארים ס'האט זיך מיר אויסגעוויזן אזוי ווילד און ס'האט זיך פאשעט ניט געגלויבט, אז ס'קאן אזוי זיין: אומעטיק און אין א ווײַלע ארום שוין געלאכט. צוויי יאר לעבן זיי דאך מיט טיכאנען ווי מע דארף ניט בעסער. און טאמער אפילע ניט.

שטיל.

— וואס זשע האסטו געקלערט שלעכטס, דאוויד?

— כ'האב געקלערט: — ביסט נאך ניט אפגעפארן קיין צען קלאפטער פון אונדזער שטוב, וואו מיר האבן געהאט יעסורים פון טיכאנען, און שוין לאכסטו. און אויך שפעטער, אז איך פלעג ארײַנ־קומען צו אייך. ווי קלערסטו, פארוואס איז דאס טיכאן געווארן אזוי מארעשכוירעדיק?

אין זיין שטים האט זי דערהערט א לייכט־באציאונג צו איר. זי איז רויט געווארן, און איר ברוסט האט זיך אויפגערעגט געהויבן. עפשער האלט ער זי פאר עפעס א... אט זאגט ער דאך: „ווען איך קום אריין צו אייך אויך". מע קאן מיינען — גאט ווייס וואס. עפשער

מיינט ער, זי איז צו אַלעמען אַזאַ ווי צו אים, ווער ס'זאָל ניט אַריינ־קומען, — אַ פרייליכע, געפינט זיך קיין אָרט ניט אין שטוב...

— ער, דאַוויד! — האָט זי נאָר אַ זיפץ געטאָן. און ווידער אָנ־געשטרענגט געשאָבן די וואַנט. דערנאָך איז זי אַליין אַראָפּ פון די „קאָזלעס", כאָטש זיי האָבן זיך געשאָקלט. זיי איבערגעשטעלט אַף אַן אַנדער אָרט און ווידער אַליין אַרויפגעקראָכן. ניט געזאָגט אַפילע דאַווידן, ער זאָל צוהאַלטן. און דאָס קליידל האָט זי אַראָפּגעלאָזט נידעריקער.

ס'איז אַריין יאַקים מיט איינער פון די מיידלעך. יאַקים דאַרף אַ ווירע, אַרומשניידן אַ שויב אין שאַפע. ער איז געווען פריילעך, אַ זאָג געטאָן מיט שפּאַס:

— זעט נאָר, איר זאָלט האָ אינצווייען ניט אָנשמירן עפּעס וואָס.

און דאָס מיידל האָט אַ פרעג געטאָן:

— מאַריע, צו דער לייַם דאַרף מען נאָך קיזעק? — און געוויזן אין זשמעניע אַ שטיק לייַם, וואָס זי האָט געבראַכט אַ קוק טאָן, מאַריע האָט געפּרוּווט די לייַם מיט די פינגער.

— ניין, די לייַם איז גוט, — האָט זי געזאָגט, — איר האָט שוין אָנגעהויבן שמירן?

— אָט האָס הויבן מיר אָן.

דערנאָך האָט איר שוין מאַריע נאָכגעשריען:

— זאָל עמיצער אַהער אַריינקומען, — און האָט פון דער זייט געכאַפּט אַ קוק אַף דאַווידן. דער יונג האָט אויך אַ קוק געטאָן אַף איר. דאָס מיידל האָט באַטראַכט דעם צימער — ניין, אינצווייען וועט דאָ ניט זיין וואָס. זיך אַ דריי צו טאָן. מאַריע האָט דערויף נאָר ניט געענטפערט, שווייגנדיק אויסגעדרייט זיך און פלייסיק גע־שאָבן די וואַנט מיטן מעסער. נאָר די גאַנצע צייט איז זי געווען אַף דער וואַך, זיך צוגעהערט צום שורשען פון די בלעטלעך און אַף עפּעס לייַדנשאַפטלעך געוואַרט.

נאָך אַ לאַנגן אָנגעשטרענגטן שווייגן האָט זיך דער ערשטער אָפּ־גערופן דאַוויד. עפּשער האָט ער זי באַליידיקט. זאָל זי ניט האָבן קיין פּאַריבל אַף אים. ער האָט עס ניט געוואָלט, האָט עפּשער נאָר ניט געדאַרפט זאָגן. אַ מענטשן קאָן זיך אַמאָל אויסדאַכטן אַסאַך נאַרעשקייטן ביפראַט נאָך, אַז ער קאָן זי, מאַריען, סאַכאַקל צוויי

וואָכן. און זאָל זי ניט מיינען, אַז ער קלערט וועגן איר שטענדיק אַזוי. ניין, ניט נאָר אַזוי.

ער איז אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען פון שאַפע נאָך אַ פּעקל ביכער און אַנידערגעלייגט אַף דער פּאָדלאָגע. די אָפּגעקליבענע האָט ער אַריינגעלייגט צוריק אין שאַפע. זיך ווידער אַוועקגעזעצט צו די ביכלעך, אַרויסגענומען דעם טאַבאַק-בייטל און געוואָלט פאַרויכערן. ניטאָ קיין פּאַפּיראָס-פּאַפּיר. די האַנט האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצויגן צו אַ צעריסן ביכל, וואָס דאַרף גיין אַפן בוידעם. ער האָט אָבער ניט אָפּגעריסן. איז אַוועק צו יאַקימען און טייקעף זיך אומגעקערט שוין דרייענדיק אַ ציגאַר. ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זיך שוין מאַריע ניט איינגעהאַלטן.

— ווי זשע נאָך האָסטו געקלערט פון מיר?

ער האָט פאַרויכערט און דורכן רויך געקוקט אַף איר: די קני זעען זיך שוין ניט אַרויס פון אונטערן קליידל, אַליין איז זי ערנסט, נאָר די ברעמען זיינען אומעטיק פאַרהויבן.

— דאָס איז געווען באַלד ווי איך בין געקומען. אַפדערנאַכט בין איך געווען באַ אייך. ס'זיינען געווען אַסאַך פּויערן און פּויערטעס. די יונגע ווייבלעך זיינען געזעסן אַף דר'ערד. מיר האָבן גערעדט פון אָבוכיוועקער לעבן, האָבן זיך געאייצעט, וואָס צו טאָן מיט מאַטיוכעס בעוורע. דו האָסט אויך עפּעס געהאַט געזאָגט, — דאַכט זיך, אַז די פּויערן זיינען לעמעשקעס. האָט דיר עמיצער פון די פּויערן גראָב אַ זאָג געטאָן: „ס'איז ניט פאַר דיין ווייבערשן סייכל“. האָסטו אויפגעפלאַקערט און גענומען זיי אין דער אַרבעט. פינקטלעך וואָס דו האָסט געזאָגט, געדענק איך ניט. נאָר דו האָסט אַזוי גערעדט, אַז די פּויערן זיינען צעמישט געוואָרן און אויסגעשטעלט די אויגן. די ווייבלעך האָבן שוין ניט געקאָנט איינזיצן, געגלאַנצט אַזש מיט די אויגן... מיט מיידלעך ביסטו ווי אַ מיידל: זינגסט מיט זיי לידער און מאַכסט זיך פריילעך. און מיט די ווייבלעך, אַז דו הויבסט אָן רעדן, הערן זיך אויך אַלע צו.

האַוויד איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרצויגן מיטן ציגאַר. מאַריע טוט זיך קיין ריר ניט. לאָזט ניט אַראָפּ קיין אַויג פונם יונג, און די פולע ברוסטן אונטערן העמד הויבן זיך אויפגערעגט.

— האָב איך זיך אַ קלער געטאָן, — האָט דאַוויד ווידער אָנגעהויבן, און די אויגן זײַנע קוקן מיט באַגײַסטערונג אַף מאַריען, — וואָס פאַר אַ דעלעגאַטקע ס'וואָלט פון דיר געווען!

ער האָט אַלץ געקוקט אַף איר. — זי איז דאָך טאַקע אַ שיינע! — האָט ווידער אָנגעהויבן: — בײַ אונדז קלערן די פויערן אַדאַיאָם וועגן די פרויען: לאַנגע האָר, קורצער סייכל? נאַרישקייטן! וויפל איז פאַראַן פרויען אין דער פּאַרטיי, און אַף געזעלשאַפטלעכער אַרבעט! עמעס, פאַר אַ פויערטע איז עס טאַקע שווער: די ווירטשאַפט, מיט די טעפּלעך, איבערן שפּינדל פון פרי ביז נאַכט, היינט די קינדער, וואָס קלעפּן זיך אַרום ווי בודיקעס. און דו, מאַריע, האָסט דאָך קיין קינדער אויך ניט... — און פלוצים אומרואיק: — מאַריע, וואָס איז מיט דיר?

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון אים, און דאָס פּאָנעם אירס דריקט אויס צאַר.

אין אַ ווײַלע אַרום, זיך אָנגערופן:

— דערמאָן מיר כאָטש ניט וועגן קינדער, דאַוויד, אָט זאָגסטו: אָן אַנדערע קלעפּן אַרום די קינדער ווי בוריקעס, איז וואָס קאָנען זיי טאָן? זיי זײַנען נאַראָנים! און בײַ מיר, דאַוויד, ס'זאָל זײַן כ'וויים ניט וויפל, וואָלטן זיי בײַ מיר געווען ניט ווי בודיקעס, נאָר ווי קווייטן. וואָס, כ'וואָלט זיי ניט אָנגעהאָדעוועט און ניט אָנגעטאָן? כ'וואָלט נאָך אָפּגעריסן אַ שאָ צײַט אַף עפּעס אַנדערש אויך: — אַף אַ פאַרזאַמלונג, אָדער נאָך ערגעץ וואו. דאָס אַלץ איז דאָך פאַר זיי; אָט איז די שול בײַ אונדז אַף ווינטער ניט געווייסט, אָדער אָט האָסטו פאַרקלערט אַ קאָלעקטיוו, איז דאָס דאָך אַלץ פאַר זיי, פאַר די קינדער. אָבער ווען מע האָט זיי ניט... אָט האָבן מיר מיט טיכאָנען פאַרצווייאָרן זומער געשטעלט די שטוב — ווי פרייליך ס'איז אונדז געווען! מיר האָבן דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט כאַסענע געהאַט. און דער אויוון, האָב איך געזאָגט די מוראַוושיקעס, זאָל זײַן פאַר זיי אַ וואַרעמער, און די פענצטער זאָלן זײַן פאַר זיי ליכטיקע! און אַציגד... כ'קום אַהיים — אין שטוב איז ווי אין אַ פוסטקע, ווי אַ גרעזל. נאָר אַ גרעזל וואַקסט אויך — ס'פאַלן פון אים זאָמען, און אַפן אַנדערן פרילינג, ס'מעג זײַן אַפילע אַ טרוקנס, שפּאַרן פון דער ערד אַרויס אַרום און אַרום גרינע שפּראָצלעך. און דו, דאַוויד, זאָגסט

אָן ווי אַ סימכע: „קיין קינדער האָסטו דאָך ניט", — אין איר שטים הערט זיך אומעט און שטילער פאָרוואורף.

זי האָט געקוקט אַף דאַווידן. אַזאַ האָט ער זי קיינמאָל ניט געזען, ניט געקאָנט; זי איז ווי פאַרוויאַנעט געוואָרן. ער איז געווען צעררו-דערט און ס'האָט אים ווי געטאָן פאַר איר. ערשט מיט אַ מינוט פריער האָט זיך פון אירע אויגן געגאָסן פרייליכקייט און געלעכטער. אַ שלאַנקע, אַ פולברוסטיקע האָט זי אינגאַנצן געקלונגען מיט יונגט און מיידלשער פרייד, און דאָ איז זי מיטאַמאָל ווי פאַרוועלקט גע-וואָרן. דאַוויד איז פאַראומערט. און זי — זי האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, אָדער גלאַט פאַרקלערט זיך. — נאָר מיטאַמאָל האָט זי אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם אומעט און פאַרטראַכטקייט, באַגאָסן דעם יונג מיט אירע ליכטיקע אויגן, אַרויסגעשטעלט די ברוסט און היציק און מיט אויסרוף געזאָגט:

— דאַוויד, זאָג מיר, מיט וואָס בין איך, דער רועד זאָל מיך נע-מען, ניט קיין ווייבל? ווען איך גיי אַ צעכהאַסטעטע, איז דער ווינט קלעפּט זיך צו מיר, גלייך צו דער ברוסט, אַזאַ שעד! וואָס, איך וועל ניט קאָנען אויסהאָדעווען קיין קינד? אַפילע אַ פּאָר!

זי האָט ווידער געקלונגען אינגאַנצן, מיטן גאַנצן יונגן און שטייפן קערפּער. און אירע אויגן פאַרבלענען מאַמעש דאַווידן.

— הער, דאַוויד, האַלט נאָר צו די „קאַזלעס", — האָט זיך מאַ-ריע פּלוצים דערמאָנט, — מע דאַרף דאָך שמירן.

דאַוויד איז אויפגעשטאַנען און צוגעהאַלטן. זי האָט ניט אַראָפּ-גענומען פון אים די אויגן, אַראָפּגעלאָזט די פיס און אַוועקגעלייגט איר הייסע האַנט אַף זיין אַקסל. אַראָפּקריכנדיק האָט זי זיך אָנגע-בויגן און צוגעטוליעט זיך צו אים מיט דער ברוסט. אירע אויגן קוקן אין זיינע, און זי שווייגט, ווי אין דערוואַרטונג. אַ רגע, דער-נאָך האָט זי זיך אָפּגעריסן און אַראָפּגעשפּרונגען אַף דר'ערד: האָט שווער געאָטעמט, און צו דאַווידן מיט פּיין:

— עך, דאַוויד!

פון קאָרידאָר איז אַריינגעפלויגן האַלקע. זי וועט שמירן מיט מאַריען. זיי האָבן זיך געשטעלט שמירן.

XVII

פֿאַרענדיקט האָט מען דאָס שמירן ערשט אַף מאָרגן אַפּדערנאַכט.

ביידע צימערן זיינען געווען ריין אויסגעווייסט. פֿונויבן אַף די ווענט און אונטער דער סטעליע איבערן גאַנצן צימער, פֿון איין ווינקל צום צווייטן, האָבן זיך איבערגעקרייצט גרינע קרענץ פֿון סאָסנע־צווייגן, און אַף זיי זיינען נאָך געווען אָנגעהאנגען רויטע פּאַפּירענע פֿענדלעך (אַזוי ווי אין קלוב בײַ דער צוקער־פֿאַבריק). אַף איין וואַנט אין אַ גרינעם סאָסנע־קראַנץ איז געהאנגען שעוו־טשענקאָ, באַפּוצט מיט אַ ווייסינקן האַנטעך, און אַף דער צווייטער וואַנט, וואו ס'איז געשטאַנען דער גרויסער טיש, איז געהאנגען לענין, אויך אין אַ גרינעם קראַנץ און אויך באַפּוצט מיט אַ רויטן בלימל־דיקן האַנטעך, — עמיצער פֿון די מיידלעך האָט געבראַכט.

מ'האָט שוין געוואַשן די פּאָדלאָגע, נאָר דער צימער איז געווען פֿול מיט יונגוואַרג און ס'איז ניט געווען וואו זיך אַ דריי צו טאָן. די מיידלעך קאָנען זיך זאַט ניט אָנקוקן אַפּן ווייסן, היימלעכן, מיט גרינס באַצירטן צימער. דורכן פֿאָרנטיקן פֿענצטער האָט די רויטע זון געוואָרפֿן פֿון מיירעוו גאָלד־רויטע סנאָפּעס שטראַלן אַף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. און געפֿאַלן זיינען די גאָלד־רויטע שטראַלן, ווי זאַנגען, אַף די קעפּ און בײַ אייניקע פֿאַרפּלאָנטערט זיך ווי שטרוי אין די האָר.

די מיידלעך, וואָס האָבן געוואַשן די פּאָדלאָגע, האָבן געטריבן פֿון צימער:

— גייט, גייט, ס'איז ניטאָ וואו זיך אַ ריר צו טאָן.

פֿון צווייטן צימער איז אַף די שפּיץ־פֿינגער אַריין יאָקים.

— יאָ, יאָ, כאַווײירים, זאָלן שוין די מיידלעך דערוואַשן. גייט זיך! זונטיק אַף דער עפֿענונג וועט איר קאָנען זיצן ביז האַלבע נאַכט.

דער אוילעם איז צוביסלעך געוואָרן שיטערער. דאָס רויטס אַף די ווענט האָט אָנגעהויבן זיך לעשן. די מיידלעך האָבן דערוואַשן. דערנאָך האָבן זיי אויסגעשווענקט די שמאַטקעס (זיי וועלן נאָך צוגויץ קומען!) און צעהאנגען זיי. זיך אָנגעטאָן אין פֿירהויז און אַוועקגעגאַנגען.

יאָקים איז אַרויס דער לעצטער מיט דאווידן און מיט נאָך איינעם אַ יונג —סאוועק, אַן אַנגעזעענער אַבוכיוווקער מאַלער. ער האָט פאַרשלאָסן דאָס לייענשטיבל און דעם שליסל אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

— גענוג שוין אַנאַרכיע! — האָט ער געזאָגט מיט פאַרגעניגן, אַראָפּגייענדיק פון די פאַריכטע טרעפּ.

זיי זיינען אַלע דריי אַוועק צו אים אַהיים. ביז זונטיק איז געבליבן נאָר איין טאָג, און די וואַנטצייטונג האָט מען נאָך ניט אָנגעהויבן איבערצושרייבן.

באַ די קאָרפּענקאָס אין שטוב האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ. לעבן אויוון האָבן זיך די שניר געפּאָרעט מיט דער וועטשערע. פאַרן טיש איז געזעסן יאָקימס שוועסטער טאַטיאַנע, אַ שילערן, און האָט פלייסיק איבערגעשריבן אַף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר דאווידס לייטאַרטיקל. די יונגען האָבן זיך גלייך געזעצט צום טיש. יאָקים האָט אַראָפּגענומען פון פּאָליצע אַ פּאַפּקע מיט די נאָטיצן און טאַטיאַנעס קליינעם צוואַנציקקאָפּיקענעם פּענזל מיט די פאַרבן, מע דאַרף אָנמאָלן דאָס קעפּל פון דער צייטונג, די ווינעטן און איבעריקע געמעלן. דאוויד האָט געלייענט די נאָטיצן. אַ האַלב פון זיי האָט ער אַליין אָנגעשריבן, נאָר ס'זיינען דאָ געווען ניט זיינע אויך. געשריבן מיט טינט און מיט אַ בלייער, און אַלע מיט אַ לעפּישן שווערן קסאַוו. און וועגן וואָס איז דאָ ניט געווען — מיקויעך ערד=איינאָרדענונג און וואַלד, וועגן לייענשטיבל און וועגן מאַטיוכען. ס'זיינען אויך געווען לידער — אַבוכיוווקע האָט פאַרמאָגט אירע אייגענע סאָסיורעס און טיטשינעס. אַפילו אַ פעליעטאָן פון אַ היימישן אָסטאַפּ ווישניאַ האָט אויך ניט געפעלט. דערציילט האָט דער פעליעטאָן וועגן איינער זייער אַ טונקעלער מאַכינאַציע ערגעץ אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס דער רעזולטאַט אירער איז געווען, אַז אַ פעסעלע שטינקענדיקער הערינג איז איבערגעגאַנגען פון הובאָרענקאָס קלייט צום קאָאָפּעראַטיוו.

דאוויד האָט געלויבט דעם פעליעטאָן.

— אַהער דאַרף מען אויך אַ געמעל, — האָט ער געזאָגט סאוועקן. יענער האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם פעליעטאָן און געזאָגט מיט באַגייסטערונג:

— כ'וועל אומבאַדינגט אַנמאָלן! אַז די קאָאָפּעראַציע, אַז גנידען. אָבער ווי אַזוי מאָלט מען עס אויס, אַז די הערינג שטינקען?— האָט ער זיך פאַרקלערט.

— זאָלן אַלע פאַרשטעקן די נעזער, וועט מען שוין פאַרשטיין, אַז ס'איז פונם פעסל, — האָט יאַקים געזאָגט.

— טאַקע אַזוי, — האָט זיך סאַווקע דערפרייט.

פון הויף איז אַריין דער אַלטער קאַרפּענקאָ, יאַקימס פאָטער, ער האָט זיך אויסגעטאָן און זיך צוגעזעצט צום טיש.

— וואָס האָט איר זיך דאָ אַלע צעשריבן. כעוורע?

— דאָס שרייבן מיר די וואַנטצייטונג, טאַטע, — האָט טאַטיאַנע פאַראייסעקט געענטפערט און ניט אויפגעהויבן אַפילע דעם קאָפּ פון בויגן. זי האָט געשריבן ווייטער און איבערגעכאַזערט יעדעס וואָרט מיט די ליפּן.

דער אַלטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָי, כעוורע, זעט נאָר, איר זאָלט ניט אָנשרייבן אַף די אייגענע קעפּ!

— וואָס עפּעס אַף די אייגענע קעפּ, פעטער לעאָנטי?

— איך האָב דאָך געהערט: טאַטיאַנע האָט געלייענט פונם פאָרזיצער און דער קאָאָפּעראַציע. איר נעמט זיי דאָך רעכט אַפן צימבל. זיי וועלן עס ניט מויכל זיין. קוקן שוין אַזוי אויך ווי די וועלף.

— נעכטיקע טעג! — האָט דאַוויד געזאָגט, — אומעטום איז דאָ וואַנט־צייטונגען, אין יעדער אַרבעטער־קלוב, אין קאַזאַרמע, און אין דאָרף — אין לייענשטיבל. דאָס איז נאָר בא אונדז אַ באַזונדער מעלוכע.

— ווער ווייסט, ווי ס'איז ערגעץ אַנדערש. און בא אונדז ווייסן מיר. ס'וועט נאָך עפּשער אונדז, די אַלטע, אויספאַלן באָקאָם, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— האָב קיין יעסורים ניט, טאַטע.

דער פאָטער האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען פון אונטערן געלעגער אַ שפּוליע און אָנגעהויבן וויקלען אַ מאָטעק. די יונגען האָבן געטאָן זייערס. דאַוויד האָט אַ פרעג געטאָן דעם אַלטן: וויפל ערד איז אינגאַנצן דאָ אין ראַקיטנע — בא קנישן, הובאַרעקאָן און אַלע איבעריקע איגיינעם. דער אַלטער האָט אויפגעהערט וויקלען.

— איר שרייבט דען וועגן ערד אויך?

— ווי דען? די ערד דאָס איז בא אונדז אַצינד דער איקער. וועלן מיר דורכפירן די ערד-איינאָרדענונג, וועלן מיר זיך שטעלן אַף די פיס, און טאָמער ניט, וועלן מיר אייביק ניט אַרויסקריכן פון די צאָרעס. דאָס דאַרף איך פאַרן אַרטיקל — וויפל ערד. ס'רעדט זיך דאָ פון איינטיילן אַף פעלדער, איז אָט וויפל וועט אויסקומען אין יעדער ביילעק.

דער אַלטער לעאָנטי האָט לאַנג געקלערט, באַרעכנט אַפן קאָפּ. דערנאָך געזאָגט:

— סאַכאַקל און ערעך דריי הונדערט דעסיאַטין.

דאוויד האָט פאַרשריבן. שפּעטער האָט ער זיך נאָך געווענדט צום אַלטן מיט פאַרשיידענע פראַגעס. קאָרפּענקאָ האָט אַלעמאָל אָפּגע-שטעלט די אַרבעט און ערנסט געענטפערט. דערנאָך האָט ער ווידער געוויקלט, נאָר דער געדאַנק זיינער איז ניט געשלאָפן. האָט שוין אַלעמאָל אַריינגעשטעלט אַ וואָרט אינם שמועס פון די יונגע...

— — — — — — — — — — — —

דאוויד איז אַוועקגעגאַנגען פון יאַקימען שפּעט.

אינדערהיים האָט געשפּינט די מוטער אַליין, כריסטיע איז אַוועק שפּינען צו האַלקע פּיוונענקאָן, דער פאָטער האָט געלאַטעט פּעט-ריקס אַ שטיוול, און די קינדער זיינען שויןביידע געשלאָפן.

די מוטער האָט דערלאַנגט דאווידן די וועטשערע און זיך דער-מאָנט:

— ס'איז געווען מאַריע טיכאָנס, האָט אָנגעזאָגט, זאָלסט לע-מאַנאַשעם אַריינקומען צו זיי. זי איז געווען צווייטאָל — פאַרנאַכט און נאָר וואָס.

— זי האָט ניט געזאָגט צוליב וואָס?

— ניין, נאָר אָנגעזאָגט, זאָלסט לעמאַנאַשעם קומען. עפּעס איז זי צעטראָגן.

מינאַסטאָם האָט זיך טיכאָן אומגעקערט פון כוטער. ס'איז עפּ-שער דאָ עפּעס ניים, און עפּשער האָט ער געבראַכט די בריוו, — האָט זיך דאוויד געשטויסן. ער האָט אָפּגיך אָפּגעגעסן און אַרויס פון שטוב.

XVIII

אַנקעגן קאָזשושניס הויף, אַף דער אַנדערער זייט גאַס לעבן קנישם טויער, איז געשטאַנען אַ רעדל פֿויערן. ס׳האָט זיך געהערט יאַקאָוו גנידעס קאָל. גלייך מע וואָלט געגאַנגען פֿון ערגעץ און אָפּגעשטעלט זיך דאָ. ס׳איז געווען פֿינצטער, נאָר יאַקאָוו האָט דערקאָנט דאַווידן ער איז אַנטשוויגן געוואָרן — און געוואַרט, ביז דאַוויד איז אַריבער דעם איבערקריך אין טיכאָנס הויף אַריין. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן. דאַוויד האָט געהערט נאָר אָפּגעריסענע ווערטער: ...ניט קיין נאַר... זאָל ער, אַזאַ סוואָלאָטש...“

XIX

אין שטוב האָט זיך געלויכטן. די פֿענצטער זיינען אַפּילע געווען פֿאַרהאַנגען, נאָר פֿון אויבן האָבן זיך אַרויסגעזען שמאָלע פּאַסן שיין. די טיר אין פֿירהויז איז געווען פֿאַרשלאָסן. אַז דאַוויד איז אַריין אין שטוב, האָט מאַריע אַ שפּאַן געטאָן פֿון טיש אים אַנטקעגן און זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב אַן אויפֿגערעגטע און פֿאַרלוירענע. אַ ראָזאָווע ציצן קאַפּטל, אופֿגענייט נאָך דער לעצטער אָבוכיווקער מאָדע, האָט שטייף אַרומגענומען איר פֿולע ברוסט; די האָר, פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּ, האָבן ווי שלאַנגען אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ פֿון דער שיינער פֿרוי. די שוואַרצע אויגן האָבן שטום געקוקט אַף דאַווידן אי פֿריידיק אי שולדיק. מיטאַמאָל האָט זיך אין זיי באַוויזן פּאַכעד.

דאַוויד האָט אַ שפּאַן געטאָן פֿון שוועל, באַטראַכט די שטוב און אָפּגעשטעלט אַף מאַריען אַ לאַנגן בליק. ביידע האָבן געשוויגן. נאָר די שוואַרצע אויגן האָבן גערופֿן צו זיך, און די ברוסט אונטערן קאַפּטל האָט זיך געהויבן פֿאַר אויפֿרעגונג. דער באָכער האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל. דעם בליק אָבער קאָן ער ניט אָפּרייסן. מאַריע האָט געמאַכט נאָך אַ טראָט צו אים. אירע אויגן זיינען שוין נאָענט, און דאַוויד הערט איר הייסן אָטעם פֿון די אָפֿענע ליפּן. און נאָר איין וואָרט פֿול ליידנשאַפֿט און געבעט:

— דאַוויד!

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קויער און אָפּגעריסן דעם בליק פון איר. מיטאַמאָל האָט ער אַ שפּאַן געגעבן צו דער באַנק, שווער אַוועקגע־זעצט זיך און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן וואַנט. אַ לאַנג שווייגן. דאָוויד האָט דער ערשטער אַ גלעט געטאָן דעם שטערן מיט דער האַנט, געוואָרפן דאָס היטל אַף דער באַנק און געפרעגט, כמורנע קוקנדיק אַף איר:

— וואָס ווילסטו פון מיר, מאַריע?

מאַריע איז שטיל און געהיט צוגעגאַנגען און אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים אַף דער באַנק. די אויגן געוועגדט ערגעץ ווייט און געקוקט אינעווייניק אין זיך.

— זיי גאָר ניט אין כּעס, דאָוויד! — האָט זי אַ קוק געטאָן מיט געבעט.

— נו, וואָס איז?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. אַ זיפץ געגעבן מיט אַ כליפּ, מיך אַרײַנגעצויגן אין זיך די ליפּן, ווי קינדער נאָך אַ געוויין, און גענומען רעדן שטיל, קוקנדיק אומעטיק אין ווינקל און ניט זעענדיק גאָרניט.

זי האָט זיך געוואָלט מיט אים דורכשמועסן, אָן אײַנע האַלטן זיך. זי האָט דאָך ניט קיין שום קרווים. זאָל ער גאָר ניט זײַן אין כּעס, כאָטש איין שאָ. זי ווייסט, וואָס ער האָט געקלערט, ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געקומען נאָך אים, — ער האָט גע־מיינט, מיכאָן ז׳געקומען, ניין, מיכאָן וועט נאָך עפּשער קומען, ס׳איז נאָך ניט אַזוי שפּעט... נאָר וואָס פּלוידערט זי? מיכאָן וועט קומען ערשט מאָרגן.

דאָווידן האָט זיך געדאַכט, אַז איר קאָל איז עפּעס פרעמדער. נעכטן, דאָרטן אין לייענשטיבל, האָבן אין אים אויך געקלונגען די זעלביקע אומעטיקע טענער; און דאָך איז אַזוי וואונדערלעך צו הערן פון איר אַזאַ קאָל, — זי איז דאָך פאַרקערפערטער געלעכטער, און די ווערטער איצט זײַנען אויך אַזוינע ניטגעהערטע. זי האָט זיך געפּלאָנטערט, געזאָגט ניט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, אָדער דורכ־געלאָזט עפּעס וויכטיקס, וואָס זי האָט אומבאַדינגט געדאַרפט זאָגן, אָדער גאָר איבערגעריסן און לאַנג געשוויגן.

— איך הער, — האָט איר דאָוויד דערמאָנט. זי האָט

זיך דאָן אופגעכאַפּט, אינגדערהויך דערמאָנט זיך, וואו זי האַלט, און גערעדט ווייטער:

— זאָלסט מיך נאָר פאַרשטיין, דאַוויד. קלער ניט קיין שלעכטס פון מיר. איך האָב פאַרקלערט, — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אויסגעקוועטשט פון זיך מיט פיין: — איך וויל אַוועקגיין פון טיכאָנען.

שטיל. זי קוקט אַף אים שאַרף, וויל ניט דורכלאָזן קיין איין באַוועגונג אַף זיין געזיכט.

דאַווידס ברעמען האָבן זיך צוגויפגערוקט — דער קנייטש צווישן זיי האָט זיך געלייגט טיפער, ער האָט אויפגעהויבן די וויעס און געפרעגט. —

— פאַרוואָס עפּעס?

זי האָט געשוויגן אַ דערשלאָגענע, מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פאַרפלאַמטן פּאָנעם און גענומען האַסטיק רעדן. אין איר שטים האָט נאָך געקלונגען טרויער. — ס'איז דען אַ לעבן מיט אים? אין דערדאָזיקער שטוב איז זי ווי אין אַ קייוועך. ניט שטענדיק איז אַזוי געווען; נאָר ס'איז שוין פון לאַנג אַזוי, ווער ווייס פון ווען אָן. שוין דעמאָלט, ווען דאַוויד איז באַ זיי געווען ס'ערשטע מאָל. זאָל ער ניט קלערן קיין שלעכטס וועגן איר (זי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ): וואָס זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר טיכאָנען אָן ליבע, און טאָמער איז זי פריילעך און לאַכט, איז שוין אַ סימען, אַז זי איז גאָט ווייסט ווער. אַזאַ נאַטור האָט זי שוין.

נאָך קינדהווייז איז זי געבליבן אָן עלטערן, און געלעבט אין דאַכעס. און פונדעסטוועגן, אַז מע פלעגט אַף איר אַ קוק טאָן, האָט מען געקאָנט מיינען, זי איז איינע אַ גליקלעכע — שטענדיק פריילעך, אַף אַלע הוליאַנקעס די ערשטע זינגערן. נאָר קיין שלעכטס האָט אַף איר קיינער ניט געזאָגט. ביז דער כאַסענע האָט זי ניט געהאַט צו־טאָן מיט קיינעם. באַכערים זיינען איר נאָכגעלאָפן גאַנצע כאָפּטעס־ווייז, און זי האָט געלאַכט צו אַלעמען גלייך — אַפן שפּאַציר. פלעג אַמאָל בלייבן שטיין לעבן איבערקריך. אָבער זי זאָל ברענגען עמיצן מיט זיך אַף נאַכט אין שטוב אַריין, — וועט זיך קיינער ניט באַרימען. אין די לעוואָנע־נעכט פלעג מען ביז פאַרטאָג בלאָנקען הינטערן שטוב, אַרויסרופן זי, און זי פלעגט ליגן אין שטוב, און כאָטש

ס'האָט זיך איר ניט געגלוסט שלאָפן, פונדעסטוועגן איז זי קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען...

און ס'איז געווען — יענעם פרילינג האָבן אָבוכיוויקער מצסלערס באַ אַ שאָכן אָפן כומער געבויעט די שטוב. מיכאָן האָט אויך גע־אַרבעט. דאָ מאַקע האָבן זיי זיך באַקאַנט. זונטיק פלעג ער אויך אַרויסגיין אָפן שפּאַציר. זי איז צו אים אויך געווען פריינטלעך. און ער — ווי ניט אים מיינט מען. מאָמער פלעג זי אים באַגעגענען, האָט זי ניט געפונען קיין ווערטער, ניט געהאַט קיין מוט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. און ער איז געווען אַזאַ שטילער, ערנסטער, ניט גערעדט קיין נאַרישקייטן, ווי אַנדערע באָכערים. מיט איר געפירט זיך אַזוי פיין. אין די נעכט האָט זי אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אים...

און דאָ, שוין, ערעוו זומער, מ'האָט שוין געהאַלטן אין דערהבויען די שטוב, איז ער אינדערפרי אַריינגעקומען צו איר — זי האָט געהאַט געפּאָלעט אין גאָרטן — און זאָגט:

— „האָסט זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, מאַריע. ווילסט כאַסענע האָבן פאַר מיר, וועל איך זיך שאַדכענען".

אַזוי האָבן זיי כאַסענע געהאַט. ער האָט געוואוינט אין דער אַל־טער שטוב, די מוטער זיינע איז געווען אַן אַלטיטשקע. געלעבט האָבן זיי גוט. יענעם זומער האָבן זיי געשטעלט די נייע שטוב, און וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט געקלערט.

און אַצינד, — ווי אין אַ קיווער...

זי האָט זיך אָנגעבויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. גלייך ווי אונטער די פיס וואָלטן ליגן אירע אָפּגעריסענע פאַרוועלקטע האָפענונגען, און זי האָט זיך אין אומעט און פאַרקלערטקייט אָנגעבויגן איבער זיי. דאַוויד האָט אויך געקוקט אַף דער ערד און געשוויגן. מאַריע האָט די ערשטע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פיין און טרויער געפרעגט:

— וואָזשע וועסטו מיר זאָגן, דאַוויד?

— דאָוויד האָט אַ ווײַלע נאָך געשוויגן און געזאָגט: — ס'איז מיר שווער דיר עפּעס זאָגן: אַ פרעמד האַרץ איז אַ פינצטערער וואַלד. אויב ס'איז באַ דיר מאַכמעס וואָוילטיק, וויל איך גאָר ניט רעדן אַפילע, און מאָמער ניין, איז דו, מאַריע, פאַרשטייסט אַליין בעסער. איינס וועל איך נאָר זאָגן: אַניט איז דען אונדזער פרייד נאָר אין

אייגענע קינדער? און טאָמער האָט אייגער גאָר קיין קינדער ניט? און טאָמער שטאַרבן זיי גאָר אויס? היינט, וואָס זאָל טאָן דער, וואָס האָט גאָר ניט כאַסענע? עמעס, ווען ס'זאָל זיך אַזוי טרעפן — ס'זאָלן אין איין נאַכט אויסשטאַרבן אַלע קינדער אַפן ערד-קיילעך און אַלע פרויען זאָלן פאַר איין נאַכט ווערן אַקאָרעס, וואָלט איך זיך עפשער דעם אַנדערן פרימאָרגן געלאָזט אַ קויל אין קאָפּ אַריין, און עפשער אַפילע ניט איך איינער, וואָרים דאָס לעבן וואָלט פאַרלוירן פאַר אונדז זיין ווייטקייט. מיר וואָלטן געבליבן שטיין פאַר אַן אָפּגרונט, וואָס דאָרט רייסן זיך אָפּ אַלע וועגן. אָבער — די וועלט איז דאָך פול מיט קינדער.

דאָוויד האָט געפילט, אַז מיט אַזוינע רייד וועט ער זי ניט טרייסטן. דאָס פּאָנעם אירס איז ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, קיין איין שטריך רירט זיך ניט. ער האָט גערעדט ווייטער:

— ס'טרעפט זיך דען ניט אַזוי אויך, מאַריע, — ניטאָ קיין קינדער אַ יאָר, צוויי, און דערנאָך קומען זיי.

ער האָט אַפילע געוואָלט מיט אַ קאַטאָוועס פאַרטרייבן איר אומעט: האָט גענומען פאַר ביישפּיל אַווראָמען און סאָרען פון דער ביבל. ער האָט אָבער טייקעף כאַראָטע געהאַט אַפן שפּאַס: זי האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אין די אויערן האָבן איר נאָך אַלץ געקלונגען דאָווידס ווערטער „ווען אַלע פרויען זאָלן מיטאַמאָל ווערן אַקאָרעס". אָף „אַלע" האָט ער געשטעלט דעם טראָפּ.

ער מיינט עפשער, אַז זי איז שולדיק?

און מאַריע האָט געזאָגט:

— כ'בין שוין געגאַן צו די באָבעס און געווען בא דער דאָקטאָרשע — אַלע זאָגן, כ'בין געזונט, און די סיבע איז אינם מאַן.

דאָוויד האָט פאַרשוויגן. דערנאָך האָט ער גענומען רעדן וועגן טיכאָנען. — ער איז דאָך אַצינד קראַנק, און זי וויל אים פאַרלאָזן, ווי זשע וועט ער בלייבן אַן עלנטער? ס'וועט דאָך ניט זיין ווער ס'זאָל אָפּקאָכן, אויסוואַשן אַ העמד. ווי ער וועט זיך פילן, רעדט ער שוין ניט. ס'איז דען גרינג? זיי האָבן דאָך אָפּגעלעבט צוויי יאָר, און געלעבט זייער גוט.

— אָבער איך בין דען שולדיק? — זי האָט מיט יִיעש אַ פלעסקע געטאָן מיט די הענט, — און טיכאָן וועט דען ניט פאַרשטיין, אַז

אַ האַרץ קאָן מען ניט באַפֿוילן. איך קאָן דאָך טיכאָנען: ער וועט האָבן צאָרעס, וועט זיין פֿאַרמאָרעשכוירעט... ער ווייסט דאָך אַליין, אַניט וואָלטן מיר זיך צעגאַנגען ווי סאָנים? און איך וועל דאָך קומען צולויפֿן אַלע טאָג גאַנצפֿרי. וועל אויסהייצן, צעוואַשן, ביז ער וועט געזונט ווערן... ער'ט דאַן כאַסענע האָבן — ט'געמען אַ אַלמאָנע מיט קינדער.

דאוויד האָט שאַרף געקוקט אַף איר און אויך געווען צערודערט. מיטאַמאָל האָט ער זי פֿאַרשטאַנען איינגאַנצן. בעאיים זי האָט נאָך געזאָגט: „כ'וועל קומען צולויפֿן אַלע אינדערפֿרי און וועל אויסהייצן". פֿון וואַנען וועט זי קומען? זי קלערט זיין ערגעץ ניטוויט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן. און מאַריע האָט אים אָנגעכאַפּט און געבעטן — נאָך איין מינוט. זיי וועלן שוין מער פֿון דעם ניט ר'עדן. און טיכאָ־נען, אויב ער וויל אַזוי, וועט זי ניט פֿאַרלאָזן, אַבי ער זאָל בלייבן נאָך אַ ביסל.

די אויגן אירע ברענען און בעטן זיך אַזוי, אַז בא דאווידן האָט זיך דאָס פּאָנעם אויך אָנגעצונדן.

— נו, וואָס ווילסטו? — האָט ער אַ פֿרעג געגעבן מיט קאָס ניט אַזוי אַף איר, ווי אַף זיך: ער האָט דערפֿילט—ער ווערט אָפּ־געשוואַכט.

— דיך, דאוויד! — האָט מאַריע לײדנשאַפֿטלעך געשעפּטשעט,— איך וועל ניט וואַרפֿן טיכאָנען, כ'וועל לעבן מיט אים, ער וועט פֿון גאָרניט ניט וויסן. און ס'וועט זיין אַ קינד — ער וועט ניט וויסן, וועט מיינען, ס'איז זיינס, דאוויד, ליבער, איך באַדאַרף גיט גאָרניט, נאָר דיך! — און זי האָט זיך געקלעפּט צו אים, ווי פֿאַרקערפּערטער פֿרויען־געבעט און באַגער.

— לאָז, מאַריע! — דאוויד האָט זיך באַפֿרייט און אויפֿגערעגט דורכגעגאַנגען זיך ביזן געלעגער און צוריק, זי איז אים שטיל נאָכ־געגאַנגען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט זיך צו איר און געזאָגט:

— אָט וואָס. ווען מיר וואָלטן מיט דיר, מאַריע, געלעבט אין אַ טשערעדע, וואָלטן מיר פֿאַרשפּאָרט צו רעדן דערפֿון. אָבער מיר לעבן דאָך אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. דאָס איז שוין אַסאַך שווערער. איז אָט, לאָמיר אויפֿהערן רעדן פֿון דעם...

ער וועט דען באַהאַלטן פֿון איר? אָפּטמאָל גיט זיך אין אים עפּעס, דער רועך ווייסט וואָס, אַ ריס צו איר. דאָס איז ניט קיין זנוס. ווען צוויי יונגע קערפּערס שטרעבן זיך צונויפֿגיסן, איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך. נאָר... ס'איז דאָ אַסאַך אַזעלכע „נאָרן". די געפֿילן זײַנען בײַ אַ מענטשן אויך פֿיל קאָמפּליצירטער, ניט ווי בײַ אַ בעהיימע. אָט, אַשטייגער, טיכאָן — וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן? זי וויל דען, זיי זאָלן זיך ניט קאָנען קוקן אין די אויגן? זיי זײַנען אַזוי אויך אַ קליין הייפֿעלע דאָ, זאָלן זיך נאָך די אויך אָנהויבן רײַסן ווי די הינט, און אַחוץ דעם — באַשטייט דען דאָס לעבן נאָר אין דעם? אָט האָט ער איר נעכטן געזאָגט...

— דאַוויד, וועסט מיר גלייבן, — האָט זי זיך אַ צי געטאָן צו אים, — לאָמיך מאָרגן דערפֿילן אַ קינד אונטערן האַרצן, — וועסטו מיך שוין ניט דערקאָנען. און אַז איך גיב אַ קוק אַף דערדאָזיקער שטוב, אַף דער פּוסטקע — ווערט די נעשאָמע מײַנע אויך אַ פּוסטקע.

מאַריע איז שטיל און פֿאַרטרויערט. אויסגעצויגן די הענט, אָנידערגעלייגט זיי דעם באָכער אַף די פּלייצעס. און ער האָט זיי ניט אַראָפּגענומען. ערשט ווען די הענט האָבן פֿעסט אַרומגענומען זײַן קאָפּ, און מיטן גאַנצן קערפּער — מיט די קני, מיט דער ברוסט האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים, און איר הייסער אָטעם האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין פּאָנעם, — האָט ער אַ ריס געטאָן אירע הענט, האָט זיי ביז ווייטיק פֿאַרקלעמט מיט זײַנע הענט, אָפּגעריסן פֿון זיך און ניטגעשיקט אַ שטופּ געטאָן. מאַריע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און אָנגעשלאָגן זיך מיט אַ זייט אין געלעגער, האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן, נאָר ניט פֿון ווייטיק.

דאַוויד איז מיט ברייטע טריט צוגעגאַנגען צו דער באַנק, געכאַפּט דאָס היטל; האָט עס ניט אָנגעטאָן, ניט אומגעקוקט זיך און אַרויס פֿון שטוב. אַז די טיר האָט אַ קלאַפּ געגעבן, האָט זיך מאַריע אויפֿגעכאַפּט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער פֿאַרמאַכטער טיר און געפֿאַלן צו דר'ערד. מיטאַמאָל האָט זי אינגאַנצן אָפּגעוועלקט. די ברוסט האָט זיך שווער געהויבן, און דאָס ענגע קאָפּטל האָט געקוועטשט. זי האָט עס אַראָפּגעריסן פֿון זיך, צעריסן עס אונטערן אַרבל און אַ וואָרף געטאָן אַף דער באַנק. די פֿרוי האָט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט די הענט און דעם קאָפּ צו די סאַמע קני, האָט

זיך אַ כאַפּ געטאָן — די טיר האָט ווידער געסקריפּעט. שוין אַ מידע האָט זי געקוקט, און דאָס פּאָנעם איז רויט געוואָרן פאַר אומגעריכטער פרייד. פון געלעגער איז זי ניט אויפגעשטאַנען און אַזוי געוואָרט, זיצנדיק מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

דאַוויד האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אַף דער באַנק און געזאָגט רואיק, נאָר כמורנע.

— עמיצער האָט אונדז פאַרשפּאַרט, מאַריע.

זי האָט גאָרניט געזאָגט. דאָס פּאָנעם, ווי אויסגעשניצט פון שטיין — קיין שטריך אַף אים רירט זיך ניט. נאָר מיטאַמאָל איז זי גלייך געוואָרן. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף די קני, דאַוויד האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער אַ קלער געטאָן אין דער הויך:

— נו, מיילע, מירן דאָך ניט ברעכן די פענצטער. שוין מוזן בלייבן ביז אינדערפרי. אַ שאָד — כ'וואָלט געוועזן וויסן, וואָלט איך גענומען אַן אַרבעט פון דערהיים. — האָט געטאַפּט אין די קעשעניעס, דאָרט איז גאָרניט געווען; און עפּשער זיך לייגן שלאָפן?

ער האָט אויסגעטאָן דעם שינעל און אויסגעשפּרייט אים אַף דער באַנק אין פאַדערשטן ווינקל. מאַריע איז שטיל צוגעגאַנגען צו אים, האָט צוגענומען דעם שינעל און אויפגעהאַנגען, האָט דערנאָך גענומען פון געלעגער טיכאָנס פעלצל, אָוועקגעלייגט עס אַף דער באַנק, צוקאָפּנס אויפגעשלאָגן אַ קישן און פאַרשפּרייט מיט אַ רעדנע און שווייגנדיק אַזוי איז זי אַוועק צוריק צום געלעגער און ווידער געזעצט זיך צופוסנס.

דאַוויד האָט דערווייל דערזען אַף דער פּאָלימשקע אַ ביכל. האָט ער אַראָפּגענומען: ס'איז טאַקע זיין ערד-קאָדעקס, וואָס טיכאָן האָט גענומען איבערלייענען. ער האָט אים שוין וויפל מאָל געלייענט, פונדעסטוועגן האָט ער אים ווידער גענומען. זיך געלייגט. ניין, ער איז ווידער אופגעשטאַנען, אויסגעטאָן די שטיוול, צוגערוקט דעם לאָמפּ צו זיך און שוין געלייגט זיך אין אָנטאָן, האָט זיך נאָר אָנגעשפּאַרט אַפן עלנבויגן.

— לייג זיך שוין דו אויך, מאַריע, — האָט ער געזאָגט אַזוי פריינטלעך, ווי ער האָט נאָר געקאָנט, — ס'איז שוין שפּעט.

זיין קאָל האָט מאַריען דערוואַרעמט — זי האָט אַ זיפץ געטאָן. איז אויפגעשטאַנען, פאַרמישט די ראָשטשינע אין באַקדיידזשע און

ווידער געזעצט זיך אויפן געלעגער, די הענט אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָסטן, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט.

אַזוי איז זי לאַנג געזעסן. און געקלערט האָט זי אין דער איינזאַמער נאַכט וועגן איר גליק, אַזאַ איינפאַכן און פּאָשעטן, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען אַזוי נאָענט, וואָס זי האָט געוואַרט, אָט־אָט קומט עס. געקלערט נאָך וועגן מיכאָנען. אַ האַרער, מאָרעשכוירעדיקער איז ער געשטאַנען פאַר אירע אויגן, אַ ניט־געליבטער. דריקט מיט דער האַנט די ברוסט און הוסט לאַנג, דערנאָך טוט ער אַ כראַקע מיט בלוט און קוקט אויף איר לאַנג מיט אַן אויסגעמוטשעטן בליק. דאָס ערשטע מאָל האָט היינט מאַריע ניט געפילט קיין רחמנות צו אים. און דאָס ערשטע מאָל איז געקומען אַ געדאַנק, האָט זיך געשטעלט הינטער דער פּלייצע און איינגערוימט איר עפּעס אין אויער — זי האָט אַזש אויפגעציטערט און אָפּגעשטויסן אים פון זיך.

שטיל אין שטוב. דאַוויד שאַרכעט ניט מיט די בלעטלעך.

מאַריע איז צו צו אים — ער שלאָפט. האָט צוגענומען דאָס ביכל פון זיין ברוסט, אַוועקגעלייגט אויפן טיש, לאַנג געקוקט אויף זיין געזיכט, וואָס איז אין שלאָף אַזוי מוטיק, שיין און אומעטיק. דערנאָך האָט זי פאַרדרייט דעם לאָמפּ, איז צוגעגאַנגען צום בעט, צום ניטצעקנייטשטן געלעגער, וואָס איז היינט פאַרשפּרייט מיט אַזאַ ווייסינק רעדנעלע, און געלייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּ.

אינדערפרי האָט זיך דאַוויד אויפגעכאַפּט פון אַ גערעדעריי אין שטוב. ס'האָט שוין געשאַריעט. מאַריע האָט אויף דער באַנק געזיפּט מעל. און אַ פרויענשטימע — דער טיש פאַרשטעלט זי און דאַוויד זעט ניט דאָס פּנים — רעדט אויפגערעגט:

— וועק אים שוין כאָטש אויף, קאָלזמאַן ס'איז נאָך פרי, וועלן וויניקער מענטשן זען, וועט מען וויניקער פּלעטשן מיט צינגער.

— זאָלן מענטשן רעדן, — האָט מאַריע געזאָגט, — מיך אַרט עס ניט. עפּשער מיינסטו אויך, קולינע, אַז ס'איז בײַ אונדז דאָ עפּעס געווען? איך זאָג דיר, גאָרניט!

דאַוויד זעט שוין איצט — דאָס ווייבל איז אַביסל אָפּגעגאַנגען פון טיש און שאָקלט ניטגלויביק מיטן קאָפּ הינטער מאַריעס פּלייצע.

און אַפֿן פּנים איז בײַ איר אַזאַ שמייכעלע, ס׳הייסט „געפֿונען דעם נאַר“, און געזאָגט:

— וואָס זאָל איך עפּעס קלערן? — זי האָט זיך גענומען אײַלן, — אָי, כ׳האָב קיין צײַט ניט. געב די זייף, כ׳וועל לויפֿן. מאַריע האָט איר דערלאַנגט פֿון אַ צוויאָק אַ געדיכטע זייף. די פֿויערטע האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב.

דאַוויד האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— שוין אָנגעצויגן די ראַדיאָ, הא? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

מיט אַ שטילן שמייכל אין די פֿאַרמוטשעטע אויגן האָט מאַריע אַף אים לאַנג געקוקט. און איז געווען בלייך, פֿאַר דער נאַכט אַראָפּ פֿון פּנים; זי האָט גאַר עפּשער אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

XX

דעם זעלביקן טאָג איז איבער גאַנץ אָבוכיוווקע געפֿלויגן אַ סענ־סאַציע, ווי אַף ראַדיאָ־כוואַליעס: „די נאַכט האָט מען דאַווידן גע־פּאַקט אַפֿן אָרט מיט מאַריען“. גערעדט האָבן וועגן דעם די פֿרויען לעבן די ברונעמס און אין די הויפֿן. דער פֿאַקט איז מיט יעדן עטאַפּ פֿון מויל צו מויל געוואַקסן, איז אָנגעשוואָלן, אָנגעגאָסן זיך מיט זאַפֿט פֿון דער צעהיצטער פֿרויען־פֿאַנטאַזיע, האָט געשפּילט מיט פֿאַרבן. גערעדט האָבן אויך די פֿויערן. זיי האָבן ניט געסמאַקעוועט קיין פּראָטים, ווי די פֿרויען, נאָר באַטראַכט דעם טאָך פֿונם איניען. ניט ווייניק קלוגע פֿויערשע סענטענציעס האָבן זיך מיקויעך דעם אויסגעגאָסן פֿון אונטער וואָנצעס און פֿון הוילע מײַלער, וואָס בײַ זיי איז נאָך „דער מאַמעס מילך ניט אויסגעטריקנט אַף די ליפּן“.

...פֿאַרנאַכט זײַנען לעם קאָאָפּעראַטיוו געשטאַנען פֿויערן אין אַ רעדל. טכילעס האָט מען גערעדט וועגן ערנסטע איניאָנים. ביז עמיצער האָט ניט דערזען טיכאָנען: ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס מיט אַ האַק אין האַנט (ווײַזט אויס, פֿון כוטער, פֿון דער אַרבעט).

ער איז פאַרבייגעגאַנגען, געגריסט זיך מיט די פויערן. ניט אַלע האָבן אים געענטפערט, און גנידע האָט געשטשערעט די ציין מיט אַ בויזעק־געלעכטערל און אים נאָכגעזאָגט:

— אי, דו, קריך שוין גיכער! וועסטו נאָך קומען פונקט צו דער צייט!

אַ געלעכטער. דער יונגער קנישענקאָ האָט צוגעגעבן:

— ס'שמעקט נאָך מיסטאָמע אין שטוב מיט געבראָטנס.

אַ געלעכטער.

טיכאָן האָט זיך אומגעקוקט — טאַקע, מע קוקט אַף אים און מע לאַכט. וואָס זיינען זיי, פון זינען, צי שיקער? ער האָט נאָך מיט חאָס צונויפגעקוועטשט די קינבאַקן און איז געגאַנגען ווייטער. דאָ האָט זיך עמיצער אין רעדל פאַרינטערעסירט:

— ווי וועט טיכאָן קוקן דערויף?

גנידע האָט, דאַכט זיך, אַף דעם נאָר געוואַרט.

— איר קאָנט דען ניט טיכאָנען? — האָט ער געזאָגט זיכער און לאַנגזאַם, — ס'איז נאָר פון דער זייט זעט ער אויס אַזאַ שטילער, אָבער פּרואוו אים אַריינברענגען אין קאַס. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז שטילע וואַסער רייסט די הרעבליע. געדענקט מיין וואָרט, וועט איר זאָגן, אַז כ'בין אַ ליגנער, אויב צווישן זיי וועט זיך ניט פאַרלויפן קיין דראַמע. אָט איז ער אַוועק מיט אַ האַק — איז וואָס מיינט איר, ער וועט ניט אויסטשאַטעווען דאַווידן און ניט פלעטן דעם מויעך? אייפערזיכט, קאָן מען זאָגן, מאַכט פון אַ מענטשן אַ ווילדע כאַיע.

און נאָך עמיצער:

— טאַקע גאָר פאָשעט! אָט האָט דאָך אין שטשערבאַניווקע איינער מיט אַ האַק געהאַרגעט ביידעמען, געפאַקט זיי אַפן אָרט.

— אָט־אָט! איר'ט שוין דעמאָלט זען!

...אַז טיכאָן איז געגאַנגען פאַרביי פיוונענקאָ, האָט יענער פאַריכט דעם טויער און אַ רוף געטאָן טיכאָנען:

— גייסט פון די כוטערעס?

— יאָ.

— נו, וואָס מאַכן דאָרט די כוטערניקעס?

פיוונענקאָ האָט אַוועקגעלייגט די זעג און, קוקנדיק אַף טיכאָנען,

אַרויסגענומען דעם טאַבאַק צו פֿאַרויכערן. טיכאָן איז צוגעגאַנגען צו אים. אַרײַנגעשטעקט די האַק אין אַ קלעצל און אויך פֿאַרויכערט. און דאַן דערציילט.

— וואָס זאָל זיך הערן בײַ די כוטערניקעס? ניט אַלע קלערן איינס: פֿון די באַלעגופֿן איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדן. זיי קלייבן זיך צונויף בײַ אָהירן. און די אָרעמפֿויערן — איז געווענדט פֿון דעם, וואו זייער ערד געפֿינט זיך. ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס די ערד איז בײַ זיי נאָענט, די טאָר מען ניט דערמאָנען אַפֿילע. און ס'איז דאָ אַזוינע, וואָס זיינען מאַסקים. ער האָט מיט זיי גערעדט צוויי אָוונטן, האָט זיי באַרואיקט — זיי האָבן געמיינט, אַז די אָבוכיווקער ווילן פֿאַר זיך צונעמען די גאַנצע ערד ביז די סאַמע כוטערעס. ס'זיינען דאָ אַזוינע, וואָס באַשטייען אַפֿילע אַרויסציען זיך אין אַ נייעם יִישעוו.

— עך, ס'וועט נאָך זיין געגנוג פֿאַרשלעפּעניש. ס'איז ניטאָ וואָס צו רעדן! — האָט פֿיוונעקאָ כמורע געזאָגט, — וואָס ווילסטו, טי־כאָן, אַז קעגן אונדז איז אַזאַ קראַפֿט.

— עט, זייער גאַנצע קראַפֿט ליגט אָט וואו, — האָט קאָזשושנע פֿרײַלעך אַ פּאַטש געטאָן איבער דער קעשעניע און כיטרע געקוקט אַפֿן כאַווער מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן. — דו מיינסט, אויב זיי האָבן די מאַכט, איז שוין ניטאָ אַף זיי קיין עלצטער? ניין, כאַווער! די ראַטנמאַכט איז אונדזער מאַכט, אַ יווישערדיקע! — ער האָט אַ פֿרעג געטאָן, צי דאַוויד איז אינדערהיים, און זיך אופֿגעהויבן.

פֿיוונעקאָ האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן. דערנאָך געזאָגט, ער האָט אים געזען, ער איז אינדערהיים. טיכאָן האָט זיך גלייך פֿאַר־וואונדערט — יענער האָט געקוקט אַף אים און ווי אין פֿאַרלעגנהייט אָפּגעווענדט דעם בליק.

— וואָס איז מיט דיר?

— כ'וויים, וועסט זיך שוין אַליין דערוויסן.

טיכאָן האָט אויפֿמערקזאַם געקוקט אַף אים און געוואָרן אומ־רואיק:

— וואָס האָט עס זיך דאָ געטראָפֿן אַזוינס, זאָג, אַנדריי.

אַנדריי האָט זיך געפֿילט ניטגוט. ער האָט זיך געקנייטשט. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ קויעך, ש׳ווער אַ קוק געטאָן

אַפֿן כאַוועד, אָפּגעפֿירט דאַן דעם בליק אַף דער וואַנט פֿון פּידאַשעק און אויסגעקוועטשט פֿון זיך:

— כ׳וויים, עפּעס רעדט מען אין דאָרף, אַז מ׳האָט אים קלאַמערשט געפּאַקט דאַווידן די נאַכט מיט דיין מאַריען באַ דיר אין שטוב.

טיכאָן האָט אַ ציטער געטאָן. שווער אופֿגעהויבן ס׳פּאָנעם מיט די אומבאַוועגלעכע טיף־איינגעפֿאַלענע אויגן; די ברעמען זיינען אַראָפּגעהאַנגען אַף די אויגן. און איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן. דערנאָך — אין האַנט האָט זיך גאָר געדרויכערט דער ציגאַר, האָט ער אים צוגעטראָגן צו די וואָנצעס און זשעדנע פֿאַרצויגן זיך אַ פּאָר מאָל, אַזש אָפּגעסמאַלעט די וואָנצעס. אַוועקגעוואָרפֿן אים — ער האָט געשיפּעט אַף דער געפֿרוירענער ערד. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער ברוסט, זיך פֿאַרהוסט לאַנג און הייזעריק. דערנאָך האָט ער אויסגעשפּיגן מיט בלוט, און אַ שווייגנדיקער, אַן אומגעלומפּערטער איז ער אַוועק.

פּיוונענקאָ האָט אים נאָכגעשריען:

— האָסט פֿאַרגעסן די האַק, נעם זי!

ער האָט זי אַרויסגעטראָגן פֿון טויער און דערלאַנגט טיכאָנען. טיכאָן האָט זי ניט גענומען אונטער דער פּאַכווע און ניט אַרופֿגעלייגט אַפֿן אַקסל. געטראָגן אין דער האַנט פֿאַרן הענטל. אַז ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען מאַטוזקעס הויף, האָט ער אַפֿילע קיין קוק ניט געגעבן.

אין זיין הויף איז געווען פּוסט, ווען איז אַריבער דעם איבערקריך, אין פֿאַרנאַכטיקן טונקל האָט די שטוב געקוקט מיט בלינדע פֿענצטער — קיין לאָמפּ האָט נאָך ניט געברענט. אין שטאַל האָט געקווימשעט דאָס כאַזערל, און פֿון אָפּעגעם סטאַניע־טויער האָט זיך געהערט מאַריעס צאָרניק־ליבלעכער געשריי אַפֿן פֿערד. זי האָט אים, ווייזט אויס, פֿאַרשאָטן עסן, און ער האָט געשטערט.

— טפּרו! אָט געב איך דיר! אך, דו שעד!

ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי פּאַטשט אים איבערן האַלדז.

טיכאָן האָט זיך אָנגעכמורעט. איר שטים, אַזאַ ליבע און באַקאַנטע, האָט אים אַ ריס געטאָן באַם האַרצן. ווי אַ לעבעדיקס האָט ער

דערזען פֿאַר זיך דעם ווייבס ראָזאָווע פּאָנעם אַפֿן קישן און אירע אויגן, וואָס קוקן אַף אים פֿאַרשעמט און ליבלעך.

— „או, טייוול“, און טוליעט זיך צו אים און באַהאַלט דאָס פּאָנעם אַף זיין ברוסט... באַ טיכאָנען אינעווייניק האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, און ווי אין אַן אָפּגרונט איז אַראָפּגעפֿאַלן דאָס פּאָנעם מיט די ליבלעכע אויגן און אינײנעם מיט זיי איז ער, דאַכט זיך, אויך געפֿאַלן אין אָפּגרונט. און ווער איז דאָס דורך איבערן הויף, ווער איז דאָס אַריין אין שטוב און געבליבן שטיין ווי אַ סטויפּ; ס'איז, דאַכט זיך, גאָר ניט ער.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן די האַק אונטער דער באַנק און געבליבן שטיין אינמיטן שטוב אין פּעלצל און היטל. מיט שווערע טריט, גלייך ער וואָלט געמאָסטן מיט זיי די פּאָדלאָגע, איז ער צוגעגאַנגען צום געלעגער. דער בליק איז געפֿאַלן אַף די קישנס און האָט זיך אָפּגעקערט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף דער באַנק און אַרומגעכאַפּט מיט די הענט, ווי מיט רייפֿן, דעם שווערן קאָפּ, וואָס פּלאַצט שיר ניט פֿון געדאַנקען און ווייטעק.

ווי לאַנג איז ער אַזוי געזעסן? ער ווייסט ניט. אין קאָפּ איז דורכגעפֿלויגן זיין גאַנץ לעבן פֿאַר דער צייט. ווי ער האָט נאָך באַכערווייז געטעסלערט אַף די כוטערס און האָט זי ס'ערשטע מאָל באַגעגנט. ווי זיי האָבן דערנאָך געבויט אַן אייגענע שטוב. און ס'זײַנען אויפֿגעשטאַנען אַלטע-אַלטע זיכרוינעס פֿון יונגלשע טעג: אין דער עקאָנאָמיע אַלס אַ שמייסער, באַ די פּאַרטיזאַנען. דעמאָלט האָבן זיי געטרוימט פֿון אַזאַ שיינער וועלט. אָט פֿאַרמאָגט ער איצט אַ נייע שטוב, פֿונדעסטוועגן האָט ער געקלערט זי וואַרפֿן און גיין מיט דאַווידן און מיט נאָך אַנדערע אָבוכיוואָקער אין דער האַניקווער עקאָנאָמיע אין אַ קאָמונע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי איינער פֿון די אָבוכיוואָקער פּויערן האָט דעמאָלט געטײַנעט: „אין דער קאָמונע איז אויך אַזוי — איינער באַגיסט זיך מיט שווייס, און דער צווייטער איז עלצטער, פּאַסעט זיך אויס אַ פּאָר באַקן און מאַכט אַ טעל פֿון די ווייבער“... דעמאָלט האָט ער געקלערט... ער האָט זיך דערמאָנט אין דער בריוו, וואָס ליגט באַ אים אין קעשענע, און אין דער צייטונג. מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד ער האָט זיי געטראָגן אַהיים און געטאַפּט דעם גאַנצן וועג די קעשענע, צי זיי זײַנען ניט אַרויסגעפֿאַלן.

און אַצינד איז עס ווי אַ שטיק פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. האָט זיך דערמאָנט, אַז מאַריע האָט אים אַמאָל שטאַרק געבעטן, ער זאָל וואַרפן רויכערן: ס'טוט דאָך אים וויי די ברוסט. אַצינד וועט זי שוין מער ניט בעטן! עך, אַ לעבן! — און ער האָט זיך פאַרהוסט לאַנג און שמערצלעך. אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

אין שטוב איז שוין גאָר נאַכט. אונטערן פענצטער האָבן געטופּעט עמיצנס פיס איבער דער געפרוירענער ערד. ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר, מאַריע איז אַריין. לעבן דער פּאָמיניצע האָט זי גענומען די קוואָרט און געוואַשן די הענט, לעבן אויוון אַראָפּגענומען פון אַ צוועקל אַ שמאַטע און שווייגנדיק געווישט די הענט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט.

— אָי, ווער איז דאָס? — האָט זי זיך דערשראָקן און איינגעקוקט זיך אינעם געשטאַלט באַ דער וואַנט, — א, ס'איז דו, טיכאָן?

און טיכאָן האָט דערהערט, ווי שווער זי האָט אָנגעהויבן אָטעמען. איז נאָך אַלץ געשטאַנען. פּלוצים זיך אויסגעדרייט, דערמאָנט זיך, אַז מע דאַרף אָנצינדן דעם לאָמפּ. געזוכט די שוועבעלעך אַפן קוימען — וואו האָט זי זיי אַהינגעטאָן? און טאַקע ניט געפונען. כאָטש טיכאָן האָט געהערט, אַז אונטער די הענט באַ איר האָט געשאָרכעט דאָס פּעקעלע שוועבעלעך. נו, זאָל זיין, ס'איז נאָך ליכטיק, זי וועט נאָך אַרויסטראָגן דאָס עסן דעם כאַזערל.

זי האָט זיך געפּאָרעט אינדערפינצטער לעבן צעבער און אַוועקגעטראָגן. באַ טיכאָנען אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען איר איינגעהאַלטן אויפגערעגט קאָל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ס'האָט נאָר וואָס אויסגעזען איר געזיכט: מיסטאָמע, פאַרלוירן און רויט, וואָרים זי האָט דאָך מוירע געהאַט אָנצינדן אַ שוועבעלע. ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'האָט ווידער אַ סקריפּע געטאָן די טיר, און דאָס הענטל פון צעבער האָט אַ קלונג געגעבן לעבן דער פּאָמעניצע.

איצט איז מאַריע צוגעגאַנגען צום אויוון און גלייך גענומען די שוועבעלעך פון קוימען. אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אַפן טיש. טיכאָן האָט אַף איר שאַרף געקוקט און געפרעגט:

— דו באַדאַרפסט אַ שוועבעלע, צי דו האָסט שוין געפונען? וואו זיינען זיי געווען?

— אין אויוועלע. כ'האָב זיי מיסטאָמע אַרייַנגעוואָרפֿן אַהין, ווען איך האָב געהייצט, — און אַנגעצונדן אַ שוועבעלע. איר פּאַנעם איז ווי פֿון שטיין געשניצט. טיכאָן האָט שמערצלעך פֿאַרקרימט די ליפּן און אַ פּאַראַכטלעכן שמייכל און איז אויפֿגעשטאַנען פֿון באַנק — זיך אַנידערגעזעצט אַף אַ בענקל. און האָט שוין שפּעטער ניט געפֿרעגט זי קיין זאַך, און ניט אָפּגערופֿן זיך.

מאַריע האָט עס באַמערקט און געוואָרן אומרואיק. זי האָט גע־פֿילט, אַז זי דאַרף אים אַליין אַלצדינג דערציילן, נאָר זי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי. ער איז שוין אַזוי לאַנג אין שטוב, און זי האָט נאָך אַלץ געשוויגן, סיידן עפּשער אַזוי — זי האָט זיך קלאָמערשט נאַרוואָס דערמאָנט? ניין, זי פֿילט, זי וועט ניט אויסהאַלטן, וועט ניט זאָגן אַזוי ווי זי וויל. און ניט געוואוסט ווי זאָל זי עס דערציילן, מיט אַ שפּאַס אָדער ערנסט. אַך! פֿאַרוואָס האָט זי זיך ניט אַנט־שלאָפֿן דעמאָלט, ווען זי האָט געבראַכט ס'עסן פֿאַרן באַזערל, אין שטוב איז דאָך געווען פֿינצטער. און עפּשער איז ער אַזאַ, מאַכמעס ער איז פֿאַשעט מיד. אָדער געהערט אַף די כומערעס עפּעס ניט קיין פֿריילעכער יעדיע?

דאָס שווייגן האָט געדריקט, און זי האָט געזאָגט, אַבי עפּעס זאָגן:

— איר האָט געענדיקט מיט כימקעס אָפּדאַך?

טיכאָן האָט כמורנע אַ „יאָקע" געטאָן, נאָר פֿריער, איידער ער האָט געענטפֿערט, האָט ער געקלערט: „ס'געפֿעלט איר! וואָלט אַ באַלן געווען נאָכאַמאָל פֿאַמער ווערן פֿונם מאַן". ער האָט פֿאַרוי־בערט און זשעדנע פֿאַרצויגן זיך מיט דער שטאַרקער מאַכאָרקע. הילכיק געהוסט און לאַנג מיט ווייטיק און קאָס געכראַקעט אַף דער ערד. וועטשערע וויל ער ניט עסן. און דעם קאָפּ וואַשן אויך־ניט. מאַריע האָט אַף אים לאַנג געקוקט. וואָס איז עס מיט אים היינט? קלאָמערשט אַ פֿאַרכידעשטע האָט זי געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— ביסט נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ!

— יאָ, ניט געווען, — ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן דעם ציגאַר און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, און שפּעטער געזאָגט, — בעט מיר, כ'וועל זיך לייגן.

מאַריע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פֿונם אויוון און אויסגעבעבעט

דעם געלעגער, ווי געווייִנלעך, פאַר צווייען. גלייך ווי זי וואָלט זיך דערפרייט: עפּשער ווייסט ער טאַקע פון גאָרניט? עפּשער — איז ער פּאָשעט ניטגעזונט. מיכאָן האָט זיך ניט אויסגעטאָן און געלייגט זיך אין די שטיוול אַפן עק געלעגער. איין האַנט אַוועקגעלייגט אונטערן קאָפּ, מיט דער צווייטער פאַרדעקט די אויגן און געשוויגן.

מאַריע האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט אין שטוב. אונטערגעשלאָגן די ראָשטשינע אין באַקדייזשע, געפּאָרעט זיך לעבן אויוון. נאָר זי האָט אויך ניט געגעסן קיין וועטשערע און ניט אַרויסגענומען פון אויוון דעם טשאַוואַן מיט אַקרעפּ — ניט געוואַשן דעם קאָפּ.

זי איז נאָך געווען אומרואיק, נאָר ערגעץ טיף אין האַרצן האָט שוין געשפּראָצט פרייד. דעם גאַנצן היינטיקן טאָג, זינט דאַוויד איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געקלערט פון אים, ניט אַרויסגעלאָזט אים פון קאָפּ. ווי אַ לעבעדיקער איז ער געשטאַנען פאַר איר, אַזאַ ליבער. און אין זיינע אויגן — אַניט האָט דען מאַריע ניט געזען, וואָס בײַ אים אין די אויגן טוט זיך? אַז אירע האָבן אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ דעמאָלט לעבן געלעגער, האָט ער איר העגט צונויפגעדריקט און האָט אינגאַנצן געציטערט, אינגאַנצן געצויגן זיך צו איר. אָ! זי ווייסט, פאַרוואָס ער האָט זי ניט גענומען. סע קלינגען נאָך אין אירע אויערן די ווערטער זיינע אין יענער נאַכט: „ווען מיר וואָלטן מיט דיר געבלאָנקעט אין טשערעדע, וואָלטן מיר גאָרניט גערעדט וועגן דעם“. זי האָט זיך געריכט — אָט וועט ער זי דערשטיקן אין זיינע אָרעמס. „מיר לעבן דאָך אָבער צווישן מענטשן... צי עפּשער ווילסטו, מיר זאָלן זיך רייסן, ווי די הינט...“ אָ, זי ווייסט, דאָס איז אַלץ צוליב מיכאָנען, — אַלץ איבער אים. און דאָס ערשטע מאָל האָט זי יענע נאַכט געקלערט וועגן אים, וועגן דעם קראַנקן, אָן ראַכמאָנעס. זי האָט אַפילע געוואָלט, ער זאָל גיכער... שפּעטער באַטאָג האָט זי אויך געקלערט וועגן מיכאָנען. מיט פּאַכעד האָט זי געוואַרט אַף אים, וואָרים זי האָט נאָך אַליין גיט געוואוסט, ווי אַזוי וועט זי אים באַגעגענען. עפּשער, אַז ער וועט שטיין פאַר איר, אַ שטילער און אויסגעמאַטערטער, מיט איינגעפאַלענע אויגן, מיטן כריפּ אין האַרצן, וועט זי ראַכמאָנעס קריגן אַף אים. דעם טאָג האָט זי זיך אַליין ניט דערקאָנט: זי האָט אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט, נאָר עפּעס זייער מאָדנע — אי יאָ ראַכמאָנעס, אי ניט. בעשאַס זי

האָט אָנגענומען שטרוי אַף הייצן, האָט זי געקוקט אַפן צעשויבערטן סטויג און אַ קלער געטאָן מיט בענקשאַפט וועגן טיכאָנען. אין שטאַל, ווען זי האָט ליבלעך געפּאַטשט דעם פערד איבערן האַלדז: „וועדזשע וועט אַקערן מיט דיר, אויב טיכאָן...“ און האָט ניט דערטראַכט ביזן סאָף, אַ זיפץ געטאָן אומעטיק, און פון הינטער דעם פערדס קאָפּ האָט זי דערהערט אין טונקל די ליבע שטימע — „שטיי!“, און זי זעט, דאַכט זיך, זיין ליבן פּאָנעם: ער האַלט דאָס פערד פאַרן צוימל, — דער נייער באַלעבאָס. פונדעסטוועגן איז זי געווען אויפגערעגט און געוואַרט אַפן מאַן אַ צעטראָגענע. אויך דעמאָלט, ווען זי איז אַריין אין שטוב... און אַצינד שוין ניט, אָט קוקט זי — ער ליגט אומבאַוועגלעך אַפן געלעגער, און זי פילט צו אים גאָרנישט, זאָלט ער אַפילע שטאַרבן אַזוי. נאָר ערגעץ טיף — שטילער, שטילער ראַכמאָנעס.

ס׳האָט נאָך לאַנג געדויערט, ביז טיכאָן האָט דערהערט, ווי זי איז אַרויס אין פאָרהויז און פאַרקייטלט די טיר. שטיל מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געוואַרט און איז געווען אויפגערעגט. נאָר אָט הערט ער — זי איז צוגעגאַנגען צום געלעגער, אַ וואָרף געטאָן עפּעס אַ קלייד צופוסנס, פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך אַוועקגעלייגט אים צופוסנס, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. באַ טיכאָנען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן, און ער האָט ס׳לעצטע מאָל אַ קלער געטאָן: „יאָ, ס׳איז אַלץ עמעס“. ער איז לאַנג געלעגן פאַרומערט און דער זעלביקער פּאָזע.

מאַריע איז שוין עפּשער געשלאָפן. עפּשער איז שוין האַלבע נאַכט, אָדער גאָר באַלד פאַרטאָג. טיכאָן האָט פאַרויכערט אין דער פינצטער און ווידער געקלערט. און אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם אויסגערויכערטן ציגאַר אַף דער ערד, האָט ער אַ קלער געטאָן: „אָט אַזוי בין איך אויך, ווי דער אויסגערויכערטער ציגאַר, כ׳גיי אויס צוביסלעך. קיינער באַדאַרף מיך אַצינד ניט! אַן אייגענער כאַווער... און אייגן ווייב... מיילע, זאָל זיך!“ מיטאַמאָל איז ער געוואָרן מאָדנע גלייכגילטיק. און אַ מידקייט האָט אים איינגעדעקט, ווי אַ שווערע דעק.

„...און מאַריע ליגט דאָך צופוסנס און איז דאָך מיסטאַמע אָפּגעדעקט!“.

ער האָט זיך אופגעהויבן איגדערפינצטער און איינגעקוקט זיך אין מאַריעס ווייסן געשטאַלט. קיין קאָם האָט ער שוין ניט געפילט. געווען איז אין האַרצן אַזאַ אויסטערלישע שטילקייט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן שטיל:

— מאַריע, וואָס האָסטו זיך געלייגט דאָרטן?

די פרוי האָט זיך ניט אָפּגערופן, נאָר ער האָט געוואוסט, אַז זי שלאָפט ניט. און עפּשער שלאָפט זי פאָרט? ער איז צוגעקראָכן צו איר אַף די קני און זי מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. האָט דערפילט — די וויעס האָבן אַ ציטער געטאָן, ווען זיי האָבן זיך צוגערירט צו זיין דלאָניע. זי האָט זיך אופגעהויבן און אַ זאָג געטאָן מיט ניטבאַהאַלטענעם עקל:

— פּראָוו נאָר ניט קריכן צו מיר! אַוועק!

טיכאָנען האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ס'הערט זיך, ווי סע כריפּעט באַ אים שטאַרקער אין ברוסט, ס'האָט אים דער־מאָנט... ערגעץ פונונטן האָט אים מיט שמאַרץ אַ שלאָג געטאָן אין ברוסט. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. מיטאַמאָל זיך אָנגעבויגן צו איר מיט אַ פאַרקרימט פּנים און דורכגעזייעט צווישן די ציין:

— או, דו שטיק זוינע! מיינסט, איך קריך צו דיר?

מאַריע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פון דער שרעקלעכער באַליידי־קונג, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל פון אים ניט געהערט. זי האָט גיך און שווער געאָטעמט און פאַרלוירן געקוקט אַף אים. פון דער פינצ־טערניש האָבן זיך צו אירע אויגן דערנענטערט טיכאָנס גרויסע איינגעפאַלענע אויגן.

— דו מיינסט, איך ווייס גאָרניט? איך ווייס אַלצדינג!

מאַריע האָט זיך אָפּגערוקט ווייטער פון אים און מיט אַן אָפּגע־ריסן קאָל געפרעגט:

— וואָזשע ווייסטו!

— אַלצדינג!

אַ פּויזע.

— נו, טאָ ווייס! — האָט זי אַ בעליידיקטע ציטערנדיק געזאָגט ווי מיט אויסרוף. און האָט זיך נאָך ווייטער אָפּגערוקט — מוירע געהאַט, ער זאָל זי ניט שלאָגן. טיכאָן איז שוין נאָענט לעבן איר. כאָטש ס'איז נאַכט, נאָר ער זעט יעדן שטריך אַף איר אָנגעשטרענגטן

געזיכט. און דאָס געזיכט איז אַזאַ פרעמדס און דאָך אַזאַ באַקאַנטס. אין האַרצן האָט אים אַ פלייץ געטאָן, גלייך ס'וואָלט זיך דורכגעריסן אַ הרעבליע, אַ געפיל, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט צו איר, ניט קיין שיינער: צו זיין ווייב אין דער ערשטער נאַכט נאָכן פאַראַט, אין דער ערשטער נאַכט, ווען זי האָט אים אָפגעשטויסן. אַ מיעס געפיל, נאָר ער קאָן אים ניט בייקומען. ער האָט זי שוין אָנגעכאַפט פאַר די נאַקעטע אַקסלען. זי האָט פעסט אָפגערוקט זייגע הענט. און ער האָט זי אָנגעכאַפט שוין אַליין ניט פילנדיק, וואָס ער טוט:

— ביסטו אַ שליובע, טאָ לייג זיך אַהער! מאַריע האָט זיך אַ רים געטאָן און געגעבן אים אַ שטאַרקן פאַטש איבערן פאָנעם. האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פון בעט, נאָר ער האָט זי געפאַקט פאַר אַ האַנט און מיט דער צווייטער געגעבן איר אַ זעץ אין ברוסט, אַז ס'האָט איר פאַרכאַפט דער אָטעם, דאַן איבערן קאָפּ... זי איז אַראָפּגעפאַלן פון געלעגער, און ער האָט זי נאָך געשלאָגן אַף דר'ערד...

ער ווייסט דען, וואָס ס'איז ווייטער געווען? אָט זיצט ער אַף דער באַנק אַ צעבראָכטעטער, אָטעמט שווער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. הינטערן פענצטער אין דער נאַכט גייט יונגוואַרג מיט לידער פאַר־ביי דעם הויף. פאַרקערעוועט, ווייזט אויס, הינטערן פידאַשעק, וואָ־רים די ליד איז שטילער, און גאָר אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט זיך געהערט, ווי אַף דער ערד לעבן געלעגער וואַרפט זיך עפּעס אַ ווייס, צעפּאַטלעט געשטאַלט און קרעכצט שטיל.

XXI

ס'האָט גאָר וואָס אָנגעהויבן שאַריען. אַסאַך הייזער שטייען נאָך שלעפעריקע מיט טונקעלע פענצטער (ס'איז זונטיק, שטייט מען ניט אויף אַזוי פרי), און באַ די מאָטוזקעס אין שטוב זייגען שוין אַלע אַף די פיס. דער פאָטער באַהאַלט פאַרזיכטיק עפּעס אַ פעקעלע, פאַרוויקלט אין אַ פאַפיר, אין דער אונטערשטער זייט־קעשענע פון רעקל. כריסטיע האָט געזאָגט:

— זעט, באַהאַלט נאָר גוט. איצטער קומען אַפן יאַריד אַזוינע בעוורעליים פון שטאָט, אַז איר ט'אַפילע ניט הערן, ווי זיי וועלן אַרויסשלעפן.

— באַ מיר ט'מען ניט אַרויסשלעפן! — האָט דער פאָטער זיכער געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט ער ווידער אָנגעטאַפּט דאָס געלט אין קעשענע. האָט אָנגעטאָן אַ געוואַנטענע סוויטע און שטייף פאַרגאַרטלט זיך מיט אַ רימענדל. אַפן האַלדז אַן אַלטן באַשליק. די מוטער האָט פאַרוויקלט אַ שטיק ברויט אין אַ ריינער שמאַטקע און אַריינגעלייגט אין קאַפּל פון באַשליק. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ניט געהאַט קיין מוט. סאָפּקאָלסאָף האָט זי זיך אַנטשלאָסן.

— עפשער ט'באַ דיר בלייבן געלט, זאָלסטו אָנעמען בריסטיען כאָטש אַף אַ קאַפּטן. פאָרט אַ מיידל!

און כריסטיע אַ פאַרויטלטע:

— אָי, מאַמע, זאָל כאָטש קלעקן אַף אַ פערד! — נאָר די אויגן אירע האָבן אויסגעזאָגט, אַז זי האָט שטאַרק ביישעק צו אַ קאַפּטל פון פריילעכן ציץ. אָט אַזאַ, ווי האַלקע פיוונעקאָ האָט זיך אָנגענומען אין קאָאָפּעראַטיוו.

דער פאָטער.

— זאָל שוין זיין אַן אַנדערש מאָל. אַז מירן זיך אַביסל שטעלן אַף די פיס.

ער האָט גענומען פון ווינקל די בייטש און אַרויס פון שטוב. אַלע זיינען אַרויס אים באַלייטן. אַפילע די קינדער זיינען געלאָפן באָרוויסע און צעבראַסטעטע.

— אָי, צאָרעס מיינע! וואוהין לויפט איר גאַקעטע? — האָט זיי די מוטער שטרענג פאַרקערעוועט אין שטוב אַריין, נאָר זי האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט און געקלערט: „זאָלן זיי, די קינדער דאַרפן אויך“, — און שוין ליבלעך צו זיי — „טוט כאָטש אָן די שיך, איר'ט נאָך ניט פאַרזאַמען“.

דאָקיקע האָט זיך אומגעקערט, און פעטריק האָט נאָר אַ יאָקע געטאָן און שוין געשפּרונגען אַ באָרוויסער איבערן פראָסט ערגעץ לעבן שטאַל.

אין שטאַל האָט דער פאָטער צוגעבונדן די טעליצע אַף אַ שטריק

און אַרויסגעפֿירט זי. לעבן ברונעם האָט געסקריפּעט דער עמער, דאַוויד האָט אָנגעשעפּט פֿרישע וואַסער. אָנגעפֿויעט די טעליצע. און די מוטער איז צו איר צוגעגאַנגען און געגלעט זי איבערן האַלדז. צוויי יאָר איז זי שוין באַ זיי, געגומען זי נאָך אַ קעלבל פֿון דאַנעס קו. צוויי יאָר געבאָוועט זי. אַלץ געמיינט, ס׳וועט זיין אַ קו.

— פֿאַרקויף זי באַטש ניט צו קיין קאַצעוו, אַלטער. פֿאַרקויף צו אַ פּויער. סט׳זאָגן: ס׳איז פֿון אַ פּריצישער קו, פֿון אַ דייטשקע. דער פֿאָטער:

— כל׳פֿאַרקויפֿן דעם, וואָס וועט קויפֿן. נו, זאָל זיין מיט האַצלאָכע, — ער האָט אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש און אַרויסגעפֿירט די טעליצע פֿון הויף. די מוטער איז נאָכגעגאַנגען ביז היגטערן טויער. האָט געקוקט אױפֿן ניטאײַנגעפֿאָרענעם, פֿאַרפֿרוירענעם שליאַך און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי אַזוי וועט זי דערגיין ביז שטשערבאַניוווקע, זי איז דאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַזאַ ווייטן וועג.

אַז זי איז אַריין אין שטוב, האָט כריסטיע שוין געהייצט דעם אויוון, די אַלטע האָט גענומען גרייטן אַ באָרשטש. דאַוויד איז געזעסן באַם עק טיש, זיך געגראָבן אין ביכלעך און פֿאַרצייכנט ציפֿערן, געשריבן נאָטיצן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. (ער האָט דאָך געדאַרפֿט היינט אין לייענשטיבל מאַכן אַ פֿאָרטראַג וועגן דער צווישנפֿעלקערלעכער לאַגע, האָט ער געזאַמלט מאַטעריאַל און צוגױפֿגעשטעלט דעם קאָנספּעקט). צו דער אַרויסטרעטונג האָט ער זיך באַצויגן מיט גרויס ערנסט. ווייל — וועט ער קאָנען גלייך פֿון ערשטן מאָל דעם אויילעם פֿאַרינטערעסירן, וועט שוין אַ האַלבע אַרבעט זיין אָפּגעטאָן. דעריבער האָט ער זיך, אַזוי פֿלייסיק געגראָבן אין די ביכלעך, פֿאַרגעסן אַלץ אַרום, און ס׳איז שוין געוואָרן ליכטיק און מ׳האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ, האָט ער זיך נאָר איבערגעזעצט צום טיש און ווידער געטאָן זיינס.

ערשט אַז דער אויוון האָט זיך אויסגעהייצט, האָט די מוטער געזאָגט:

— גענוג שוין דיר, דאַוויד, צו האָבן צו טאָן מיט די ביכלעך. ווי טוט עס ניט ווי דער קאָפּ פֿון אַזוי פֿיל לייענען. עפּשער וועלן מיר עסן וואַרעמעס?

— פון מיינעטוועגן, לאָמיר עסן.

אַלע זיינען געווען אינדערהיים, אין קלויסטער איז דאָך באַ זיי קיינער ניט געגאַנגען, גאַלע „אַפּיקאָרסים". די מוטער, זי פירט גאָך דאָקיקען „פּאָסט"־צייט אין קלויסטער אַריין, און דער אַלטער מיט די קינדער, אַפילע פּעטריק, גאָך גאָר אַ שנעק, זיי טייגען: „מיט די קלויסטערס פאַרבלענדט מען נאָר די וועלט". די מוטער שאָקלט בלויז מיטן קאָפּ, בייזערט זיך אן קאָס אָפּ זון, און אַליין: „איין גאָט דער הייליקער ווייס". אין ווינקל הענגען, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק, צוויי איקאָנעס, וואָס מיט זיי האָט מען געבענטשט די אַלטע צו דער באַסענע. פאַר אַלטקייט זיינען זיי אָפּגעקראָכן, שוואַרץ געוואָרן. ס'זעען זיך שוין קוים אָן די טונקעלע אומעטיקע געזיכטער. וויפל מינוטן — מ'זאָל זיי צונויפקלייבן אינייגעם, עפשער אַ גאַנץ יאָר פון איר לעבן — האָט זי געדאַוונט פאַר זיי, צענויפגעלייגט אירע האַכנאָעדיקע אויסגעהאָרעוועטע הענט. און וואָס האָבן זיי איר גע־געבן? ביז די קינדער האָבן אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט און זיינען אוועק אַליין... און איצט, אַז די אַלטע האָט שוין אַפילע יאָ גע־דאַוונט, איז ניט פאַר זיי, ניט פאַר די „געטער", נאָר פאַר יענע אין פאַרגאַנגענהייט אויסגעלאָשענע שמאַרצן און צאָרעס און האָפנונ־גען, וואָס מיט זיי האָט זי באַגאָסן די שוואַרצגעוואָרענע ברעטלעך אין מעשער פון צענדליקער יאָרן, אין די שפּעטיקע אָוונטן, און די פריע פאַרטאָגן. עפשער דערוימעק זיינען איר די געזיכטער אַזוי נאָענט און איינגעבאַקן?

זיי האָבן געגעסן וואַרעמעס סאַמע ווען מע איז געגאַנגען פון קלויסטער. ווייזט אויס, מע וועט זיך גאָך אַזוי גיך אין לייענשטיבל ניט צונויפקלייבן. גאָר דאַוויד האָט זיך גלייך גענומען קלויבן. אַכוץ דעם דאַרף ער גאָך אַרייגגיין צו טיכאָנען. און כריסטיע דאַרף אַריינלויפן צו די מיידלעך, האָט זי אָנגעטאָן דאָס שאַלעבל. זיי זיי־נען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען.

XXII

באַ קאַזשושנין אין הויף האָט זיך דאַוויד פאַרכידעשט פון דעם, וואָס אין שטעלבל קווישעט, ווערט שיר ניט צעריסן שרייענדיק,

דאָס כאַזערל, און פון שטאַל דורך דער פירטקע קוקט מיט אומעטיקע אויגן די קו; זי האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז און אומעטיק גערעוועט; אַפּאַנעם, געווען הונגעריק אָדער דורשטיק. די טיר אין פירהויז איז געווען אָפן און די טיר אין שטוב אַריין אויך ניט אינגאַנצן פאַרמאַכט.

אַז ער איז אַריין, איז טיכאָן געשטאַנען אינמיטן שטוב, אין פעלצל, אַ צעשפּיליעטער און אָן אַ היטל. אַף דאַווידס „גוטן טאָג" האָט ער קוים געענטפערט. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס היטל פון באַנק און איז אַוועק צום טיר פאַרביי דאַווידן, אַפילע קיין קוק ניט געטאָן אַף אים.

דאַוויד האָט אָנגענומען טיכאָנען פאַר אַן אַרבל און פאַרהאַלטן אים; טיכאָן האָט די האַנט ניט אויסגעריסן.

— וואָס איז מיט דיר, טיכאָן?

טיכאָן האָט כמורנע אַ קוק געטאָן אַפן כאַווער און אָפּגעווענדט דעם בליק אין אַ זייט. דאַוויד האָט שאַרף און אומרואיק געקוקט אַף אים: טיכאָן האָט זיך אויסגעבלייכט, און די אויגן זיינע זיינען, דאַכט זיך, נאָך טיפער איינגעפאַלן. אין שטוב איז מער קיינער ניט געווען. פלוצים האָט זיך דאַוויד אָנגעשטויסן, און אַז ער האָט אַפּגיך באַטראַכט די שטוב און דערזען דעם ניט פאַרבעטן געלעגער, די אָנגעוואָרפענע שטרוי אַף דער ערד, האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען און מיט שרעק געזאָגט טיכאָנען:

— ביסט פון זינען, טיכאָן! האָסט מיסטאָמע געשלאָגן מאַריען?

טיכאָן האָט שווער אַ קוק געטאָן אַף דאַווידן, און אין זיינע אויגן האָט אַ בלישטשע געטאָן האַס.

— נו?

דאַוויד האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. טיכאָן האָט אויסגעריסן די האַנט און איז אַוועק צום טיר.

און דאַוויד האָט אים היציק נאָכגעשריען:

— טיכאָן! און דו גלויבסט אַזוינס?

טיכאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן שוועל און שאַרף געקוקט פון אונטערן שטערן. דאַוויד האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און גענומען רעדן מיט האַרץ. ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, טיכאָן זאָל

זיך אַזוי לאַנג געטאָן: עמיצער האָט געפּלעטשעט מיטן גאַנצן צונג, און ער האָט שוין פאַרלוירן דעם סייכל. אייערנעכטן האָט זיי עמיצער אַ געמיינער גנבֿעש פאַרשלאָסן איינצווייען אין שטוב. אָדער צי האַלט ער אים, דאַווידן, פאַר אַ כאַווער, אָדער דאַווידס וואָרט איז פאַר אים ווי שטרוי? זאָל ער אויסהערן. זי איז די גאַנצע נאַכט געשלאָפן דאָרט אָפן געלעגער, און ער דאָ אויף דער באַנק. ער האָט אַפילע אין זינען ניט געהאַט גאָרניט.

טיכאָן האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין זיין פּאָנעם. ער האָט, דאָרט זיך, גאָרניט געהערט, איז אינגאַנצן אַריין אין די אויערן, האָט זשעדנע געכאַפּט יעדן ריר פון דאַווידס ליפּן, געריסן די ווערטער, געפילט, ווי דאַווידס אָפּענער, קלאָרער און אַביסל טאַדלענדיקער בליק גיסט זיך מיט וואַרעמע שטראַלן דורך די אויגן אין זיין ברוסט אַריין. ער האָט געפילט, אַז דאָס האַרץ זיינס ווערט דערוואַרעמט. און אַ פייער האָט פאַרפלייצט זיין האַרץ, געגראָבן זיין רעגולערן ריטם. פייער האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע איינגעפאַלענע אויגן. פונקט ווי ער וואָלט פּלוצים באַגעגנט אַ פאַרפאַלענעם כאַווער, און יענער האָט געבראַכט אַ גרוס פון זיין ליבן ווייב, וואָס איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן: אַז זי לעבט, אַז זי האָט אים נאָך ליב. זיין פּאָנעם האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן און איז פאַרגליווערט געוואָרן אין שרעקלעכן פּיין; פון דער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אַ קרעכץ:

— וואָזשע האָב איך אָנגעטאָן?

פאַרוואָס איז ער, דאַוויד, ניט געקומען נעכטן אָפּדערנאַכט. וואו איז ער געווען, אַז זיי זיינען געווען אַליין אין שטוב, און עמיצער אַ דריטער, אַ טייוול האָט זיך אונטערגעגאַנוועט פון הינטן און גערוימט אים אָפן אויער. און איר האָט ער געהייסן שווייגן.

— אָבער מאַריע האָט האָך געזאָגט? צי דען האָסטו איר ניט געגלויבט? — האָט דאַוויד געפרעגט.

טיכאָן האָט זיך פאַרקלערט, דערמאָנט זיך אין מאַריען נעכטן. האָט ווידער מיט כשאַד אַ קוק געטאָן אָפן כאַווער. ניין, דאַוויד זאָגט ניט קיין ליגן. ווען מע זאָגט אַ ליגן אָדער ווען מע באַהאַלט עפּעס, קוקט מען ניט אַזוי אָפן. און ער האָט דערציילט דאַווידן — אַלץ, וואָס ס'איז דאָ נעכטן געווען.

ערשטנס, דאַכט זיך, אַז נאַרעשקייט, זי האָט געזוכט שוועבע־לעך אַפּן קוימען און ניט געפונען. ער האָט אָבער געהערט, ווי זי האָט געשורשעט מיטן פּעקעלע. האָט זי, הייסט עס, ניט געוואָלט אָנצינדן דעם לאָמפּ. צו וואָס האָט זי עס באַדאַרפט? מיכאָן האָט זיך ווידער פאַרקלערט. דאַוויד האָט אים באַרואיקט. מיסטאָמע איז זי געווען אויפגערעגט — דאָס איז דאָך געווענדט אין דער נאַטור פון מענטשן.

— און דו האָסט זי געשלאָגן, מיכאָן, איך זע דאָך! וואו זשע איז זי?

מיכאָן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער ווייסט ניט, וואו זי איז. נעכטן באַנאַכט, דאָס געדענקט ער, האָט ער זי געשלאָגן אַפּן גלע־גער, און נאָך ווי געשלאָגן! זינט ער לעבט, האָט ער קיינעם אַזוי ניט געשלאָגן. דערנאָך איז זי אַראָפּגעפאַלן אַף דר'ערד. און מער געדענקט ער גאָרניט. עפּעס ווי פון כאָלעם דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז געזעסן, און זי האָט זיך געוואָרפן אַף דער שטרוי און גע־קרעכצט. נאָר ווען זי איז אויפגעשטאַנען, וואוהין זי איז אַוועק, — ווייסט ער ניט. מיסטאָמע דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַפן טיש... אַזוי ביז פאַרטאָג. און אַז ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, איז זי שוין ניט געווען. ביז אַצינד איז ער נאָך ניט אַרויס־געגאַנגען פון שטוב. נאָר דאָ ניט לאַנג האָט ער דערהערט, אַז די קו רעוועט: מ'האָט דאָך איר ניט געגעבן ניט עסן, ניט טרינקען.

— דאָס איז פּוסטע זאַכן, מיכאָן! אָבער וואָס הערט זיך מיט איר?

— כ'וועל גיין, עפּשער וועט זי מיר מויכל זיין? ווי האָב איך עס אַזוי געקאָנט פאַרלירן דעם סייכל! — האָט מיכאָן געזאָגט. — זי איז מיסטאָם באַ דער שוועסטער לוקיען, אין צווייטן עק דאָרף.

אויב זי איז באַ דער שוועסטער, איז גוט. מע דאַרף גיין און איר אַלצדינג דערציילן. און מאַקע היינט.

— און אַף די כוטערעם וואָס הערט זיך? — האָט דאַוויד שפּע־טער אַביסל געפרעגט. מיכאָן האָט נאָך אַ צייט געקוקט טעמפּ אין ווייטקייט אַריין, — כאָטש דאַווידס קאָל האָט אים אַרויסגערים פון אַן אַנדער וועלט, נאָר דער בליק זיינער איז נאָך געווען דאָרט, אין דער אַנדערער וועלט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און אַ קוק געטאָן

אפֿן באַוועך. צוביסלעך איז ער געקומען צו זיך. און צולעצט האָט זיך אַפֿילו אַ שמייכל באַוויזן אונטער די קליינע רוסיאַווע וואָנצעס.

— אַף די בוטערעס האָט עס גיטשלעכט, דאַוויד! און פֿאַר דיר האָב איך דאָ אַ מאַטאָנע.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון זייט־קעשענע אַ צעראַטן טאַוועלע פֿון אַ נאָטיץ־ביכל, פֿון דאָרט די דיסקאַנט־קאַרטע אַפֿן פֿערד און ערשט פֿון דאָרטן אַ שטיקל פּאַפּיר, צונויפֿגעלייגט אין פֿירן. האָט עס שווייגנדיק דערלאַנגט דאַווידן און נאָר שטאַרק געקוקט אַף אים מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן. דאָס איז געווען קושנירענקאָס בריוו פֿון דאָפֿר.

דאַוויד האָט זשעדנע געלייענט, ניט דורכגעלאָזט קיין וואָרט. טבילעס פֿאַרבמורעט, דערנאָך האָבן אויפֿגעלויכטן די אויגן.

— טיכאָן! אַך, דו שעד איינער, דו ווייסט, וואָס דו האָסט גע־בראַכט?

טיכאָן קוקט און שמייכלט, שווייגט בעקיוון.

— דאָ האָבן זיי זיך געפּאַקט! דאָ האָבן מיר דאָס פֿעדימל, וואָס וועט פֿירן צום גאַנצן קנײלעכל.

ער דערמאָנט דאָ אי דעם געהאַרגעטן פֿינאַנגעט, אי די פֿערד... דער אונטערשריפֿט קושנירענקאָס איז אַפֿילו אַפּגעריסן, — אילקאָ האָט זי, אַפּאָנעם, אויסגערויבערט. נישקאָשע, אַף דעם איז פֿאַראַן אַ וויסנשאַפֿטלעכע עקספּערטיזע. מע וועט שוין דערקאָנען, ווער סע האָט געשריבן.

— ער האָט געבעטן, מיר זאָלן קיינעם ניט זאָגן, — האָט טיכאָן סוידעסדיק און במורנע געזאָגט.

— אַוואַדע, ס'איז קלאָר!

דאַוויד האָט שווייגנדיק און פֿאַרזיכטיק צונויפֿגעלייגט דעם בריוו און באַהאַלטן אונטערן שינעל, אין דער אונטערשטער קעשענע פֿון פֿידזשאַק, און פֿריילעך געפּאַטשט טיכאָנען איבער דער פּלייצע.

— אַצינד לעבן מיר אַ טאָג, טיכאָן! נו, און איצטער וואָס? אָנ־האָדעווען די בעהיימע און אין לייענשטיבל אַריין?

ניין, קאָזשושני האָט נאָך אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ צײַ־טונג. געקראָגן זי אַף די בוטערעס.

— דאָס איז רעכט! פון וועלכן טאָג? — האָט זיך דאַוויד דער־פרייט.

נאָר מיכאָן האָט געזאָגט:

— ניט אַהין קוקסטו, דאַוויד. קוק אָן דאָרט, וואו דאָס „פויערן־לעבן“.

דאַוויד האָט איבערגעקערט די צייטונג און געקוקט אַהין, וואו מיכאָן האָט אָנגעוויזן. און האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן פון אומ־געריכטער פרייד: אין צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געשיקט גלייך, ווי ער איז געקומען. דאָרט האָט ער קורץ דערציילט פונם לעבן און דער פאַרוואָרפענער אַבוכיווקע, וועגן דער דאַמפּמיל, וואָס מאַטיוכע מיט דער בעווזרע האָבן אויסגעדונגען באַם קענעסע; וועגן דעם פּאָרזיצערס שיקרעס און די שטענדיקע שיקערע הוליאַנקעס. און אַלץ איז געווען אָפּגע־דרוקט, וואָרט און וואָרט. דאַוויד האָט איילנדיק געלייענט, געשלונגען די ווערטער. דערנאָך האָט ער אַ צופרידענער און פאַרווילטער אַ קוק געטאָן אַפן כאַווער.

— מיר וועלן עס היינט איבערלייענען! — האָט ער פריילעך גע־זאָגט, — זאָל מען וויסן, אַז מיר לעבן ניט אין אַ העק, נאָר אין דער ראַטן־רעפּובליק!

מיכאָן האָט זיך פאַרהוסט און עפּשער איבער דעם גאָרניט געזאָגט.

דערנאָך האָבן זיי גענעבן עסן דעם פי. דאָס כאַזערל האָט נאָך געקווימשעט, ווען זיי זיינען שוין געווען באַם טויער. מיכאָן האָט זיך אומגעקערט און אַרויסגעטראָגן דעם אַ צעבערל. האָט צעוואַשן די הענט לעבן ברונעם און אָנגעזאָגט דאַווידן שוין אַפן גאַס. דאַוויד האָט געוואָרט אַף אים און געלאַכט, און אַז מיכאָן איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער אים פריילעך געזאָגט:

— דאָס גאַנצע פּאָנעם איז האָד באַ דיר אין קלייען, מיכאָן, און דאָס האָסטו אָנגעהאָדעוועט נאָר איין כאַזערל.

— וואָס אַפן פּאָנעם אויך? — מיכאָן האָט אויסגעווישט ס׳פּאָ־נעם מיט דער פאָלע פון פעלצל, אַ זיפץ געטאָן און ניט־פריילעך צו־גענעבן:

— ער, ניט נאָר דאָס פּאָנעם איז בא מיר אין קלייען, דער גאַנ־צער קאָפּ איז ווי אין טייג!

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי שוין דערנאָך געשוויגן.

XXIII

אַפן גאַס לעבן לייענשטיבל און אַפן גאַנעק איז שוין געווען אַ היפּשער אוילעם. צומיינסטנס יוגנט. אַף די אויסגעגייטע בונטע פאַרגעס פון די סווימקעס האָבן די מיידלעך אָנגעהאנגען קאַרעלן, און פון אונטער די בלימלדיקע טיכלעך רויטלען זיך זייערע פּענע־מער אַפן זוניקן פּראָסט. די יונגען האָבן אַרויסגעלאָזט די קוט־שערעס פון אונטער די היטלען. אַ טומל, אַ געלעכטער, קוילעס...

אַלע קנאַקן קערלעך, ווי הייזעריקן אין גראָז. די שאָלעכץ שיט זיך אַף דער ערד, ווי ווייסע בלומען.

לעבן גאַנעק איז געשטאַנען אַ רעדל פויערן מיט בערד. האָרדי האָט האָרט עפּעס גערעדט. אַז ער האָט דערזען דאווידן מיט טיכאָ־נען, האָט ער אַף זיי אויפמערקזאַם געקוקט און זיך דערפרייט. געזאָגט פריילעך:

— נו, דאוויד, כאָטש צעשפּאַר די ווענט! אין שטוב איז שוין פול!

עמיצער האָט אין אַ קאַטאָוועס געוואָרנט האָרדיען:

— שרעק ניט, האָרדי. מ'האָט ערשט נעכטן געמאַכט אַ רעמאָנט, און דו ווילסט שוין צעשפּארן די ווענט! זיי וועלן נאָך אומפאַלן:

— און נאַטשאַלסטווע איז אויך דאָ, געקומען מיטן אייגענעם קאָווער, — האָט שטיל און בעקיווענדיק שווער געזאָגט דער יונגער פּיווענקאָ און אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אַפן גאַנעק, וואו ס'זייגען געזעסן אַף אַ באַנק יאַקאָוו גנידע, קגיש, דער קלייטניק און נאָך עמיצער פון זייער בעוורע. אַפן גאַנעק איז אויך געשטאַנען טיאַגגיראַדנאַ מיט אַ געזונטן שטעקן אין האַנט. איין מאַטיוכע האָט נאָר גע־פעלט.

— נו איז וואָס, זאָלן זיי הערן, — האָט דאוויד געזאָגט, — בי־פּראַט, אַז אייניקע פון זיי האָבן דאָ, וואָס צו הערן.

— וואָס, ס'איז עפּעס פאַראַן?

טיכאָן האָט געענטפערט פאַר ראוווידן:

— ס'איז פאַראַן אין בלאַט, מ'האָט זיי באַשריבן אין „שטים פון אַרבעט“.

די פויערן האָבן זיך פאַראינטערעסירט. נאָר דאוויד האָט געזאָגט: ער וועט שוין איבערלייענען אַלץ מיטאַמאָל אין שטיבל. מ'האָט גענומען אָפּדערגייך דערוויכערן און געשטופּט זיך דורכן איבערגעפּולטן גאַנעק אין שטוב אַריין.

יאַקאָוו גנידע האָט אָפּגעטרייסלט פון פּעלצל די שאָלעכץ און נאָכגעזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— אַ, דער „קולטפּראָסוועט“ גייט!

דאָס איז אָבער געווען נאָר לעפּאָנעם. טאַינענדיק האָט ער זיך טבילעם נאָר געכידעשט, שפּעטער איז ער אָבער געוואָרן אומרואיק: ער האָט געזען, אַז דאוויד איז געקומען מיט טיכאָנען איניינעם, וואָס פאַר אַ שוואַרציאָר? אַ סוואָרע, דאָס ווייב העלפּט אויך ניִשט? וואָזשע וועט זיין מיט זיין פּלאַן? — אַזוי פאַרקלערט האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט קנישן, טראַגנידאַדנען און די איבעריקע און איז אַריין אין טיר. ער האָט געהערט, מע וועט לייענען עפּעס אַ וואַנט-צייטונג, דאַרף ער זיין דערביי: „מע וועט נאָך עפּשער דאַרפן פאַרמאַכן דאָסדראָזיקע קרעמל“.

אין שטיבל איז נאָך גאָרניט געווען אַזוי פול. דאָס האָט האָרדי פּאָשעט ניט דערשאַצט זיין גרוים: מ'האָט נאָך געקאָנט אַרייגשפּאַרן צוויי מאָל אַזויפיל אוילעם. דאָ האָט מען אויך, ווי אין דרויסן, געקנאָקט קערלעך און געוויכערט אַזוי, אַז ס'איז געשטאַנען אַ געדיכטער רויך. דאוויד האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס ס'זיינען געקומען פויערן מיט בערד און עלטערע פרויען. עמעס, ניט קיין סאַך, די סאַמע זשוואַווע, נאָר דאָס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל. אָט דאָרט אַף דער באַנק זיצט מיט זינקען און כריסטיען פיוונעקאָס שנור, אַנדרים ווייב, און אָט די אַלמאָגע אוליאַנע.

אַז די מאַנסבלען זיינען אַריין, האָט פיוונעקאָס שנור אַ שמייכל געטאָן זיי אַנטקעגן:

— עפּשער קומט איר אַרויסטרייבן אונדז, די ווייבער?

— אָ, אַזוינע ווייבלעך טויגן פאַר אונדז! — האָט זיך אָפּגערופן

עמיצער פון די פויערן. און האַרדי האָט ערנסט געזאָגט צו די פרויען:

— געדענקט נאָר, אַז איר זענט געקומען אַהער ניט קאַטאָוועס טרייבן. מאָמער וועט מען דאַרפן שטימען, זאָלט איר ניט אָפּשטיין.

— אַוואַדע!

דאַווידס בליק איז געפאַלן אַף זינקען. ער האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן, און זי האָט צו אים אויך געשמייכלט שטיל און אומעטיק. דערנאָך האָט זי זיך פאַרקלערט. דאַוויד האָט געקוקט ווייטער אַפן אוילעם. אָט דאָרט אַף דער באַנק זיצט אַ קופּקע פרויען: די אַלטע קאַרפּענטשיכע און נאָך עפּעס אַנדערע. און צווישן זיי, ווי קווייטן אין רייפן קאָרן, די מיידלעך, אין געבלימעלטע טיכלעך, אייניקע מיט רויטע סטענגעס. אין שטוב איז אַ טומל, ס'שפּריצט מיידלשער געלעכטער און איבער אַלעם, ווי דאָרט אַפן גאַס, הערט זיך דאָס קנאַקן קערלעך, און די שאָלעכץ שיט זיך, ווי ווייסע בלומען, אַף דער ערד.

אונטערן וואַנט אַף אַ באַנק, לעבן דער אויסגעסטראָצלטער און אָנגעפּאַרבטער ניורקען, איז געזעסן... דאַוויד האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן. ניין, ס'איז טאַקע זי, מאַריע, אין אַ גרויס קעסטלדיק טיכל, ווייזט אוים — דער שוועסטערס, ווייל דאַוויד האָט זי אין אַזאַ קיינמאָל ניט געזען, אַביסל אויסגעבלייכט און מיט טיף־איינגעפאַלענע אויגן. זי האָט מיט געמאַכטער פרייילעכקייט לעבעדיק געשמועסט מיט דער שוועסטער לוקיע און מיט ניורקען, און די אויגן קוקן אַף דער טיר. און ס'איז קלאָר, — פון דער סאַמע טיר האָט דאַוויד געטראָגן אַף זיך איר בליק, און ערשט נאָר וואָס געכאַפּט אים. עפּעס איז געווען אין דעם בליק אַזוינס, אַז דער יונג האָט אַ ציטער געטאָן און געשווינדט אָפּגעווענדט די אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן עק באַנק, און לעבן אים האָבן זיך אויסגעזעצט האַרדי, פּיוונעקאָ, נאָך פויערן. טיכאָן לעבן דאַווידן. ס'איז דורכגעגאַנגען גנידע און האָט זיך אַנידערגעזעצט אַפן פענצטערשוועל ניט ווייט פון טיש, פאַרקאַטשעט אַ פאָלע פון פעלצל, אַרויסגענומען פון די הויזן אַ זשמעניע יאָדערן און גענומען קנאַקן. קניש האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער פאָדערשטער באַנק, וואו ס'האָבן שוין פרייילעך געשמועסט פּאַשע דעם קלייטניקס, אַניע איוואַנאָווגע

און נאָך עטלעכע אָבוכיוויקער אינטעליגענטן. טיאגניריאדנא מיטן שטעקן האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט ניט ווייט פון גנידען, אַ לאַנגער, אַ געזונטער, שיר ניט ביז דער סטעליע.

ס׳איז אַריינגעקומען נאָך יונגוואַרג. ס׳איז טומלדיק, פריילעך. דאָס קליינוואַרג איז בעריעש אומגעלאָפן צווישן די פיס, איז אַרויס־געקראָכן פון פּאַרנט און האָט זיך אויסגעזעצט אַף דער פּאָדלאָגע.

גנידע האָט זיך געהאַט צעשריען אַף זיי: „אַוועק פון דאַנען", אייניקע האָבן זיך שוין געלאָזט לויפן. נאָר פון הינטן הערט זיך האָרדים פּעסטעס שטימע:

— זאָלן די קינדער אויך זיין! זיצט, בעוורע!

פון צווייטן צימער האָט יאַקים אַריינגעטראָגן אַ גרויסן, ווי אַ טישטעך, צעוויקלטן בויגן און אַוועקגעלייגט אים אַפן טיש. איין עק איז אָראָפּגעהאנגען — עפּעס איז דאָרטן אויפגעשריבן און אָנ־געמאָלט מיט רויטער פאַרב. „די ציימונג" — איז דורכגעפלויגן אין אוילעם, און די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש.

— וואָס איז דאָס? — האָט איינער געפרעגט.

— אַניט זעסטו ניט! — רופט זיך אָפּ פּעטריק מאַטוזקעס, — דאָס איז אָנגעמאָלט די זון, ווי זי גייט אויף. דאָס האָבן אונדזערע יאַטן געמאַכט די ציימונג.

יאַקים, וואָס האָט אויסגעזען זייער יאָנטעוודיק, האָט אַ רוף גע־טאָן די כאַריסטן. פון קאָרידאָר זיינען צוגעקומען באָכערים, מיידלעך, אויסגעשטעלט זיך, געוויקלט זיך אין אַ קראַנץ אַרום טיש. און פונ־דרויסן זיינען נאָך אַלץ צוגעקומען נייע מענטשן.

דאוויד האָט זיך אָנגעבויגן צו טיכאָנען און אים עפּעס שטיל געזאָגט. טיכאָן האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן איבער די קעפּ, געפונען און האָט לאַנג געקוקט אַף איר. זי האָט גערעדט מיט די ווייבלעך און געלאַכט. און כאָטש ער האָט געזען, אַז זי לאַכט אומיסטן, נאָר פונדעסטוועגן לאַכט זי, פונדעסטוועגן איז זי געקומען... זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן, אין אירע אויגן האָט אַ פינקל געטאָן סינע. טיכאָן האָט אָפּגעווענדט דעם בליק און גענומען קוקן זיך אַף די שטיוול. און נאָך דעם האָט ער שוין אַלצ־דינג געזען און געהערט, ווי דורך אַ נעפּל, גלייך ווי פונדערוויטנס. ערשט ווען דער כאָר האָט הילכיק אַ זעץ געטאָן, און אַלע אַרום האָבן

זיך אַ ריר געטאָן און פֿאַרגליווערט געוואָרן, איז טיכאָן אויך אויפֿגעשטאַנען. האָט גראָדע אַ קוק געטאָן אַף הגירען. „אָט אַ מיעסער נעפּעש, איז ניט אויפֿגעשטאַנען פֿון פּענצטער און ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל". שפּעטער, אַז דער כאַר איז אַנטשוויגן געוואָרן, און יאָקים האָט עפּעס גערעדט, האָט ער זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט פֿון עמיצנס אַ קאָל פֿון פֿאָרנט:

— גנידע יאָקאָוו! — דאָס האָט זיך קניש געאײַלט פֿאַרכאַפּן די רײַ מיט זײַן קאַנדידאַטור אין פּרעזידיום.

יאָקים האָט פֿאַרשריבן. גנידע האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף דער פֿאַרזאַמלונג און גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט דורכפֿאַלן, וואָרים פֿון זײַן צאַד איז דאָ געווען גאָר ווייניק מענטשן. דעריבער האָט ער אַראָפּגענומען זײַן קאַנדידאַטור, קלוימערשט:

— איך וויל ניט, ווײַל די פֿאַרזאַמלונג איז מיר עפּעס אַ פֿאַרדעכטיקע.

יאָקים האָט מיט גרויס צופֿרידנקייט אויסגעמעקט זײַן נאָמען. אַפֿילע אָנגעסליגעט דעם בלײַער, פֿאַרגעסן, אַז ס'איז אַ כעמישער.

מ'האָט אָנגערופֿן נאָך נעמען: טשומאַק האָרדי, מאָטוזקע דאַוויד, קאָזשושני. פֿון כאַר, עמיץ פֿון די יונגע פֿרויען־שטימען:

— סירענקאָ אוליאַנע!

פֿון הינטן האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ באַוועגונג. פּענעמער האָבן זיך אומגעקוקט מיט אַ שמייכל. אַפֿן פּענצטער האָט זיך גנידע צעלאַכט און טיאַגניראַדנאַ האָט געהירזשעט אַפֿן גאַנצן צימער. פֿון דער הינטערשטער באַנק האָט זיך אוליאַנע, אַ פֿאַרשעמטע, אָפּגערופֿן:

— וואָס איז, אַ ווײַבל טאָר זיך גאָר ניט באַווײַזן צווישן מענטשן! אַ געלעכטער אַף זיי! — און אין כאַר אַרײַן צו עמיצן, — און איר מעגט זיך שעמען, — בויזעק מאַכן פֿון אַן עלטערער פֿרוי!

זינקע האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון די מיידלעך און אַביסל אַ פֿאַרוויטלטע געזאָגט אוליאַנען:

— איך מײַן עס אָן קאַטאָוועס, אַף מײַן וואָרט!

— גיי, אוליאַנע, אַציגד איז דאָך גלײַכבאַרעכטיקונג! די מאַנען האָבן דאָך שוין ניט קיין פֿולע רעכט צו שלאָגן אַ ווײַב! — האָט גנידע געכויזעקט. פֿון די פֿרויען האָט אויך עמיצער אײַנגערעדט: —

פאַרוואָס זאָלסטו ניט גיין, ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך, — נאָר אוליאַנע איז נאָך געוואָרן אין כּעס.

גיי אַליין, אַז דו ביסט אַזאַ קלוגע!

— פּיוּנעטקאַ בימקע! — האָט דאַן אויסגעשריען איינע פון די פרויען, — ביז וואַנען וועלן מיר זיך דאָ אייסעקן?

ס'האָט אָנגערופן נאָך עמיצן. נאָר דאָס איז שוין גלאַט אַזוי, אַלע האָבן געוואוסט, אַז אויב מע דאַרף דרייען, וועלן דורכגיין די דריי ערשטע, די גאַנצע אָבוכיוּוקער ווירקלעכקייט האָט געזאָגט איידעם דערפאַר. אָבער דאָס מאָל זיינען טשומאַק און דאוויד דורכגעגאַנגען, און קאָזשושנין האָט מען ניט דורכגעלאָזט, ווייל מע האָט געוואָלט דורכפירן בימקען, און זינקע מיט כריסטיען האָבן דורכגעפירט אין כאָר אַן עמעסע פּאָרוואַל-אַגיטאַציע.

ס'האָבן פאַרנומען די ערטער: האָרדי — איגמיטן, בימקע, אַ פאַרשעמטע און פאַרויטלטע, איז דורכגעגאַנגען אונטער גנידעס און טאַגגיראַדנאַס געלעכטער, האָט זיך צו שטאַרק אויסגעגלייכט אַפן בענקל און ניט געהאַט קיין מוט צו קוקן אַף דער פאַרזאַמלונג. האַרדי האָט איר צוגעגעבן מוט: „וואָס זיצסטו, ווי אַ קוואַטשקע אַף די אייער? מע דאַרף זיין שטאַרקער בא זיך". בימקע האָט זיך נאָך מער פאַרויטלט.

דער פאָרזיצער האָרדי האָט פאַרעפנטלעכט דעם טאָגסיידער: דאוויד מאַטוּזקעס באַריכט וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע, לייענען די וואַנט-צייטונג, און ס'איז נאָך דאָ אַ צייטונג פון שטאָט, וועט מען איבערלייענען, ס'איז דאָרט פאַראַן אַ ציקאַווע זאַך פאַר די אָבוכיוּוקער. דערנאָך האָט ער אויפמערקזאַם באַטראַכט די פאַרזאַמלונג.

— לאָמיר אויפהערן קנאַקן יאָדערן, מע וועט דאָך גאָרניט קאָנען הערן.

דער אוילעם האָט צוביסלעך אויפגעהערט. אַפילע גנידע האָט מיט ערנסט אָפּגעטרייסלט די שאָלעכץ פון פעלצל, — מע מוז דאָך, הייסט עס, פאָלגן אַ פאָרזיצער, — דערנאָך אָבער האָט ער דעמאָנסטראַטיוו אָנגענומען אַ פולע זשמעניע, האָט דערלאַנגט טאַגגיראַדנען און זיך אויך גענומען; האָט זיי נאָך איבערגעשאָטן

פֿון איין האַנט אַף דער צווייטער. בלאָזנדיק מיט די ליפּן. דאַן ווידער אָנגעהויבן קנאַקן נאָך האַסטיקער, ווי פֿריער.

האָרדי האָט זיך אָנגעכמורעט און נאָר געזאָגט, אַז, פֿאַרשטייט זיך, ווער ס'איז אַן אומבאַוואוסטזיניקער, יענער זאָל זיך קנאַקן, און רויכערן, דאַרף מען אויך אויפֿהערן, וואָרים מ'קאָן דאָ דערשטיקט ווערן. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צו דאַווידן. דאַוויד איז אויפֿגעשטאַנען, מיט באַגייסטערונג ארומגעקוקט די ייונגע און די בעררדיקע פֿענעמער, די קינדער לעבן טיש. און אָנגעהויבן רעדן.

טכילעס, אַביסל וועגן לייענשטיבל, אַף וואָס מע דאַרף עס און וואָס מע דאַרף דאָרט טאָן. און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז ער איבערגעגאַנגען צום באַטראַכטן די אויסערלעכע און אינערלעכע לאַגע פֿון לאַנד. ער האָט גערעדט הויך, שיין, ניט גיך און אַרײַנגעפּלאָכטן אין די רעד לעבעדיקע פֿאַרביקע בילדער. האָט אויסגעמיטן פֿרעמדע ווערטער און טאָמער האָבן זיך אַזוינע פֿאָרט באַגעגנט, „קאָנסערוואַטאָרן“, „ביורזשעט“, האָט ער יעדעס אויסגעטייטשט: מער פֿאַר אַלץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף דער אויפֿלעבונג פֿון פֿאַרבאַנד; אַפּן וואוקס פֿון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט. געבראַכט ציפֿערן, קעדיי צו פֿאַרגלייכן מיטן פֿאַרמילכאָמעדיקן צושטאַנד און מיטן איין און צוואַנציקסטן יאָר. גאָר גרויסע צאָלן, ווי מיליאָנען, האָט ער צוליב קלאָרקייט פֿאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע בילדער. אַשטייגער: ברויט האָט מען אַראָפּגענומען אַזויפֿיל מיליאָנען, איז דאָס אַזויפֿיל און אַזויפֿיל פֿולע וואַגאָנען, און אַף יעדער נעפֿעש, ווען מ'זאָל עס צעשיטן, וואָלט אויסקומען אַזויפֿיל און אַזויפֿיל...

געהערט האָט מען אויפֿמערקזאַם, פֿאַרגעסן אַפֿילע, אַז אין קעשענע ליגן קערלעך. און ס'זיינען אויפֿגעקומען בילדער, ווען אַפֿילע זייער נעפֿלדיקע: פֿון עפּעס אַן ענגלאַנד, וואָס איז פֿיינטלעך צו זיי, פֿון אַמעריקע, „די גאָלדענע פֿאַס“, פֿונוואַנען דער קאַפּיטאַל (ווידער אַ נעפֿלדיק בילד) ציט אויס זיינע נעגל אַף דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע. און דאָך איז געוואָרן אַביסל זיכערער אַפּן האַרצן: זיי, די בורזשועס, הייסט עס, לעבן אויך ניט אין גאָלע וואוילטיק! און דאָ האָט מען שוין גאָר אָנגעהויבן רעדן מיקוויעך

מילכאָמע. מ׳איז געוואָרן שטאַרקער בא זיך: אויב ס׳איז עמעס, וואָס ער דערציילט, זיינען די געשעפטן גאָרניט אַזוי שלעכט! און מע מעג אים גלויבן — מ׳האָט זיך דערמאָנט, אַז אָט איז דאָך דער גערשטייער געוואָרן לייכטער, און אייניקע האָט מען אַפילע אינ־גאַנצן באַפרייט, — די אויגן האָבן וואָס וויטער געקוקט מיט מער צוטרוי אַף דאווידן, און די אויערן האָבן געהערט אויפמערקזאַמער. מ׳האָט געקלערט: „כ׳ווייס? טאַקע גאָר פּאַשעט, עפּשער וועט טאַקע אַף אַן עמעס מאַנופאַקטור ווערן ביליקער, און ס׳איז טאַקע ערגעץ פאראַן אַן איבערוואַנדער־פּאַנד, און מע גיט קרעדיטן דער אָרעמ־קייט״?

אַז דאוויד האָט געענדיקט, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פראַגעס. פון זיי איז געווען צו זען, ווי גרויס ס׳איז בא די פויערן דער אינ־טערעס ניט נאָר צו זייער אָבוכיוועקער לעבן, נאָר אויך צום לעבן העט ווייט, אין ווייטע לענדער. אָבער וואָס פאַר אַ פינצטערניש, וואָס פאַר אַ נעפּל אין די מויכעס. איינער האָט געפרעגט, צי ס׳איז אַן עמעס, אַז טראָצקי, איז אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. ניין, טראָצקי איז ניט אַנטלאָפן און האָט ניט געקלערט אַנטלויפן, ער קורירט זיך אַף קאַווקאַז. מ׳האָט געפרעגט: פאַרוואָס איז מאַנופאַקטור אַזוי טייער, און ברויט אַזוי ביליק? ווי ס׳לעבן די אַרבעטער, ער האָט מינאַסטאַם געזען, ווען ער איז געווען אין די שטעט. איינער האָט אַפילע געפרעגט נימצופרידן, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַראַנדקעס צוצומישפעטן די מיידלעך אַלימענטן פאַר מאַמזיירים? און אַסאַך אַנדערע פראַגעס.

דאוויד האָט אַף אַלע פראַגעס געענטפערט ערנסט. ווען ער האָט שוין געענטפערט אַף דער לעצטער פראַגע, האָט ער זיך דערפילט אַביסל מיד און גענומען אַ טרונק וואַסער, דערנאָך האָט ער אַראָפּ־געלאָזט די אויגן אַף דער צייטונג, וואָס איז געלעגן אַפן טיש, און געזאָגט:

— און אַצינד, אַז מיר האָבן אַקוק געטאָן אַפן לעבן ברייטער, אַפן לעבן פון גאַנצן לאַנד און האָבן געזען, ווי דאָס לאַנד וואַקסט און אַנטוויקלט זיך צו אַ ניי גליקלעך לעבן, לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי מיר לעבן דאָ. איז בא אונדז אויך אַזוי? מיר, אָבוכיוועקער, זיינען דאָך איינע פון די מיליאָנען קעמערלעך, וואָס פון זיי איז צוזאַמענ־

געשטעלט אונדזער גאַנצע רעפּובליק. איר לעבן דאַרף דאָך זיין אונדזער לעבן.

אָט ליגט פאַר אים אַפן טיש אַ וואַנט-צייטונג, וואָס זיי אַליין, די באָכרים, האָבן זי אָנגעשריבן; אין איר האָבן זיי זיך געסטאַרעט צו אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אַזוי, ווי דאָס איז: אי דאָס שיינע, אי דאָס מיעסע. אין איר פּרואוון זיי אויך אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען — וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי ס'זאָל זיך לעבן בעסער.

אין צימער זייען אַלע שטיל געוואָרן. פון הינטן האָבן זיך גע-לאָזט הערן שטימען:

— שטייט ניט אויף! וואָס האָסטו דאָרט ניט געזען? הער מיט די אויערן!..

די קינדער לעבן טיש האָבן געעפענט די מיילער פאַר גיינער. און אַפילע גנידע האָט אויפגעהערט צו קנאַקן יאָדערן.

טבילעס האָט דאַוויד איבערגעלייענט — „וואָס וועלן מיר טאָן מיט דער ערד?" דאָס איז אַ קורצינקער פּרואוו צו פאַרענטפערן די סאַמע אָנגעווייטיקטע אָבוכיוועקער פראַגע — דעם ערהבאַזיץ.

די פויערן האָבן געהערט מיט קאָפּ: אַלץ איז געווען געשריבן צו דער זאַך, די ערד ריכטיק באַשריבן און פאַרטיילט אין כאַלאָקים, און אַ גוטער פּלאַן פון ערד-איינאָרדענונג. האַקלאַל, מע דאַרף ניט בעסער, נאָר... מ'האָט נאָר געמאַכט מיט דער האַנט: אַניט קאָן מען זיך דאָ אַזוינס דערשלאָגן? מ'האָט דאָך שוין געפּרואווט! צי עפּשער באַדאַרף עמיצער ווידער פונטן? און עפּשער... אָט האָט זיך טיכאָן דערשלאָגן, היינט מאָרגן גייט ער שוין אַף זיין נאָרמע ערד... דאָס אַלץ צווישן זיך אינדערשטיל, ניט שטערנדיק דאַווידן צו לייענען. ווייטער איז געגאַנגען וועגן וואַלד און מיקויעד דער קאָאָפּעראַציע.

גנידע, ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס וואָרט קאָאָפּעראַציע, האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעשפּיצט די אויערן. און געשמועסט האָט מען אינגם אַרטיקל ניט וועגן זיין קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אין אַלגעמיין וועגן עפּעס אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס שטייט אַף אַ פּלאַץ, און אַנט-קעגן, אַף דער צווייטער זייט גאַס, איז אַ פּריוואַטע קראָם מיט אַ גרינער טיר. גנידע מיט הובאַרענקאָן האָבן זיך איבערגעקוקט. און ווייטער איז דאָרט געשטאַנען וועגן שטינקענדיקן הערינג.

אין צימער איז אַ געלעכטער — מ'האָט זיך אָנגעשטויסן. גנידע איז אַראָפגעשפרונגען ווי אַן אָפגעבערענטער פון פענצטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לעצאָנעם?—און איז צו צום טיש. טשומאַק האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס עפּעס לעצאָנעם? אויב באַ אונדז אין קאָאָפעראַטיוו איז קיינמאָל ניט געווען קיין שטינקענדיקע הערינג, איז וואָס איז דאָ צו היצן זיך? עפּשער איז דאָס גאָר געווען אין אַן אַנדער דאָרף, וואו די פאַרוואַלטונג מיטן קרעמער זיינען קרויווים, אָדער מעכוטאָנים.

אין שטיבל איז דער געלעכטער געוואָרן נאָך גרעסער — מע ווייסט, אין וועמען ער צילט: באַ הובארענקאָן האָט גנידע דעם האַרבסט געטויפט אַ זון. די פענעמער באַ די מעכוטאָנים האָבן אויפגעפלאַקערט ווי פייער. יאַקאָוו האָט געוואָלט צערייסן די צייטונג, נאָר האָרדי האָט אים ניט געלאָזט. טיאַגנידאַ איז צוגעגאַנגען נעענטער צום טיש; דאַן איז צוגעגאַנגען נעענטער אויך קאָזשושני, אַ בייזער און אַנטשלאָסענער, און לעם וואַנט איז אויך אויפגעשטאַנען פיוונענקאָ.

דאוויד האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַף גנידען און געזאָגט צו אים:

— באַרואיק זיך, גנידע! דאָס איז דערווייל נאָר וועגן די שטינקענדיקע הערינג, איך וועל דיר באַווייזן נאָך עפּעס שענערס אין צייטונג. אָט לאָמיר נאָר דערלייענען די וואַנט-צייטונג.

דאָס האָט געווירקט אַף יאַקאָוון, ווי קאַלט וואַסער אַפן קאָפ: ער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און אָפ פון פענצטער.

— נו, נו, לייען, — האָט ער זיך באַהערשט און אַ שמייכל געטאָן, האַגאַם ניט פריילעך. שפּעטער, אַז דאוויד האָט שוין געלייענט עפּעס וועגן די מיידלעך, וואָס גייען צו דער אַלטער אופּירקע דער טרעפערן און גאַנוועגען באַ די מוטערס לייוונט פון אירעטוועגן, און אַפּדערנאַכט, ווען כאַמאַ (דאָס איז באַ אופּירקען אַן אַרבעטער, וואָס איר טאָכטער וועקלע האָט אים גענומען פאַר אַ זון) זייעט אָפ דעם „פערוואָק“, עפּנט זיך דאָרט אַ גאַנץ הייזל. יאַקאָוו האָט דאָס נאָך אויסגעהערט, דאַן צוגערופן דעם ברודער פילקע און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. יענער האָט זיך גלייך געלאָזט צו דער טיר, און פון הינטן הערט זיך אַ הייזעריקלעכע פרויענשטימע:

— דאָס איז רעכילעס! איך וועל זיך קלאָגן!

דאָס האָט זיך ניורקע איינגעשטעלט פאַר דער באָבען.

— וואָס, ס׳איז ניט עמעס?

— אַף דיר דאַרף מען זיך קלאָגן! דער רוח האָט דיך געטראָגן פון „פּאַלמירע״ אַהער! מאַכסט אַ טעל פון אונדזערע מיידלעך.

דער פאָרזיצער האָט גערופן צו אָרדענונג, ווייל די צייטונג איז נאָך ניט געענדיקט. ס׳איז נאָך געווען אַ לידל און אויך אַ פאַבל: — עמיצער האָט אונטערגעהערט, ווי סע שמועסן באַנאַכט די אָפּגע־ריסענע שול מיטן קלויסטער. די שול האָט אומעטיק געפרעגט: פאַר־וואָס איז דיר, וואָס דו ביסט אַזאַ פוילע און קיינער האָט פון דיר קיין נוצן ניט, האָט מען אָפּסניי אָפּגעפאַרבט, און איך לערן די קינ־דער סייכל און שטיי אַזאַ אָפּגעריסענע. ווייטער איז ניט קלאָר גע־ווען, צי האָט דער פאַרפאַסער ניט געקאָנט ענטפערן פאַרן קלויס־טער, צי דער קלויסטער האָט אַליין פאַרביסן אַ ליפּ און ניט געוואָלט רעדן מיט דער פאַרדריפּעטער שכיינע, נאָר דער סאָף איז געווען אַזאַ: ס׳איז אַרויס דער סטרוזש, דער אַלטער סאַפּראָן, און האָט געקלונגען איינעם אַזייגער, דער קלויסטער האָט אַ גענעץ געטאָן און גענומען דרעמלען, און די שול האָט נאָך לאַנג מיט אומעט געקוקט אַף די טונקעלע דעכער און געקלערט: „וואו זשע איז יושער אַף דער וועלט?“

און צום סאָף אַ צורוף — „שרייבט אַלע אין דער וואַנט־צייטונג“.

מיט דעם האָט זיך די וואַנט־צייטונג אויסגעלאָזט, אין צימער האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, מ׳האָט זיך געטיילט מיט די איינ־דריקן, די קינדער זיינען שוין געקראָכן אַפן טיש — האָבן דערזען עפּעס אַ ציקאַווע געמעל. פּעטריק האָט פאַר היספּאַילעס געשאָקלט מיטן קאָפּ — אָך, האָט מען דאָ אָנגעמאָלט מיט פאַרבן, שוין איינ־מאָל געמאָלט! דערנאָך האָט גענומען ווערן שטילער, ביז ס׳איז גע־וואָרן גאָר שטיל. דאַוויד האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בויגן. יאַקאָוו האָט אָנגעשטעלט די אויערן, און דאַוויד, איידער ער האָט אָנגעהויבן לייענען, האָט ער ווידער קורץ געזאָגט:

— דאָס האָבן מיר געזען אונדזער אָבוכיוווקער לעבן: ס׳איז פינצטער, מיעס אָן אַן עק. ניט אומעטום איז אָבער אַזוי. אָט וועט ער איבערלייענען, ניט איבערקלייבנדיק, פון צייטונג וועגן לעבן פון אַנדערע דערפער, און זאָל מען זען. אין דאַרף קאָוואַליוווקע, וואָס

שטייט אַפן וועג אין שטאָט, 40 ווערסט פונדאַנען, פירט מען דורך די ערדאייגאָרדענונג און מע גייט איבער אַף פילפעלדער. ערגעץ אין האַרבוזיווקע האָט מען אויסגערעמאָנטירט די שול. אין שטעטל סאָראָטשינעץ האָט די קאָמונע „לייכטורם“ געלאָזט אַפן פסיאָל אַלע דריי וואַסער־מילן, וואָס זיינען פריער געשטאַנען. נו, און דאָ האָט איר אַ דאָרף, וואָס איז געראָטן אין אונדזער אָבוכיווקע: דער שי־קערער פאָרזיצער פון דאָרפראַט איז אַריין אַף דער פרויענדעלע־גאַטן־פאַרזאַמלונג און גענומען מאַכן יאַפּעס. אָט נאָך אין אַ דאָרף האָט מען באַשטאַט די שול מיט הייצונג אַף גאַנץ ווינטער און אויס־גערעמאָנטירט זי.

און וועגן אונדז שרייבט מען אויך אין צייטונג, — האָט דאָוויד געזאָגט, — ניט מיר איינע זאָלן וויסן, נאָר אַלע, וואָס לייענען, גאַנץ אוקראַינע.

ער האָט גענומען לייענען.

„אָבוכיווקע איז אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין שטשערבאַניווקער ראַ־יאָן“... און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרים מיטאַמאָל, גלייך עמיצער וואָלט אַ שטופ געטאָן פון פירהויז, האָט זיך דער אוילעם אַ שאָקל געטאָן פון טיר און ס'איז אַריינגעפלויגן דער מוירעדיקער מאַטיוכע. דאָס קודלאַטע היטל איז געווען אַרויפגערוקט אַף דער פאַטיליצע, דאָס פּאָנעם רויט: אָט־אָט וועט, דאַכט זיך, פּלאַצן אַף אים די הויט, און דאָס בלוט וועט אַ שפּריץ טאָן און וועט אַלעמען פאַרליאַפּען. אַלע האָבן זיך מיט פּאַכעד דערווייטערט פון אים און געמאַכט אַ וואַרע. לעבן דער פּאָדערשטער באַנק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דערזעענדיק, אַז בײַ דאָווידן אין די הענט איז ניט קיין „קאָנטר־רעוואָליוציע“, נאָר אַן עמעסע געדרוקטע צייטונג, האָט ער גע־קוקט שווייגנדיק כאָטש מיט גרוים קאַס. זיין גאַנץ געשטאַלט האָט שטום געפרעגט: „אַנו, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך דאָ?“ יאַקאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און עפּעס געזאָגט. פון באַנק האָט אַף אים געקוקט קניש און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מאַטוזקע האָט צוגע־וואַרט ביז ס'איז געוואָרן שטיל, און האָט ווידער אָנגעהויבן:

„אָבוכיווקע איז אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין שטשערבאַניווקער ראַ־יאָן. צום אייזנבאַן איז 25 ווערסט, צו דער אויעזד־שטאָט 70. אַמאָל האָט אין אָבוכיווקע אויך גערוישט די רעוואָליוציע; מ'האָט צוגע־

נומען די ערד בײַ די פּריצים און באַלעגופן, סאַכאַקל אַגערער 3000 דעסיאַטין. די ערד איז אָבער ווײַט, פֿאַר צען ווערסט. וועסט זיך קיין סאַך אַף איר ניט אָנאַרבעטן, ביפּראַט נאָך אַז אָרעמפֿויער מיט איין שטיקל קליאַטשע. די ערד, וואָס ליגט נעענטער, האָבן די באַלעגופן פֿאַרכאַפּט. נאָך פֿרילינג האָבן זיך די אָבוכיוועקער געהאַט גענומען דורכצופֿירן די ערדאײַנאָרדענונג, און אַ טייל דאָרף האָט צונויפֿגעשטעלט אַ „פֿריגאָוואָר‟. נאָך פֿונם „פֿריגאָוואָר‟ הערט מען שוין לאַנג גאָרניט. ס׳איז דאָ אין אָבוכיוועקע אַן אָרטעל אין שטריכעלעך; זי האָט פֿאַרכאַפּט דורך אַ שווינדל די דאַמפּמיל, וואָס דער ק. נ. ס. האָט געהאַלטן אין אַרענדע, דאָס איז: דער פֿאָרזיצער מאַטיוכע, ווײַטער דער פֿאָרזיצער פֿון ק. נ. ס. גנידע, דער קלייטניק הובארענקאָ און דער באַלעגוף קניש. מע שינדט פֿון די פּויערן די הויט פֿאַרן מאָלן (צו זעקס פֿונט) און מע לייגט אין די קעשענעס. און די מאַכט שלאָפֿט אין אָבוכיוועקע. ניין, דאָס שלאָפֿט נאָר דער דאָרפֿראַט מיט אַ שלאָס אַפֿן טיר פֿון פֿרי ביז נאַכט. דער פֿאָרזיצער אָבער שיקערט דעם גאַנצן טאָג, ניכטערט זיך קיינמאָל ניט אויס מיט זײַן בעווּרע. שלאָגט די פּויערן, ווי אַן עמעסער „דערזשימאָרדע‟, און זײַנע באַהעלפֿערס זײַנען די גאַנצע באַלעבאַטים אין דאָרף. ביסקל וואַנען וועט עס זײַן אַזוי?‟.

— דאָס איז גאָר, — האָט דאַוויד געזאָגט און אַוועקגעלייגט די צײַטונג.

אין שטיבל איז אַלץ נאָך שטיל, און הונדערטער הערצער פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. מאַטיוכע שטייט, ווי אַ פֿאַרשטיינערטער, רירט זיך ניט. עפּשער כאָלעמט זיך עס אים גאָר? ער האָט אַ ריר געטאָן מיט דער האַנט — זי באַוועגט זיך. ניין, ניין, ער שלאָפֿט ניט. אָט רעדט עפּעס דאַוויד... און מיטאַמאָל איז מאַטיוכע געקומען צו זיך, ווידער האָט אים אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּאָנעם אַרײַן, ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צום טיש און הייזעריק אויסגעשריען:

— האַ, אונטערייסן די מאַכט! ווער האָט דיר דערלויבט? — און האָט זיך מיט צאָרן אָנגערוקט אַף דאַווידן.

דאַוויד איז אויפֿגערעגט, נאָר ענטפֿערט זיכער.

— אַף ליינען דעם אָרגאַן פֿון גובאויספּירקאָם און גובפֿאַרטקאָם, וועל איך בײַ דיר, מאַטיוכע קיין דערלויבעניש ניט בעטן.

מאַטיוכע האָט זיך אַ ריס געטאָן, נאָר עפּעס האָט אים ווי אָנ־געכאַפּט פאַר די פּאָלעס און ניט געלאָזט אַ זעץ טאָן אין דער ער־שטער רעגע. אָבער ווען די רעגע איז דורכגעפלויגן, האָט ער גלייך דערפילט, אַז מיט דער רעגע האָט ער זיך אומגעבראַכט: ס'איז דאָך אַן אוילעם, מע זעט דאָך, מע הערט. מע דאַרף שלאָגן, נאָר די האַנט הויבט זיך ניט אויף, ס'אַ פּאַכעד. דאַן האָט ער אין צאָרן אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און בייז געדראָט מיטן פויסט:

— נו, געדענק זשע! זאָלסט וויסן זיין! — ער האָט זיך אַפּגיך אויסגעדרייט און מיט קאָפּ אַ זאָג געטאָן צו גנידען און טיאַגנע־ראַדנאָן, — קומט!

דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן קאָכן און אַרויסגיין פון שטיבל. די לעצטע זיינען אַרויס דאַוויד מיט די כאַווײרים.

XXIV

די פויערן האָבן געוואָרנט דאַווידן:

„אָי, דאַוויד, ס'וועט עפּעס אַרויסשפּריגנען! היט זיך, דאַוויד! אַניט זעט ער ניט, מאַטיוכע, אַז אויב ס'וועט אַזוי גיין ווייטער, איז אַן עק צו זיין מעלוכע?" — נאָר דאַוויד האָט מיט באַגייסטערונג און פרייד געקוקט אַף די פויערשע געזיכטער; פון אונטערן פּאַכעד און דערשלאָגנקייט האָט זיך אַף זיי באַוויזן עפּעס נייעס, עפּעס אַ האָ־פּענונג. מאַטיוכע, דער הערשער אין אָבוכיוווקער און אַמאָל אַפּילע אין גאַנצן שטשערבאַניוווקער ראַיאָן, מאַטיוכע, וואָס די מוטערס שרעקן מיט אים די קינדער: „שטיל, אָן גייט דער פּאַרזיצער"; דער־דאָזיקער מאַטיוכע האָט זיך דאָך היינט באַ זיי אַף די אויגן איבער־געשראָקן פאַר דאַווידן און ניט געהאַט קיין מוט אים אַ זעץ צו טאָן. און דעמאָלט אַפּן סכאָד איז דען ניט געווען דאָס זעלבע? ס'ווייזט אויס, נאָר דאָ אין אָבוכיוווקע איז ער אַזאַ אַליינהערשער. ער האָט פּאָשעט ביז איצט ניט אָנגעטראָפן אַף קיינעם. און אַצינד געפּאַקט זיך. אין צייטונג האָט מען אים אויך רעכט באַשריבן. די פויערן האָבן דאָך געזען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי סע שטייט דאָרט געשריבן: „מאַטיוכע שיקערט, הוליעט". דאָסזעלביקע מיקוויעד דער

דאַמפּמיל און גנידעו. דאָס ליִיענט דאָך גאַנץ אוקראַיִנע. און די העכערע מאַכט וועט אויך וויסן.

מע איז נאָך לאַנג געשטאַנען לעבן ליִיענשטיבל און דערנאָך אויך אין רעדלעך לעבן די הייזער ביז שפּעט. ס'איז הײַנט געווען פֿון וואָס צו רעדן. און ווידער מיקויעך דער ערד — איצט שוין לעבעדיקער, דרייסטער; דער, וואָס האָט ערשט נעכטן האָפֿנונגסלאָז געמאַכט מיט דער האַנט, האָט זיך איצטער געהיצט.

— וואָס איז דאָס אינדערעמעסן? וואו לעבן מיר, ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, צי אין דער רעספּובליקע? לייטן לעבן, ווי ס'קער צו זײַן, און מיר — וואָס זײַנען שוין גאָר העפּקער?

עמיצער טוט אַ זאָג:

— וואָזשע האָסטו זיך פֿריער אָפּגעשאָקלט?

— ניטאָ וואָס צו דערמאָנען, וואָס ס'איז געווען פֿריער! איצטער איז נאָך אויך ניט שפּעט!

...ס'איז שוין צוגעפֿאַלן די נאַכט, ווען דאַוויד מיט די כאַווייִרים זײַנען צוגעגאַנגען צו זײַן הויף. באַם טויער האָט אים האָרדי געוואָרנט:

— זע זשע, דאַוויד! וואָרים דאָס איז אַזאַ כעוורע, זיי קאָנען נאָך מאַכן אַ נאַליאָט אַף דער שטוב אויך.

און זאָל ער ניט אַרויסגיין שפּעט פֿון שטוב. טאָמער וועלן זיי אים באַדאַרפֿן, וועלן זיי אַרײַנגיין צו אים. מע דאַרף נאָך הײַנט איבערשרײַבן די צעטלען, ווײַל מאָרגן רעכנט דאָך דאַוויד גיין קיין שטשערבאַניווקע. ער מיט טיכאָנען וועלן זיי ברענגען, און וואו איז דאָס טיכאָן אַהינגעקומען? — עמיצער האָט געזען, ווי טיכאָן איז אַוועק אין יענעם עק דאָרף. מע איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

דאַווידן איז עפּעס אַזוי פֿרייִלעך. אַביסל אומרואיק אויך. נאָר דאָס איז נאַרעשקייטן. וואָס וועלן זיי אים טאָן? צווישן מענטשן וועלן זיי אים ניט פֿאַרטשעפּען, און אויסטשאַטעווען באַנאַכט — אַדרעראַבע, זאָלן זיי פּרואוון! ער האָט זיך דערמאָנט, אַז טשומאַק האָט געוואָרנט אַנקעגן אַ נאַליאָט און אַ שמייכל געטאָן. פֿונדעסטוועגן,— דער רועך ווייסט זיי! — טיאַגניראַדנא און גנידע זײַנען בעריעס אַף אַלץ! דערומעך, אַז ער איז געגאַן אין שטוב אַרײַן, האָט ער גענומען

די הרייצאָן־ווידלע און אָוועקגעשטעלט זי לעבן אויוון. און אונטערן באַנק ליגט די האַק — זאָלן זיי זיך פּראָווון! —

דער פֿאָטער איז שוין געווען אינדערהיים. ער האָט פֿאַריכט אַ לייצל לעבן לאָמפּ, נאָר ער האָט געזען, ווי דאוויד איז אַריין. גע־פרעגט מיט כשאַד:

— צו וואָס האָסטו געבראַכט די ווידלע, דאוויד?

דאוויד האָט זיך אַביסל געקנײטשט, ניט געוואָלט זאָגן, שרעקן די אַלטע. ענדלעך האָט ער געפּונען אַ טערעץ און מיט אַ קלאָמערשט פרייליעבער מינע געזאָגט:

— איר האָט דאָך געקויפט אַ פערד, וועלן מיר אים שוין היטן מיט אַ ווידלע.

די מוטער האָט צונויפגעלייגט די הענט ווי אין אַ געבעט:

— זאָל גאָט אָפּהיטן! מיר האָבן זיך געטרענט די אָרען, קעדיי צו קויפן דאָס פערד, און טאָמער וועט מען כאַלילע דאָס אויך צוגע־מען, איז כאָטש לייג זיך גלייך אין גרוב אַריין.

דער פֿאָטער האָט געזאָגט בייז:

— מע דאַרף מאַכן אַ שלאָס, כ'וועל מאָרגן אַריינגיין צום קאָוועל, און הייגט וועל איך גיין שלאָפן אין סטאַניע.

אַזוי איז עס געווען: מ'האָט אָפּגעגעסן וועטשערע. דער אַלטער האָט גענומען די סערמיעגגע און אָוועק שלאָפן. שפּעטער איז גע־קומען האָרדי מיט די צעטלען. טיכאָנען האָט ער ניט געטראָפן אינ־דערהיים. די שטוב זיינע איז פֿאַרשלאָסן פונדרויסן. ער איז נאָך, ווייזט אויס, ניט געקומען. אַז ער וועט זיך אומקערן, וועט ער מיס־טאָמע אַריינקומען אַהער.

נאָר טיכאָן איז ניט געקומען. האָרדי איז נאָך אַביסל געזעסן, געשמועסט און אָוועק אַהיים, פונדרויסן האָט ער נאָך אָנגעקלאַפּט דאַווידן אין פענצטער:

— זיץ ניט אַזוי נאָענט צום פענצטער!

דאַוויד האָט זיך אָפּגערוקט טיפער אין ווינקל. פאַרשניצט דעם בלייער. אין שטוב איז מען שוין געשלאָפן. פון גאַס איז געקומען צו לויפן כריסטיע, אַ ראַזאָווע און פריילעכע. דערציילט מיט געלעכטער, וואָס פאַר אַ ציקאַווע לידל די באָכרעס האָבן אויסגעשטעלט, מע דאַרף עס אַריינשטעלן אין צווייטן נומער וואַנט־צייטונג. זי האָט

אָפגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, ניט געוואָלט עסן קיין באָרשטש. אַ ווייל האָט זי אויפמערקזאַם געקוקט אַף דאווידן, דערנאָך פאַרטראַכט זיך. און שפּעטער אַביסל שטיל געזאָגט:

— היינט איז זינקע געווען אַזאַ אומעטיקע. זי האָט מיך געפרעגט, צי ס׳איז אַן עמעס, וואָס מע רעדט?

דאוויד האָט אויפגערעגט אַ קוק געגעבן אַף דער שוועסטער:

— וואָזשע האָסטו איר געזאָגט?

כריסטיע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— כ׳האָב געזאָגט, אַז איך ווייס ניט.

דאוויד האָט זיך פאַרטראַכט, שפּעטער האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם מיידלס געשטאַלט מיט די גרויסע טונקעלע און אומעטיקע אויגן, ווי יענע נאַכט אין שטוב, ווען זי האָט געוויינט. שפּעטער ערגעץ אינדערוויטן האָבן ווידער געשורשעט שמעקעדיקע קאָרנס, אַזוינע פאַרשייט-גרינגע אין די אומרואיקע לעוואָנע-נעכט. איצט איז אַפן האַרצן אויך ווי דעמאָלט — אי אומעטיק, אי פריילעך. ער פילט, ווי דאָס יונגע בלוט פלייצט... און זיי זיינען אין קאָרן. די ברעמען אירע זיינען שוין ניט אַזוי אָנגעשטרענגט, האָבן זיך אַביסל אָראָפּגעלאָזט, ווי פאַרמאַטערטע פליגל. זי קוקט פאַרקלערט אין שטערנדיקן הימל, און דאוויד אין אירע פאַרקלערטע אויגן...

ער האָט זיך אָנגעשפאַרט אַף דער האַנט. און לאַנג אַזוי געזעסן. נאָר אָט האָט ער אויפגעהויבן ס׳פּאָנעם. זיין פאַרטרוימטער בליק איז געפאַלן אַף כריסטיען. דערנאָך האָט זיך אין די אויגן עפּעס ווי צעבליט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און פריידיק און פריילעך געזאָגט דער שוועסטער:

— ער, כריסטיע! גאָרנישט ווייסטו ניט!

...אַלע זיינען שוין געשלאָפן אין שטוב. כריסטיע אויך. און דאוויד איז נאָך לאַנג געזעסן באַם עק-טיש און געשווינד און באַגייסטערט געשריבן עפּעס אַף אַ גרויסן בויגן.

XXV

אויפגעשטאַנען איז דאוויד פרי, ווי שטענדיק. כאָטש געלייגט האָט ער זיך נאָך האַלבע נאַכט. נאָר קיין שטשערבאַניוקע איז אים ניט

אויסגעקומען צו פֿאָרן; מ'האָט געדאַרפֿט אַביסל פֿאַריכטן דעם וואָגן און כּוח דעם נאָך אָפּרייניקן די ווייץ אַף אָפּפֿירן אין פֿאַרגרייט-קאַנטאָר און אָפּגעבן משומשקן די דרייסיק רובל, וואָס מ'האָט באַ אים אָנטליען אַפֿן פֿערד.

אַזוי איז דורך דער טאָג; ביזן וואַרעמעס האָט מען געהאַט צו טאָן מיטן וואָגן און נאָכן וואַרעמעס געדרייניקט די ווייץ אין קלוניע.

אַף מאָרגן אינדערפֿרי איז שוין אין הויף געשטאַנען דער וואָגן און מ'האָט געטראָגן זעק אַף אים.

פֿון שטוב איז אַרויס די מוטער און גערופֿן עסן אָנבייסן.

מ'איז שוין געזעסן אַרום טיש אינמיטן שטוב; אַף אָנבייסן איז געווען געריבענע קאַרטאָפֿליעס. מיטאַמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַריין טיכאָן. ער איז געווען נאָך בלייכער, ווי זונטיק, און די אויגן זייגען נאָך טיפֿער איינגעפֿאַלן. לעבן שוועל האָט ער אַראָפּ-גענומען דאָס היטל און געבליבן שטיין. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּאַפּיר און דאָן שוין צוגעגאַנגען און אַוועקגעלייגט אים אַף דער באַנק. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאַוויד פֿאַרט קיין שטשערבאַניווקע, האָט ער אַרייגגעטראָגן.

דער אַלטער מאַטוזקע האָט געזאָגט:

— זעץ זיך מיט אונדז עסן, טיכאָן.

טיכאָן האָט באַדאַנקט. נאָר דאַוויד האָט געקוקט אַף אים מיט אופֿריכטיקן מיטפֿיל און אויך געבעטן. כריסטיע האָט זיך אויפֿגע-הויבן, צוגערוקט צום טיש אַ בענקעלע פֿון זייגעטווענגן און פֿון קערבל אַרויסגענומען אַ לעפֿל. טיכאָן האָט אַוועקגעלייגט דאָס היטל אַף דער באַנק און געזעצט זיך צום טיש.

אַ שטיק צייט האָבן אַלע געגעסן שווייגנדיק, ניט געפֿונען פֿון וואָס צו רעדן. דער אַלטער מאַטוזקע האָט זיך געפּרוּווט באַרימען, אַז ער האָט געקויפֿט אַ פֿערד אַפֿן יאַריד. טיכאָן האָט גלייכצייטיק אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַר וויפֿל און ווי אַלט. דער אַלטער האָט געענט-פֿערט. דערנאָך אָבער האָט ער שוין ניט געוואוסט מער וואָס צו זאָגן, כאָטש אַלע האָבן געקלערט וועגן איין זאַך. און די ערשטע האָט די מוטער געפֿרעגט, וואָס זי האָט געקלערט:

— עפּשער איז באַ דיר, טיכאָן, ניטאָ קיין געבאַקן ברויט אין

שטוב? װעלן מיר דיר געבן. און מאָרגן װעל איך אָדער אַלײן קומען, אָדער כ'װעל צושיקן כריסטיען שטעלן אַ ראָשטשינע.

טיכאָן האָט געזאָגט, אַז ער װײסט ניט. נאָך אַ פּױזע האָט די מוטער װידער געזאָגט:

— װאָס, זי איז נאָך ניט געקומען?

— נײן, — האָט טיכאָן געזאָגט און אַװעקגעלײגט דעם לעפל, — ניט געקומען; כ'בין שױן געגאַנגען צו איר, נאָר איך האָב זי ניט געזען. און דער קאַסטן אירער שטײט נאָך בײַ מיר.

ער האָט גערעדט שטיל און שװער, גלײַך ער װאָלט אױסגראָבן שװערע שטײנער, אַלע זײַנען אַנטשטילט געװאָרן.

— װער װײסט! אױב זי נעמט ניט צו דעם קאַסטן, װעט זי זיך נאָך עפּשער באַקלערן.

טיכאָן, אַ מאָרעשכװירעדיקער און פאַרקלערטער, האָט געזאָגט װי צו זיך אַלײן:

— נײן, זי װעט זיך שױן ניט באַקלערן! איז געװאָרן אַן אָפּטע אײַנגײערן צו אופּירקען, האַלט אין אײן װאַרפן אַף קאָרטן. דאָרטן װעט זי זיך שױן מיסטאָמע מיט עמיצן פאַרדרײען...

דאַװיד האָט אױפגעהױבן דעם קאָפּ און אַװעקגעלײגט דעם לעפל. ס'איז אים ציקאַװע, װאָס איז דאָס פאַר אַ אופּירקע אין אָבוכיװקע.

— אַזױ זיך אַן אַלטע, דער רוח נעמט זי ניט! — האָט אָן כײשעק געזאָגט דער פאָטער, — אַ זנאַכערקע, האָט שױן אַ טעל געמאַכט פון אַסאַך מײדלעך און װײבלעך. און אַף יענער װעלט שױן אױך אָפּגעשיקט. לעבט מיט אַ טאָכטער, אַן אַלמאָנע, װעקלע, אין יענעם עק דאָרף. װעקלע טרײַבט סאַמאָהאָן; דער „אַפּאַראַטשיק“, איז בײַ איר דער הײמלאָזער כאמא, אירער אַ „פרימאַק“ צי אַ באַטראַק. און אַזױ לעבן זײ: פון סאַמאָהאָן און זנאַכערײ. מע מאַכט כװיזעק פון אַ װעלט!

— זאָג ניט אַזױ, אַלטער, אופּירקע װײסט, — האָט געזאָגט די מוטער, — אַט זײַנען מיר געגאַנגען צו איר מיט מאָקרינען װעגן די פערד, האָט זי דען ניט געטראָפן? „זוכט גאָר ניט“, — האָט זי געזאָגט, — „איר'ט ניט געפינען די פערד“. און געגאַנװעט האָבן — איז אױסגעפאַלן אַף די קאָרטן — עפּעס דורכפאָרערס, ציגײַנערס. ס'איז אױסגעפאַלן אױך אײנער אַ נאָענטער, װאָס האָט זײ אָנגע-

וויזן. „און האָבן אַוועקגעפירט אַף מיזרעד, דאָרטן זוכט זיי“, — ט׳זי געזאָגט.

דער פאָטער האָט מיט קאָפּ אויסגעשפּיגן און אויפגעשטאַנען פון טיש.

— ביסט אַ נאַר, כאָטש שוין אין די יאָרן, „אַף מיזרעד“, — האָט ער זיך נאָכגעקרימט דעם ווייב אוןווידער אַ שפּיי געטאָן, — און געפונען וואו האָט מען האָרדים פערד? „אַף מיזרעד“? — אין יאַרעסקי, דאָס איז דאָך גאָר אין אַן אַנדער זייט. און ווייטער זאָלסטו וויסן, זיין, אַז בײַ איר באַגעגענען זיך די אַלע פערד־גאַנאָווים. כאָמא איז דער ערשטער. און קושנירענקאָ, אַז ער איז געווען אינדערהיים, האָט ער בײַ איר געטאָגט און גענעכטיקט. און די, אונדזערע, זיינען אויך בײַ איר אָפטע איינגייערס. אָט וואָס, זון, — האָט ער זיך געווענדט צו טיכאָנען, — אויב זי איז שוין געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט בײַ אופירקען און באַווייזט זיך ניט אַף די אויגן, טאָ שפּיי זיך אויס אַף איר און וואַרף זי אַרויס פון קאָפּ. זי איז ניט ווערט, מע זאָל קלערן פון איר. און... קיין קינדער האָט איר דאָך ניט.

טיכאָן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— כ׳האָב שוין אַלצדינג איבערגעקלערט. כ׳קלער שוין ניט מער!

און אינדרויסן, אַז דאַוויד איז אַרויסגעפאָרן פון הויף, איז ער געגאַנגען אַ פאַרקלערטער לעבן וואָגן און געזאָגט:

— טו דאָרטן אָפּ, וואָס מע דאַרף, און קער זיך אום, וועלן מיר זיך נעמען פאַר דער אַרבעט. אַזוי האָב איך זיך געהיט, ס׳איז געווען פון ווענמען וועגן, און אַצינד, — טאָמער וועט מען מיך האַרגענען, וועט מיר אויך ניט באַנק טאָן. האָן דעם עמעס דערשלאָגן זיך זיינען מיר מעכויעוו! אויב ניט פאַר זיך, איז פאַר לייטן!

דאַוויד האָט אים געמוטיקט:

— טירן אויך ניט פאַרפאַלן ווערן, מירן זיין מיט אַלעמען! זיי געזונט!

— ...און נאָך אין סטעפּ הינטערן דאָרף האָט ער אַלץ געקלערט וועגן טיכאָנען, און דאָס האַרץ האָט געקלעמט פאַר אים, דערנאָך איז ער צוביסלעך געוואָרן פרייליכער — דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער און זוניקער און די פּראָסטיקע לופט איז טערפּקע. וועגן טיכאָנען האָט ער שוין געקלערט פרייליכער: „כ׳ווייס, צו וואָס איז דאָס קאַר=

קען איבער אים". פרייליך א שמייכל געטאָן דאָס פערדל מיט די לייצעס, געפאָרן גיכער, געקוקט אַף די גרינע פעלדער, אַף דעם בלאָען פֿאַס וואַלד אינדערווייטן אַף יענער זייט פסיאָל. און ס'זיינען אָנגעשוואומען זיכרוינעס... ער האָט פאַרצויגן אַן אַמאָליקע ליד א פּאַרטיזאַנישע.

— — — — — — — — — — — —

צוריק האָט ער זיך געקערט שפּעט — ווען ער איז פאַרבייגע־פאָרן די קוסטן, איז פאַרגאַנגען די זון. ער האָט זיך אינערגעץ ניט געזאַמט: אין ראַיאָויספּירקאָם האָט ער דעם פאָרזיצער ווידער ניט געטראָפן — איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ אַף „טאָרגעס", — אַף דער פּאָסט האָט ער אויך נאָר אָפּגעגעבן אַ רעקאָמאַנדירטע בריוו אין ציימונג אַריין. נאָר אין פאַרגרייט־קאָנטאָר — אַביסל. דערפאַר איז ער געפאָרן מיט אַ ליידיקן וואָגן, — פאַרקויפט דאָס ברויט.

— נאָ, גניאַדע! שוין ניט חייט!

דער פערד איז אַוועק גיכער. און אַז ער איז אַריינגעפאָרן אין דאָרף, האָט מען ערשט געצונדן די לאָמפּן.

דאוויד האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד. אין שטוב האָט געראַשט דער וואַרשטאַט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פערד אין סטאַיניע און פאַרשאָטן אים עסן. די טיר פאַרלייגט מיט אַן אייזערנעם פרענ־טע און פאַרשרויפט מיט אַ שליסל. פּלוצים איז פון גאָרטן אָנגע־לאָפן אַ פיגור פאַרביי די שטוב־פענצטער, זיך אָפּגעשטעלט אַפן ראָג, וויזט אויס, דערזען דאַווידן און צוגעגאַנגען צו אים. ס'איז זינקע. זי האָט אָפּגעאָטעמט און געזאָגט אויפגערעגט און שטיל.

— דאוויד, אוי זיי האָבן פאַרקלערט עפּעס שלעכטס!

דער באָכער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, און זי האָט אייליק דערציילט:

— אילקאָ איז געקומען צולויפן רייטנדיק, ס'איז שוין געווען טונקל. מאַטיוכע האָט געוואָרפן די וועטשערע, איז טייקעף אַוועק־געפאָרן. גענומען מיט זיך יאַקאָוון אַפן כוטער.

אילקאָ האָט איר באַוויזן נאָר אַ שעפּטשע צו טאָן אין פּירהויז, אַז מ'האָט עפּעס פאַרקלערט שלעכטס. דער מיליציע־נאַטשאַלניק איז געקומען צו פאָרן, ער איז אַצינד באַ אָהירן, און אים האָט מען

דאָס געשיקט אַהער נאָך מאַטיוכען. און באַ אָהירן איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון די כוטערשע באַלעגופן.

דאַוויד איז געוואָרן אומרואיק. זינקע איז אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך געבעטן:

— דאַוויד, אַנטלויף וואוהין ס'ניט איז, כאָטש אַף די טעג! באַהאַלט זיך אוים באַ אונדז אַפן כוטער!

דאַוויד האָט געקלערט.

— ניין, פאַרוואָס זאָל ער זיך באַהאַלטן?

די נאַכט וועלן זיי בעמיילע ניט באַוויזן גאָרניט אָפּטאָן, און מאָרגן וועט ער זען, ווי ער האַלט אין דער וועלט. טאָמער עפּעס וואָס, װעט אים טאַקע אויסקומען צו אַנטלויפן פון אָבוכיווקע. ניט באַהאַלטן זיך, ער האָט אַצינד מאַטעריאַל אין די הענט. גלייך אין שטאָט אַריין, אין צייטונג אָדער צום פּראָקוראָר.

— אוי האַוויד, ס'זאָל גאָר ניט זיין צו שפּעט! — האָט זינקע געהאַט יעסורים און געקוקט אַף אים פונונטן אַרויף, אַביסל פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. און די אויגן אירע שיינען אַנטקעגן די שטערן.

— איך האָב אַזוי מוירע, דאַוויד. מאַטיוכע איז פון זונטיק אָן געוואָרן בייז, ווי אַ וואָלף, כ'קלער אַלץ און האָב מוירע, טאָמער וועט ער מיך אַרויסטרייבן. דעמאָלט וועל איך דאָך שוין גאָרניט וויסן, ניט קענען דיך וואָרענען.

דערנאָך האָט זי אָפּגעווענדט די פאַרקלערטע אויגן פון אים, נאָר ניט אַראָפּגעלאָזט זיי. דאַוויד זעט, ווי ס'פאַלן אין זיי צוויי שטערן. ער האָט עפּשער געטראָפן און עפּשער ניט. נאָר ער האָט זיך אָנגעבויגן מיטן פּאָנעם נעענטער צו איר און גערעדט מיט היץ:

— זינקע, מע דאַרף ניט אַזוי! ס'וועט אַלץ זיין גוט! — ער האָט זיך נאָר וואָס דערמאָנט, ווי ס'זיינען אַמאָל געפלויגן די בושעלעס, און אין די אָוונטן אין די הויפן די געפּאַנגענע עסטרייכער... זי האָט דאָך ניט פאַרגעסן? מע פלעגט זינגען דאָס — בושעל־ליד, און דער פעטער סטאַך...

זי געדענקט מיסטאָם, ווי שיין ער פלעגט רעדן, ווען מ'האָט זיך צונויפגעקליבן אין שטוב: וועגן רעוואָליוציע, פון דער צוקונפט. דאַוויד גערעדנקט אים שטענדיק. וואו איז ער איצט? — „ס'וועט ניט זיין מער קיין פּריצים! אָדאָ אין הויף וועלן די געוועזענע באַ־

טראַקעם אַליין לעבן. און אַלץ וועט זיין אייערס — די ערד, די פי און די געביידן. און דאָ, וואו סע שטייט דאָס הויז, וועט איר אויסבויען נאָך הייזער און פלאַנצן אַ סאָד אַ גרויסן"... אַז ער, דאַוויד, קלערט אַצינד וועגן דעם קאָלעקטיוו, טוט אים אַזוי באַנק, וואָס סטאַך איז ניטאָ. און קאַטרע... ס'איז געבליבן פון זיי נאָר דער קליינער יאַט...

ביידע זיינען פאַרקלערט.

— און דו, זינקע, וועסט זיין? נאָך אַמאָל, ווען כ'האָב אַפן פראָנט געקלערט וועגן דעם לעבן, ווען כ'האָב זיך אין טרוים פאָרגעשטעלט דאָס נייע און פריידיקע לעבן דאָרט אַף די בוריאַנעס אין דער עקאָנאָמיע, פלעגסטו, זינקע, אָנקומען פונם ווייטן אַמאָל. פון יענע גרינע קאָרנס אין יענע פאַרשייטע שטענדיקע נעכט. דו האָסט דאָך ניט פאַרגעסן?

אירע אויגן זיינען פאַרטרויִמט און מער ניט אַזוי האַרט און אומרואיק. נאָר די ברעמען האָבן זיך אַראָפגעלאָזט ווי פאַרמאַטערטע פליגל, — מיט די שפיצן אַראָפ. — דאַוויד האָט איר לאַנג געקוקט אין די אויגן: אַלץ נעענטער, נעענטער... און פלוצים פאַרהאַלטן דעם אָטעם, אויפגעציטערט און געפאַלן איר אין די אויגן...

און אין אַ מינוט אַרום האָט שוין זינקע עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן באַם טויער, ער האָט ניט איינגעהערט וואָס. נאָר עפּעס זייער אַ פריידיקס! און איז אַוועקגעלאָפן מיטן גאָרטן אין נאַכט אַריין. דאַוויד איז געשטאַנען און האָט איר נאָכגעקוקט, ניט אָפרייסנדיק קיין אויג... און אַפילע אַז ער האָט שוין ניט געהערט מער אירע טריט, האָט זיך נאָך אויך ניט געגלוסט אין שטוב אַריין. די נאַכט איז אַזאַ שטערנדיקע און דורכזיכטיקע. ס'האָט זיך געגלוסט ווי אַמאָל אין יענע נעכט, ווען ער פלעגט גיין מיט די קאָרנס, ברייט צעוואַרפן די הענט און גיין ערגעץ ווייט און זינגען מיט דער גאַנצער ברוסט אַ בונטאַריש ליד... ס'זאָל הערן די נאַכט, ס'זאָלן הערן די שטערן...

XXVI

אילקאָ האָט ניט געוואוסט גאָרניט. ער האָט געפילט, אַז מ'האָט פאַרקלערט עפּעס שלעכטס, אַז אַלע זיינען שטאַרק צעטראָגן. האָט זיך

646—14*

דען ווען געטראָפֿן אַזוינס, אַז דאַנילאַ זאָל אַזאַ צעפּאַטלעטער און צע־טראָגענער אַליין אַרויסלויפֿן פֿון שטוב צו אילקאָן און אים שיקן קיין אַבוכיוועקע נאָך מאַטיוכען? — נאָר וואָס אַזוינס ס'האָט זיך דאָ געטראָפֿן, האָט אילקאָ ניט געוואוסט. די פּאַרכאַסמעטע בריוו אויפֿקלעפֿן האָט ער מוירע געהאַט, מ'זאָל ניט באַמערקן. און אַצינד האָט ער שוין כאַראָשע געהאַט. עפּעס האָבן זיי פּאַרקלערט גאָר אַ מיעסע זאַך.

פּאַרוואָרפֿן דעם גוף אַף צוריק, ס'זאָל ניט אַזוי טרייסלען אָן אַ זאָטל אַפֿן פֿערד, האָט ער זיך שטאַרק צוגעהערט. נאָר פֿון הינטן האָט זיך נאָר געהערט, ווי ס'פּאָרסקעט דער פֿערד און סע קנאַקט אַפֿן אויסגעפֿאָרענעם וועג מאַטיוכעס נייע ברימשקע.

פֿון סאַמע אַבוכיוועקע אָן האָט אילקאָ נאָך ניט געכאַפּט קיין איין וואָרט. אין ברימשקע האָבן ביידע געשוויגן, און אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען אין דער פֿינצטער נאָר צוויי פֿייערלעך פֿון די פּאַפּיראָסן.

אין ראַקיטנע, ווען מ'איז אַריינגעפֿאָרן אין דער טיפֿער באַלקע, איז דער הילך פֿון די רעדער געוואָרן אַביסל שטילער. און מאַטיוכע האָט דאָס ערשטע מאָל עפּעס געפֿרעגט אָדער געזאָגט גנידען. יע־נער האָט געענטפֿערט:

— יאָ, ניט אַנדערש.

אילקאָ האָט אָנגעצויגן דאָס צוימל, זיך נאָך שטאַרקער אָפּגע־וואָרפֿן אַפֿן פֿערד און נאָך שאַרפֿער זיך צוגעהערט. מאַטיוכע האָט ווידער אָנגעהויבן:

— כ'האָב דאָך אים געזאָגט, — לייגט ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק אַריין! איז ניין, — פֿלעגער האָט ער פּאַרקלערט נאַרישע! און אַצינד האָט ער שוין עפּשער אַזוינס אויפֿגעטאָן... אומזיסט וואָלט ליאָנקע ניט אויפֿגעהויבן קיין ליאַרעם. עפּשער אַזוינס... — ווייטער האָט אילקאָ ניט געהערט, ווייל מ'האָט ווידער אַ שמייס געטאָן מיט דער בייטש, און די רעדער האָבן ווידער גענומען קנאַקן, כאָטש ס'איז נאָך געווען אַראָפּ אַ באַרג. אילקאָ האָט זיך אָנגע־שטויסן, אַז מע רעדט וועגן דאַווידן.

ביזן כוטער האָט מען שוין געהאַלטן אין איין אָנטרייבן די פֿערד. לעבן די ווערבעס האָט מען פּאַרקערעוועט פֿון שליאַך אַף דער לאַנ־

קע. אין דער פינצטער האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע פלעקן פון די געבייען: אין סאַד אַ גרויס הויז מיט באַלויכטענע פענצטער, צוויי הילצערנע קאַמערס. אַ לאַנגער פידאַשעק און שטאַלן. ס'האָבן זיך בייז צעבילט די הינט און אַ וואָרף געטאָן זיך צום טויער.

מאַטיוכע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון ברישקע און געוואָרפן די לייצעס דעם אַרבעטער.

— שפּאַן ניט אויס, פאַרשיט אים נאָר אַביסל האָבער, — און איז אַוועק מיט יאַקאָוון אין שטוב אַריין.

אין קיך האָט זיך אַן אַרבעטערן געפּאָרעט לעבן אויוון. אָהיריכבע מיט דער שנור האָבן געקלעפּט אַפן טיש וואַרעניקעס און צעלייגט די ווייסינקע דרייעקן אַף אַ זיפּ. זיי האָבן עפּעס געשמועסט מיטן געלן מיליציאָנער, וואָס איז געזעסן אין שינעל אַף דער באַנק.

מאַטיוכע האָט זיך געוויטעט פאַר דער האַנט מיט ביידע פרויען און אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אַפן עסצימער, ס'הייסט — דאָרטן?

די אָהיריכבע האָט געזאָגט, אַז אַלע זיינען שוין דאָרט און וואַרטן אַף זיי.

בעשאַס ער האָט זיך אויסגעטאָן און אויפגעהאַנגען דעם פעלץ אַפן הענגער לעבן טיר, וואָס אין זאַל אַריין, האָט ער געהערט, ווי אַף יענער זייט טיר קלינגען ליאָנקעס שפּאָרן, און ווי דער אַלטער אָהיר רעדט שווער און פּאַוואָליע, גלייך ער וואָלט פאָרן מיט אָקסן:

— צוליב דעם ווערט דאָך אַ טעל פון דער רעליגיע. אַשטייגער, אַף וואָס טויג אונדזער פּאָטערל יעוולאַמפּי? ער איז שוין אַלט, און איצטער איז ניט אַזאַ לעבן. מע דאַרף גוט פאַרשטיין די פּאָליטיק, וואָרעם איצט וועסטו מיט הוילע געבאָטן ווייט ניט פאַרפאָרן. און מיר פירן זיך אויך אויף זייער פיין! אַז מיר, די פעסטע באַלעבאַטים, האָבן מוירע אָפּרייסן אַ פוד, הייַנט וואָס זאָל שוין טאָן דער קעגעסע? מיר דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר אַלעמען. אומזיסט וועט, פאַרשטייט זיך, קיינער ניט וועלן, — ער וועט דאָך קומען ניט אַליין, ס'וועלן זיין מיסטאָמע נאָך אַ מאַן צוואַנציק זינגערס.

מאַטיוכע האָט זיך דערמאָנט, אַז אַף זונטיק האָט מען קיין אָבוכיווקע פאַרבעטן דעם אַווטאָקעפאַלישן גאַלעד. ער איז אַזש בייז געוואָרן:

— „דאָ קאָן מען ניט פּאָטער ווערן פון יענער צאָרע, און זיי האָבן

געפונען אַ צייט פאַר גאַלאָכים, — האָט ער ביין געקלערט, אַרויסגע־
נומען פון פעלץ דעם נאַגאַן און באַהאַלטן אין קעשענע.

ער איז אַריין אין זאַל. דאָרט האָבן שוין אַלע געוואַרט אַף זיי...
דאַנילאָ האָט זיך פאַר פרייד אויפגעהויבן פון בענקל. ער איז געווען
שטאַרק צעטראָגן, און זיינע שטענדיק שיין־פאַרקעמטע האָר זיינען
געווען צעפּאַטלעט. אַרום טיש זיינען געזעסן עטלעכע כוטערניקעס.
איבערן שטוב איז אומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, מיט די הענט אין
די קעשענעס פון רויטן גאַליפע, דער מיליציע־נאַטשאַלניק. און טיאַג־
ניראַדנאַ האָט טעמפּ געקוקט אַף זיינע פיס און געקלערט: „גוטע
שטיוול באַ ליאָנקען — שאַוראָווע“. ער האָט געקלערט, אַז אַמאָל
האָט ער אויך געהאַט אַזוינע, ווען ער איז געווען באַ כריסטאַוון
אין דער באַנדע. און פאַר די צוויי יאָר אין דאָרף האָט ער זיך
אָפּגעלאָזט.

מאַטיוכע איז צוגעגאַנגען צו סאַכנאָווסקין און אומרואיק און
שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָ אַזוינס, ליאָנקע! יענער האָט אַף אים אַ קוק
געטאָן און געוואונקען מיט די בלאָנדע וויעס:

— סט'באַלד הערן!

ער האָט געוואָרפן אַ קוק אַף אַהירענקאָן, אָפּן אַלטן אַהירן און
די כוטערניקעס. דער באַלעבאָס האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, שווער
אויפגעהויבן זיך פון בענקל און אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צו די
פויערן.

— מירן ניט שטערן די יונגע. קומט אין יענעם צימער, מירן
נאָך שמועסן.

אַלע זיינען שווייגנדיק אַרויס, געבליבן זיינען נאָר די יונגע. ווען
ס'האָט זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט מאַטיוכע דער ערשטער אומ־
געדולדיק און צעטראָגן געפרעגט:

— נו, וואָס האָט זיך עס באַ אייך פאַרלאָפן אַזוינס?

סאַכנאָווסקי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט עפּעס אָנגעטאַפּט
אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל און געזאָגט:

— געטראָפן האָט זיך, אַז איין לעקעש האָט פון טורמע גע־
שריבן, און דער צווייטער האָט די בריוו ניט צעריסן, אַצינד הערט,
מיט וואָס דאָס שמעקט.

מאַטיוכע מיט גנידען זיינען געבליבן שטיין דערשראָקענע און געקוקט אַף סאַכנאָווסקין. אָהירענקאָ האָט זיך אָנגעכמורעט און פאַרויטלט זיך פאַר בושע אָדער פאַרדראָס. טיאַגניראַדנאַ איז שווער צוגעגאַנגען צום טיש. סאַכנאָווסקי האָט זיך אומגעקוקט צו דער טיר און דערציילט:

— כ'האָב היינט איבערגענומען אַף דער פאָטשט אַ בריוו אין „שטימע פון אַרבעט". מע שרייבט דאָרטן... ס'איז דאָרט אָנגעשריבן גאָר אַסאַך, און צום סאָף וועגן די פערד־גנייוועס, וועגן דעם פינאַגענט...

אַלע האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם. סאַכנאָווסקי האָט אַ ווײלע געשוויגן און דערציילט ווייטער:

— „פּראָקוראַטור, גיב אַכטונג. מיר האָבן שוין געקריגן אַביסל מאַטעריאַל אויך: אַ בריוו פון איינעם אַ פערד־גאַנעוו פון דאָרף צו זיינע כאַווײרים". — דאָס איז גאָר, גענוג פון אייערטוועגן? — האָט ער מיט קאָס אַ קוק געטאָן, — ניין, ליבע פריינט, אויב מיר וועלן ווייטער אויך זיין אַזוינע בעריעס, וועט מען אונדז צעפּאַטערן, איידער מירן זיך אַרומקוקן! עפּשער מיינסטו, — האָט ער זיך געווענדט צו מאַטיוכען, — מע וועט קוקן אַף דיר, וואָס דו ביסט אַ פּאַרטייאישער? ס'וועט דיר זיין נאָך ערגער! און דו ציאַצקעסט זיך מיט זיי!

— דאָס איז אַלץ דערדאָזיקער לעיוצלעד! — האָט ער מיט קאָס אַ קוק געטאָן אַף יאַקאָוון, — די פּלענער זיינען בא אים נאָך ניט פאַרטיק, איבער עפּעס אַ האַד ווילסטו אונדז אַלעמען אַריינזעצן! — דערנאָך האָט ער אַ קוק געגעבן אַף דאַניושען מיט די רויטגעוואָרענע אויגן, — און דו, שויטע! כ'האָב דיר טייקעף געזאָגט וועגן בריוו, ווי אַזוי פאַרלירסטו ניט דעם קאָפּ צו אַלדע רוכעס?

דאַניושע אַ רויטער און פאַרשוויצטער האָט זיך אַרומגעווישט מיטן טיכעלע און פאַרלוירן געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— איך קאָן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט זיך עס געטראָפן.

ער קאָן נאָך אַצינד אויך בעשום אויפן ניט פאַרשטיין — ווער האָט עס געקאָנט טאָן? ער ווייסט אַף געוויס, אַז די בריוו האָט ער פאַרלוירן ערגעץ אין שטוב. מאַכמעס קושנירענקאָס ווייב איז געקו=

מען אָפּדערנאַכט און האָט זי געבראַכט. דאַניושע האָט זי אַריינגעלייגט אין פּידזשאַק, און דעם גאַנצן טאָג איז ער אין ערגעץ ניט אַרויסגעגאַנגען פון הויף. און אַף מאָרגן, אַז די מוטער האָט זיך אויסגעקליבן פאָרן קיין אָבוכיווקע, האָט ער זיך געכאַפּט, געוואָלט איבערשיקן צו מאַטיוכען, — ניטאָ די בריוו. געמיינט, עפּשער האָט אילקאָ געפונען. האָט ער אים געזאָגט, צוגעזאָגט אויב ער וועט געפינען און ניט אויסרויבערן, — ס'איז קלאָמערשט אַ נויטיק, — וועט ער אים שענקען אַ רובל.

— שויטע! „שענקען אַ קערבל“. ער האָט דאָך געלאַכט פון דיר! דו מיינסט, דו ביסט מיט אים שטאַרק באַוואָרנט? דערלאַנג אַהער אילקאָן!

אָהירענקאָ איז אַרויס נאָך אילקאָן, נאָר יענער איז אין שטוב ניט געווען, האָט ער געשיקט די אַרבעטערן אין הויף נאָך אים, ער זאָל טייקעף קומען.

דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן אייצענען. אַז די בריוו איז באַ מאָטוזקען, איז אַ „כוואַקט“, — ווי מאַטיוכע האָט געזאָגט. און אַז מע דאַרף זי באַ אים אַרויסרייסן, איז אויך אַ „כוואַקט“. ווייל, אים אַליין קאָן מען אַפילע ליקווידירן, און די בריוו, דער רועד ווייסט זי, עפּשער איז זי שוין גאָר ניט באַ אים, ער האָט זי געקאָנט איבערגעבן, ווייניק זיינען זיי פאַראַן: טיכאָן, יאַקאָוו... ווי אַ בעלמע אַפן אויג. זיי האָבן דאָך מיסטאָמע געהערט, אי סאַכנאָווסקי, אי דאַניושע, וואָס ס'איז דאָס זונטיק פאָרגעקומען, מאַטיוכע איז נאָך אַדאַיעם ניט געקומען צו זיך. מע טאָר מער ניט וואַרטן קיין איין טאָג. ער האָט שוין גערעדט מיט יאַקאָוון, זיי האָבן געפונען אַ מיטל, ווי פּאָטער צו ווערן פון אים און איינגעוועגס זיך אויך „רעבילימירן“, נאָר ליאָנקע וועט דאָ מוזן צואַרבעטן.

אילקאָ איז אַריין.

— איר האָט מיך גערופן? — האָט ער געפרעגט און געבליבן שטיין לעבן טיר אָן אַ היטל, אין אַ צעריסענער סווישקע און האָט מיט כשאַד געקוקט אַף זיי. און געפרעגט האָט ער ניט דאַנילען, נאָר פונקט ווי ער וואָלט טרעפן, — מאַטיוכען, יענער איז אויפגעשטאַנען און קלאָמערשט גאָר רואיק שווייגנדיק דורכגעגאַנגען זיך איבער

דער שטוב לעבן אילקאָן. סאָכנאָווסקי האָט בייז געזאָגט צום אָר־בעטער:

— קום נאָר אַהער געענטער!

אילקאָ האָט זיך ניט זיכער צוגערוקט צום טיש און ווידער אָפּגעשטעלט זיך.

— ביסט אַ באַטראַק? אין פאַריין „לאַנד־ און וואַלד־אַרבעטער“? — האָט דער מיליציע־נאַטשאַלניק געפרעגט, אַבי פרעגן; דערנאָך האָט ער אַ קוק געגעבן אויף מאַטיוכען, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט סאַמע אונטער אילקאָס רוקן, און אים אַ וואונק געטאָן. דער באָכער האָט נאָר געוואָלט עפּעס ענטפערן, אַז מאַטיוכעס שווערע דלאָניע האָט אים מיט דער גאַנצער קראַפט אַ זעץ געטון אין שלייף — טראַך! אילקאָ האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטון און מיט אַ קרעכץ אָנגעכאַפּט פאַרן שלייף. און איידער ער איז געקומען צו זיך, האָט זיך מאַטיוכע אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו אים, און געשווינדער געפרעגט:

— וואו האָסטו אַהינגעטון די בריוו? ליגנער ניט, איך ווייס!

אילקאָ איז געבליבן אַ טויטער, נאָר דאָס פּאָנעם ברענט אים. און אין קאָפּ ווי אַ בליץ — „ווי אַזוי איז ער געוואויער געוואָרן?“ און כאָטש ער איז געווען פאַרלושעט פונם אומגעריכטן זעץ, פונדעסטוועגן האָט ער געפילט — „מע טאָר ניט, בעשום אויפן טאָר מען ניט זאָגן!“ און האָט טאַקע אַזוי געענטפערט:

— וואָסער בריוו? איך האָב ניט געזען קיין שום בריוו.

— אַך, דו מאַמזער! סט'ניט געזען? — מאַטיוכע האָט זיך איינגעגעסן מיטן בליק אין אילקאָס פאַרטרערטע אויגן, — און דאָווידן ווער האָט זי געגעבן? ער ט'מיר אַליין געזאָגט.

אילקאָ האָט פאַרכידעשט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: קיין שום דאווידן האָט ער אָפן לעבן ניט געזען און קאָן אים ניט. — מאַטיוכע האָט געקלערט, — ווען איז דאָס אילקאָ געווען אין אָבויכיווקע פאַר דער צייט. דערמאָנט זיך, — ער האָט דאָך פאַראַכטאָגן געבראַכט צופירן די אָהיריכע, — האָט ער געזאָגט, ניט איבערקלערנדיק, נאָר מיט אַ זיכערער שטים: — און דו האָסט געבראַכט צופירן די שוויגער? מיינסט, איך ווייס ניט? איר האָט זיך דאָך דעמאָלט געזען?

אילקאָ שווין דרייסטער:

— אַז איך האָב אים ניט געזען, זינט איך לעב. און דעמאָלט, ווען איך בין געווען באַ אייך — קאָנען אייך מענטשן זאָגן איידעם. גלייך פון הויף בין איך אַוועקגעפאָרן אַהיים, — אַז ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אַ קלער געטאָן: — ס'אַ ליגן, ער ווייסט גאָרניט! ניט דערלעבן וועט ער!"

מאַטיוכע האָט דערוויל געברענט ווי אַ העליש פייער.

— וואָזשע, אַ מאַלער האָט אים געגעבן צו וויסן, דו ביזט נאָך, ווייזט אויס, באַ קיינעם אין די הענט ניט געווען, מאַכסטו הינטישע שטיק. באַ מיר וועסטו רעדן ווערטער. וואו איז די בריוו? — איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו אילקאָן און האָט אים אַ זעץ געגעבן אין פּאָנעם, דער באָכער האָט זיך איבערגעבויגן, נאָר געשוויגן, און אַז ס'האָט אים שוין אָנגעהויבן רינען בלוט פון נאָז, האָט ער אָפּגע־ווישט ס'פּאָנעם מיט דער פאַרהאָרעוועטער האַנט און ניט געקוקט מער אַף קיינעם, נאָר אַף דער ערד.

מאַטיוכע איז אַלץ מער געוואָרן צעווילדעוועט. דעם באָכערס פאַרבלוטיקט געזיכט און דער פּאַכעד אין זיינע אויגן האָבן געוועקט אין אים אַ שאַרפן געפיל פון כאַיעשער בייזקייט און שיקערן טיי־נעג. דאָסדאָזיקע פאַרוושעטע פּאָנעם און דער געפיל פון זיין אומ־באַגרענעצטער מאַכט און הערשאַפט האָבן אים אויפגערייצט; זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעבלאָזן און האָבן, דאַכט זיך, זשעדנע איינ־געזאַפּט דעם רייעך פון ווארעמען בלוט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו טיאַגניראַדנען. יענער איז צוגעגאַנגען צו איל־קאָן, אין פאַרגלייך מיט אים אַ געזונטער, ווי אַן אָקס.

— נעם אים!

מאַטיוכע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דעם נאַגאַן און אַוועק צום טיר.

— גיי כאַפּטש מיט דער טיר, דאָרט זיצן דאָך מענטשן, — האָט אַהירענקאָ אומרואיק געזאָגט. מאַטיוכע האָט געמאַכט אַ יזפּע, דאָך האָט ער פאַרקערעוועט און אַוועק נאָך דאַינגלען אין אַ צווייטן כיי־דער. טיאַגניראַדנא האָט געפירט אילקאָן פאַר אַ האַנט. דורך דער פאַראַד־טיר איז אַהירענקאָ אַרויס אַפן גאַנגעק אין סאָד אַריין.

אַ שטערנדיקע נאַכט. אין סאָד האָט אַ ווייע געטאָן אין פּאַנעם
אַריין מיטן גערוך פון פאַרגעלטע בלעטער; די בלעטער האָבן גע־
שורשעט אונטער די פיס. אילקאָ האָט זיך געוואונדערט, ווי גרינג
ער שפּאַנט איבער די בלעטער: די מוסקולן זיינען אָנגעשטרענגט,
און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, — ער וויל זיך אָפּשטעלן, און די
מוסקולן שטופּן אים פאָרויס. ער האָט געפּרוווט אַ ריר טאָן מיט
אַ האַנט, האָט זי טיאַגניראַדנאַ צוגויפגעקוועטשט ווי אין אַ קלאַמער
און האָט נאָך בייז אַ מורקע געטון:

— נו, נו, אָט וועל איך דיר!

און פון הינטן מאַטיוכע:

— וואו איז דאָ אַ גרוב?

טיאַגניראַדנאַ האָט געענטפערט:

— דאָ ניט ווייט הינטער די שטאַלן.

מ׳האָט שוין געפירט איבערן הויף פאַרביי די שטאַלן, אין שטאַל
האָבן זיך די אָקסן געבריקעוועט, און אילקאָ האָט זיך מיטאַמאָל
דערמאָנט, אַז ער האָט ערשט היינט איינדערפרי, געפירט אַף זיי
מיסט אַפן פעלד. האָט עס דעמאָלט אויך געשמעקט אַזוי דאָס
מיסט, ווי איצטער פון שטאַל? פון קלוניע האָט די פרישע שטרוי
געשמעקט מיט האָניק. ווי די שניט־פעלדער אַמאָל, ווען ער איז
נאָך געווען אַ פּאַסטעכל, אַזוי האָט אויך געשמעקט דעם זומער
לעבן דער מאַשין — ער האָט געטראָגן די שטרוי. עפּעס אַז אַסאָ־
ציאַציע האָט אַרויסגערופן בא אים אין זיקאָרן — ווי ער האָט דע־
מאָלט אונטערן פידאַשעק, אַז מע האָט געשלאָגן דעם פלאַקס, אָנ־
געזאָגט זינקען, זי זאָל קיינעם ניט דערציילן, פונקט ווי ער וואָלט
יעמאָלט פאָרויסגעפילט; ער האָט איר נאָך געזאָגט: „טאָמער וועלן
זיי געוואוירע ווערן, וועלן זיי מיך האַרגענען“. ס׳האָט אַזש ווייי געטון
יאָם האַרץ פאַר זינקען אָדער פאַר עמיצן אַנדערש, ער האָט אַליין
ניט געוואוסט, פאַר וועמען, און פלוצים האָט ער זיך אַ וואָרף גע־
טאָן, — פון אינעווייניק האָט גלייך, ווי אַן אופריים, אַ זעץ געטאָן
אַ געדאַנק — „צי דען וועלן זיי מיך טאַקע האַרגענען?“.

— נו, נו, — טיאַגניראַדנאַ האָט אים אויסגעדרייט די האַנט,
אַז זי האָט געטרישטשעט אין אַקסל, און דער באָכער האָט פאַר־
ביקט די ציין און דומפּ געקרעכצט. פון הינטן איז נאָך אָנגעלאָפן

מאַטיוכע און אַ זעץ געטון מיטן שטיוול, אַז ער איז שיר ניט אומגעפאַלן.

לעבן דער גרוב האָט מען זיך אָפגעשטעלט. טיאַגניראַדנאַ האָט פאַרדרייט אילקאָן די הענט הינטערן רוקן צום סאַמע האַלדז און נאַקן און פעסט געהאַלטן זיי. אין די אַקסלען האָט אַ כרושטשע געטאָן, און אַ ווייטאָק האָט געשלאָגן אין ברוסט, גלייך זי וואָלט צעריסן געוואָרן. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעבויגן, אויסגעצויגן דעם האַלדז, דאָס פאָנעם אַראָפגעלאָזט צו די סאַמע קני. און מאַטיוכע מיטן פוס אין פאָנעם.

— וואָס בויגסטו זיך? שטיי ווי ס'קער צו זיין!

טיאַגניראַדנאַ האָט אַ שלעפ געטאָן די אויסגעדרייטע הענט אַף אַראָפ. אילקאָ האָט אַ כליפע געטאָן פאַר ווייטעק און אויסגעגלייכט זיך.

— אָט וואָס, דו..., — האָט מאַטיוכע אָנגעשריגן שווער, — וועסטו מיר ניט זאָגן דעם עמעס, וואו די בריוו איז, זאָלסטו וויסן זיין: ביז פאַרטאָג וועלן מיר דיך באַגראָבן אין דער גרוב ווי אַ הונט! און מאָרגן וועט שוין אַף דעם אָרט שטיין אַ סטויג היי. זאָלסט וויסן, וואָס דו האָסט צו טון! וואו האָסטו אַהינגעטון די בריוו?

אין מאַטיוכעס הענט האָט אַ קנאַק געטאָן דער נאַגאַן — דאָס האָט ער אויפגעהויבן דאָס צינגל. באַ אילקאָן אין קאָפ האָבן זיך מיטאַמאָל, ווי אַ זאַווערוכע, גענומען דרייען געדאַנקען, דערמאָנונגען. גלייך ווי עמיצער וואָלט צעריסן, צעפיצלט זיין לעבן אַף קלייניטשקע שטיקעלעך, ווי אַ געמעל אַף פראָסט פאַפיר, און געוואָרפן זיי אַפן ווינט. די שטיקלעך האָבן זיך פאַרדרייט, צעוויכערט — שטיקלעך זיכרוינעס, באַגעגענישן און האָפענונגען. זיי זיינען ניט געפאַלן אַף דר'ערד, האָבן זיך נאָך געדרייט אין דער לופטן, אַז מאַטיוכע האָט אים ווידער אַ זעץ געגעבן אין פאָנעם, און דערנאָך ווידער. פאַרכלינענדיק זיך מיט בלוט האָט אילקאָ געקרעכצט און געווענדט זיך צו מאַטיוכען:

— פעטער, כאַווער פאָרזיצער, פאַרוואָס זשע שלאָגט איר מיך? איך ווייס ניט פון קיין זאַך!

מאַטיוכע האָט לאַנג און שאַרף געקוקט אים אין פאַנעם אַריין און אָפגעטראָטן אַף אַ שפאַן.

— אָי! האַר! — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן. ער האָט שטיל אַראָפּגעלאָזט דאָס צינגל פֿון נאַגאַן און גענומען אויסווישן די פּאַר־בלומיקטע הענט אין די הויזן.

— ס'איז דיין גליק, וואָס דו ווייסט ניט. און פֿאַרגעדענק — טאָמער געפֿינסטו עפּעס אַ פּאַפּירל, קריך ניט מיט דיין מאָרדע, נאָר גיב אָפּ דעם באַלעבאָס. לאָז אים אָפּ צום טייוול, אָוועקאָ! און וואַש זיך אָרום, דו סמאַרקאַטש, ס'זאָל קיינער ניט וויסן! הערסט?

מיט דעם האָבן זיי אָפּגעלאָזט אילקאָן.

אַז זיי זיינען אַריין אין שטוב, האָט סאַכנאָווסקי פֿאַרקרימט צו מאַטיוכען דאָס פּנים און געזאָגט אומצופֿרידן:

— האָסטו שוין מיסטאָמע ווידער, קאַרניושע, אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט?

מאַטיוכע איז באַרויגעז געוואָרן.

— קיין שום נאַרעשקייט! מ'דאַרף דאָך אויספֿרעגן? צי ווי מיינסטו?

ער האָט דערציילט די כאַווירים דעם סאַכאַקל פֿון זיין אויס־פֿרעג. אַפּאָנעם, אילקאָ ווייסט טאַקע פֿון גאָרניט. די בריוו איז אָבער באַ דאַווידן, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. וואָזשע זאָל מען טאָן? זאַמען זיך טאָר מען ניט קיין איין מינוט.

מ'האָט גענומען באַקלערן.

די אָהיריכע האָט געפּרואווט אַריינגיין — געבראָכט די וועטשערע. נאָר דער איידעם האָט אָף איר אַזאַ געשריי געטאָן, אַז זי האָט זיך שיר ניט אויסגעגלימשט אָפּן שוועל — דער קאָפּ ליגט זיי איצט ניט באַ דער וועטשערע.

מ'האָט געקנייטשט די שטערנס און גערעדט לאַנג און היציק. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אָנגענומען גגידעם און מאַטיוכעס פּלאַן. דער פּלאַן איז געווען ניט קיין פֿויגלדיקער, נאָר זאָל שוין זיין, וועט וועט זיך עס גיין גראָבן. דאָ מוז מען ווי ס'ניט איז פּאַטער ווערן, און דאָרט בלייבט שוין די אַרבעט פֿאַר ליאָנקען. יענע צוויי זיינען ניט אַזוי מעסוקן. מאַטווזקען אָבער מוז מען פֿאַטערן אָף שטענדיק. און טאַקע ניט געזאַמט. וועלן זיי ניט באַווייזן די נאַכט, מוז מען עס אָפּטאָן ניט שפּעטער פֿון מאָרגן. ביז וואַגען איז דער שיר!

— נו, גענוג באַלעמוטשען! — האָט סאַכנאָווסקי איינגע־
שטימט, — דערווייל דאַרף מען פון אים ניט אַראָפּלאָזן קיין אויג,
ער קאָן זיך נאָך אַרויסדרייען. טאָג און נאַכט דאַרף מען נאָך אים
משאַמעווען. וואָרום מיר זיצן אָט דאָ, און ער איז שוין גאָר עפּשער
ערגעץ וואו, אַוועקגעפאָרן.

מאַטיוכע האָט זיך בלויז פון אַזאַ מעגלעכקייט אויפגעכאַפּט פון
בענקל און גענומען זיך טייקעף אָנטאָן. יאַקאָוו אויך, און מיט אים
זועט פאָרן טיאַגנאַראַדנאַ. סאַכנאָווסקי האָט זיך אויך גענומען
אָנטאָן.

אַהירענקאָ האָט אַ רוף געטאָן אין הויף אילקאָן, נאָר יענער האָט
זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט געמוזט אַליין מיטן געלן מיליציאָנער
איינשפּאַנען ליאָנקען די פערד. און מאַטיוכע האָט אויך אַליין אָנ־
געטון דעם פערד דאָס צוימל.

סאַכנאָווסקי האָט נאָך עפּעס אַ געשריי געטאָן פון שוועל, —
מאַטיוכע האָט ניט איינגעהערט און ניט איבערגעפרעגט. אַ צי גע־
טאָן די לייצעס, — דער פערד האָט זיך אַזש אַ קלאַפּ געטאָן מיטן
קאָפּ אין דוהע, און האָט זיך אַ ריס געגעבן מיט אַלע פיר פיס דורכן
אָפענעם טויער אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

XXVII

מאַריע האָט נאָך אַלץ געלעבט באַ דער שוועסטער לוקיר.

נאָך יענער נאַכט האָט זי זיך ניט געקאָנט דערמאָנען אין מי־
כאָנען און דעם, זי זאָל ניט אָנהויבן ציטערן פאַר כאַליידיקונג און
סינע צו אים. און זונטיק אויך, ווען זי איז געגאַנגען מיט דער שווע־
סטער און מיט גיורקען אַהיים, און מיכאָן האָט זי אָנגעיאָגט, האָט
זי נאָר אַ בלישטשע געטאָן מיט די אויגן און ניט אויסגערעדט צו
אים קיין וואָרט. און אין לייענשטיבל דעמאָלט — איין לוקיע ווייסט,
וואָס פאַר אַ געלעכטער און סימכע ס׳איז באַ איר געווען. קיינער
האָט דאָך ניט געזען די סיניקעס אָפן רוקן, אָף די ברוסטן. און איין
לוקיע האָט געזען שפּעטער, ווען זיי זיינען שוין געקומען אַהיים, ווי
מאַריע איז געפאַלן אָפן געלעגער און געוויינט אַזוי, ווי קיינמאָל ניט

פריער, ביז אַפּדערנאַכט. יענעם אָוונט האָבן זיי אַפילע ניט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

לוקיע האָט געטרייסט די שוועסטער. זיי וועלן נאָך לעבן גוט, — האָט זי געזאָגט, — ווּעמען האָבן די מאַגעו ניט געשלאָגן יונגערהייט? און אַרויסגעטריבן אויך, און שפּעטער האָבן זיי כאַראָטע און בעטן נאָך אַליין זיך אומקערן.

מאַריע האָט אַזש אָנגעהויבן קרעכצן.

— אך, לוקיע! ניט דאָס אַרט מיך.

אין שטוב איז געווען פינצטער, און לוקיע האָט ניט געזען דער שוועסטערס פּאָנעם. נאָכן קאָל נאָר האָט זי דערפילט דעם גאַנצן טרויער און צווייפל מאַריעס, און נאָכן קאָל האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז די אויגן זייגען באַ איר פאַרוויינטע און טרויעריקע. מאַריע האָט פאַרבראָכן די הענט און געזאָגט:

— דו באַקלער גאָר, לוקיע, — זיי זייגען געקומען איגייגעם, גלייך ס'איז גאָרגישט געשען. ער האָט געהאַט אַ קוק געגעבן אַף מיר און גלייך אָנגעהויבן קוקן אין אַ זייט. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין גערעדט, האָב איך פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג, און ער זאָל עם כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן. צוליב וועמען זשע בין איך געגאַנגען? צוליב וועמען האָב איך פאַרגעסן אין די סיניקעס און האָב געלאַכט?

לוקיע האָט זי פאַרשטאַנען און זיך אַפילע דערפרייט.

— אָי, ביסטו אַ נאַרעלע, מאַריע, — האָט זי איר ליבלעך אויסגערעדט און געגלעט איבערן קאָפּ, — פאַרוואָס זשע האָסטו מיר פריער ניט געזאָגט, ניט מוידע געווען זיך טייקעף? וואָלסטו אַצינד גאָרניט געוויינט! אַניט האָב איך ניט געזען וואָסערער איז דאַוויד דעמאָלט געווען, אַניט ווייס איך ניט, פאַרוואָס ער איז געווען אַזאַ? וואָס ער איז געקומען מיט טיכאָנען איגייגעם — נו, איז וואָס איז דאָ אַזוינס? ניט נאָר פרויען זייגען כיטרע, מאַנסבילן זייגען אויך כיטרע. אָט וועסטו זען — ס'וועט זיין גוט!

זי האָט לאַנג גערעדט מיט דער שוועסטער, געטרייסט זי. דערציילט איר נאָך אַזוינע פאַלן, וואָס זי האָט געוואוסט. אַפילע דערציילט וועגן איר אייגענעם מאַן, ווען ער האָט נאָך געלעבט. און וועגן דאַווידן: ס'אַן עמעס, ווי קומט טיכאָן צו אים. עפּשער וועט ער

גאָר אינגיכן שטאַרבן. און טאָמער ניט, וועט זי דאַוויד אַזוי אויך נעמען. מע דאַרף נאָר איבערוואַרטן די צייט. וואָרים זיי זײַנען דאָך פּאַרט באַוויירים מיט טיכאָנען און טוען איין זאַך, קאָן ער זיך אַצינד אָפּן ניט אַנטשלים. דערווייל קאָן מען זיך ליב האָבן אינדערשטיל. ער קאָן עפּשער אַהער אַרײַנקומען אַפּדערגאַכט:..

שפּעטער אַביסל האָט לוקיע פּאַרקלערט, צוגעגעבן:

— ווער קאָן וויסן. אַט אַשטייגער טיכאָן — אַ קוק צו טאָן אַף אים, איז האַלעווײַ ער זאָל דערלעבן ביז פרילינג. די שטוב איז דאָך אַ נייע, און אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט. ווען ער זאָל — שטראָף מיך ניט גאָט, פאַר די רייד — שטאַרבן, וואָלט געווען בעסער. נאָר ווער קאָן עס וויסן!

דעם זעלביקן אָפּדערגאַכט נאָך זײַנען זיי געגאַנגען צו אופּיר־קען. אַף די קאָרטן איז אויסגעפאַלן: — „מיטן ערשטן וועג אַ פרייד. סע קלערט וועגן איר אַ מיילעך טרעף, נאָר ער האָט אַ סויגע, אַ מיילעך טשערווע. ער פּאַרקלערט עפּעס שלעכטס. און אָט איז אויסגעפאַלן אַ קייווער". אַפן מיילעך טשערווע האָט אופּירקע אויס־געוואָרפן — „ער איז קראַנק, נאָר, נישקאָשע, ער וועט געזונט ווערן. אַ קאַזיאָנע הויז, אַשטייגער, אַ טורמע איז אויסגעפאַלן מיטן ערשטן וועג. עפּעס אַ שווינדל".

מאַריע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זשעדנע געקוקט אַפן אויסגעטריקנטן צעקנייטשטן פּאָנעם פון דער הונדערטיאָריקער זקיינע, אַף איר אײַנגעפאַלענעם מויל אָן ציין, ווי זי רעדט קוים ארויס די ווערטער. און יעדער וואָרט האָט, ווי אַ פויגל מיטן פליגל, פאַרטשעפּעט איר האַרץ. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל, נאָך בײַ דער דייטשישער מילכאָמע, האָט אופּירקע געוואָרפן לוקיען אַף קאָרטן און געטראָפן, אַז מע וועט האַרגענען איר מאַן, און וועמען האָט זי ניט געטראָפן — אַלעמען. אָט וועגן די פערד: זאָגט מען דאָ אויך, אַז זי האָט געטראָפן. דערומעד האָט דאָס ווייבל זשעדנע געכאַפּט יעדער וואָרט אירס, און יעדער וואָרט איז איר געווען אַזוי אָנגעלייגט און באַדײַטנדיק. און אַלצדינג האָט זי געטראָפן, פונקט ווי זי וואָלט אַרײַנגעקראָכן צו מאַריען אין דער נעשאָמע.

זי האָט געקלערט: — „אַ טורמע? עפּשער וועט מען עפּעס אָפּ־טון מיט דאַווידן?“ זי איז בלייך געוואָרן און דאַן האָט דאָס בלוט פֿאַרפֿלייצט איר געזיכט.

און וועקלע, דער אַלטערס טאָכטער, די אַלמאָנע, די אַמאָליקע שיינקייט, האָט איר גערוימט אַפֿן אויער:

— דו וועסט זיין אַ נאַר, אויב דו וועסט זיך מיט אים ניט צו־נויפֿגיין! דאַוויד איז דאָך אַזאַ שיינער און... פֿון אים וועסטו גלייך האָבן אַ קינד, — האָט זי געלאַכט און שטילערהייט גערעדט אַזוינע אומפֿאַרשעמטע רייד, אַז מאַריע האָט זיך גערויטלט, — איך זע! מיר מעגסטו גלויבן!

און זי האָט נאָך גערעדט, — איינמאָל לעבט מען, און די יוגנט פֿאַרפֿליט גיך, קוקסט זיך ניט אַרום—און דער קאָפּ איז שוין פֿול גראָע האָר, אָט ווי באַ איר, אַשטייגער.

אַך, ווען איר, וועקלען, טרעפֿט זיך אַזאַ גליק אין די יונגע יאָרן! זי וואָלט שוין ניט געקוקט אַף גאָרניט! דו שטייסט מיר אין וועג — פֿאַרנעם זיך! אַניט — וואָלט זי אַ שטופּ געטאָן.

פֿון זייטיקן ביידערל רופֿט זיך אָפּ פֿון אַפּאַראַט כאָמאַ, דער היימלאָזער, וועקלעס „פּרימאַק“ — די פּויערן האָבן אים געגעבן אַ צונעמעניש „גרישקע ראַספּוטין“; ער הערט זיך, ווייזט אויס, אויך צו צו די קאָרטן.

— פֿון אַזאַ מינעם קאָן מען זיך אַף אַלץ ריכטן! ניט אומזיסט פֿאַלט אויס אַ טורמע, קאָרטן נאַרן ניט. נו, ווען מיר שוין מאַריען נאָסענע מאַכן פֿאַרן מיילעך טרעף. מירן שוין אַ הוליע טאָן.

מאַריע איז צעטראָגן און רויט. און לעבן קאָמאָד פֿאַרן שפּיגל, וואו זי קרייזלט זיך די האָר צום אָוונט, באַרימט זיך גיורקע:

— נו, איך וועל זיין ניט איך, אויב איך וועל אים ניט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. סיידן איך ווייס שוין ניט... — און גענומען זינגען אַ ליד, וואָס זי האָט, ווייזט אויס, געבראַכט נאָך פֿון „פּאַלמירע“.

...אַפֿן צווייטן טאָג איז מאַריע ווידער געווען באַ אופּירקען. און אויך נעכטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. יאַקאָוו מיט טיאָגנאַראַדנען זיינען שוין געווען געקומען, און זי איז נאָך אַלץ געזעסן. ווען זי איז געקומען אַהיים, איז שוין לוקיע געשלאָפֿן.

און הײַנט האָט מאַריע ניט געשפּינט און געווען פאַרקלערט און אומרואיק. ס'האָבן זיך בײַ איר אַלץ געריסן די פעדים. מיט לוקיען האָט זי קימאַט גאָרניט ניט גערעדט. לוקיע האָט זיך אַפילע געפּראוווט, נאָר די שוועסטער האָט איר געענטפערט ניט גערן אָדער גאָר ניט צו דער זאַך. זי האָט אַלץ עפּעס איבערגעקלערט און געזוכט דעם עק פון דער שפּוליע.

צו אָוונט צו איז לוקיעס מיידל אַניסקע געקומען פון קלײט — ס'איז ניט געווען קיין קעראָסין, איז זי געגאַנגען קויפן. האָט זי דערציילט, אַז אין קאָאָפּעראַטיוו איז אַסאַך מענטשן. יאַקאָוו האָט געזאָגט, אַז מאַנופאַקטור וועט ווערן טײַערער. זייער פּילקע און דער צווייטער, דער באַוויבטער, האָבן זיך אָנגענומען אַף קאָסטיומען פון דער טײַערסטער סכוירע, און וועקלע האָט אויך אָנגענומען זיך און גיורקען. דאַוויד מיט טיכאָנען זײַנען דאָרט אויך געווען. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ ליגן, ס'וועט ניט ווערן טײַערער. האָט ער זיך געקריגט מיט גנידען. טיכאָן האָט זיך אויך געהאַט אַרײַנגעמישט, האָט זיך יאַקאָוו אַף אים אָנגעלאָזט: „ווער־ווער, נאָר דו שווייג בעסער: פאַרזעצן דאַרף מען דיך — ווי דו האָסט עס צעהאַרגעט דאָס ווײַב. זי ליידט אַצינד צאָרעס אין אַ פרעמדער שטוב. און דו זוכסט שוין מיסטאָמע אַן אַנדערע. אומזיסט־אומגישט צעהאַרגעט דאָס ווײַב. אָט זאָל דאַוויד זאָגן. טאָמער האָט עמיצער אַ לעקעש זיי פאַרשלאָסן“, — ער האָט געזאָגט, אַז מאַריע האָט קלאָמערשט אים אויך, יאַקאָוון, געבעטן צוגויפירן זי מיטן מאַן. נאָר ער האָט אים געגעבן אַן אייצע דערלאַנגען אַף אים אין געריכט און ניט שאַלעם מאַכן.

— און וואָס האָט טיכאָן געזאָגט? — האָט מאַריע געפרעגט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם.

— טיכאָן האָט געשוויגן.

און מאַריע האָט זיך ווידער דערמאָנט, ווי נעכטן באַנאַכט איז יאַקאָוו ערגעץ אַוועקגעלאָפן און געבראַכט צוטראָגן... און סע דאַרף זיך טרעפן אַזוינס, ווי מיט אַ קיוון: אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט טיכאָנען, האָט זי געהאַט אַ יאָנטעווודיק קאַפּטל פונקט פון אַזאַ סכוירע — ראָזאָווע בלימלעך מיט גרינע בלעטלעך אַף אַ גראָען פעלד...

לוקיע האָט נאָך אַ לאַנגן שווייגן געזאָגט:

— אַף דערעמעסן, ביז וואַנען איז דער שיר צו וואַרטן? מע דאַרף אָפּנעמען דעם קאַסטן און נאָכדעם — אָדער אָנגעבן אין גע־ריכט, אָדער כ׳וויים וואוהין.

מאַריע האָט פּלייסיק געצויגן דעם פּאָדעם. אין שטוב איז שוין געווען טונקל. און זי האָט געזאָגט, נים מוירע האָבנדיק, טאָמער וועט מען זען איר פּאָנעם:

— ס׳איז אַלץ פּוסטע זאַכן. דאָס, וואָס מיר האָבן מיט דיר גע־רעדט, לוקיע, אויך. טיכאָנען וועל איך נים פּאַרלאָזן. הייגט גיי איך!

לוקיע מיט דער טאָכטער זייגען געווען איבעראַשט. זיי האָבן נים געפונען וואָס צו זאָגן. ערשט מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָט לוקיע געזאָגט פאַרטראַכט:

— אַוואָדע איז טיכאָן אויך נישקאָשע פון אַ מענטש. האָסט דאָך אָפּגעלעבט מיט אים צוויי יאָר, און אַף די קאָרטן איז אויך אויסגעפאַלן, אַז כאָטש ער איז אַ קראַנקער, נאָר ער וועט געזונט ווערן.

מאַריע איז אופגעשטאַנען פון שפּיגל און גענומען זיך קלייבן אַהיים. נאָר געגאַנגען איז זי שפּעטער, ווען קיינער איז אין שטוב נים געווען.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אַף זיך דער שוועסטערס גרויסע קעסטל־דיקע שאַל, אין פּירהויז גענומען פון קערבל איר קליין קלומעקל, באַהאַלטן עס אונטער דער שאַל און אַרוים אַן אויפגערעגטע. אַפּילע פּאַרגעסן אַ געשריי צו טאָן דער שוועסטער אין שטאַל אַריין, אַז זי גייט אַוועק. לוקיע האָט אַליין דערזען און געפרעגט, וואוהין זי גייט.

— איך גיי שוין! — און זיך נים אומגעקוקט און נים אויסגע־רעדט מער קיין וואָרט.

זי איז געגאַנגען מיט זייטיקע געסלעך הינטער די לעוואַדעס, מענטשן זאָלן זי נים זען און נים לאַכן פון איר, ווי זי גייט נים קיין געררופענע, אַ געשלאָגענע צום מאַן. אַנטקעגן איר שטוב האָט זי פּאַרקערעווועט פון ליקל אין גאָרטן אַריין. דערזען — אין שטוב הייצט זיך. זיך אָפּגעשטעלט און נים געוואוסט, וואָס צו טאָן: אין

שטוב איז, אפגענעם, דא עפעס א פרעמדער מענטש. א ווײלע האט זי זיך געוואקלט און ניט דרייסט אוועק צו דער שטוב.

אין שטוב האט זיך שוין געלויכטן, און דורכן פענצטער זעט מען, ווי ס׳פלאקערט א פייער אין אויוון. קיין מענטשן זעט מען ניט און מע הערט ניט קיין שטימען. די טיר אין פירהויז שטייט אפן אפענע.

מאריע האט שטיל, ווי א שאטן, געגאנוועט זיך לעבן וואנט און אריין אין פירהויז. דאס הארץ האט בא איר אזוי געקלאפט, אז זי האט מיט דער האנט געדריקט די ברוסט. א שטיק צייט האט זי ניט געוואוסט, וואס זאל זי איצטער טאן. דאס שטיקל צייט האט זיך געצויגן לאנג און שווער. סאפקאלסאף האט זי זיך א רים געטאן, אריינגעלייגט דעם קלומעק אין קוישל מיט האבער, וואס איז געשטאנען אין פירהויז, און נאך ארויפגעווארפן די קעסטלדיקע שאל אפן קוישל. דערנאך האט זי אפגעאטעמט, גלייך ווי זי וואלט זיך געדראפעט אף א הויכן בארג, און ניט געגאנגען אף די שפיץ-פינגער, און געעפנט די טיר.

טיכאן האט מיט פארקאטשעטע ארבל געקנעטן עפעס אין מולטער אף דער באנק. ער האט אונטערגעזונגען א לידל. נאר ווי די טיר האט א סקריפע געטאן, איז ער אנטשוויגן געווארן, אויסגעדרייט דעם קאפ און איז געבליבן א פארגליווערטער. מאריע האט א שפאן געטאן פון שוועל און איז ווי פארהריזנעט געווארן אין דער פאדלאגע. א בלייכע האט זי געקוקט מיט די איינגעפאלענע אויגן. דערנאך האט זי נאך א שפאן געטאן, און ליבלעד און ווי מיט א שפאט א זאג געטאן צו טיכאנען:

— אך, דו נעבעכדיקער בעקער מיינער!

טיכאן האט דערפילט אין איר קאל אי אומעט, אי ראכמאנעם אי אביסל אויפגערעגטקייט. און איר פארוימלט פאנעם קוקט אף אים מיט א פיינלעכן שמייכל.

— פון וואנען האסטו זיך גענומען?

ער האט ארויסגענומען די הענט פון טייג. קוקט אף איר א דערפרייטער. א שאד, וואס די הענט זיינען בא אים אין טייג, — ער וואלט זי ארומגענומען, זי, וואס איז אים אזוי ליב, אזוי געווארט אף איר, און דאך אומגעריכט.

— וואָס כאַפּסטו אָפּ אין טשאַוואונדל, — האָט מאַריע געזאָגט און שוין פאַרקאַטשעט די אַרבל. מיטאַמאָל זיך אין עפּעס דערמאָנט, אַראָפּגעשאַרט די אַרבל. זיך אַ דריי געטאָן איבערן שטוב, — דאָס שפּינדל איז נאָך געשטאַנען דאָ, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען. מאַריע האָט זיך ווי דערפרייט מיט דעם, געשווינד צוגעגאַנגען צום שפּינדל, אַ דריי געטאָן די ראָד און מיט ניט קיין שיינעם געמאַכטן געלעכטער אומגעקוקט זיך אַפן מאַן.

— און איך האָב געמיינט, דו האָסט שוין אַרויסגעוואָרפן מיין שפּינדל.

טיכאָנען האָט דערדאָזיקער געלעכטער אַזש אַ הויב געטאָן פון טשאַוואונדל. ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַפן ווייב. ס'טוט אים באַנג, אַניט ווייסט ער ניט, אַז סע גלוסט זיך איר גאָרניט לאַכן. זיי האָבן דאָך נאָך גאָרניט גערעדט, זי מיינט דאָך, אַז ער ווייסט נאָך אַלץ גאָרנישט און קלערט נאָך איצט אויך אַזוי פון איר, און מאַריע האָט שוין אַראָפּגענומען די שפּוליע, געקוקט אַף איר — זי איז ניט דערשפּינט, דערנאָך האָט זי זי האַסטיק אַוועקגעשטעלט באַם פענצטער, פונקט ווי זי וואָלט זיך נאָר וואָס אין עפּעס דערמאָנט:

— יאָ, ביזקל איך גיי נאָך אין די שיך, וועל איך אַראָפּנעמען פון בוידעם אַביסל פלאַקס, — און זי איז שוין אַפן שוועל. טיכאָן שרייט איר נאָך:

— דער לייטער שטייט דאָרט ניט גוט, וועסט נאָך פאַלן; וואַרט, וועל איך צוהאַלטן.

נאָר מאַריע איילט זיך:

— אָט האָסטו דיר! וואָס וועל איך עפּעס פאַלן? דאָס ערשטע מאָל סריד איך? — און פונדעסטוועגן ניט געגאַנגען. האָט געזאָגט, — גיי בעסער, ברענג אַביסל שטרוי, וועל איך איינהייצן, — און געוואַרט, ביז טיכאָן האָט זיך אָנגעטאָן. פון שטוב זיינען זיי אַרוים אינאיינעם.

אַז טיכאָן האָט זיך אומגעקערט, איז מאַריע נאָך ניט געווען אין שטוב.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן לעבן פריפּיטשעק דעם פּאַק שטרוי און אַרויסגעטראָגן אין פירהויז די הרענגלער. זיך צוגעהערט צום בוי=

דעם — מע הערט גאָרניט. דאָ האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט, וואָס פאַר אַ מאָדנע און ניטגעוואוינלעכע איז מאַריע היינט. ס'האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַ שרעקלעכער געדאַנק: „...די שטריק הענגט דאָך נאָך אױפֿן באַלקן, וואו ס'איז געהאנגען די סאלע". ער איז אַפּגיך צוגעגאַנגען צום לייטער און אַ געשריי געטאָן אױפֿן בוי-דעם: — מאַריע!

שטיל. טיכאָן איז געשווינד אַרויף אױפֿן לייטער. און פון בוידעם הערט זיך פּלוצים אַ בייז קאָל, גלייך ניט מאַריעס גאָר:

— נו, וואָס קריכסטו? וואָס שרייסטו? נא, נעם דעם פלאַקס!

טיכאָן האָט שווייגנדיק גענומען די פלאַקס און אַראָפּגעקראָכן. ער האָט שוין כאַראָטע געהאַט: אָט אַ נאַר, וואָס סע קריכט אים אין קאָפּ! נאָר וואָס איז זי עפּעס אַזוי בייז? ער האָט צוגעהאַלטן דעם לייטער ביז זי איז אַראָפּגעקראָכן, און אין שטוב אַנידערגעלייגט דעם פלאַקס אױף דער באַנק. מאַריע האָט דעם פלאַקס גוט באַטראַכט, אַפילע צוגעגאַנגען צום לאָמפּ און אומיסטן געלויבט איגדערהויך, דער מאַן זאָל הערן. נאָר אַלץ עפּעס ניט נאַטירלעך, גלייך זי וואָלט רעדן איינגעכאַזערטע רייד. דערנאָך האָט זי דעם פלאַקס אַריינגע-וואָרפן אין אויוועלע און דעם גאַנצן אָפדערנאַכט וועגן אים ניט דערמאָנט.

זי האָט זיך לאַנג געפּאָרעט מיטן טייג. טיכאָן האָט זיך געהאַט פאַרקנעטן האָלעשקעס. האָט זי זיי דערקנעטן, און פאַראָשטשינעט ברויט אױף מאָרגן. טיכאָן איז געזעסן אױף דער באַנק און ניט אַראָפּ-געלאָזט פון איר קיין אויג. ער האָט איר דערציילט אַלצדינג. זיך מוידע געווען אין זיין שולד און געשוואוירן, ער ט'זי מער קיינמאָל ניט אָנרירן מיט קיין פינגער. ער וועט זיך גיכער די האַנט אָפּהאַקן.

מאַריע האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער באַקדייזשע און ניט גע-קוקט אױף אים.

ער האָט געזאָגט, — ער האָט דען געקאָנט וויסן? ערשט ווען דאוויד איז געקומען, האָט ער זיך פון אים דערוואוסט, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען.

דאָס האָט שוין מאַריען מער פאַרינטערעסירט. זי האָט אַפילע עפּעס אַ פרעג געטאָן. און אַז טיכאָן האָט געענטפערט, האָט זי דערפילט אַ וואַרעמקייט אין ברוסט: „ער האָט גיט אַלץ דערציילט

טיכאָנען, — אַז זי האָט אים געקושט, געטולעט זיך צו אים, האָט ער פאַרשוויגן". און זי האָט זיך דערפרייט ניט פון דעם, וואָס טיכאָן ווייסט עס ניט, נאָר וואָס דאַוויד האָט וועגן דעם פאַרשוויגן. און ווייטער איז כאָטש זי האָט זיך צוגעהערט, נאָר זי האָט שוין גאָרניט געהערט, מאַכמעס זי איז געווען אינגאַנצן אין אַן אַנדער וועלט, וואו ס'איז געווען זי און נאָך עמיצער, און טיכאָן איז דאָרט ניט געווען.

נאָך דער וועטשערע האָט זיך מאַריע אויך ניט געזעצט שפינען. טיכאָן איז נאָך אַרויסגעגאַנגען צום פערד, פאַרשאָטן אים האָבער, און אַריינגעטראָגן אין שטוב די קעסטלדיקע שאַל און שווייגנדיק אַוועקגעלייגט זי אַפן טיש. און די גאַנצע צייט, ביז זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז ער שוין געווען אַן אומעטיקער און שולדיקער־ליבלעכער צו מאַריען. געלייגט האָט ער זיך אויך ניט ד. יסט באַנאַנד מיט איר און לאַנג זי ניט געטשעפעט.

יענע נאַכט האָט זיך מאַריע אָפגעגעבן דעם מאַן אַ פוילע און אומבאַוועגלעכע. און אַז ער האָט שוין פאַרויכערט — און אָנגעהויבן הוסטן און כראַקען אַף דער פאָדלאָגע, האָט זי געקוקט מיט ברייטגעעפנטע אויגן אינדערפינצטער און געקלערט וועגן דער אַלטער אופּערקעס קאָרטן. ס'איז אויסגעפאַלן, אַז ער איז אַ קראַנקער און וועט געזונט ווערן. און טורמע איז אויסגעפאַלן... דאָס האָט זי מער פאַר אַלץ ניט געלאָזט רוען. דאָס אַלץ איז דאָך שוין געווען שפעטער, און פריער איז דאָך אויסגעפאַלן אַף די קאָרטן. און ווען ס'איז אויסגעפאַלן, האָט זי דאָך אַפילע ניט געהאַט אין זינען. און ווי די קאָרטן האָבן געזאָגט, אַזוי איז דאָס. הייסט עס, די קאָרטן זאָגן אַן עמעס. און דאָס איבעריקע: „דאָס האַרץ וועט דיר שטילן אַ מיילעך טרעף", איז געוויס אויך אַן עמעס.

נאָר וואָס איז דאָס מיטן האַרץ, וואָס דראַפעט עס ווי מיט נעגל — ביזן בלוט? און זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געווייגט, פאַרשטיקנדיק דעם געוויין. נאָר דאָס איז שוין ווען טיכאָן איז געשלאָפן, שפעט באַנאַכט, אי דאָס האָט ער זיך, זעט אויס, פון איר געוויין אויפגעכאַפט. מיט דער האַנט האָט ער אַ גלעט געטאָן, ווי אין יענער נאַכט, איר פּאָנעם, וואָס איז נאַס געווען פון טרערן, און זיך אומרואיק אַ הויב געטאָן. איז צוגעשטאַנען צו איר, גע=

פרעגט — וואָס איז מיט איר? אָבער ווי קאָן זי זאָגן? אַניט ווייסט זי? זי האָט נאָר געכליפּעט נאָך שטאַרקער און געגלעט אים דעם קאָפּ מיט דער האַנט, צוגעלייגט זיין האַנט צו אירע אויגן, געטוליעט זיך צו זיין פּאָנעם מיט איר פאַרוויינטן און נאַסן געזיכט.

XXVIII

קאיאָר, אַז טיכאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך מאַריע שוין געפּאָרעט אין שטוב, אָפן טיש האָט געצאַנקט דער לאָמפּ,—נעכטן איז טיכאָן געווען אין קאָאָפּעראַטיוו. נאָר קעראָסין פאַרגעסן צו קויפן.

ס'האָט געשאַריעט. דער אויוון האָט זיך שוין געהייצט, אַף דער באַנק האָט מאַריע געקנעטן דאָס טייג אין באַקדייזשע, און אַף איר פּאָנעם האָבן זיך געמינעט רויטע פלעקן פון אויוון-פלאַם.

מאַריע האָט גלייך דערזען, אַז טיכאָן טראָגט אַ קויטיקע און צעריסענע העמד. פאַראַכטאָגן שאַבעס האָט ער דאָך ניט געביטן דאָס וועש. זי איז אַוועק צום קאַסטן און מיט דער איינער ריינער האַנט לאַנג געזוכט דאָרטן. אַרויסגענומען ריינע העמד און גאַטקעס און אַנידערגעלייגט אַפן קאַסטן.

— טו אָן די העמד, טיכאָן, — האָט זי געזאָגט און טרויעריק אַ קוק געטאָן אַף אים; ווידער גענומען זיך צום טייג. טיכאָן האָט זיך איבערגעטאָן לעבן געלעגער און ניט אַראָפּגעלאָזט פון מאַריען קיין אויג. זיך דערמאָנט אין איר געוויין באַנאַכט: — עפּעס איז זי אַ מאָדנע, זי האָט זיך נאָך מער אויסגעבלייכט און די אויגן זיינען איר נאָך מער איינגעפאַלן. דעם ברויט האָט זי געקנעטן אייליק, גלייך טיכאָן וואָלט זיך געקליבן אין וועג אַריין און אין שטוב איז נימאָ קיין ברויט. אַזוי האָט זיך אַף אַ ווײַלע אויסגעוויזן טיכאָנען, — און אינדערוואָכן געגעבן אָנטאָן אַ ריינע העמד.

לעבן קאָלנער האָט געפעלט אַ קנעפּל. טיכאָן האָט געזאָגט דעם ווייב. זי האָט דאָך אָבער קיין צייט ניט. אָט וועט זי נאָר אַריינזעצן דאָס ברויט אין אויוון.

— נו, נו, וואָס איז דאָס איילעניש, — האָט טיכאָן אַ מאַך

געטאָן מיט דער האַנט, אָנגעטאָן דאָס פּעלצל און אַרויסגעגאַנגען צום פערד.

אינדרויסן האָט גענומען ווערן ליכטיקער. ערגעץ הינטערן קלויס־טער אין יענעם עק־דאָרף האָבן זיך געריסן די הינט; אין דער שטי־לער לופט האָבן זיך געהערט ווייטע און טויבע קוילעס און ס'האָבן זיך אַרויסגעריסן איינצלנע געשרייען. טיכאָן איז צוגעגאַנגען צום טויער און זיך צוגעהערט. איבערן גאַס זייגען געלאָפן פויערן.

— האָסט ניט געהערט, טיכאָן, וואָס איז עס דאָרט?

— כ'ווייס ניט.

און פון יענער זייט גאַס האָט זיך אָפּגערופן קנישס שנור, וואָס האָט אָנגענומען וואַסער פון קרעניצע:

— מיליציע איז דורכגעלאָפן און גייט איבערן דאָרף. מע טרייסלט, אַפּאָנעם, סאַמאָהאָן.

— וואָלט ניט געווען אַזאַ געשריי, — האָט איינער אַ פויער אַ זאָג געטאָן לויפנדיק.

און טיכאָן איז ניט געגאַנגען. אַ נאָווינע. אַ געשריי אין אָבור־כיווקע. מ'האָט מיסטאמע עמיצן באַגאַנוועט אָדער געפּלעט דעם קאָפּ. ביפראַט אַז די מיליציע איז שוין דאָרט, איז אַוואַדע ניטאָ וואָס צו גיין, ער האָט געגעבן עסן דעם פערד און דער קו און אַריין אין שטוב.

מאַריע האָט שוין געהאַט אַריינגעזעצט דאָס ברויט. אַצינד האָט זי גענומען אַ נאָדל און צוגעגאַנגען צום מאַן צונייען אים דאָס קנעפּל. ער האָט צעשפּיליעט דאָס פּעלצל און, אַז זי האָט שוין גע־מאַכט עטלעכע שטאָך מיט דער נאָדל, האָט ער איר געזאָגט:

— עפּעס איז האָרט קוילעס אין דאָרף.

ער האָט דערפילט, אַז לעבן האַלדז האָבן אָנגעהויבן ציטערן מאַ־ריעס הענט, און זי קאָן בעשום אויפן ניט טרעפן מיט דער נאָדל אין קנעפּל און איז בלייך געוואָרן.

— וואו? ווייט? — האָט זי געפרעגט.

— הינטערן קלויסטער. דאָרטן, לעבן קאָאָפּעראַטיוו.

מאַריען האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם. די שוואַרצ־אַפּלען פון די אויגן האָבן זיך פאַרגרעסערט, ווי צוויי גרויסע נאַכט־שאָטן־בלומען. זי האָט זיי טייקעף באַהאַלטן: זיך אָנגעבויגן צום

קאָלנער און לאַנג אָפגעביסן דעם פאָדעם. דערנאָך האָט זי זיך אַ דריי געטאָן. צוגענומען די מולטער, געכאַפט אַ קוק אין אויוון. און דאָרטן געבליבן שטיין. מיכאָן האָט צוגעגרייט ס'עסן פאַרן כאַזערל און אַרויסגעטראָגן דעם צעבער.

דער ליאַרעם האָט זיך איצט געהערט שוין נעענטער. איבערן גאַס פון קלויסטער איז געגאַן אַן אוילעם. מ'האָט עמיצן געשלאָגן און געפירט אַהער, ווייזט אויס, צום דאָרפראַט. און אין יעדער הויף האָט זיך פונם אוילעם אָפגעריסן אַ גרופע פויערן—מ'האָט, אַפאָנעם, געזוכט אין די הויפן.

דער אוילעם איז נעענטער, און די קוילעס הערן זיך בעסער. אײנם געזעמל האָט מיכאָן דערזען יאַקימען אין אַ רויט פעלצל, אָן אַ היטל און אַ צעהאַרגעטן. איבערן פאָנעם האָט אים גערונען בלוט. — פאַרוואָס שלאָגט מען יאַקימען? מיכאָן האָט דערפילט, ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן און אָנגעהויבן ווײ טאָן. עמיצער איז אונטערגעלאָפן פון הינטן און אַ זעץ געטאָן יאַקימען אין קאָפ. יאַקים האָט זיך אַ וואַקל געגעבן, נאָר האָט ניט געקרעכצט. הינטן האָט אין אוילעם געקלאָגט און געבראָכן די הענט די אַלטע קאַרפענטשיכע. דער אַלטער קניש האָט אויך אַ זעץ געגעבן מיט אַ שטעקן. און דער אוילעם האָט געשריען, געטומלט און געטראָגן— געיאָגט פאַר זיך דעם צעהאַרגעטן יאַקימען. די גאַס איז פול, מע ברעכט אַזש די פלויטן.

כאַווײרים! וואָס טוט איר? — האָט מיכאָן פאַרצווייפלט אויס- געשריען און אַרויסגעלאָפן פון טויער. אײנם ליאַרעם איז זיין שטים דערטרונקען געוואָרן. יאַקאָוו גנידע איז צוגעלאָפן אַ פאַרסאַפע- טער צו מיכאָנס הויף און אַ געשריי געטאָן צו די פויערן:

— זאָל עמיצער גיין צו קנישן! האָט קיין פאַריבל ניט, פאַנאַס איוואַנאָוויטש! אויב טרייסלען, איז טרייסלען בײַ אַלעמען, נאָכ- אַנאַנד.

— אָ, איך בעט דיך!

יאַקאָוו איז אײַנגעלאָפן אין הויף אַריין, מיט אים נאָך אַ מאַן צען. ס'האָט זיך פלוצים באַוויזן מאַטיוכע מיטן קודלאַטן היטל אַף דער פאַטעלניצע מיט אַ נאַגאַן אין דער האַנט. אַ רויטער און אויך אַ פאַרסאַפעטער.

— זוכט דאָ אויך! ס'איז דאָך אַלץ גוטע פריינט!

די פויערן זיינען זיך צעלאָפן איבערן הויף: אין סטאַניע, אונטער אַפּראַק צעוואָלגערט די קיזיקעס, — עפּשער איז ווי בא מאַטוזקען באַהאַלטן דאָרטן. געשטאָכן מיט דרענגלעך די סטערטעס שטרוי, די פּאַלאָווע אין קלוניע. טיכאָן איז שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען די פויערן איבערן הויף.

— אָבער וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן אַזוינס?

— דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט מען באַגאַנוועט באַנאַכט. דורכגעבראָכן אַ וואַנט, — האָט שטילערהייט און אומרואיק אַ זאָג געטאָן אַנדרי פּיווענקאָ.

— נו, מ'זעט שוין גלייך. זייער פּאָליטיק: בא יאָקימען האָט מען אין פּאָלאָווע געפונען אַ פּאַק שניט-סכוירע און נאָך עפּעס, ניט אַנדערש, מ'האָט אונטערגעוואָרפן. און בא דאַווידן האָט מען אונטערן אַפּדאַך צווישן די קיזיקעס געפונען פינף פּאָר קאַמאַשן.

— און וואו איז דאַוויד? — האָט טיכאָן אומרואיק געפרעגט.

— דאַוויד איז ניטאָ אינדערהיים.

מ'האָט זיך אומגעקערט פון גאָרטן. גאָרניט געפונען בא קאָזשושנען.

— ווען מ'זאָל אַפילו געפינען, — האָט טיכאָן געזאָגט, — זאָלט איר וויסן זיין, אַז פאַרן הויף טראָג איך ניט קיין אַכראַיעס. עפּשער וועט עמיצער באַנאַכט מיר אַריינשטעלן אין קלוניע אַ געגאַנוועטן פערד. און איך בין ערשט נאָרוואָס אַרויסגעגאַן אין הויף.

און עמיצער פון די פויערן:

— אַוואַדע קאָן מען אונטערוואַרפן, אויב ס'איז פאַראַן סאָנים.

גנידע האָט אויפגעזאָגט:

— קוק נאָר אָן די באַכאַמים. וואָס זשע פאַר אַ שוטע וועט אַריינלייגן געגאַנוועטע זאַכן אין קאַסטן אַריין? — ער ווייסט דאָך, אַז מע וועט זוכן.

אין הויף זיינען אַריין נאָך פויערן. פאַרביי דעם טויער איבערן גאַס זיינען געפלויגן ריימנדיק פילקע מיט קנישם באָכער. מאַטיוכע האָט אַ געשריי געטון:

— אַ שטריק האָט איר מיטגענומען? און גלייך צו דער סטאַניע, וועט איר אים נאָך אָניאָגן!

פון מאַטיוכעס הויף איז נאָך אַרויס געפלויגן אַפן שוואַרצן פערד טיאַגניראַדנאַ. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטן שטריק אין האַנט, אַ שמייס געגעבן דעם אָגער איבער די ריפּן און אַוועק פאַרביי דער שול צו די מילן, גלייך אין סטעפּ אַריין.

די פּויערן זייַנען שוין געגאַנגען צום טויער, האָט זיך מאַטיוכע מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך נאַרוואַס דער־מאָנט:

— אָט נאַראָנים! און אין שטוב?

— אָניט ט'ער באַהאַלטן אין שטוב? — האָט יאַקאָוו געענט־פערט מיט פאַרדראָס. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אומגעקערט, קלאַמערשט אָן כיישעק. די פּויערן האָבן זיך אויך אומגעקערט.

מיכאָן האָט אַלעמען אַרייַנגעלאָזט אין פירהויז. אַליין איז ער ניט אַריין אין שטוב. האָט געזען דורך דער אָפענער טיר, ווי מאַריע האָט געעפנט דעם קאַסטן. יאַקאָוו האָט זיך אַ גראָב געטאָן דאַרטן און, אַז ער האָט שוין אויפגעהערט, האָט ער גייענדיק עפּעס אַ זאָג געגעבן צו מאַריען. און זי שטייט ווי אַ טויטע, דאָס פּאָנעם איז איר געל ווי וואַקס. גנידע איז אַרויס אין פירהויז, און די פּויערן נאָך אים. מ'האָט נאָך געזוכט אין קאַמער און גאָרניט געפונען.

— גו, קריך אַפן בוידעם, — האָט מאַטיוכע במורגע געזאָגט צו פּיוונעקאָן. פּיוונעקאַ איז אַרויפגעקראָכן אַפן לייטער און נאָך אים גנידע. אין פירהויז האָבן אַלע געשוויגן. מע הערט ווי סע הילכן טעמפּ די שטיוול אַפן בוידעם, מבילעס איבער דער שטוב און דאַן איבער דער קאַמער. אַפן שוועל — די טיר איז ברייט געעפנט — האָט זיך מאַריע צוגעשפּאַרט צום ביישטידל און געציטערט ווי אין אַ פיבער. מיכאָן צו איר:

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? זאָלן זיי זוכן!

מאַטיוכע האָט זיך לאַנגווייליק געשפּילט מיטן נאַגאַן, פּלוצים האָט יאַקאָוו מיט פרייד אויסגעשריען פון בוידעם.

— אָי, כעוורע, ס'איז דאָ!

אין פירהויז זייַנען אַלע פאַרשטאַרבן. און יאַקאָוו האָט איבערן לאָך פון בוידעם צעבונדן אַ קלומעק און, האַלטנדיק פאַר איין עק, אַראָפּגעוואָרפן אַ שטיקל ציץ. דער ציץ האָט זיך צעוויקלט און איז געפאַלן אין אַ לאַנגער סטעזשקע ביז דער סאַמע טיר,

אַף אַ גראָזן פעלד ראָזע בלימעלעך מיט גרינע בלעטלעך. טיכאָן איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. געוואָרן בלייך. טעמפּ געקוקט אַף דער סטעזשקע ציץ. געוואָרפן אַ קוק צו דער שטוב־טיר — מאַריע איז שוין ניט געווען אַפן שוועל, אינמיטן שטוב האָט זי זיך צוגעטולעט מיטן קאָפּ צום סטויפּ, וואָס שפּאַרט אונטער די סטעליע. מיט די ברייט־צעעפנטע אויגן קוקט זי אַהער ווי אַ מעשוגענע. און אַז ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַפן ציץ — פאַרוואָס האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אַזוי האָט ער עס ניט פאַרגעסן? — פּונקט אַזאַ סבוירע איז באַ איר געווען אַף אַ קאַפּטל, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, און ער האָט געטעסלערט אַף די כוטערס...

מאַטיוכע האָט הייזעריק אַ זאָג געטאָן:

— בינדט אים!

טיכאָן האָט אַליין פאַרוואָרפן די הענט אַף הינטן און צונויפגעלייגט זיי אונטערן רוקן. — יאָ, אַצינד זאָל מען אים בינדן. ער זאָל דאָס זאָגן אַ וואָרט, אַז ס'איז ניט ער, אָדער עפּעס וואָס, כאָטש־בי צו זייגע: ס'שטייען דאָך דאָ אי פיוונעקאָ, אי האָרדי. קיין וואָרט ניט. גלייך ער וואָלט ניט געווען דערביי. גלאַט אַזוי — ער שטייט אַף די פיס — זיין פעליץ, זיין קאָפּ, נאָר אין קאָפּ איז אַלץ פאַרפלאָנטערט. און קיין בערויגעז און קיין צאָרן. ער האָט אַפילע ניט געפילט, ווי מ'האָט אים שטייף צונויפגעדרייט די הענט, צי ס'טוט וויי, ער האָט געקוקט מיט ברייט־געעפנטע אויגן אין אָפענער טיר פון פירהויז, און וואָס האָט ער געזען? נאָך ווען האָט ער שטיל און מיט אומעט געשאָקלט מיטן קאָפּ?

יאַקאָוו איז אַראָפגעקראָכן פון בוידעם און צענויפגעוויקלט די סבוירע. פאַרוואָרפן מיט שפּאָט און געלעכטער טיכאָנען אַפן אַקסל ווי אַ האַנטעך באַ אַ מעכוטן אַף אַ כאַסענע. אַרויפגעוואָרפן אַפן צווייטן אַקסל, אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז און אַראָפגעלאָזט איין עק איבערן רוקן ביז די פיאַטעס. זיך אָפגעבויגן און צעלאַכט זיך. און דאַן אים אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם.

— אָ דאָס זענט איר אַזוינע בירגער? שטיקן דאַרף מען אייך, הינטישע זין!

— פירט! — האָט מאַטיוכע געזאָגט.

אַלע זיינען אַרויס פון מיר נאָך מיטאָגן. איין יאַקאָוו איז געבליבן דער לעצטער, אַרייַנגעלאָפן אין שטוב און אַ זאָג געטאָן מאַריען:

— ס'איז אַלץ רעכט! זיי רואיק! — און אַ טראַכקע געטאָן מיט דער טיר. גיין, ער האָט זיך ווידער אומגעקערט און פאַרמאַכט אין פירהויז די טיר אין שטוב אַריין: אַזוי מ'זיין זיכערער.

XXIX

לעבן דאָרפראַט איז די גאַנצע גאַס פאַרפלייצט מיט מענטשן, ווי אַף אַ יאַריד. קוילעס, געשרייען. ס'האָט געיאָמערט אַ פרוי, און דער אַלטער קניש האָט פון גאַנעק געהאַלטן אַ רעדע. נאָר אין אַזאַ טומל קאָן מען דען עפּעס הערן? מ'האָט געהערט בלויז אייַנצלנע ווערטער:

— פון אַזוינע מוז מען פּאַטער ווערן! דאָס האָט מען ניט מיך און ניט דיך באַראַבעוועט, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק! די קאָאָפּעראַציע דאָס איז פאָלקס־פאַרמעגן, קלוימערשט פּאַרטייאישע און זעסט, וואָס מע טוט אויף פאַר אַ מייסים... עפּשער האָבן זיי די פערד אויך געגאַנוועט?

פון אוילעם האָט זיך געהערט אַ רעווען:

— ווער זשע דען?

— פאַר וואָסערע גלעלטן האָט עם מאַטוזקע געקויפט אַ פערד?

— פּאַטערן אַזויגע!

נאָר אינם אוילעם איז דאָס בלויז איינצלנע אויסגעשרייען. און דער גאַנצער האַמוין — האָט געטומלט, געהודעט. נאָכן טומל, נאָכן וואָרטשען האָט זיך געפילט, אַז די פויערן זייַנען אויפגערעגט ניט פון קאָס, נאָר פון עפּעס אַנדערש. נאָך די פּענעמער זעט מען עס — זיי זייַנען אָנגעכמורעט, די אויגן קוקן מיט כשאַד, און מ'הערט אַ שעפּטשען: „עפּעס גלויבט זיך ניט, אַז יאַקים און דאַווויד...“ „ס'איז זייער פּאָליטיק, אַגיט זעט מען ניט?“ „איז וואָזשע קוקן מיר?“.

— אַ, מע פירט נאָך איינעם! — האָט קניש אויסגעשריען פון גאַנעק.

פון גאַס האָבן זיך דערנענטערט די פויערן, וואָס האָבן געפירט

טיכאָנעז. ס'האָט זיך געהאַט דערהערט אַ געלעכטער פון גאַנעק, נאָר קיינער האָט אים ניט אונטערגעהאַלטן. דער האַמוין האָט זיך נאָר אַ שאָקל געטאָן און דורכגעלאָזט טיכאָנעז, וואָס איז געווען איינגע־וויקלט אין ציץ, און מאַטיוכעז מיט גניהען נאָך אים.

פון גאַנעק הערן זיך ווידער געשרייען און אַ געלעכטער:

— קוק אים אָן, ווי ער האָט זיך עם פאַרפּוצט, ווי אַף אַ כאַסענע!

— דאָס מויל פאַרשטעקט אים מיטן ציץ!

— אך, דו..., — האָט זיך עמיצער אויסגעשאָלטן און איבער די קעפּ פון די פּויערן איז דורכגעפלויגן אַ ציגל און שווער אַ קלאַפּ געטאָן טיכאָנעז אין אַקסל. משומאַק האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— איר זענט דאָך מענטשן! וואָס טוט איר!

— שווייג!

— וואָס, איר גלויבט טאַקע, אז דאָס זיינען זיי די גאַנאָווים? איך שטעל איין מיין קאָפּ, אויב ס'איז ניט קיין פּראָוואָקאַציע. טי־כאָן וועט גאַנווענען? ער זיפּעט דאָך שוין קוים. פאַרוואָס זשע איז־דעקעוועט איר זיך? אַניט ווייסט איר ניט, וועמעס אַרבעט דאָס איז? מ'האָט אים דעמאָלט ניט דערשלאָגן, וויל מען איצטער...—

און האָרדי האָט ניט דערעדט, ווייל מאַטיוכע האָט אים מיט דער גאַנצער קראַפט אַ זעץ געטאָן מיטן נאַגאַן אין אויער, אז ער איז שיר ניט געפאַלן און האָט אַ קרעכץ געטאָן. גנידע האָט אים אַ זעץ געגעבן מיטן פויסט. אַ פּאָר געזונטע הענט האָבן אים געכאַפּט און אַרויפגעשלעפּט אַף די טרעפּ נאָך טיכאָנען אין דאָרפראַט אריין.

פון הינטן האָט עמיצער נאָך אַ געשריי געטון:

— פאַרוואָס זשע שלאָגט איר האָרדיען?

— ווער איז עס דאָרט? — האָט מאַטיוכע שאַרף און מיט קאָס געקוקט פון גאַנעק אַפן פּאַרקאַן, פונוואַנען דער געשריי איז געגאַנ־גען. דערנאָך איז ער האַסטיק אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און גענו־מען שלאָגן פּיוונעקאָן, און אים אָוועקגעשלעפּט נאָך זיך אין דאָרפ־ראַט אריין.

דער האַמוין איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר בלויז אַף אַ רעגע. ווי־דער אַ טומל, קוילעס. אַ ברויגז־שטימע האָט זיך אַריינגעשניטן איבם גראָען פאַרטאָג, און עמיצער האָט אָנגעהויבן קלאָגן. אַפן גאַ־נעק איז אַרוים מאַטיוכע און מיט אים דער געלער מיליציאָנער אין

רויטן היטל מיט אַ נאַגאַן אין האַנט. שווייגנדיק האָט ער באַקוקט דעם אוילעם, גלייך ער וואָלט עמיצן געזוכט.

די פּויערן זייַנען פאַרשטאַרבן אונטערן שרעקלעכן בליק. מאַטיוכע, זעט מען, איז צופרידן. האָט זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס, אַוועקגעוואָרפן אים אַפן גאַנעק און אַוועק אין שטוב אַריין.

דאָרט האָט מען געשריבן דעם פּראָטאָקאָל.

...ס'איז שוין געווען האַלבער טאָג, און דער אוילעם איז זיך נאָך ניט צעגאַנגען. אייניקע זייַנען אַוועקגעגאַנגען, אַנדערע זייַנען צוגעקומען. די פּויערן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און שטיל געשמועסט. מ'האָט זיי אַרייַנגערופן אין דאָרפראַט. אייניקע פּאַר פאַרבעטענע אייַדעס, אַנדערע אַפן פאַרהער. די פרויען האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ, דערמאָנט גאָטס נאָמען, געטרייסט די אַלטע קאַרפּענטשיכע, משומאַטשיכע און פּיוונענקאָס יונגע שנור. די אַלטע קאַרפּינטשיכע האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן. זי האָט שוין געהאַלטן אַ קלומעקל אין האַנט—מעט דאָך זיי באַלד טרייבן אין ראַיאָן. און אין דאָרפראַט האָט מען זי ניט אַרייַנגעלאָזט, ניט געוואָלט אַפילע איבערגעבן דעם זון אַ ברויט און אַ רייַנע העמד. ס'האָבן דאָ אויך אַרומגעיאָגט קינדער. איבערן הויף, אייגער איז אַפילע אַרויפגעקראָכן אַפן פּאַרקאַן, געקוקט אין פענצטער און אַלע מאָל דערציילט די באַווײַרים, וואָס ער זעט דאָרט.

— אָי, ער, שלאָגט אַנדריי פּיוונענקאָן!

— וואָס רעדסטו?

— אַף מיין וואָרט, אָי, שלאָגט מען! גלייך איבערן קאָפּ מיטן נאַגאַן!

דער אוילעם רוישט. פון דאָרפראַט רייסן זיך אַרויס פאַרטויבטע קוילעס און קרעכצן. עמיצער האָט דערציילט, ווי מ'האָט אין אַן אַנדער דאָרף אויך אַזוי באַגאַנגען דעם קאָאָפּעראַטיוו... מ'האָט געשמועסט וועגן דעם, אַז זונטיק קומט צופאָרן דער אַוטאָקעפּאַלישער גאַלעך... מ'האָט אַסאַך געדרויכערט און אומגעדולדיק געקוקט אַפן גאַס לעבן קלויסטער. קניש האָט היציק געטייַנעט, אַז די אַלע נייע גאַלאָכים, דאָס איז נאָר „אויסגעלאָזנקייט“, מאַכמעס זיי רייסן נאָר אונטער דעם גלויבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דער גאַס.

— עפּעס לאַנג זײַנען זײ ניטאָ. מע זעט נאָך דאָרטן גאָרנישט?
— ניין.

צווישן די פּרויען האָט געיאָמערט די טשומאַטשיכע. און די אַלטע קאַרפּענטשיכע איז צוגעגאַנגען מיטן קלײנעם קלומעקל צום גאַנעק, זיך אויפגעהויבן אַף די טרעפּ אַזוי שווער, גלײַך ס'איז דאָ געווען ניט זיבן, נאָר זיבעציק טרעפּלעך.

פּוגויבן שרײַט צו איר גנידע:

— גײ אַוועק, איך זאָג דיר, מע טאָר ניט.

פון דאָרפּלאַץ האָט מען אויסגערופן עפּעס אַ נאָמען, גנידע האָט הויך אַ רוף געטאָן. און ווידער קוקט ער אויפמערקזאַם אַפן אוילעם פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען: ער היט, כאַפּט יעדער וואָרט, יעדע באַוועגונג און קלערט: „אַנו, ווער נאָך?“ און אונטער זײַן קוק, טאָמער כאַפּט אים עמיצער אַף זיך, ווערט ער גלײַך אַנטשוויגן און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דר'ערד.

פּלוצים האָט עמיצער אויסגעשריען לעבן פּאַרקן:

— מע פירט!

דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום גאַס. ניין, מע זעט נאָך ניט. נאָר, ווײַזט אויס, מע פירט טאַקע, ווײַל פון קלויסטער זײַנען געלאָפן קינדער מיט אַ געשריי. פון הינטער דער שול איז פּלוצים אַרויסגעפלויגן רײַטנדיק אַף אַ שוואַרצן, גײַן, אַף אַ גניאַדן פערד, נאָר אײַנגאַנצן אַ נאַסן און באַדעקטן מיט שוים, פּילקע. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען לעבן גאַנעק און אַרופגעלאָפן שטאַרק פאַרסאַפּעט אַף די טרעפּ אין דאָרפּראַט.

דער אוילעם האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, און מיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעריסן, ווי אַ זיפץ פון איין ברוסט:

— מע פירט!

פון הינטער דער שול האָבן זיך באַוויזן צוויי רײַטערס און צווישן זיי, אַביסל פון פאָרנט, אײנער צופוס. זײ זײַנען שטיל געפאָרן איבער דער גאַס. אַרום איז אַזאַ שטילקייט, אַז סע הערט זיך, ווי לעבן פאַרקן האָבן אַ טרישטשע געטאָן עמיצנס פאַרבראָכענע הענט און אַ שטילער אויסגעשריי — „אײ, אַ צאָרע!“ אָט זײַנען זײ שוין געענטער, אַנטקעגן קנישס טויער, — דער אוילעם האָט אַזש אַ כליפּע געטאָן, ווי פון איין ברוסט: דאַווידן קאָן מען ניט דערקענען—

ער איז אָן אַ היטל, דאָס פּנים איז אינגאַנצן פֿאַרגאָסן מיט בלוט, און די האָר האָבן זיך צונויפֿגעקלעפּט פֿון בלוט. דער שינעל אויף אים איז צעריסן און אויך אין בלוט און אין ערד. די הענט פֿאַרבונדן פֿון הינטן, און דער עק פֿון שטריק איז אָנגעטאָן מאַטיוכעס שוואַרצן פֿערד אויפֿן האַלדז. מע זעט, מע האָט אים געשלעפּט איבערן פֿעלד און געיאָגט איבערן פֿאַרפֿרוירענעם אַקער, ווייל די שטיוול זיינען צעריסן, און פֿון זיי סטאַרטשען אַרויס ניט קיין פֿינגער, נאָר שטיקלעך רויט פֿלייש.

— שטיי! — האָט טיאַגניראַדנאַ אַ שלעפּ געטאָן דעם שטריק.

דאַוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט און געבליבן שטיין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אין דאָרפֿראַט האָט מען אים ניט געפֿירט, און טיאַגניראַדנאַ איז אַפֿילע ניט אַראָפּגעקראָכן פֿון פֿערד. קנישענקאָ איז אַראָפּגעשפּרונגען און צוגעלאָפֿן צום גאַנעק, נאָר אַנטקעגן זיינען שוין אַרויס אַלע פֿון דאָרפֿראַט: מאַטיוכע, צוויי מיליציאָנערן, גנידע און נאָך פּויערן.

— אַ, דו ביסט שוין דאָ! וואָס, ס'האָט דיר ניט אָפּגעראָטן צו אַנטלויפֿן? — האָט זיך צו אים אויסגעשטשירעט מאַטיוכע מיט אומגעהויערער בייזקייט, אַ שיקערער פֿון ניצאָכן. — און דו ביסט אַ פֿלינקער: אָנגעיאָגט, ווייזט אויס, ערשט נאָך דער האַניוועקער עקאָנאָמיע.

— יאָ, טייקעף נאָך דער עקאָנאָמיע, — האָט טיאַגניראַדנאַ געזאָגט.

— איר האָט אים באַזוכט?

— באַזוכט, אָט געפֿונען, — פֿילקע האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע און דערלאַנגט עטלעכע פּאַפּירן. מאַטיוכע האָט זיי איבערגעגעבן דעם געלן מיליציאָנער.

— נו, פֿירט אים, דאָרט וועט זיך די מאַכט פֿאַנאַנדערקלייבן! זיי זאָלן דאָ ניט אויפֿרייצן דעם אוילעם, און דו, דאַוויד, זאָלסט ניט פֿאַרפֿלעקן די פּאַרטיי.

דאַוויד האָט שוין ניט אויסגעהאַלטן, — אויפֿגעהויבן דאָס צעגערעקטע פֿאַרבלוטיקטע פּנים און פֿינטל געטאָן מיט די אויגן:

— אַך, דו פּאָדלעץ איינער!

מאַטיוכע האָט אויפגעפלאַקערט און אַ שטאַרקן זעץ געגעבן דאַווידן אין פּנים. אַ פּרוי האָט אַן אויקע געטאָן.

— אַצינד מעגסטו שלאָגן. איך בין דאָך געבונדן! — האָט דאַוויד מיד געזאָגט. און אין די אויערן האָט אים אַ קלונג געטאָן אַ נאָמען. עמיצער האָט געזאָגט: „דאָס איז דאָך זינקע“. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

פון דאָרפראַט האָט מען אַרויסגעפירט די איבעריקע אַרעסטירטע: יאַקימען און טיכאָנען, אויך געבונדענע און צעגערעקטע, האָרדי משומאַקן, דעם אַלטן מאַטוזקען און נאָך אַ מאַן פינף.

דאַוויד האָט זיך ניט געוואונדערט, מאַכמעס אונטערוועגס נאָך פון שמועס האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען און געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך. נאָר די ליפּן האָבן זיך בײַ אים שמערצלעך אויסגעקרימט.

דעם אַלטן מאַטוזקען האָט מען גלייך אָפּגעלאָזט. מ'האָט אים גענומען אויך נאָר אַלס אַן אָרעמס פאַרן זון. און אַלע איבעריקע האָט מען אַרויסגעפירט אַף דער גאַס, אויסגעשטעלט צו צוויי. אַרומגערינגלט האָבן זיי אַף די פערד רייטנדיק די מיליציאָנערן, טיאַגניראַדנאַ און יאַקאָוו גנידע. אַלע מיט נאַגאַנען אין די הענט. און מ'איז אַוועק מיט דער גאַס.

האָט זיך דאָ אויפגעהויבן אַ געוויין, און אַ גרויסער טרויער איז געפאַלן אַף די הערצער פון די געשלאָגענע פויערן. ערגעץ, דאַכט זיך, העט ווייט, שרייט מאַטיוכע — „צעגייט זיך!“, האָט אַפילע אויסגעשאָסן אין דער לופטן. און אַפן האַרצן איז געפאַלן דער פרויען־געוויין ווי אַ שאַרפער מעסער.

אַזוי ביז הינטערן דאָרף און נאָך אַביסל מיטן סטעפּ. דער געלער מיליציאָנער האָט זיך אויסגעקערעוועט אַפן פערד צום אוילעם און געפאָכעט מיטן נאַגאַן:

— צעגייט זיך, הייס איך! אַניט שיס איך, — און צוויי מאָל אויסגעשאָסן.

דערנאָך — דער געוויין און יאָמער איז שוין ווייטער, ווייטער... און ס'איז שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט פון סטעפּישע רוימען האָט דאַווידן אַרומגעכאַפּט אַזאַ בענקשאַפט. און, ווייזט אויס, אַלעמען, וואָרים מ'איז געגאַנגען פאַרמאָרעשטשירעטע און שווייגנדיקע.

646—16*

ערשט לעבן די קוסטן האָט יאַקים געזאָגט — ער איז געגאַנגען אין איין פּאָר מיט דאַווידן:

— זיי וועלן אונדז האַרגענען, הינטישע זין. דאָרטן, אַז זיי וועלן אַרויספירן פון שטשערבאַגיוווקע, אין די קוסטן. ס'איז דען באַ זיי דאָס ערשטע מאָל?

דאַוויד:

— יאָ, — און איז געגאַנגען שווייגנדיק. דערנאָך האָט ער אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אַפן רייטער באַ דער זייט און, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון אים קיין אויג, שטיל געזאָגט צו יאַקימען:

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! סיידן מע וועט אונדז פירן ניט אַלע מיטאַמאָל, אָדער געבונדענע:.. איכ'ל דעם געלן, טיכאָן — אָן יענעם, און דו — דעם דריטן, וואָס וועט זיין. מער ווי דריי וועט ניט זיין. גלייך ווי סט'דערהערן „לייג זיך“... איכ'ל אַ געשריי טאָן. געב איבער טיכאָנען.

אַזוי גייענדיק האָט זיך דאַווידן נאָך איינגעגעבן איבערצוגעבן טשומאַקן, אַז די בריוו יענע און נאָך אַ פּאָר פּאַפּירלעך האָט ער באַוויזן אַרויסצוואַרפן. ער האָט זיי באַהאַלטן אונטער אַ שטיק ערד אַפן פעלד. אך, ווען מע געפינט זיי! עפּשער זינקע? — דאָרט טייקעף נאָכן כוטער, אין אַ בייט אַפן ערשטן פעלד.

...קיין שטשערבאַגיוווקע האָט מען זיי געבראַכט שוין פאַרנאַכטלעך, נאָך איידער די זון איז פאַרגאַנגען.

אַפן וויגאָן האָבן די ווינטמילן געפאָכעט מיט די פליגלען; מענטשן קוקן אַף זיי פון דאָרטן. און אַלצדינג איז אַזוי געוואוינלעך. גלייך ס'האָט זיך איצערגעץ גאָרניט פאַרלאָפן. ס'איז זיי דאָרט מיטאַמע ציקאַווע. ווער איז עס? און עמיצער וועט נאָך עפּשער אַ זאָג טאָן: „מ'האָט באַגאַנוועט דעם קאָאָפּעראַטיוו אין אָבוכיוווקע“,—און וועט אויסשפּייען. און זיי וועט מען באַנאַכט, אָדער מאָרגן — אָט דאָ אין די קוסטן... טיאָגניראַהנאַ האָט דאָך אים געוואָלט האַרגענען נאָך בעאיים זיי האָבן אים געטריבן איינעם, נאָר פילקע האָט ניט דערלאָזט: „זאָל זיין, ער'ט נאָך עפּשער צונוץ קומען. שוין ניט לאַנג — נאָר ביז די קוסטן“.

אין מיליציע אריין, אינם כארעוון מאיאנטעק אין עק=דארף זיינען זיי געגאנגען ניט מיט דער גאס און ניט מיטן מארק, נאר פארביי די ברויט=שפייכלערס. אף איין שפייכלער האט זיך נאך דאווידן געווארפן אין די אויגן אן אופגעקלעפטע אפישע. היינט וועט מען שטעלן „די כמארע“. און אז זיי האבן שוין פארקירעוועט אין הויף אריין, האט זיך גלייך אנטקעגן, צווישן די כורוועס געזעצט די זון אין רויטע פלאמען, און אינדערהוויט, אף יענער זייט מאל זעט זיך אפן רויטן פאן פון הימל די האניוועקער עקאנאמיע, און דערנעבן שטעקט פון דער ערד, ווי א פינגער, דער קוימען פון ציהעלניע.

אף דאווידן האבן א פלייץ געטאן זיכרוינעס פון פארשייטן גרינעם קארן, פון שטערנדיקע זומער=נעכט, ווי אזוי מ'האט אים דעמאלט געפירט צו דער ציהעלניע, שוין געהאט צוגעפירט צו די ליים=גריבער. און פונדעסטוועגן איז ער דעמאלט אנטלאפן.

דאוויד האט זשעדנע אריינגעצויגן די לופט אין זיך: ס'האט איצטער אויך געשמעקט מיט פארגעלטע בלעטער און מיט אלטע ציגל פון די כורוועס. עך, וואס ער האט געקלערט אין די כורוועס אופ־צוביען! מיילע, וועט שוין זיין אן אים...

— שטיי!

פון פליגל איז ארוים דער מיליציע=נאטשאלניק און אויפמערקזאם באטראכט די ארעסטירטע. די רייטערס זייגען אראפ פון די פערד. דער געלער — די האנט באם דאשעק, און רעדט עפעס צום נאטשאלניק. דער נאטשאלניק האט אים שווייגנדיק, אויפמערקזאם אויסגעהערט און נאר א זאג געטאן — „גוט“. דערנאך האט מען זיי צעמאסטעט: אלעמען — אין ארעסט=הויז, נאר דאווידן האט דער געלער גענומען פאר א האנט און אוועקגעפירט צום פליגל. דארט איז אונטערן סאד א געמויערטער קעלער. ער האט געעפנט די שווערע טיר, וואס איז באשלאגן מיט בלעך. און דעם געבונדענעם א שטופ געטאן פון דער הויך איבער די טרעפ אין דער שווארצער גרוב אריין.

XXX

די זעלביקע נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿאַרהערן. פֿון קעלער האָט דאַוויד געהערט: ער איז געזעסן אויפֿן אויבערשטן טרעפּל לעבן טיר און זיך זשעדנע צוגעהערט, וואָס ס'טוט זיך האַרט אין הויף. ס'פּילט זיך, אַז ס'איז שוין נאַכט, ווייל ס'איז שטיל און אין דער אומטיקער ווייטקייט הערט זיך דער פֿאַרדומפּטער גערויש פֿון דאָרף. אַזוי רוישט דאָס דאָרף אין אַ האַרבסטיקן שטערנדיקן אָוונט, ווען מע ציגדט אָן פֿייער אין די הייזער. אין הויף איז שטיל. ער האָט דערהערט, ווי ס'האָט אַ טראַכקע געטאָן דער שלאָס לעבן אַרעסט־הויז, מע פֿירט איבערן הויף, לעבן פֿליגל שנייצט מען די נעזער, סע טופּען פֿיס אויפֿן גאַנעק. דערנאָך האָט זיך מיט אַ סקריפּ פֿאַרמאַכט די טיר און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. אין קלויסטער האָט געקלונגען דער גלאָק, ווייזט אויס, צו דער אָוונט־טפֿילע.

עפּשער האָט עס געדויערט לאַנג, און עפּשער, פֿאַרקערט, גאָר ניט לאַנג. מע קאָן דען וויסן, ווי גיך סע שווימט די נאַכט, ווען דו ליגסט אַזוי אין קעלער אַ צענערעקטער, אַ צעבלוטיקטער, און די פֿיס — שטיקלעך רויט פֿלייש, מיט ערד, מיט זאַמד אין די וואונדן, ברענען ווי פֿייער. ווען ערגעץ ווייט דער גלאָק — באָ־ו, באָ־ו... ווי פֿון טיף פֿון דוירעס, און שטיל זינגען ערגעץ ווייט מיידלעך... און אין די זיכרוינעס — דריי האַרבסטן אין הער עקאָנאָמיע פֿאַר אַ שמייסער... וויפֿל אָפּדערנאַכטן האָט ער געהערט די בושעל־ליד פֿון די געפּאַנגענע עסטרייכער: קרו, קרו... דערנאָך די קלינגערייען אין קוזניע, גרינע קאָרנס און שטערנדיקע נעכט — וויפֿל האָט ער געבלאָנקעט אַזוינע נעכט מיט יונגטלעכן ברען, ביז העכער דעם גאַרטל אין די גרינע קאָרנס! און ערגעץ־וואו, דעמאָלט טאַקע אַף אַ מעזשע... „אַ!“ זי איז צוגעגאַנגען און שטיל געלייגט די הענט אַף דאַווידס צענערעקטן קאָפּ — דער ווייטעק אין קאָפּ האָט זיך צו־בּיסלעך געשטילט. פֿון דער פֿינסטער האָבן געקוקט אירע גרויסע און קלאָרע אויגן, און דורך זיי — אַף ווייטע רוימען ניט קלאָרע קאָנטורן פֿון פֿאַרביקע פֿלעקן, ווי אַף אַ לייוונט פֿון אַ מאָלער — אַ פֿוטוריסט... און אין וואַלד אין גרינעם רוישט, און אין די פֿאַרשייטע סטעפּעס, אַז ער איז געפֿלויגן מיט בודיאָנען!... „אַ!“ און ער איז

שוין ווידער געלעגן אין קעלער אַ צענערעקטער מיט בלוט פֿאַרגאָסענער, איינער אַליין, וואָס פֿאַר אַן אומגעהויערער מעהאַלעד: פֿון אַ יִנגל אַ שמייסער אין עקאָנאָמיע ביזן קעלער אין ראַיִמיליציע!— און די מיידלעך האָבן נאָך אַפֿילע די ליד ניט דערזונגען — שטיל קלאָגן זייערע שטימען אין דאָרף, און ערגעץ ווייט דער גלאָק — באָ=ו, באָ=ו... אַך, מע קאָן דען וויסן ווי גיך סע שווימט אַזאַ נאַכט!

עפּשער גייען זיי אַזוי אַ כאָפּטע צום לייענשטיבל מיט אַ ליד. ס'איז דאָרט פֿול מענטשן. דאָס גלעקל קלינגט הויך, און הינטערן פֿאָרהאַנג דאָס יונגוואַרג אין גרים: מע איילט זיך, מע האַוועט. און אין קאָרידאָר רויכערן די פּויערן, שפּייען און רעדן עפּשער פֿון זיי, די וואָס מ'האָט געבראַכט אַקאָרשט אין ראַיאָן, וואָס האָבן אין אָבוכיוּוקע באַגאַנוועט דעם קאָאָפּעראַטיוו, און עמיצער טוט עפּשער אַ זאָג: „אַזאַ איינעם וואָלט איך געהאַרגעט אַפֿן אָרט!“. און שפּייט אויס.

די טיר האָט ווידער אַ סקריפּע געטון. אַפֿן גאַנעק האָט מען געטופּעט מיט די שטיוול, עמיצער האָט געקרעכצט. דערנאָך האָט אַ טראַכקע געטאָן די פֿרענטע אין אַרעסט־הייזל, און ווידער איז שטיל געוואָרן. ער האָט דערהערט טריט צום קעלער. מ'האָט געקלונגען מיט די שליסלען, און נאָכן סאַפּען האָט דאַוויד דערקאָנט — ס'איז דער געלער.

— גיי אַרויס!

אַך, וואָס פֿאַר אַ בלויער און שטערנדיקער הימל! און דער גערוד פֿון ציגל=כורוועס, פֿון געלע בלעטער האָט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ ווי האָפֿן. דאַוויד האָט זיך אויפֿגעהויבן און זשעדנע איינגעזאַפּט די לופֿט מיט דער גאַנצער ברוסט. און דער געלער האָט אים גענומען פֿאַר די געבונדענע הענט און געפֿירט צום פֿליגעל.

אין קאַנצעלאַריע האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ. דער צימער איז באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן: לענין, דזערזשינסקי... פֿאַרן שרייבטיש, וואָס איז פֿאַרשפּרייט מיט רויטן געוואַנט, איז געזעסן סאַבאַנאָווסקי אין אַ היטל און אַ צעשפּילעטן פֿרענטש. אַפֿן טיש איז געלעגן אַ נאַגאַן, ס'איז געשטאַנען אַ שרייב=געצייג, ס'זיינען צעוואָרפֿן פּאַפּירן. באַנאַנד, לעבן דער הרובע, אין אַ פֿאַטעל איז געזעסן טיאַנ=

ניראַדנאָ אין היטל און סוויטע: ער האָט געריווערט אַ פּאַפּיראָס און דורכן רויך אויפמערקזאַם געקוקט אויף דאַווידן.

— צעבינדט אים די הענט! — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט.

דער געלער האָט זיך לאַנג געבאַבעט מיט די הענט, ניט געקאָנט בעשום אויפן צעבינדן, ווייל די הענט זיינען אָנגעשוואָלן, און די שטריק האָט זיך טיף איינגעגעסן אין לייב אַריין. טיאַגניראַדנאַ האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען פון כאָלעווע אַ פינישן מעסער און צעשניטן די שטריק. דאַוויד האָט אַזש אַ זיפץ געטאָן און אויפגעציטערט, אַזוי האָבן וויי געטאָן די הענט און אַקסלען, וואָס דעם גאַנצן טאָג האָט ער זיי ניט געפילט שוין. דער נאַטשאַלניק האָט אים געבעטן זיך זעצן אויפן בענקל אַנטקעגן אים און פאַרויכערן — האָט צוגערוקט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. דאַוויד האָט זיך געזעצט, נאָר קיין פּאַפּיראָס האָט ער ניט גענומען. כאָטש ס'האָט זיך אים זייער געגלוסט רויכערן, סאַכנאָווסקי האָט אַביסל צוגערוקט צו זיך דעם נאַגאַן און שווייגנדיק לאַנג געקוקט אויפן אַרעסטירטן.

אַ ווײַלע האָט זיך דאַווידן געדאַכט, אַז דאָס פּאָנעם סאַכנאָווסקיס האָט זיך פאַרקרימט פאַר ווייטיק, און די אויגן זיינען קוקן פאַרמאַטערט. אָט האָט ער גענומען דאָס הענטל, איינגעטונקען אין טינטער און אָנגעהויבן פרעגן און פאַרשרייבן: נאָמען, יאָרן, סאָציאַלער שטאַנד, פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט. דאַוויד האָט טרוקן געענטפערט, און אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ פּאַרטייאישער, האָט סאַכנאָווסקי קוים מערקלעך אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז פון די פּאַפּירן זעט מען עס ניט.

— וואו איז אייער פּאַרטבילעט?

דאַוויד האָט געזאָגט וואו.

ער האָט אַ ריר געטאָן מיט די ברעמען, אַזוי ווי מיט פאַרדראָס, און דאַוויד האָט געזען — ער האָט אָנגעשריבן אין דער גראַפע — „ניטאָ“. דערנאָך האָט ער נאָך עפּעס אַ פרעג געטון: און פּלוצים אַוועקגעלייגט דאָס הענטל און פאַרצויגן זיך מיטן פּאַפּיראָס.

— אָט וואָס, — האָט ער געזאָגט, — כאַווער קאָמוניסט מאָטוזקע. מיר זיינען מיט אייך ניט קיין קינדער, און דאָ זיינען אַלץ אייגענע מענטשן. מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שפּילן אין באַהעלטערלעך.

אָט דאָס שרייבט ער דעם אַקט מיקויעך דער געניִיווע אין קאָאָפּעראַטיוו. ער וועט מיט אים ניט מאַכן קיין לאַנגע שיעס, ווי מיט קאַרפּענקאָ אָדער קאָזשושגין, דאָס איז פון יענע דאַרף ער, זיי זאָלן זיך „מוידע זיין". אויף די ווערטער האָט ער אָפּגנטלעך געשטעלט דעם טראָפּ און ציניש געשמייכלט. ווייל זיי דאַרפן גיין אין אַ ווייטן וועג און זייער איניען דאַרף מען איבערגעבן דעם געריכט-פאָרשער, און זיין איניען, מאַטוזקעס, וועט בעמיילע אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגעשטעלט ווערן. ער האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, נאָר עפּעס קרום און מיד.

— איז אָט שרייבט אונטער דעם אַקט, כאַווער, און זאָל זיין אַן עק מיט דעם. און מיר האָבן אַן אַנדער טעמע פאַרן שמועס, אַ מער אינטערעסאַנטע.

ער האָט דערלאַנגט דאַווידן דעם בויגן און אַ וואָרף געטאָן לעבן אים דאָס הענטל. דאַוויד האָט איבערגעלייענט — אונטער אַלע יעדיעם וועגן אים איז געווען קורץ אָנגעשריבן מיט אַ קרומען קסאַוו: „וועגן איניען מיקויעך דער געניִיווע אין קאָאָפּעראַטיוו זאָג איך זיך אָפּ צו געבן ווייזוגנגען". דאַוויד האָט צוגעשריבן: „כ'ווייס גאָרניט" — און זיין אונטערשריפט. סאַכנאָווסקי האָט איבערגעלייענט.

— דאָס איז אומזיסט. צי „איך זאָג זיך אָפּ", צי „איך ווייס גאָרניט". ס'איז קיין שום כילעק ניט. און אויב יענע צוויי וועלן זאָגן, אַז איר זענט געווען אינדרייען, וועט מען זיי גיכער גלויבן. — ער האָט נאַכלעסיק אַ וואָרף געטאָן דעם בויגן אויפן טיש.

אָט וואָס זיי ווילן שמועסן. נאָר זאָל דער כאַווער מאַטוזקע ניט קוקן אַזוי, גלייך ס'וואָלט געזעסן פאַר אים עפּעס אַ ווילדע כאַיע. פאַרקערט, ער פילט זיך היינט זייער מאָהנע. און ער וועט זיין אויפריכטיק און אָפנהערציק ביז לעצטן פּראַט. בעמיילע זעען זיי זיך דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל. דאָס אַלץ, דער קאָאָפּעראַטיוו אויך, איז אַ טונקל געשעפט, נאָר פאַרבלענדן די אויגן. נאָר מיקויעך דעם האָבן זיי שוין אָפּגערעדט, אַז ס'איז געענדיקט. די מייסע איז אָבער אָט-וואָס. — איינמאָל, זאָל מאַטוזקע וויסן, אַז אַלע זיינע קאָרעספּאָנדענצן, אַכוץ דער ערשטער, ליגן בײַ אים אין קעשענע. יאָ, יאָ, — זאָל ער ניט קוקן מיט אַזאַ אומטרוי. אין דער

ערשטער האָט ער געשריבן וועגן מאַטיווכעס שלעגעריי און וועגן דער אַרבעטערן, וואָס ער האָט געוואָלט אין קלוניע... און אין דער צווייטער — מיקויעד קושנירענקאָם בריוו. ער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן?

דאוויד האָט זיך אַפילו אָפּגעוואָרפן אָפן בענקל און געקוקט אויפמערקזאַם אַפן נאַטשאַלניק. און יענער האָט געמאַכט אַ האַפּסאָקע און ווידער געזאָגט:

— איז אַט וועגן דער בריוו. וואו איז זי? גיב זי אָפּ!

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעבויגן איבערן טיש און גערעדט שוין גאָר שטיל:

— אַלציינס, כ'וועל דיר זאָגן אין די אויגן, און דו ווייסט עס אַליין, דיך וועלן מיר סיי־ווי־סיי הארגענען. וואָרים די לאַגע איז אַזאַ: — אָדער דו, אָדער איך.

די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגעצונדן און געוואָרן גרויסע און קיילעכדיקע, די דינע נאָזלעכלעך האָבן נערוועאיש געציטערט, די אויבערשטע ליפּ האָט זיך אַרויפגעשאַרט, און פון אונטער זיי גלאַנצן די ווייסע ציין.

— און וועסט אָפּגעבן, וועל איך דיך די נאַכט צעשיסן. אַליין, און וואוהין דו וועסט הייסן. מיט איין שאָס, וועסט אַפילו קיין ציטער נישט טאָן.

אַ צערודערטער האָט ער פאַרויכערט און אָפּגעליינט זיך אין פאָטעל. דאוויד האָט געקוקט אָפן נאַטשאַלניק און ווידער איז יענעמס פּאָנעם (אָדער ס'האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן) אַזאַ פאַרמאַטערטס, די אויגן זיינען שוין פאַרלאָשן. דאוויד האָט געזאָגט:

— די בריוו וועל איך ניט אָפּגעבן, מ'האָט דאָך מיך באַזוכט. ניטאָ זי בא מיר.

— דו האָסט זי עמיצן אָפּגעגעבן. זאָג.

— ניין.

— זאָגסט אַ ליגן!

עמיצער האָט דריימאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר, סאַכנאָווסקי האָט אַ געשריי געטון: „אַריין". ס'איז אַריין אַ שוואַרצער מיליציאָנער און אַוועקגעלייגט אָפן טיש צוויי רויטינקע בילעטן און דעם אויסגאַב. סאַכנאָווסקי האָט געפרעגט, צי ס'הויבט זיך נאָך ניט אָן.

— ניין, מע גרימירט זיך ערשט. מ'האָט נאָך אַפילע ניט געקלונגען, — האָט דער מיליציאָנער געענטפערט און אַרויסגעגאַנגען. סאַבנאָווסקי האָט ניטגעאײַלט אַרײַנגעלייגט די בילעטן און דאָס געלט אין בײַטעלע און לאַנג געקוקט אַף מאַטוזקען.

— אַ וואוילער באָבער ביסטו, זע איך. און אַ קאָמוניסט, זע איך, ביסטו אויך ניט אַזאַ, ווי אונדזערע אויסוואורפן, אַשטייגער, מאַטיוכע — און די איבעריקע. אָבער צו וואָס האָסטו עס באַדאַרפט? ס'איז דאָך גלייך ווי שווימען אַנטקעגן שטראָם. און אַט טרינקסטו זיך שוין. בעסער וואָלטן מיר געגאַנגען מיט דיר, ווי גוטע פרײַנט אַפן ספעקטאַקל. איך האָב גראַדע צוויי בילעטן, — ער האָט פאַרקרימט די ליפן אין אַ שמייכל. — און באַנאַכט וואָלטן מיר אָנגעבראַכט פון ספעקטאַקל אַ פולן צימער געקייוועס: מיר וואָלטן געטרונקען, געהוליעט ביז פאַרטאָג. מיר לעבן דאָך נאָר איינמאָל, אַ וואָסערע צוואַנציק, דרייסיק סעקונדן אָדער יאָרן? און דו ווילסט נאָך בײַ מיר אויסרייסן עטלעכע פון די צוואַנציק סעקונדן.

זײַנע אויגן האָבן ווידער אַ בלישטשע געטאָן.

— וואו איז די בריוו?

דאַוויד האָט אַף אים ניט געקוקט. זײַן בליק איז געפאַלן אַף דער וואַנט, אַף לענינס פאָרטרעט, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לענינס ליפן האָבן זיך אַ ריר געטאָן און ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון ווייטיק. ער האָט געזאָגט:

— ניטאָ די בריוו.

סאַבנאָווסקי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און אין איין רגע האָבן טיאַגניראַדנאַ מיטן נעלן מיליציאָנער זיך אַרויפגעוואָרפן אַף דאַווידן און ווידער אויסגעדרייט און פאַרבונדן אים די הענט.

סאַבנאָווסקי האָט פאַרשפיליעט דעם פרענטש און קאַלט גערעדט:

— די נאַכט וועסטו באַקומען די ערשטע פאָרציע. און אַזוי וועט עס זײַן בײַדע טעג, — ס'איז צו טייער: אַזוינע צוויי טעג לעבן און דערצו נאָך אין אַ פינצטערן קעלער זײַנען ניט ווערט דעם פרייז. פירט אים!

מ'האָט אים ווידער אַראָפּגעשטופּט אין קעלער אַריין — ער איז געפאַלן און זיך געקלאַפּט מיטן קאָפּ איבער די טרעפּ. יענע צוויי זיינען אויך געווען דאָ, זיי האָבן פאַרמאַכט די טיר און אַראָפּגעלאָזט זיך צו דאַווידן. באַם געלן אין האַנט האָט געפינקלט אַ שאַכטעלעמפּל, קוים באַלויכטן דעם פייכטן ציגעלנעם געוועלב, וואָס אַי־פונויבן געוואָרן גרוי פון שימל און פונוגטן נאַס אין די ווינקלען. טיאַגגיראַדנאַ האָט אַ שטופּ געטאָן דאַווידן מיט אַ פוס און איבערגעקערט אים מיטן פּאָנעם אַראָפּ. דער געלער:

— דו זע נאָר, אַווערקאַ. כאָטש ער גייט בעמיילע אין ערד־אָפּטייל אַריין, פונדעסטוועגן וועט אים דער דאָקטער באַטראַכטן, זאָל ניט זיין קיין צופיל סיניקעם.

— רעכט!

טיאַגגיראַדנאַ האָט דערויבערט דעם ציגאַר און אַ שפּיי געטאָן אַף די הענט. ער האָט זיך מיט איין פוס אָוועקגעשטעלט אַף דאַווידס רוקן, דערנאָך מיטן צווייטן אויך און צוגעקוועטשט אים, גלייך ער וואָלט אויסגעפּרואווט, צי קאָן ער אים אויסהאַלטן.

— דער וועט אויסהאַלטן, ס'אַ העלדישער יאַט, — האָט ער געזאָגט דעם געלן, גלייך סע וואָלט אים באַנק טון, — וואו איז ער פריער געווען? איך וואָלט אים פונדאַנען אַרויסגעריסן און געבראַכט צו כריסטאָווין.

ער האָט גענומען דאַווידס געבונדענע הענט און אַ שלעפּ געטאָן זיי אין דער הויך, צוקוועטשענדיק אים די פלייצעם מיט איין פוס. פּאַמעלעך, דאַן שטאַרקער, דאַוויד האָט אָנגעהויבן קרעכצן. טיאַגניראַדנאַ האָט אָפּגעלאָזט.

— נו, וואָס הערט זיך, דאַוויד? מיר וועלן דאָך אַזוי ביז פאַרטאָג: ביז דו וועסט ניט פּייגערן.

דער געלער האָט זיך אָפּגערופן:

— זיי זיך בעסער גלייך מוידע. האָסט דאָך געהערט, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט — מירן דיך קיין רעגע ניט פייניקן. בא וועמען איז די בריוו?

דאַוויד האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, ווייל דאָס פּאָנעם איז דאָך באַ אים אַף דער ערד און אופהויבן עס איז אומעגלעך. זיי האָבן נאָר איינגעהערט — „קאַטן“.

— אַ, דו מאַכסט נאָך שטיק? אַרבעט, אַוועקאַ!

טיאַגנידאַנאַ האָט ווידער גענומען שלעפּן דאַווידס הענט. אַ! דאָס איז געווען אַ ווייַשעק ניט איבערצוטראָגן: גלייַך מע וואָלט אויסגעדרייט די הענט און געבראָכן דעם ברוסט-קאַסטן. דאַוויד האָט געקרעכצט, אויסגעבויגן זיך אונטערן שווערן אָוועקאָן, געשלאָגן זיך אָן דער ערד מיטן פּאָנעם ביז בלוט און געפילט — צום רייעך פון דער ערד, וואָס שמעקט מיט פוילע קאַרטאָפּליעס, האָט זיך צוגעמישט דער גערוך פון בלוט. דאָס בלוט האָט צוגעפלאָסן צום קאָפּ, און ער פילט, ווי סע קלינגט אין די אָדערן. אָט-אָט, דאַכט זיך, נאָך איין שלאָג פון דויפּעק — און דער שאַרבן וועט פּלאַצן פונם בלוט-דרוק, — אַך, זאָל שוין זיין גיכער! ער קאָן שוין ניט אויסהאַלטן, שרייַט הייזעריק, שלאָגט זיך מיטן פּאָנעם, וואַרפט זיך, — ניט קעדיי זיך אַרויסרייסן פון די הענט, נאָר כאָטש אַף איין סאַנטימעטער אַ רוק טאָן זיך. און דאָרט איז אַן אָפּגרונט (ער ווייסט עס) כאָטש אַף איין סאַנטימעטער. מיט יעדן שטריך פון צעגערעקטן און מיט בלוט-פאַרגאָסענעם געזיכט טשעפּעט ער זיך פאַר דער ערד, מיטן קין, מיט די ברעמען קריכט ער, מיט די געזיכט-מוסקולן... נאָך אַ ביסעלע... אַך, ווי ס'טוט וויי! אַ געשריי — פון ווייטעק צי פון פרייד, — דער קאָפּ און די ברוסט זייַנען שוין איבערן אָפּגרונט. נאָך איין בויג טאָן זיך, און ס'וועט שוין גאָרניט זיין, ער וועט פאַלן און מער גאָרניט. די לעצטע אָנשטרענגונג, אויסגעשריי, דער לעצטער מיליטמעטער, און מיטאַמאָל האָט ער זיך איבערגעבויגן מיטן קאָפּ און איז געפאַלן אין שוואַרצן אָפּגרונט.

...פאַר די אויגן האָבן נאָך אַ בלענד געטאָן די טלאָען מיט די אייזנס. אַף דער פאַרפרוירענער הוילער ערד האָט דער ווינט אַ שאָט געגעבן אין פּאָנעם אַריין שניי מיט ערד. דאָס האָט ער נאָך געדענקט, און מער גאָרניט. ווי אין אַן אָפּגרונט. און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערפילט — ס'האָט אָנגעהויבן וויי טאָן דער אַקסל, גלייַך מ'וואָלט צולייגן אַ שטיק אָנגעגליטן אייזן, און אַ פרויענשטימע:

— כאַוער, פאָרזיכטיקער, ס'איז דאָך באַ אים דער אַקסל.

ער האָט געעפנט די אויגן — ער איז אַ פאַרוואונדעטער אין אַוטאָמאָביל, די ווייסע און שטרענגע שוועסטער האָט

אים אָנגערוקט די בודיאָנקאָווקע. דער שאָפער האָט געבלאָזן אין דער סירענע און פון וועג זיינען אָפּגעטראָטן די רויטאַר־מייער — פוסגייער, אַ קאָלאָנע נאָך אַ קאָלאָנע.

— אַף פּערעקאָפּ? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ פּאַרוואַונ־דעטער פון אויטאָמאָביל.

— דערלאַנג פּערעקאָפּ!

אַ מאַכנאָווער אין אַ קודלאַטע היטל מיט אַ פּאַרבאַנדאַ־זשעוועטן קאָפּ האָט אַרויסגענומען אַ רויטן זיידענעם טאַבאַק־בייטל און פאַרויכערט.

דאַוויד האָט אַ שאָקל געטון צו אים מיטן קאָפּ, יענער האָט אים אויך צוגויפגעדרייט אַ ציגאַר.

— פון ערשטן רייטערשן?

דאַוויד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און דער מאַכנאָווער האָט גענומען דערציילן, ווי זיי האָבן זיך געשלאָגן. דערציילט לאַנג און מיט היץ. ס'האָבן גערעדט אַנדערע פּאַרוואַונדעטע. די ווייסע שוועסטער האָט שטיל, גלייך ווי פון בענקשאַפט, געשאָקלט זיך מיטן קערפּער אין אויטאָמאָביל. און דאַ־ווידן טוט אַזוי ווי דער אַקסל. האָט פאַרמאַכט די אויגן.

און שוין ערגעץ אין אַ שפּיטאָל. ס'איז אַזוי וויים און שטיל. עמיצער טוט נאָר אַ קרעכץ. נאָר דאָס איז צומיינסטן באַנאַכט — די קרעכצן און דאָס ריידן פון היץ. און דאַוויד קאָן דאַן לאַנג נים שלאָפן; ער דערמאָנט זיך אינם ווייטן דאָרף, קלערט, וואָס דאַרט טוט זיך, ווי אַזוי מע לעבט. דער־נאָך דערמאָנט ער זיך אין די שטערנדיקע זומער־נעכט און פּאַרשייטע קאָרנס... ביסקל ס'קומט שטיל צוגיין די ווייסע שוועסטער מיטן איידעלן פּראָפיל און לייגט אַוועק איר האַנט אָפּן הייסן שטערן.

— שלאָפט שוין!

דאַוויד מאַכט צו די אויגן, נאָר ער שלאָפט נים. ער קלערט — ווי איז זי געראָטן אין יענער, ווען זי שטייט צו אים אַזוי מיטן פּראָפיל. און ס'שווימען אָן דערינערונגען. דערנאָך טונקלערע, דערנאָך — כווישעך.

דאוויד האָט זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די אויגן און באַוועגט מיט די פאַרבאַקענע ליפּן. אין מויל איז טרוקן און סע ברענט. ער האָט זשעדנע אַריינגעצויגן די פייכטע לופט און שטיל אַ רוף געטאָן אין בוישעך: — שוועסטער!

שטיל. אין ווינקל האָט, ווייזט אויס, אַ שאָרך געטאָן אַ שטשור. דאוויד האָט אַ קנעם געגעבן, און אין נאָז שלאָגט דער גערוך פון פוילע קאַרטאָפליעס און פון פייכטער ערד. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן — די הענט זיינען פאַרבונדן. זיך דערמאָנט אַלצדינג. און דער אַקסל טוט וויי ניט איבערצוטראָגן. ס'זאָל כאָטש זיין וואַסער, כאָטש איין טרונק. זיך דערמאָנט, אַז דער בלעך אָפן טיר איז באַנאַכט קאַלט. מיט אַ קרעכץ האָט ער זיך קוים אויפגעהויבן פון אָרט און לאַנג געקראָכן איבער די טרעפּ. די טיר איז קאַלט — ער איז צוגעזאָטן צו איר מיט די הייסע ליפּן און געלעקט מיטן צונג, ווי מיט אַ שטיק רויט־צעגליט אייזן.

און הינטער דער טיר איז די נאַכט אַ שטילע און מיסטאמע אַ שטערנדיקע. ערגעץ פון ווייטן דערטראָגט זיך קוים דאָס קלינגעריי פון גלאָק. צוויי אַזייגער. פונדעסטוועגן גיסט זיך אַ רויש פון שטימען. די שטימען זיינען געענטער, ס'הערט זיך קלינגענדיקער פרויען־געלעכטער, אַט שוין גאָר נאָענט אין סאָד. לעבן סאַמע טיר איז פאַרביידעגאַנגען אַ רווישיקע באַפּטע. ס'האָבן געקלונגען שפּאָרן. אַ פרוי האָט אַ קווימשע געטאָן, זיך באַ עמיצן אַרויסגעריסן, ווייל זי לאַכט קלינגענדיק און אויפרעגנדיק. מ'האָט שוין געטופּעט מיט די פיס אָפן גאַנעק. ווידער געלעכטער. דערנאָך האָט די טיר אַ טראַכקע געטאָן און ס'איז געוואָרן שטיל.

נאַכט. און ערגעץ נאָך ווייטער הערט זיך קוים־קוים, ווי אַ ווידערקאָל:

— באַ־ו... באַ־ו...

XXXI

זינקע האָט געוואוסט אַלצדינג. נאָך דעם זעלביקן אָפדערנאַכט, אַז מע האָט די אַרעסטירטע געטריבן קיין שטשערבאַניווקע, האָט זי אונטערגעהערט — מאַטיוכע האָט באַרואיקט דאָס ווייב:

— שווייג, ליזע, ס'וועט אַלץ זיין רעכט. ליאָנקע וועט דאָס שטיקל אַרבעט אָפּטאָן ריין. די וועט ער נאָר אָנשרעקן און ס'זיי מאָרגן אַרויסלאָזן. יענע צוויי וועט ער איבערשיקן אין דאָרף, אָן דאווידן זיינען זיי ניט געפערלעך. נו, און דאווידן... ווייטער פון די קוסטן וועט מען אים ניט פירן: „ער וועט אַנטלויפן". די נאַכט נאָך ניט, ס'וועט זיין אַ פאַרהער. נו, און יענע נאַכט געווים. שווייג, ליזע!

דעם זעלביקן אָפּדערנאַכט איז זי אַוועק פון מאַטיוכען.

די נאַכט איז זי געשלאָפן... אַניט איז זי געשלאָפן? בײַ די מאַטוזקעס אין שטוב האָט מען דעם אָוונט ניט אָנגע־צונדן קיין לאָמפּ. דער אַלטער מיט נאָך עטלעכע פויערן זיינען געזעסן אין דער פינצטער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַף דער באַנק און געדרעמלט שטיל און אָן ביישעק. די מוטער האָט שוין ניט געקלאָגט, איז געזעסן אַף דער לעזשאַנקע, דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט אַף די הענט; נאָר פון צייט צו צייט האָט זי אויפגעהויבן ס'פּאָנעם און טעמפּ געקוקט פאַר זיך מיט די אויגן, וואָס זיינען גרוים געוואָרן פאַר שרעק און ווייטעק. טוט לייכט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. — „אי, צאָרעס, צאָרעס!" און פאַלט ווידער אַנידער מיטן פּאָנעם אַף די הענט. די קינדער רירן זיך ניט אָפּן געלעגער. כריסטיע שטייט לעבן פּריפּיטשעק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַז זינקע איז אַריין אין שטוב, האָט קיינער אַפילו ניט געפרעגט, ווער איז דאָס. און שטיל איז זינקע צוגעגאַנגען צו כריסטיען און געבליבן שטיין אַ טרויעריקע. דערנאָך האָט זי זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו איר קאָפּ, און ביידע האָבן ביטער געטרויערט אָן ווערטער.

אַזוי איז פאַרביי די נאַכט. מ'האָט ניט געבעט און אַזוי זיך אויס־געלייגט שלאָפן, אָבער צי האָט עמיצער כאָטש אַף איין רגע צו־געמאַכט אַן אויג? — עפּשער די קינדער. און אַלע האָבן געקוקט אין דער פינצטער. עפּשער האָט עמיצער צוגעמאַכט די וויעס און געהערט, ווי שטיל סע קלינגט דער טרויער אין שטוב, ווי עמיצער טוט אַ זיפץ, און עמיצער פאַרברעכט אין דער שטיל די הענט.

נאָנצפרי זיינען די פרויען געגאַנגען קיין שטשערבאַניוקע צו די מאַנען. זינקע איז אויך אַוועק מיט זיי.

אַלע מיט קליינע קלומעקלעך. כריסטיע האָט אויך געטראָגן אַ ברויט און אַ ווייס העמד. נאָר מאַריע איז ניט געווען מיט זיי. פּיווּבענקאָס שנור איז אַריינגעלאָפֿן נאָך איר, נאָר זי ליגט אַ קראַנקע אין לוקיע איז לעבן איר. — מאַריע שטייט ניט אויף פֿון געלעגער.—

„אַט אַז אומגליק, ערשט געקומען צוריק צום מאַן, און אינדערפֿרי האָט מען אים שוין צוגענומען“. די פּיווּענטשיכע האָט צוגעיאָקעט, סוידעסדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. און לאַנג זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. מ'איז שוין פֿאַרבייגעגאַנגען די קוסטן. ערשט אַף די כוטערעס זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אָנטרינקען זיך און האָבן זיך צערעדט מיט די מיכאַילאָווקער פֿויערטעס. דערנאָך האָבן זיי שוין דעם גאַנצן וועג גערעדט.

קיין שטשערבינאָווקע, אַז זיי זיינען געקומען, האָט זיך דער מאַרק ערשט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין. זיי זיינען אַוועק גלייך אין ראַימיליציע, נאָר דער געלער מיליציאָנער האָט אַפֿילע ניט אַריינגעלאָזט אין הויף אַריין.

אַ צווייטער, דער שוואַרצער — ער האָט גראָדע אַרויסגעוואָרפֿן חאָם מיסט פֿון שטאַל — האָט זיי, כאָטש געזאָגט:

— קומט שפּעטער! דער נאַטשאַלניק שלאָפֿט נאָך.

און דאַן דער געלער:

— אַלציינס, מע וועט אייך ניט צולאָזן צו זיי! סע גייט נאָך דער פֿאַרהער.

די פֿרויען זיינען געשטאַנען פֿאַרלוירענע און זיך געבעטן. די אַלטע קאַרפּענטשיכע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט:

— דו האָסט דאָך אויך ערגעץ אַן אַלטע מאַמע.

— יאָ, אַ מאַמע, אַ שטיק נאַפּקע האָב איך געהאַט, ניט קיין מוטער.

די אַלטע האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן פֿון אים. זי האָט שוין מער ניט געבעטן און ניט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון דר'ערד. די איבעריקע האָבן נאָך געהאַפּט. צו איינער האָט דער געלער אַ שמייכל געטאָן, גלייך ער וואָלט אַ לעק טאָן עפּעס זויערס. אַפֿילע אַ זאָג געטאָן עפּעס אַ מיעסקייט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער שטאַל:

— דעמאָלט וועט אַלץ זיין.

די פרויען זיינען אַוועק. איינע האָט דערזען — לעבן וואַסערטורעם אַף די בורוועס גייען אום עפעס מענטשן. איינער האָט עפעס באַטראַכט און פאַרשריבן. מיסטאָם אַ קאָמיסיע.

— נאַטשאַלסטווע, — האָט פיוונעקאָס שנור אַז אויפגערעגטע שטיל געזאָגט, — קומט צו זיי.

מיטן בוריאַן זיינען זיי צוגעגאַנגען נעענטער און ניט דרייסט געבליבן שטיין. גאָלע אומבאַקאַנטע. צוויי פויערן צווישן זיי, די איבעריקע שטאָטישע. באַ איינעם איז אַפן היטל צוויי העמערלעך און אונטערן האַנט אַ פאָרטפעל. זיי האָבן ניט באַמערקט די פרויען, האָבן אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם וואַסערטורעם און געקוקט אַף אים דורך עפעס אַ טרייבל אַף אַ דרייפוס.

כימקע איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— כאַווער נאַטשאַלניק! — האָט זי זיך געווענדט צו דעם מיט די העמערלעך, — מיר קומען צו אייך!

— צו אייער גנעדיקייט! — האָבן אַלע פרויען געזאָגט און זיינען אויך צוגעגאַנגען נעענטער. זיי האָבן גערעדט אַלע צוזאַמען, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע און האָבן צונויפגעפלאָכטן די שטימען אין איין געבעט, ווי אין אַ טרויעריקער כאָר־ליד.

דער שטאָטישער האָט אַראָפגענומען די פענסנע און אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע. געזשמורעט די אויגן, דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן די פענסנע און ווידער אויפמערקזאַם געקוקט. געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— וואָס ווילט איר?

די פרויען ווידער זייערס. איינער אַ גראָבער אין אַ בלאָער טשומערקע און אַ שוואַרצן היטל האָט דאַן געזאָגט דעם שטאָטישן:

— דאָס האָט מען געכאַפט גאַנאָווים, באַגאַנוועט אַ קאָאָפעראַטיוו. איז עס, מיסטאָמע, צו זיי, — האָט זיך אויסגעקירעוועט צו די פרויען, — ניט אַהער באַדאַרפט איר. איר דאַרפט צום מיליציע־נאַטשאַלניק, אַז דאָרט אין פליגל, — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט. נישקאָשע פון אַ מענטשל. האָט זיי נאָך נאָכגעשריען:

— איר גייט דאָך ניט אַהין.

אייגע האָט אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט, און די משומאַטשיבע האָט זיך אומגעקוקט און געזאָגט:

— באַ אים זייגען מיר שוין געווען, — מע לאָזט ניט צו.

זיי זייגען נאָך אַריין אין ראַיאויספּירקאָם. פּויערן זייגען דאָרט געשטאַנען אַפן גאַנעק און אין קאָרידאָר. די שרייבערס האָבן געשקראַבעט מיט די פּענעס אַף די טישן, און אייגע אַ פריילין האָט אויסגעקלאַפּט מיט די דינע ווייסע פינגערלעך אַף אַן אַלטער צעפּאָרענער מאַשינקע. ווייזט אויס, פאַרמאַטערט געוואָרן, וואָרים זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און פאַרויכערט. דערנאָך האָט זי הויך אַף אַ קאָל דערציילט דער צווייטער, ווי פריילעך ס'איז נעכטן געווען נאָכן ספּעקטאַקל; קימאַט ביז פאַרטאָג האָט באַ ליאָנען געהוליעט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע.

זינקע איז צוגעגאַנגען צו איר און עפּעס אַ פרעג געטאָן. די מאַשיניסטקע האָט אומצופרידן איבערגעריסן דעם געשפּרעך און מיטן קאָפּ גערוועאיש אָנגעוויזן אַף אַ טיר. דאָרט איז געווען אַן אויפשריפט — „פאָרזיצער פון רא״ק“. נאָר קיינע פון זיי האָט לאַנג ניט געהאַט קיין מוט אַריינצוגיין, סאָפּקאָלסאָף זייגען אַריין זינקע און פיונעקאָם שנור. דער פאָרזיצער איז ניט געווען, און דער סעקרעטאַר האָט געזאָגט, אַז ער איז אַצינד אין אַ קאָמיסיע צו באַטראַכטן די געבייען, און האָט זיי געראָטן גיין אַהין, אויב דער איניען איז אַ וויכטיקער. נאָר אַז ער האָט זיי אויסגעהערט, האָט ער נאָר צעפירט מיט די הענט — ס'הייסט, מע קאָן דאָ גאָרניט מאַכן: דאָס קער זיך אָן מיט דער מיליציע.

די פרויען, טרויעריקע און פאַרצווייפלטע, זייגען אַרויס אין קאָרידאָר. די פּויערן האָבן געטריבן קאַטאָוועס: „וואָס איז דאָס פאַר אַ ווייבערשע דעלעגאַציע געקומען צופאָרן פון ערגעץ“. און אייגער האָט זיך אָנגעשטויסן:

— עפּשער גאָר ניט קיין דעלעגאַציע, נאָר קאָאָפּעראַציע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ קוועטש אַפן לעצטן וואָרט און אַ שמייכל געטאָן אין די גרויסע וואָנצעס.

ווער ס'האָט פאַרשטאַנען זיין אָנצוהערעניש, און וועמען מ'האָט שוין פריער דערציילט, — אַלע האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעדן וועגן אָבוכיוועקע. אָן האַרץ און מיט לעצאָנעם: קאָאָפּעראַציע — דאָס

איז ניט קיין פערד פון סטאַינע אָדער ברויט פון קאַמער. דאַן פאַרלויפן מיט בלוט פויערשע אויגן. און אַ קאָאָפעראַטיוו... בעמיילע, וועט עמיצער ניט באַגאַנווענען, וועלן די רעדלפירער אַליין פאַרטרינקען און צעשלעפן. ס'איז דען ניט איינס און דאָסזעלבע!

— ניט דאָס איז דער איקער, מע זאָגט, דאָרט האָט זיך געפאַקט אַ פאַרטייאישער, — האָט עמיצער פון ווינקל אַ זאָג געטאָן ניט זייער הויך.

— ניט ער איינער, ס'זיינען דאָרט אַלע, זאָגט מען, פון די קלוגעשקע, וואָס האָבן ליב שיין רעדן. מע זאָגט, די פויערן האָבן געוואָלט מאַכן מיט זיי אַן עק אַפן אָרט, נאָר דער פאָרזיצער האָט געשאָסן און ניט דערלאָזט.

— איז טאַקע אַ נאַר!

— מע טאָר ניט! ער וועט דאַרפן ענטפערן, אַף דערויף איז ער דאָך די מאַכט.

— אַפן אָרט דאַרף מען אַזוינע מיימעסן! — האָט איינער אַזש אַראָפגענומען דאָס היטל און געמאַכט מיט די הענט, — הייגט אַ קאָאָפעראַטיוו, און מאָרגן וועט ער באַ דיר צוגאַנווענען די לעצטע קליאַטשע פון סטאַניע. און אין טורמע זעצן העלפט דען, אַז אַלע כווידעש זיינען אַמניסטיעס און „אויסלאָדונגען“, און געהאַרגעט אַפן אָרט, וועט שוין קיין אַמניסטיע ניט העלפן! אַזוי די אויך!

פון שוועל האָט זיך אָפגערופן די אַלטע קאָחפענטשיכע:

— אַז איר ווייסט ניט, דאַרפט איר ניט פּלענטשען מיטן צונג. אַ טומל..

— גיי צו אַלדי רוכעס! קאָאָפעראַטאָרשע!

זינקע איז ניט אַרויסגעגאַנגען מיט די פרויען. טייקעף נאָך ווען זי איז אַריבער די שוועל אין קאָרידאָר, האָט זי דערזען אַף אַ טיר — „קעמערל פון ק"פ(ב) או“. און איז געבליבן שטיין. אין קאָפ די געדאַנקען, ווי די בינען: עפּשער אַריינגיין? און וואָס וועט זי זאָגן? אויב שוין דאָ אויך ניט, איז ניטאָ מער וואוהין צו גיין. דאָס איז דאָך די פּאַרטיי. גראַדע איז עמיצער פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, און זי האָט דערזען אין טיר: אַנטקעגן אַף דער וואַנט לענין און אונטער אים פאַר אַ טיש זיצט עפּעס אַ מענטש. זי האָט זיך אַנטשלאָסן, גענומען זיך פאַר דער קליאַמקע און אַריין אין צימער.

— וואָס דאַרפסטו, מיידל? — האָט זי אָפגעשטעלט אַ שטים, און יענער מענטש האָט אויפגעהויבן די אויגן פון פּאַפּיר און מיט אומגעדולד געוואַרט אַף ענטפער.

זינקע האָט ניט געוואוסט, וואָס זשע זאָל זי אים זאָגן? אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן אַ צעטומלטע און געהערט, ווי ס'קלאַפּט איר דאָס האַרץ. דער מענטש האָט אַ ריר געטאָן מיט די ברעמען, אַרופגעצויגן זיי אַפן שטערן און נאָר געוואָלט עפּעס זאָגן, אַז דאָס מיידל איז האַסטיק צו צום טיש, זיך אָפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן מיט פאַרצווייפלונג, אײַלנדיק, פאַרלירנדיק און ניט געפינענדיק קיין ווערטער.

— כאַווער, איך בעט אײַך, כאָטש איר ראַטעוועט זיי! מע וועט זיי עפּשער נאָך די נאַכט האַרגענען! אין די קוסטן. איז זענט דאָך אַ קאָמוניסט. אָט קוקט דאָך לעגין — אַניט ווייסט איר ניט? מ'האָט דאָך אַלעמען אָפגענאַרט — אונטערגעוואָרפן זיי! און מע וועט זיי האַרגענען! כ'האָב אַליין געהערט! כ'האָב געהערט — עפּשער נאָך די נאַכט! איך בעט אײַך, העלפט! — דאָס אַלץ היציק און געשווינדט, שווער אָטעמענדיק, און די הענט אין די לאַנגע אַרבל פון סוויטקע האָט זי אין צווייפל געדריקט צו דער ברוסט.

דער סעקרעטאַר האָט געקוקט אַף איר אַ דערשראָקענער, — וואָס רעדט זי? וועמען וועט מען האַרגענען אין די קוסטן?

— זיי, זיי! זיי זיצן איצט!

— פונוואַנען ווייסט זי עס? וואָס רעדט זי עס פאַר נאַרישקייטן? — און ער האָט אַף איר אַ קוק געטאָן. דאָס מיידל איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך צונויפגעקאָרטשעט. אָבער — וואָזשע בלײַבט איר איצט? נאָך אַ שפּאַן — און זי האָט זיך אָנגעבויגן מיטן גאַנצן שטאַלט, מיטן בלייכן פּאָנעם און ברענענדיקע אויגן, זי איז, אַפּאָנעם, געווען שרעקלעך, ווײַל ער האָט זיך פּלוצים, אַזוי ווי בעגנייווע, אַ גליטש געטאָן, איז שטיל מיט אַ זייטל אַרויסגעקראָכן פון טיש, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון איר קיין אויג. געשווינד צוגעלאָפן צום טיר. און אין אַ רעגע אַרום אומגעקערט זיך מיט אַ מענטשן.

— ...אָט דאָס מיידל. סט'זאָגן, מע זאָל זי באַטראַכטן, — און אָנגעוויזן אַף זינקען. דערנאָך האָט ער עפּעס אַפּגיך אָנגעשריבן און אים אָפּגעגעבן. זינקע האָט שטום געקוקט אַף זיי מיט אירע גרויסע

אויגן. דער מענטש איז צוגעגאַנגען און האָט זי מיט מוירע אָנגענומען פאַר אַ האַנט, און דאָס מיידל איז ווי שטום געוואָרן, רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט. נאָר אַ כליפּע געטאָן און איז גלייך ווי ניט מיט אירע פיס אַוועק מיטן מענטשן פון צימער.

אין שפּיטאָל איז פול מענטשן. אַז דער מענטש האָט געבראַכט אַהין זינקען, האָט עפּעס אַ פרוי מיט אַן איינגעפאַלענער נאָז צוגעפירט צום דאָקטער אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן און גענומען עפּעס רעדן אונטערן נאָז, צעשפּיליעט דאָס מיידעלע און באַוויזן שרעקלעכע וואונדן אַפן האַרצן. דער דאָקטער שוין אַן אַלטער, אין גאָלדענע ברילן, האָט אויפמערקזאַם געקוקט און דאַן אויפגעהויבן און האָפנונגלאָז צענומען די הענט.

— וואָס קאָן איך דאָ מאַכן! — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, — דאָס איז ניט קיין פּאָקן, ס'איז פראַנצן!

די פרוי האָט עפּעס געפּאָנפּעט. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, אייניקע כווילאָס זיינען צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן. און אַנדערע האָבן זיך אָפּגעשאָקלט מיט פּאַכעד און עקל. זינקע האָט אויך דערזען די פרוי מיט דער איינגעפאַלענער נאָז און דעם מיידעלעס ברוסט. זי האָט דערפילט, זי ווערט פאַרכאַלעשט. „אָי, ווי שרעקלעך!“ און האָט זיך פּלוצים דערמאָנט — אין קלוניע... האָט אַזש אויפגעציטערט און דערפילט, ווי ס'ווערט איר פאַרקילט אין האַרצן. וואָס וואָלט געווען, ווען זי רייסט זיך ניט אַרויס?

דער מענטש האָט דערזען, זי איז בלייך געוואָרן, איז ער גיך צוגעלאָפן צום דאָקטער.

— באַטראַכט זי, אָט האָב איך אַ פּאַפּירל.

דער דאָקטער האָט איבערגעלייענט, אויפמערקזאַם באַטראַכט דאָס מיידל דורך די ברילן, דערנאָך אויפגעהויבן די ברילן אַפן שטערן און ווידער געקוקט. אין צווייטן צימער געהייסן זיך אויסטאָן, געקלאַפּט מיט אַ העמערל איבער די קני, געצייכנט עפּעס אַפן רוקן און ברוסט; אויסגעפרעגט, וואָס האָט זי אַזוינס אָפּגעטאָן. זינקע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען — זי ווייסט אַליין ניט. זי האָט גאָרניט געטאָן אַזעלעכס. צו וואָס האָט מען זי אַהער געבראַכט?

אַף אַ שטיקל פּאַפּיר האָט דער דאָקטער עפּעס אָנגעשריבן און געגעבן דעם מענטשן. זינקע איז אויפגעשטאַנען זיך אָנטאָן און גע-

פרעגט, וואָס זאָל זי איצטער טאָן? דער דאָקטער האָט איר געגעבן פּראָשקעס און געזאָגט, זי זאָל גיין אַהיים און איינעם איינעמען אַף ביינאַכט, און די איבעריקע מאָרגן.

און דערנאָך איז געווען אַזוי:

די זון האָט זיך העליש — רויט געזעצט, און איבערן וויהאָן הינטערן גאָרטן האָט זינקע געבלאָנקעט ווי אַ געשפּענסט, דערגאַנגען ביז די שפּייכלערס. ס'זיינען געגאַנגען אויך די פּאַרמאָרעשכווירעטע פרויען מיט די קלומעקלעך אין די הענט, מ'האָט זיי ניט צוגעלאָזט. נאָר זינקע איז צו זיי ניט צוגעגאַנגען. זי דאַרף נויטיק זיין דאָ. און די איינגעפאַלענע אויגן אַפן בלייכן אויסגעמאָגערטן, ווי נאָך אַ שווערער כאַלאַס, פּאָנעם האָבן שאַרף געקוקט אַף די כורוועס, אַפן פאַרגראַטעטן פענצטערל אין דער זייט־וואַנט פון אַרעסט־הייזל.

און ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָט זי זיך פון וויהאָן גענאַנוועט צום עקסטן שפּייכלער און צוגעטולעט זיך מיטן רוקן צו דער גראָער וואַנט — אין גראָען וואָלענעם שאַלעכל, אין דער גראָער סוויטקע. דאָ ט'מען זי ניט זען. און זי זעט אַלצדינג — אין קאַנצעליאַריע ברענט שוין אַ לאָמפּ. זי וועט זען, אָדער עפּשער דערהערן באַנאַכט, ווי מע וועט זיי פירן אַפן פאַרהער. און דאָ וועט זי שוין ניט דורכלאָזן, ווי מע וועט זיי פירן מינאַסטאַם ביינאַכט אין די קוסטן.

אייגנטלעך, האָט זי נאָך אַליין גוט ניט געוואוסט, ווי אַזוי וועט עס זיין. איינס האָט זי נאָר געוואוסט: וואָס ס'זאָל זיך ניט טרעפן, נאָר מע טאָר ניט דערלאָזן. אָבער ווי אַזוי? דער קאָפּ אירער ברענט און ס'שווימען אויף מעשוגענע פּלענער. ס'איז נאָך גוט, וואָס אילקאָ איז אינדערהיים — ער איז אַוועק פון אָהירן — אַניט וואָס וואָלט זי געקאָנט אַליין אופטאָן?

הינטער די שפּייכלערס, אין דער פינצטער האָט עפּעס אַ שאָרך געטאָן. דאָס מיידל האָט אויפגעציטערט. — ס'איז צוגעגאַנגען אילקאָ. ער האָט זיך אויך, ווי זי, אַוועקגעשטעלט מיטן גראָען רוקן צו דער גראָער וואַנט און געשוויגן. ערשט העט שפּעטער האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל גיין אַהיים און ער וועט דאָ בלייבן היטן. זינקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין. נאָר זי איז געווען אַזוי מיד: שוין די צווייטע נאַכט, אַז זי שלאָפט ניט, פאַר די צוויי טעג האָט זי גאָרניט

געהאַט אין מויל. און אַוועקגיין האָט זי מוירע — טאָמער וועט אילקאָ פאַרזען. די פים אין די קני ברעכן זיך פאַר מידקייט. זי האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט אַף דר'ערד און צוגעטוליעט זיך צו אילקאָס קניען.

און די האַרבסט-נאַכט — ווען וועט זי האָבן אַ עק!

XXXII

אינדערפרי האָבן צוויי מיליציאָנערן רייטנדיק — דער שוואַרצינקער און נאָך איינער, דער געלער איז ניט געווען — אַרויסגעפירט יאַקימען און טיכאָנען און אַוועקגעפירט זיי געבונדענע איבערן שליאַך, וואו די סטויפעס ציען די דראָטן. ווייזט אויס, אַף מאַמשוכע, דאָרט וועלן זיי נעכטיקן און מאָרגן וועלן זיי זיין אין שטאָט. דאַוויד איז מיט זיי ניט געווען, און זיי האָט מען אַפילע ניט געקענט אַ פרעג טאָן: זיי זיינען געגאַן אינמיטן שליאַך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפ, בלייכע און באַ די זייטן די רייטערס. זינקע האָט געקוקט, שיר ניט אָנגעהויבן שרייען. געגאַנגען באַנאַנד מיט זיי איבערן שליאַך, און זיי האָבן אַפילע קיין קוק ניט געטאָן. אַראָפּ אין טאָל אַריין ציט זיך אַ זאַמדיקער וועג. אַ פאָר ווערסט ווייטער רויטלען זיך די קוסטן ווי אַ ברייטער פאַס אַפן ווייסן זאַמד. מיטן שליאַך זיינען פון מאַרק געפאָרן און געגאַנגען מענטשן.

— ניין, מע וועט זיי גאָרניט טאָן.

דעם זעלביקן טאָג פאַרנאַכט — האָט מען אַרויסגעלאָזט די איבעריקע אָבוכיוווקער. ווען זיי זיינען געגאַנגען אַהיים, איז זינקע געשטאַנען הינטער די ווינטמילן. זי איז צו צו זיי — אַלע זיינען צעגערעקטע, אין הוילע סיניקעס און, כאָטש זיי זיינען מיד, נאָר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. אייניקע האָבן זיך נאָך אומגעקוקט אומרואיק אַף די כוחוועס הינטער די שפייכלערס. האָרדי איז אָפּגעשטאַנען. אונטער אַ ווינטמיל איז ער געבליבן שטיין מיט זינקען און האָט גענומען איר דערציילן אַלצדינג: גלייך ווי מ'האָט זיי געבראַכט צופירן דעמאָלט אָפּדערנאַכט, האָט מען דאַווידן אַריינגעוואָרפן אין קעלער אַריין, און זיי אַלעמען האָט מען געהאַלטן איינעם, דערנאָך שוין האָט מען יאַקימען און טיכאָנען אויך איבערגע-

זעצט אין אַ צווייטער קאַמער; וואָס ס'הערט זיך מיט דאַווידן, ווייסט ער ניט. יענע נאַכט האָט יאַקים געזען דורכן פענצטער, ווי מ'האָט אים געפירט אַפן פאַרהער. און זיי האָבן געהערט, אַז ער האָט גע־קרעכצט. די ראָצכים האָבן אים, ווייזט אויס, געפייניקט...

זינקע איז ווי אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר, קאַלט און שטרענג. האָרדי האָט ווייטער דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט אַ נעכטן, אַ באַנאַכט, ווי מ'איז ווידער געגאַנגען צו אים אין קעלער. היינט איז מען אויך געגאַנגען, נאָר מ'האָט שוין גאָרניט געהערט. האָרדי האָט נאָך דערמאָנט, וואָס דאַוויד האָט אונטערוועגס אָנגעזאָגט וועגן דער בריוו, נאָר זינקע האָט שוין ניט געהערט. פון האָרדיס פּאָנעם זיינען אירע אויגן געפאַלן אַף די כוואַליעס הינטערן סאָד. און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, ווייסט זי ניט; און ווי ס'איז געוואָרן גאָר פינצטער, ווייסט זי ניט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען מע האָט אין קאַנצעליאַריע אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, היינט עפּעס פרי. און דאָס ערשטע מאָל איז אַף איר אָנגעפאַלן אַ שרעקלעכער פּאַכעד.

זי איז צוגעגאַנגען צום עקסטן שפּייכלער און זיך אַוועקגעשטעלט, ווי פּאָריקע נאַכט. נאָר היינט איז איר דער גאַנצער הויף עפּעס אויסטערליש, גלייך ער איז אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט אומרו. די פייערן אין די פענצטער זיינען היינט עפּעס צו פרי, און עמיצער איז שווייגנדיק דורכגעלאָפן פון שטאַל, און די טיר האָט אַ טראַכקע געטאָן ניט אַזוי, ווי זי האָט נעכטן געטראַכקעט. זי האָט געקוקט אַפן קעלער, וואָס האָט זיך טונקל אויסגעטיילט פון כוישעך לעבן פליגל, און אַלעמאָל, מאַכמעס די אויגן אירע ווערן פאַרמאַטערט פון אָנגעשטרענגטן קוקן, פאַרפלייצט די פינצטערניש דעם קעלער. דאָס מיידל האָט זיך דעמאָלט אָפּגעריסן פון וואַנט און, אויסגע־צויגן דעם האַלדז, ביז ווייטעק אָנגעשטרענגט די אויגן, ביז זי האָט ווידער ניט געכאַפּט מיטן בליק דעם טונקעלן פלעק. דאָרט איז ער. זי וועט אים ניט דורכלאָזן. אָבער וואָס איז מיט אים? לעבט ער נאָך? האָט זיך דערמאָנט — נאָכדעם, ווי האָרדי האָט איר דער־ציילט, — אַז זי האָט אַליין געזען, ווי מ'איז נעכטן געגאַנגען אין קעלער. דעמאָלט האָט זי ניט געוואוסט. יאָ, און אַפילע היינט האָט זי אויך געזען — דער געלער איז געגאַנגען אַהין מיט אַן עמער. עפּשער מינטערן. און עפּשער איז ער שוין גאָר ניטאָ!

זי האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז אין דער נאַכט אַריין, און די ברוסט האָט איינגעזאַפּט די לופט. זי האָט געוואָלט אַ געשריי געבן, אַ רוף טאָן, שטאַרק, אַף דער גאַנצער שטערנדיקער נאַכט, און ער זאָל זיך כאָטש אָפּרופן — „איך!“ זי האָט אָבער געוואוסט — מע טאָר ניט שרייען. נאָר ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס איז מיט אים, הערן כאָטש איין וואָרט אַ שטילס.

זי האָט זיך מער ניט געקאָנט באַהערשן, אָפּגעריסן זיך פֿון וואַנט און לאַנג צוגעהערט זיך.

נאַכט. אין דאָרף גוואַלטעווען די הינט. אַף די כורוועס איז שטיל. זינקע האָט אַ שפּאַן געטאָן אין טרוקענעם בוריאַן, זיך ווידער צוגעהערט. און דאַן, גאַנוועענדיק זיך הינטער די צעפּאַלענע שפּייכלערס, איז זי דורכגעגאַנגען אין סאָד אַריין. אין סאָד האָבן די בלעטער געשורשעט אונטער די פֿיס, און ס'האָט אַזוי שאַרף פאַרשמעקט מיט האַרבסט, אַז באַ איר האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט. זי האָט זיך דערמאָנט — אַזוי איז געווען אויך דעמאָלט אין סאָד, ווען זי איז געלאָפן נאָכן קעלבל און ער איז געשטאַנען לעבן דער געמויערטער וואַנט אין דער בודיאָנאָווקע. און זיי האָבן ניט דערקאָנט איינס ס'אַנדערע. עמיצער האָט שטיל אַ פייף געטאָן לעבן די שפּייכלערס, גלייך ווי אַ מעווע וואָלט געשריען. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, מיסטאָמע אילקאָ זוכט זי. נאָר זי האָט זיך ניט אומגעקערט. שטיל, ס'זאָל קיין צווייגעלע קיין טרישטשע ניט טאָן, איז זי אַוועק צום עק־סאָד, צום הויף. אָט־אָט איז שוין דער קעלער, נאָך אַ ביסעלע דורכגיין מיטן הויף. דאָ וואַקסט הויכער בוריאַן און קראָפּיווע. דאָס מיידל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, אַוועקגעקראָכן אַף אַלע פיר און זיך אַלץ צוגעהערט. עמיצער איז אַרויס אַפּן גאַנעק און איז אַ ווײַלע געשטאַנען. דערנאָך אַוועק צוריק אין שטוב. זינקע האָט לאַנג געוואַרט, טאָמער וועט ער זיך אומקערן. ניין, ס'איז ווייזט אויס, עמיצער גלאַט אַזוי אַרויסגעגאַנגען און איצט אַוועק. זי האָט זיך ווידער אָנגעבויגן צו דער ערד און געקראָכן איבער דער קראָפּעווע.

זי האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון בוריאַן און דריי מאָל שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון קעלער. צוגעהערט זיך. אין קעלער איז שטיל. ווידער אָנגעקלאַפּט. צוגעפּאַלן מיטן אויער צו דער טיר, פאַרהאַלטן

דעם אָטעם און אַצינד שוין געהערט: ערגעץ טיף האָט עמיצער אַ קרעכץ געטאָן. דערנאָך נעענטער — ער האָט זיך, ווייזט אויס, פּאַמעלעך אויפגעהויבן אַף די טרעפּ, ווייל ער האָט לאַנג געקרעכצט און זיך זייער לאַנגזאַם דערנענטערט, מיט יעדער קרעכץ עפּשער אַף אַ ווערשאָק. ענדלעך, איז ער שוין באַ דער טיר און שטיל געפרעגט — זינקע האָט ניט דערקאָנט דאָס קול, אַ פאַרדומפּנס און ווי פון קייווער:

— ווער איז?

זינקע איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער טיר:

— ס'איז איך, דאַווידקע! דו לעבסט!

— האָט זיך באַ איר אַרויסגעריסן מיט פרייד און פאַרצווייפלונג.

דערנאָך האָט זי זיך אומגעקוקט, צוגעהערט און געזאָגט:

— יענע האָט מען אַוועקגעפירט און דיך ניט. דאַוויד, וואָס קלערן זיי טאָן מיט דיר? דאַוויד, האָב קיין מוירע ניט!

פון יענער זייט טיר האָט ער עפּעס געזאָגט. זינקע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— די נאַכט! פאַרנאַכט האָבן זיי אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון טיר.

זינקע האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער טיר.

— דאַווידקע, מירן ניט לאָזן. מיר טשאַטעווען מיט די יונגען. מירן גיין נאָך אייך אין די קוסטן אויך. ביז אינדערפרי. אָי, ס'זאָל דאָ זיין כאָטש איין שפּאַרונקעלע, — און זי האָט געטאַפּט די טיר, — ווען איך זאָל כאָטש אַ קוק טאָן אַף דיר, מיין ליבער! — אין קעלער האָט דאַוויד אויך געטאַפּט די טיר און עפּשער, אַזוי ווי די הענט זיינען געבונדן, איז ניט מיט די הענט, נאָר מיטן פּאָנעם.

פון הינטן האָט זי פּלוצים עמיץ אָנגעכאַפּט. זינקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, אַ געשריי געגעבן און געהערט, ווי דאַוויד אין קעלער האָט אויך אָנגעהויבן שרייען און קרעכצן. און פון הינטן האָט מען זי אַרומגעכאַפּט אונטער די פּאַכוועס, געקוועטשט ביז ווייטיק און הייזעריק געשריען:

— אַך, דו קלאַפּטע!

דאָס מיידל האָט זיך געוואָרפן ווי אַ געפאַנגען פייגעלע. זי וואָלט געביסן די הענט מיט די ציין, נאָר די סווישקע לאָזט ניט. האָט דערפילט — די ערד האָט זיך אָפּגעריסן פון די פיס, און ער האָט זי

אָוועקגעטראָגן אַף די הענט. לעבן גאַנעק האָט זי אים טאַקע אַ ביס געטאָן — האָט ער זי אַראָפּגעוואָרפן, נאָר די הענט ניט אָפּגעלאָזט און געשלעפּט איבער די טרעפּ אין פינצטערן קאָרידאָר.

אַז ער האָט זי אַרייַנגעפירט אין קאַנצעליאַריע אַריין, האָט דער מיליציע נאַטשאַלניק אויפגעהויבן ס'פּאַנעם פון טיש, און טיאַגניראַדנאַ האָט אַ קוק געטאָן פון פּאָטעל לעבן הרובע, — ער איז דאָרט געזעסן מיט אַ ביקס אין האַנט. דער געלער האָט ניט אָפּגעלאָזט זינקעס הענט און געזאָגט:

— געפּאַקט לעבן קעלער.

סאַכנאָווסקי איז אַרויס פון טיש און לאַנג געקוקט אַף איר. געזאָגט, ניט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג:

— וואָס איז דאָך מאָטיוכעס אַרבעטערן.

אַצינד האָט דער געלער אויך אַ קוק געטאָן — יאָ ס'איז „זי. ער האָט דערציילט, אַז זי איז געווען לעבן דער קעלער־טיר, האָט עפּעס גערעדט מיט מאָטוזקען. ווייזט אויס, זי איז זיין געליבטע. סאַכנאָווסקי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַף איר בלייך, אָפּגעצערט געזיכט, וואָס אויך אין פאַרצווייפלונג און טרויער איז עס געווען אַזוי שיין, און זיינע דינע נאָזלעפלעך האָבן אַ ציטער געטאָן.

— באַזוך זי!

דער געלער האָט זי אַרומגעטאַפּט, לענגער פאַר אַלץ אַף דער ברוסט און נידעריקער. האָט אויסגעדרייט די מאָרדע צו טיאַגניראַדנען, אויסגעשטשירעט די ציין און צוגעוואונקען צו אים. סאַכנאָווסקי האָט דערזען זיין באַוועגונג און אָנגעכמורעט זיך.

— גענוג.

ער האָט זי געהייסן אָפּפירן אין אַרעסט־הייזל און דאָרטן פאַרשפּאַרן. און דעם שליסל זאָל ער אים ברענגען. און זאָל ער ניט מאַכן קיין נאַרעשקייטן — טייקעף זאָל ער זיך אומקערן. אין איין רעגע זאָל ער זיין דאָ.

דער געלער האָט אומצופרידן אַ ריר געטאָן די ברעמען און אַוועקגעפירט זינקען.

זי האָט נאָך געהערט, בעת ער האָט זי אַראָפּגעפירט פון גאַנעק, — אין קעלער האָט אַ טראַכקע געטאָן אין טיר און דאַוויד האָט געשריען — „פּאָדלעצן!“ זינקע האָט אויך אַ געשריי געטאָן און

אַ רים געגעבן זיך פון די הענט. נאָר אַרויסרייסן זיך קאָן זי ניט, ער האָט פאַרקוועטשט אירע הענט ווי מיט אייזנס. נאָך האָט זי געהערט פון די שפּייכלערס ווידער אַ פייף. נאָר דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע, וואָס זי האָט געהערט. דער געלער האָט זי אַרייַנגעשטופּט אין אַרעסט־הייזל, אַ ווייַלע געשטאַנען אַפן שוועל, געוואַקלט זיך, אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר און פאַרשלאָסן.

אַ ווייַלע איז דאָס מיידל געשטאַנען אין דער פינצטער און טעמפּ געקוקט אַף דער פאַרשלאָסענער טיר. פון דרויסן האָט זי דערהערט, ווי מ'האָט אַ טראַכקע געטאָן אין קעלער און הייזעריק אויסגעשריען: „אי, דו, שווייג, כ'וועל דיר באַווייזן ווי צו קלאַפּן!“ דאָס איז ניט דער געלער. און ס'האָט אַ קלונג געטאָן. פון הינטער דער קעלער־טיר — אַ רויש, קוים צו דערהערן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער, ס'איז הויך פאַרגראַטעט, מיט די הענט קאָן זי ניט דערלאַנגען. אין שטוב איז פינצטער. און איינע הוילע ווענט. זינקע האָט זיי אַרומגעטאַפּט, געקלאַפּט אין טיר. און מיטאַמאָל האָט זי זיך גענומען איינהערן, באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקל און פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט. און זי האָט זיך גלייך פאָרגעשטעלט יענע פרוי אין שפּיטאָל מיט דער איינגעפאַלענער נאָז.

ניין, ס'האָט זיך איר ניט אויסגעוויזן, — טריט און אַ שטילע קלינגערײַ אינדרויסן. ווידער אַ קלאַפּ אין טיר פון קעלער. דערנאָך אין פירהויז — דזין, דזין...

ער האָט אָפּגעשלאָסן די טיר און געבליבן שטיין אַפן שוועל, זינקע איז אין ווינקל — ער זעט זי ניט. ער האָט צענומען די הענט און איז מיט שטילע טריט געגאַנגען צו איר.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטון, נאָר ער האָט זי געכאַפּט פאַר אַ האַנט. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום אים, ער האָט זי געכאַפּט פאַר דער צווייטער האַנט און שטאַרק צונויפגעקוועטשט, דאַן אָפּגעלאָזט אירע הענט און אַרומגעכאַפּט זי אונטער די פּאַכוועס. האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געקוועטשט מיט דער באָרד אין צעבראָסטעטער ברוסט. זינקע האָט געשריען און פאַרצווייפלט געווערט זיך. נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט ער זי איבערגעבויגן אין טאַליע. זיי האָבן זיך ביידע אַ שאָקל געטאָן און געפאַלן אַף דער באַנק, און נאָך אַף דער באַנק, ציטערנדיק פון פּאַכעד און עקל, האָט זיך זינקע גע־

שלאָגן אונטער אים מיט פאַרביסענע ליפּן. ער האָט געשוויגן און געברענט איר דאָס פּאָנעם מיט זיין הייסן אָטעם. דאָס מיידל פילט שוין, אַז זי ווערט אָפּגעשוואַכט, נאָך אַ רעגע, און זי וועט מאַכטלאָז אָפּלאָזן די הענט, האָט זיך נאָך אַ ריס געטאָן מיטן לעצטן קויעך. נאָך אַ רעגע. ס'לאָזן זיך אָפּ די צונויפגעפלאָכטענע פיס... פּלוצים האָט ער אופגעציטערט, שווער אַראָפּגעלאָזט זיך, איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ פאַרוויאַנעטער. האָט זיך אַראָפּגערוקט פון איר ניט אַרויסלאָזנדיק אירע הענט פון זיינע. דערנאָך איז ער אופגעשטאַנען און אַוועק צו דער טיר.

— פּאַסקודסטווע! — האָט ער אַ זאָג געטון עפּעס מאָדנע: אי פאַרסאַפּעט, אי בייז, אי גלייך ווי שולדיק. זינקע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. זי האָט שווער געאָטעמט און מיט פּאַכעד אַרויסגע־שטעלט אָנקען אים די הענט. נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען און פאַר־מאַכט נאָך זיך די טיר. דאָ האָבן זיך דערהערט נאָך טריט אין פירהויז און עמיצער האָט געזאָגט:

— באַוועד נאַטשאַלניק, נו, מיר גייען אָפּפירן.

— יאָ, יאָ, נאָר זעט טוט אכטונג! פירט הורבן סאָך. איר זאָלט אים פאַר דעם צעבינדן די הענט.

ער האָט אַ קלונג געטאָן מיטן שליסל אין טיר, און זינקע איז צוגעפאַלן צו דער טיר, ס'האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם. זי האָט געטאַפּט די טיר און מיטן גאַנצן גוף איינגעקלעפּט זיך אין איר, ענדלעך איז זי צוגעפאַלן צו אַ שפּאַרינקע און מיט אַ קרעכץ אויס־געשריען:

— נאַטשאַלניק!

ס'איז, דאַכט זיך, גאָר ניט איר קאָל. סאָכנאָווסקי האָט זיך אומ־געקערט.

— וואָס ווילסטו?

זינקע ווי אין אַ פיבער, פאַרכלינעדיק זיך, האָט געמורמלט:

— איך בין אַ נאַר! אָי, בין איך אַ נאַר! — און האָט געטאַפּט מיט די הענט און געבעטן אין שפּאַרונקעלע: — לאָזט מיך אַרויס! נו קומט זשע גיך אהער! כ'וועל שוין מער ניט. כ'וועל זיך קיין ריר ניט טאָן, כ'וועל זיין ווי אַ טויטע!

אַ ווייל׳ע שטיל. סאָכנאָווסקי האָט אַ שפּיי געטאָן.

— סט׳געדאַרפט אַנומעלטן. און איצט וואָס טויגסטו מיר? — ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין. דערנאָך אומגעקערט זיך, אַ ווײלע געקלערט און געזאָגט, אָפשליסנדיק די טיר:

— נאָר זאָלסט זען באַ מיר, כ׳וועל דיך נעמען אין שטוב אַרײן. נאָר טאָמער וועסטו מיר פראַווען שטיק, וועל איך דיך אַרײנוואַרפן אין קעלער אַרײן:

— כ׳וועל שוין ניט, כ׳וועל ניט! — האָט זי געשווינד און אויפגערעגט געזאָגט.

סאַכנאָווסקי האָט געעפנט די טיר, גענומען זי פעסט פאַר אַ האַנט און אַוועקגעפירט. פון דער פינצטער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן — ס׳האָט געסטאַרטשעט די לאָך פון קעלער: שוין אַוועקגעפירט. זי האָט זיך געהאַט אָפגעשטעלט, נאָר ער האָט זי פעסט געהאַלטן און אַ קוק געטאָן. זי האָט אַ קלער געטאָן: גיין, אַזוי טאָר מען ניט, ביז די קוסטן דאַרפן זיי גיין צוויי ווערסט — זי ט׳נאָך באַווײזן. זי ט׳לויפן און דריאָגן!... און זינקע האָט גענומען גיין גיכער. איז שוין געווען אַפן גאַנעק, אַז זי האָט דערהערט פון די שפייכלערס אַ פייף, ווי אַ מעוועס אויסגעשריי. דאָס האַרץ האָט איר אַ קלעם געטאָן און ווי אָפגעשטעלט זיך.

אין זיין גראַמען און פראַכטפולן צימער האָט סאַכנאָווסקי אָפגעלאָזט זינקען און פאַרמאַכט די טיר אין קאַנצעליאַריע. אַפן טיש האָט העל געברענט אַ לאָמפ אונטער אַ גרינעם אַבאַזשור, און צוליב דעם איז אַלץ אין צימער געווען גרינלעך. אינמיטן שטוב שטייט זינקע ווי אַ געשפענסט, און דער צעשפיליעטער סוויטקע, די צעפאַטלעטע האָר פאַלן איר אַף די פלייצעס, — דאָס גרויסע שאַלעכל האָט זי שוין ערגעץ פאַרלאָרן. געשטאַנען שטום און גלייך ווי פאַרשטיינערט, און אַז סאַכנאָווסקי האָט געזאָגט, זי זאָל אויסטאָן די סוויטקע און די שטיוול, — האָט זי, דאַכט זיך, ניט געהערט, און עפשער איז אַזוי לאַנג געפלויגן צו איר די שטים איבערן צימער — ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זי זיך אַ ריר געטאָן און אויסגעטאָן זיך. פון בעט-ווינקל האָט סאַכנאָווסקי גענומען אַ גרויס אָראַנזשעווע טיכל מיט קווייטן און געהייסן איר אָנטאָן אַף זיך. זינקע האָט דאָס אויך געטאָן מיט ציטערנדיקע הענט און ווידער געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך מיט אַ שטומען און טעמפן קוק אין איין פינטל.

סאַבנאָווסקי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף דער קאַנאַפּע לעבן טיש און פאַרוויכערט. דורכן רויך געקוקט אַף איר און פאַרצויגן זיך מיטן פּאַפּיראָס. ער האָט נאָך אַפילע געפילט אַ שוואַכקייט אין קערפּער, נאָר די אומפאַרשעמטע פאַנטאַזיע האָט זי שוין ווידער געזען אַן אַנטבלויזטע אין אַ קרענקלעכער פּאָזע. דאָס, וואָס זי איז געווען בלייך און אויסגעמאַטערט, האָט אים נאָך מער אויפגערעגט. ער האָט זי אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער.

זינקע האָט אויפגעציטערט. אירע אויגן זייַנען געפאַלן אַף אים און פון אים — גלייך אַנטקעגן איז אַ גרויסע טרימאָ, און אין טרימאָ... זי האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און ניט גע־קאָנט אָפּרייסן דעם בליק. מיט גרויל האָבן געקוקט אירע קיילעכיק־געוואָרענע אויגן, און פון דאָרט האָט געקוקט אַף איר — דאָס איז האָך זי. דאָס איז ניט יענע פרוי אין שפּיטאָל, דאָס איז זי, זינקע. דאָס אָראַנזשעווע טיכל אַף די פּלייצעס, און דאָס גרינגלעכע פּאָנעם און די אויגן טיף, ווי צוויי גריבער, און ווי אַ טונקעלע גרוב די איינ־געפאַלענע נאָז...

— נו, גיי־זשע!..

ווי אַ שטיין איז דאָס מיידל געשטאַנען. סאַבנאָווסקי איז אויפ־געשטאַנען, זי אַרומגענומען פאַר די פּלייצעס און צוגעפירט צו דער קאַנאַפּע. אַנידערגעזעצט זיך, און זי אַוועקגעזעצט צו זיך אַף די קני. געקוקט איר אין פּאָנעם אַריין.

גלייך ס׳איז געווען אַמאָל אַ פרוי, און זי האָט געטראָגן אַ גרויסן פּיין, און פון דעם פּיין איז זי פאַרשטיינערט געוואָרן. און ווידער— פון וואָס איז עס? — איז דער שטיין לעבעדיק געוואָרן, ס׳האָט אויפגעלעבט דער פּיין אַפן פּאָנעם. זי האָט זיך האַסטיק אויסגע־קערעוועט צו אים און געשוויגן:

— נו... גיכער!

ער איז צוגעפאַלן אַ מאַכטלאָזער צו אירע קני און געגלעט זיי מיט דער האַנט...

פּלוצים האָט אַ טראַכקע געטאָן פון דרויסן אין פענצטער, ווייזט אויס, מיט אַ ציגל. — טראַך! ערגעץ אין טיר דורכן גאַנצן הויז. דאָס מיידל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון די קני. און ער האָט זיך

שוין אַ לאַנג געטאָן ניט צו איר, — אַרויסגעכאַפּט דעם נאַגאַן פון שיידל און אַוועקגעלאָפן דורך דער פינצטערער קאַנצעליאַריע אין קאָרידאָר אַריין. זינקע איז אַף אַ ווײַלע געבליבן אָפּהענטיק. נאָר זי איז טייקעף געקומען צו זיך — און פאַרלאָשן דעם לאָמפּ.

פינצטער אין שטוב. זינקע איז אַ באָרוועסע אַרויסגעלאָפן פון שטוב אַף די שפּיץ־פינגער שטיל ווי אַ קאַץ, דורך דער קאַנצעליאַריע און איז שוין אין קאָרידאָרטשיק, און לעם דער טיר שטייט ער. אַפן גאַנעק איז ער ניט אַרויס, איז געשטאַנען אַפן שוועל, האָט אָפּאָנעם, מוירע געהאַט. און פון שוועל געשריען אין דער נאַכט אַריין:

— כ׳וועל שיסן!

פון דרויסן הערט מען גאָרניט. נאָר אַפן גאַנעק גייט ער ניט, ער האָט שוין אויסגעצויגן אַ האַנט צו פאַרמאַכן די טיר. און פלוצים האָט זיך זינקע פון הינטן מיטן גאַנצן קויעך אַרויפגעוואָרפן אַף אים און מיט אַ ווילדן געשריי אים אַ שטויס געגעבן אין רוקן, — ער איז געפאַלן אַפן גאַנעק. זי איז אויך אַראָפּגעפאַלן פון גאַנעק. ס׳האָט איר אַזש אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, נאָר אין אַ רעגע אַרום האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעלאָפן איבערן הויף אין בוריאַן אַריין...

זינקע האָט געהערט, עמיצער יאָגט זיך, שרייט, אָט איז זי שוין אַפן וויהאָן און פון הינטן טופּען שטיוול און מע שרייט. זינקע איז געלאָפן מיטן גאַנצן קויעך, דער ווינט האָט איר געפּייפּט אין די אויערן און געשמיסן די צעפּאַטלעטע האָר. און אָט איז איר קיין קויכעס ניט געסטייעט. זי איז צוגעלאָפן צו דער ערשטער ווינטמיל, האָט זיך קוים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, און פון הינטן הערט זיך אַ טופּען, גלייך סע לויפן צוויי. מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט זי דערהערט אַ שטילן פייף. זינקע האָט אויפגעשריען און ווידער אַ ריס געטאָן זיך. נאָר זי האָט זיך שוין אומגעקוקט און מיט פאַרצווייפלונג געשריען:

— אָי, גיכער, גיכער!

די יונגען האָבן זי אָנגעיאָגט ערשט נאָך די ווינטמילן. זיך ניט אָפּגעשטעלט אַף קיין רעגע. לויפנדיק האָט זי זיי געזאָגט, אַז דאַ־

ווידן האָט מען שוין אַוועקגעפֿירט. זי האָט געמיינט, זיי יאָגן שוין נאָך, נאָר זיי האָבן ניט געזען. אַלץ געוואַרט אַף איר און פֿאַר צווייפֿל געגומען וואַרפֿן ציגל... — וואָס ט'ער געטאָן מיט איר? — זינקע: — גאָרניט.

זי איז געלאָפֿן נאָך גיכער און האָט נאָר אַביסל געהינקען.

און דאָך ביז די קוסטן האָבן זיי זיי ניט אָנגעיאָגט. אין די קוסטן זיינען זיי געלאָפֿן נאָך גיכער, פֿאַרסאַפּעטע און צעהיצטע. מיטאַמאָל האָט אילקאָ אָנגעכאַפּט זינקען פֿאַר אַ האַנט און אַליין זיך אויך אָפּגעשטעלט. סאַווקע איז אויך געבליבן שטיין. זי האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. נאָר אַפֿן וועג איז כווישער, מע זעט ניט און מע הערט ניט גאָרניט. פּלוצים האָט אין אַ זייט, אין די קוסטן עפּעס אַ פֿינקל געטאָן, גלייך ווי עמיצער האָט אַוועקגעוואָרפֿן אַ פּאַפּיראָס, און אַ שטים האָט אינדערהויטן געזאָגט:

— שטיי דאָ!

זינקע האָט אַ געשריי געטאָן. אילקאָ אַ פֿאַרפֿאַליעטער האָט אויסגעשאָסן פֿון „אָבריז", — ער ווייסט אַליין ניט צי אַהין, צי עפּשער גאָר אין דער לופֿטן. און פֿון די קוסטן אין הערזעלבער רעגע פֿון צוויי ביקסן — באַך, באַך!

שוואַרצע נאַכט. לעבן זינקעס פּנים האָט אופֿגעפֿלאַקערט דער פֿלאַם פֿון „אָבריז" און זי פֿאַרלושעט. זי איז געלאָפֿן, געפֿאַלן, דורכגעריסן די קוסטן און עפּעס געשריען ווילד. ניט געהערט — צי די באָכרים לויפֿן נאָך איר, געהערט נאָך שאָסן, שוין ערגעץ ווייט — באַך, באַך! זיך פֿאַרטשעפּעט און איז געפֿאַלן. אויפֿגעכאַפּט זיך און ווידער געלאָפֿן. מיט די אויפֿגעריסענע אויגן זשעדנע געזוכט אין כווישער צווישן די קוסטן, און אונטער איין בוימל האָט זי זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, אַ קרעכץ געטאָן און צוגעפֿאַלן צו אים.

אַפֿן גרויען זאַמד צווישן די בוימלעך איז ער געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי אַ שוואַרצער צייכן.

זי איז געפֿאַלן פֿאַר אים אַף די קני, ווי אַן אונטערגעשאָסענע. אַ פֿלעסקע געטאָן מיט די הענט, און געקרעכצט אין דער נאַכט אַריין. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ שאָקל געטאָן און איז מיט אַ קרעכץ געפֿאַלן אין אָנמאַכט מיטן קאָפּ צו אים אַפֿן זאַמד.

— ...די נאַכט האָט זיך אָפּגערופֿן נאָך מיט צוויי שאָסן, נאָר עוגעץ ווייט — באַך, באַך!.. דערנאָך האָט זי פֿאַרלוירן אַ שטערן — אַ גרויסע בלוטיקע טרער, און פֿאַרשטומט געוואָרן אין טרויער.

XXXIII

דורך די קליינע פֿאַרגראַטעטע פֿענצטער האָט זיך געגאָסן גרויע ליכט אין דער קאַמערע אַריין. די שיין האָט אַראָפּגעצויגן די שאָטנס, וואָס האָבן איינגעדעקט אַף נאַכט די אָפּגעריסענע טורמעניקעס, — אַף די נאַרעס אונטער דער וואַנט, אַף דער צעמענטענער פֿאָדלאָגע ענג לעבנאַנאַנד מיט די קעפּ צו דער וואַנט. פֿון אונטער די נאַרעס האָבן אויך געשטעקט פֿיס, דאָרטן איז מען אויך געשלאָפֿן. איבער דער טיר האָט זיך געלאָשן אַ לעמפּל — אין גלעזל איז ניט קיין פֿלעמל, נאָר אַ רויט באַבעלע האָט אין גסיסע געפֿלאַטערט מיטן אָפּגעברענטן רויטן פֿליגעלע. די צעוואָרפֿענע קערפּערס האָבן געבראָפּעט און שווער געאָטעמט אין שלאָף. ווי אַמאָל, בעאייסן הונגער, אַף אַ קנופּ־סטאַנציע אין וואָקזאַל: אין טראַנטעס, האַלבנאַקעטע, אייניקע אין די שטיוול, און יעדער מיטן קאָפּ אַף זיין קלומעקל....

אונטער די נאַרעס האָט עמיצער געמורמלט, ווי פֿון היץ. אין ווינקל האָט זיך איינער אַ שוואַרצער, אַ צעפּאַטלעטער אופֿגעהויבן און, שפּאַנענדיק איבער די שלאָפֿנדיקע, דורכגעגאַן צום טיר, צו דער פּאַראַשע.

פֿון אונטער די נאַרעס איז אַרויסגעקראָכן יאַקים, געבליבן שטיין אַף די קני און זשעדנע אַריינגעצויגן די אויסגעצערטע לופֿט, ווי אַ פֿיש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפֿן אַפֿן ברעג. און די אויגן זיינען געפֿאַלן אַף די בלאָע פֿאַרגראַטעטע פֿענצטער — שטיקלעך בלאָען, דורכזיכטיקן און טיפֿן הימל. און ערגעץ ווייט הינטער דער שלאָפֿנדיקער שטאָט דורכן כראָפּען אין קאַמערע און דורך די קלינגענדיקע טריט פֿון וואַכטער אין קאָרידאָר, האָט זיין אויער געכאַפּט דאָס שטילע ווייטע פֿייפֿן פֿון מאַנעווריר־לאָקאָמאָטיוון לעבן וואָקזאַל. ס׳האָבן זיך דערמאָנט די ווייטע זוניקע ראַכוועסן.

נאָך שווערער איז געוואָרן צו אָטעמען. יאַקים איז צוגעגאַנגען

646—18*

צו דער טיר און צוגעפאַלן מיטן אָפּענעם מויל צום „וואַלטשאָק“ — געכאַפּט פרישע לופט פון קאָרידאָר.

ס'איז דורכגעגאַנגען דער וואַכטער, די טריט האָבן קלינגענדיק אָפּגעהילכט אונטערן קאָרידאָר־געוועלב. ער האָט אַ קוק געטאָן אין וואַלטשאָק.

— פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— סע שלאָפט זיך ניט, כאַווער וואַכטער, — דער וואַכטער האָט געדרייכערט, האָט אים דער באָכער אַ בעט געטאָן: — כאַווער, ניט דערוויכערן.

דער וואַכטער האָט נאָך אַ צי געגעבן און דערלאַנגט דאָס רעשט. יאַקים האָט געפרעגט, צי וועט כאָטש גיך זיין די פּאָווערקע. — יאָ, שוין גיך. — ס'זאָל כאָטש זיין גיכער, ווייל באַנאַכט איז די קאַמערע, ווי אַ קייווער. — דער וואַכטער איז אָפּ, גאָרנישט זאָגנ־דיק; ער האָט אַוועקגעטראָגן די הילכיקע טריט אַפן צווייטן עק קאָרידאָר.

און גלייך ווי ער איז אַוועק האָט פון דערווייטן, פון וואָקזאַל, אין דעפּאָ אַ רעווע געטאָן אַ פייף, און ערגעץ ווייטער נאָך איינער. טיי־קעף האָט אין הויף, אַפן וואָר־טורעמל הויך גענומען קלינגען אַ גלעקעלע אַף דער נאָטע ליאַ... און איבערן קאָרידאָר האָט זיך צע־קאָטשעט אַ געשריי:

— שטייט אויף!

אין דער קאַמערע האָבן זיך אויפגעהויבן די צעפּאַטלעטע קעפּ, און אין אַ ווײלע אַרום האָט מען זיך שוין גערירט, ווי די ווערים, אין די קליידער, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער קאַמערע. מע איז אויפגעשטאַנען און שרעקלעך פאַרברודיקטן וועש, אייניקע בלויז אין שמאַטעס, געקראַצט זיך, געגענעצט. און שוין גלייך פון שלאָף האָט זיך עמיצער גענומען זידלען: פון זאַק אונטערן קאָפּ האָט מען בא אים אַרויסגעגאַנוועט זיין ברויט און סאַלע. אַ שוואַרצער מיט אַ גרויסער באָרד — מע זעט גלייך, ס'איז אַ פּויער — האָט זיך געשאָלטן באַטראַכטנדיק דעם צעטרענטן זאַק, נאָר דער אורקע קאָלקע טשיזשיק, דער סטאַראָסטע פון דער קאַמערע, ניט קיין גרויסער און אַ רירעוודיקער, האָט באַפעלעריש געזאָגט:

— נו, גענוג דיר יאָמערן! ווייניק האָט מען אייך געלערנט, דו זשלאָב איינער!

מ'האָט זיך געשטעלט צו דער פּאָווערקע. פאַר דער טיר לענגויס דער קאַמערע האָט מען זיך אויסגעשטעלט אין רייען, ניט קיין אָנגעטאָנענע. די שמאַטעס זיינען אַלע געבליבן ליגן אַף דער ערד. אין די רייען שטייענדיק האָט מען זיך נאָך אויך געקראַצט און געגענעצט. לעבן דער פּאַראַשע שטייט אַ ריי, צום וואַלטשאַק איז צוגעפאַלן מיטן אויער און האָט „געקנאַצט" יאַשקע פּסיד. פון דער פערטער קאַמערע איז שוין די פּאָווערקע געגאַן אַהער. יאַשקע האָט זיך געשווינד אַוועקגעשטעלט אין דער ריי. פון דער פּאַראַשע האָבן זיך אויך אַלע אַ וואָרף געטאָן און שטיל געוואָרן. דער וואַכטער האָט איילנדיק געעפנט די טיר. ס'איז אַריין נאָר דער געהילף־נאַטשאַלניק פון דאָפּר — די אונזערע זיינען אַלע געבליבן אין קאָרידאָר. ער האָט אַפּגיך איבערגעציילט: 10 רייען צו 5 און נאָך 2. אָפּגעצייכנט באַ זיך אין צעטל און ווידער האָבן אַ קלונג געטאָן די שליסלען און ס'האָט אַ טראַכקע געגעבן די טיר.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג.

נאָך דער פּאָווערקע האָט מען צונויפגענומען די געלעגערס און דאָס אָנטאָן אין פעקלעך און געלייגט אונטער דער וואַנט. מ'האָט זיך געוואַשן איבער דער פּאַראַשע, נאָר דאָס האָט ווייניק־ווער געטאָן, האָסראָוו האָבן זיך גאָר ניט געוואַשן, נאָר אויסגעזעצט זיך אַף די קלומעקעס, אויסגעטאָן די העמדער און געכאַפּט די לייז.

יאַקים האָט אויסגעדרייט די העמד אַף דער לינקער זייט, אַ קוק געטאָן אַף מיכאָנען, וואָס איז געזעסן לעבן אים, און געזאָגט צו אים:

— מיכאָן, פאַרוואָס טוסטו קיינמאָל ניט אויס די העמד? זיי וועלן דיך אויפעסן.

די אַלע טעג, פון סאַמע אָבוכיווקע, דאָרט אין מיליציע און אַפן וועג אין די עטאַפּן, האָט מיכאָן געשוויגן און איז געווען פאַרמאָרעשכוירעט. די אויגן זיינען אים נאָך טיפער איינגעפאַלן, און דער הוסט איז געוואָרן נאָך שווערער.

אַציגד אויך — ער האָט געדריקט מיט דער האַנט די ברוסט און געהוסט לאַנג און הילכיק, און אויסגעבראַקעט מיט בלוט. ער האָט געזאָגט, גלייך ווי צו זיך אַליין:

— זיי האָבן מיך שוין אויפגעגעסן.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן — יאַקים האָט שוין געוואוסט, וואָס ער וויל — קריכן אונטער די נאַרעס, וואו זיי זייגען געשלאָפן באַנאַכט און וואו טיכאָן איז געלעגן גאַנצע טעג, נאָר אַרויסגעקראָכן אַף דער פּאָווערקע. יאַקים האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און ניט געלאָזט, וואָרים מע קאָן האָך אַזוי פאַרדולט ווערן פונם ליגן גאַנצע טעג אונטער די נאַרעס. אַפן שפּאַציר גייט ער ניט. כאָטש צו פופצן מינוט צווייטאָל אין טאָג זיין אינדרויסן איז אויך געזונט! און אָט וועט מען אינגיכן קליגגען אַרויסטראָגן די פּאַראַשע, וואָלטן זיי אַרויסגעטראָגן אינצווייען.

טיכאָן האָט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו דער קאַלטער וואַנט, פאַרמאַכט די אויגן און אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן.

יאַקים האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן דעם כאַווער, אים צוגעבן מוט. נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי. נעכטן נאָך און פריער האָט ער געוואוסט. ער האָט געטרייסט אים און זיך מיט דעם, אַז ס׳וועט שוין ניט לאַנג זיין אַזוי, מע וועט ברענגען האווידן, דעמאָלט וועלן זיי אָנשרייבן דעם אויספאָרשער אָדער דעם פּראָקוראָר, ס׳וועט זיך אָלצדינג אָנטפּלעקן, דערדאָזיקער קאָשמאַר פון די לעצטע טעג וועט פאַרשווינדן, און ס׳וועט ווידער זיין אַ לעבן אין אָבוכיווקע, נאָר אַ שיינס, אָן די מאַטיוכעס און גנידעס. ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט שוין אַליין ניט געגלויבט אין דעם. ווייל פאַרוואָס זשע האָט מען האווידן ניט געפירט איגייגעם מיט זיי? און פאַרוואָס האָט מען נאָר אים אייגעם אַרייגגעוואָרפן אין קעלער? און באַ די נעכט האָבן זיי געהערט פון קעלער האווידס געשרייען און קרעכצן, ווי פון אונטער דער ערד.

— מ׳האָט אים שוין לאַנג געהאַרגעט! — האָט טיכאָן געזאָגט און געברעקעט מיט בלוט אַפן אַספאַלט. נאָר יאַקים ווערט בלייך און וויל ניט גלויבן. און אַלע טאָג, ווען ס׳טוט אַזוי הויך אַ קלונג דאָס גלעקל אַפן וועכטער-טורעם (דאָס האָט מען געבראַכט אַן עטאַפּ צום טויער), פאַלט ער זשעדגע צו צום שויב און קוקט דורך די גראַטעס אין הויף אַריין. מ׳האָט אַלע טאָג געבראַכט עפּעס מענטשן אין פעלצן, אין פידזשאַקעס, ס׳זייגען געווען אייגיקע אויך אין שינעלן, נאָר האווידן איז דאָרט ניט געווען. צי דען האָט מען אים

טאַקע געהאַרגעט? און ער האָט זיך דערמאָנט אין די קוסטן, וואָס וואַקסן אַפֿן וועג.

יאַקים ווערט אַזש בלייך. אַף די קני ליגט די העמד, איבערן העמד קריכן אום די לייז, ווי קליינע ווערימלעך און פֿון די נעט שטעקן זיי אַרויס זייערע שאַרפֿע הינטנס. נאָר דער באָכער איז ווי פֿאַרשטיינערט — קוקט טעמפּ מיט די גרויסע אויגן אַף דער גרויער שטיינערנער וואַנט. און אַז דאָס גלעקל אַפֿן טורעם האָט זיך ווידער צעקלונגען, האָט ער נאָר אַ ציטער געטאָן און ניט אויפֿגעשפּרונגען, ווי שטענדיק. ערשט, אַז טשיזיק האָט אַ געשריי געטאָן:

— דעזשורנער, די פֿאַראַשע! — האָט ער אָפּגיך אָנגעטאָן די העמד און, כאָטש ס'איז היינט ניט געווען זיין ריי, פֿונדעסטוועגן איז ער צוגעגאַנגען צו דער פֿאַראַשע און זיך גענומען פֿאַרן הענטל. פֿאַרן אַנדערן האָט זיך גענומען דער בערדיקער פּויער, אין קאָרידאָר האָבן געטאַראַכקעט די טירן, דאָס האָט דער וואַכטער אַרויסגעלאָזט. אָט האָט ער שוין אָפּגעשלאָסן זייער קאַמערע, דעם קאַראַנטין. געוואַשן האָט מען די פֿאַראַשעס אין הויף אונטער דער הויכער געמויערטער וואַנט לעבן דעם ברונעם. אַ שטינקענדיק ריטשקעלע האָט אַראָפּגעשטראָמט איבערן זשאָלאָב, וואָס איז אויסגעפֿלאַסטערט מיט צעמענט, ערגעץ אונטער דער וואַנט אין אַ ריוו־טשאַק. לעבן ברונעם שטייען אַסאַך טורמעניקעס, פֿון אַלע קאַמערעס. אַפֿן טורעם איז געשטאַנען לעבן גלאָק אַ וואַכמאַן און נאָך אויפֿזעערס זיינען אומגעגאַנגען איבערן הויף אַף דער וואַך.

אָפּגעריסענע, מיט בלייך־גרינע פּנימער האָבן די טורמעניקעס אויסגעגאָסן די פֿאַראַשעס און געוואַשן זיי אונטער אַ שטראָם קאַלטע וואַסער. מ'האָט אונטערגעשטעלט די קעפּ אונטערן שטראָם און באַשפּריצט איינער דעם צווייטן מיט ראַש און פֿריילעכע קווילעם. און די ברוסטן האָבן זשעדנע איינגעזאַפּט די פֿראָסטיקע מאָרגן־לופֿט, און די אויגן זיינען געוואַנדערט אַף די געלע קליאָנען הינטערן וואַנט, וואָס אַף זיי גלאַנצט די זון מיט רויטן אָפּשיין. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען. נאָר דאָ זעט מען זי נאָך ניט; מע דערקאָנט עס בלויז נאָכן אָפּשיין אַף די ביימער, נאָכן טומל אַף די גאַסן דאָרט הינטערן וואַנט: מענטשן לויפֿן דאָרט אום, איבערן

ברוק טאַראַכקען בינדיוגעס, ס'האָט אַ כראַקע געטאָן אַן אַווטאָמאָביל און פאַרקערעוועט הינטערן ראָג.

לעבן ברוגעם האָט עמיצער אָנגעהויבן זינגען:

— Продай, жінко, хоч телицю
Чум-ча-ара, чу-ра-ра...
Візволь мене із в'язниці,
Ку-ку!

— Я телиці не продам,
Чум-ча-ара, чу-ра-ра...
Як попався, сиди там,
Ку-ку!

און די שטאָט רוישט, דער גערויש איז אַזאַ נאָענטער, טייקעף הינטערן וואַנט, און דאָך אַזאַ ווייטער. און פונוואַנען קומען עס די לאָקאָמאָטיוו־פייפן? אַ סוואָרע, פאַר דריי ווערסט, פון וואָקזאַל? יאַקימען ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז אַף ווייטע ראַכוועסן, ערגעץ אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווען ער איז נאָך געווען אין דער צוקער־פאַבריק. און באַטאָג, ווען מ'האָט געאַרבעט אַף די פּלאַנטאַציעס, זיינען די טעג אויך געווען אַזוינע זוניקע און קלינגענדיקע!.. און אין די שטערנדיקע נעכט, ווען לעבן די באַראַקעס... און יענעם פרימאָרגן, ווען ס'זיינען געפאָרן די מיידלעך, און איינע צווישן זיי איז געווען אַזאַ פאַרקלערטע און אומעטיקע.

און פּלוצים:

— אַ גוטן! — און אַ קלאַפּ אין פּלייצע. יאַקים האָט זיך אומגעקוקט, ס'איז קושנירענקאָ, אַ באָרוויסער, אין צעריסענע הויזן, אין ברודיקע שמאַטעס אַפן הוילן לייב, שטשירעט ער אַזוי מיט די ציין, — וואָס, דו ביסט אויך אַריינגעפאַלן? און וואָסער קאַמערע ביסטו?

— אין קאַראַנטין, — האָט יאַקים טרוקן געזאָגט.

— אַהאַ. און טיכאָן אויך?

יאַקים האָט שוין ניט געענטפערט; ער האָט אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן שטראָם וואַסער און גענומען זיך וואַשן, און דאָ שרייט שוין דער וואַכטער:

— אַנו, גיכער מיט די פּאַראַשעס! אַריין גייט!

שוין לויפנדיק איבערן הויף מיטן נאַסן געזיכט און האָר, האָט ער געכאַפּט די פּראָסטיקע, טערפּקע לופט, די רויטע זון־פלעקן אַף די קליאָנען, דעם שטאָט־גערויש הינטערן וואַנט און די ווייטע־ווייטע פייפן.

אין קאַמערע האָט מען שוין אַריינגעטראָגן דעם ברויט און געשניטן אים מיט אַ בלעכענעם מעסער אַף צענדלינגען. מ׳האָט שטאַרק נאָכגעקוקט, צי מע שנײַדט אין גלייכע פּאַיקעס, געשריען, צו וועלכער מע דאַרף צולייגן אַ שטיקל, פון וועלכער אָפּשניידן אַ שטיקל. און אַז דער לאַבן ברויט איז שוין געווען צעשניטן אַף צען שטיקער, האָט זיך איינער אָפּגעקערעוועט, און דער סטאַראָסטע האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער און געפרעגט — וועמען? יענער האָט אָנגערופן אַ נאָמען. און יעדער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף זיין נאָמען און גלייך, ווי מ׳האָט אים אָפּגעגעבן די פּאַיקע, האָט ער זי אויסגעכאַפּט און גענומען עסן. אייניקע פלעגן טאַקע אַזוי מיטאָמאָל אויפעסן איינגאַנצן און דערנאָך שוין דעם גאַנצן טאָג געטרוימט וועגן מאָרגנדיקן ברויט. נאָר יאַקים ניט. ער פלעגט נעמען ביידע שטיקלעך, זיינס און טיכאָנס, צעברעכן איינס אַף האַלב און דאָס צווייטע אַוועקלייגן אַף דער פּאָליצע — קיינער וועט ניט צונעמען, וואָרים פאַרן פּאַיאָק מיימעסט מען אין דאָפּר (איינער האָט געכטן געפּרוּווט, האָט מען אים שוין אַרויסגעטראָגן אין שפּיטאָל אַריין!). דאַן פלעג ער אָנעמען אין אַ בלעכן שיסעלע — וואו האָט ער עס געקראָגן? — אָקרעפּ פון עמער, גענומען אַ לעפל און טיכאָנען אויך דערלאַנגט זיין ציגענעם לעפל, — דאָס האָט זיך יאַקים אויך ערגעץ אויסגעסטאַרעט. מ׳האָט געטרונקען „טיי“ — אָן טיי, אָן צוקער, ווער פון אַ קריגל, ווער פון אַ שיסעלע, מיט לעפל.

נאָכן אָנבייסן האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט: ווער ס׳האָט ווידער געלויזט די העמד, און ווער ס׳האָט געלאַטעט. אין ווינקל אונטער דער הרובע, אַזוי אַז דער וואַכטער זאָל ניט זען דורכן וואָלטשאָק, האָבן די אורקעס געשפּילט אין קאָרטן — אַף געלט, אַפן אָנטאָ, אַף די פּאַיקעס. און אַנדערע האָבן זיך געלייגט אַף די נאַרעס און אויס לאַנגווייל געזונגען לידער. אַף דער אַסטאַלטענער פּאָדלאָגע זייַנען געלעגן אַף אויסגעשפּרייטע טולופּעס און סוויטעס די אַריינ=

געזעצטע פויערן. טאָן איז דאָך ניטאָ וואָס, האָט מען נאָר גערויבערט, איינציקע האָבן געשמועסט, און צומיינסטן איז מען געלעגן און טעמפּ געקוקט אַף דער סטעליע.

און דער קאָרידאָר, און דער גאַנצער דאָרף לעבט שוין: אין קוזניע הינטערן פענצטער קלאַפּן די האַמערס, פון די קאַמערעס לאָזט מען אַרויס די שניידערס אין שניידער־וואַרשטאַט, די קאָרידאָר־דעזשורנעס לויפן אום מיט באַשטעלונגען אין קלייטל אַריין. מע רופט אַרויס צום אויספאָרשער, מע לאָזט אַרויס אַפן שפּאַציר איינצלנע קאַמערעסווייז, און אין הויף שפּאַצירט מען אין אַ קרייז אין פּאָרלעך פופצן מינוט. ס'איז דורכגעגאַנגען דער קאָרופּס־סטאַראָסטע, געפרעגט, ווער ס'האָט בריוו, מעלדונגען, מ'האָט שוין געטראָגן „פּערעדאַטשעס“ — איבערן קאָרידאָר טראָגט זיך אַ קלינגנדיקער אויסגעשריי:

— נעטשיפּאָרענקאָ!

— די דרייצנטע! די אַכטע! — רופט מען זיך אָפּ מיטאַמאָל פון עטלעכע קאַמערעס.

— ווי רופט מען דיך?

— איוואַן! — הערט זיך פון אַ קאַמערע.

— כאַווער וואַכטער, עפן די דרייצנטע!

אין קאַראַנטין הערט זיך אויך יעדער צו — עפּשער ט'ער דערהערן זיין נאָמען. און דאַן וועט מען דערלאַנגען אין טיר אַ קוישל: אַ ברויט, אַ ווייסע העמד. היינט קאָן מען אַרויסרופן אַף אַ זעונג אויך. דאָס איז דאָך אַזוי מעגלעך און געוואונטשן. אַפילו יאַקים זאָגט טיכאָנען:

— אָט, ווען ס'קומט עמיצער צו אונדז! מיר וואָלטן זיך כאָטש דערוואוסט, וואָס דאָרטן טוט זיך, וואָס הערט זיך מיט דאַווידן. כאָטש בי אַ העמד אַ ווייסע באַקומען... — און, ווייזט אויס, ער האָט אַליין געקלערט, אַז ס'איז אומעגלעך, ווייל ער האָט גענומען פאַרזיכערן, — אינדערעמעסן, וואָס איז דאָ אַזוי אומעגלעך? עמעס, ער האָט ניט, ווער ס'זאָל קומען, די עלטערן זיינען אַלט, אָבער מאַריע קאָן דאָך — אַף דער סטאַנציע, מיטן באַן, און — וואָס מאַכט איר דאָ, כעווירע?

באַ טיכאָנען האָט נאָר אַ כריפּע געטאָן אין ברוסט. ער האָט זיך אָפּגעריסן מיטן קאָפּ פון דער וואַנט און געוואָלט שוין קריכן אונטער די נאַרעס, נאָר פּלוצים האָט זיך פונם טומל אין קאָרידאָר (אַפּאַנעם, אַ קאַמערע האָט זיך אומגעקערט פון שפּאַציר) דורכן טיר־לעכל דערהערט:

— קאָזשושני טיכאָן!

טיכאָן האָט זיך צוגעהערט, נאָר גיך געריכט זיך פון אָרט. מען האָט אים אונטערגעשטופּט:

— גיי זשע, מע רופט דאָך דיך אַרויס.

קאָזשושני האָט זיך אופגעהויבן פון פּאָדלאָגע, און שאָקלענדיק זיך, אַ שווערער און אומגעלומפּערטער, איז ער צו צום טיר און אַריינגעקוקט אין לעכל. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָפּגע־וואָרפן צוריק מיט אַ פאַרשפּיגן פּאָנעם. האָט זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל און נאָך געקוקט אַ צעמישטער צו דער טיר. פון קאָרידאָר הערט זיך דאָן אַ באַקאַנטע שטים, קושנירענקאָס:

— כעוורע! קאָלקע! דאָס איז באַ אייך איינער, וואָס האָט אַ זעלבסטגעריכט געמאַכט!

דאָס שרעקלעכע וואָרט איז אַריינגעפאַלן אין קאַמערע אַריין, ווי אַ פונק אין פּולווער. אַלע האָבן אויפגעציטערט. די אורקעס האָבן אויפגעהערט זינגען. קאָלקע האָט זיך אַפילע אָפּגעריסן פון די קאָרטן.

ווער איז עס?

יאַשקע דער געשטופּעלטער האָט אָנגעוויזן אַף טיכאָנען, וואָס איז שוין אָפּ פון טיר און געקראָכן אונטער די נאַרעס. יאָקים איז געוואָרן אומרואיק, ער האָט שוין געזען די טעג, ווי מע שלאָגט אין טורמע. ער איז צוגעגאַנגען צום סטאַראָסטע, געטײַנעט, אַז ס'איז אַ ליגן, אַז דאָס רעדט מען אומיסטן אַף טיכאָנען. נאָר טשיזשיק האָט אַף אים בייז אַ קוק געטאָן:

— גיי אַוועק! — און מיט דער פּוס אים געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין ברוסט.

די אורקעס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אַ קופּקע אַף די נאַרעס און לעבעדיק געשמועסט. ס'זײַנען געווען צווישן זיי היציקע, און באַ די האָבן שוין געברענט די אויגן, דעריקער באַ יאַשקען פּסיק. ער

האָט ניט אויסגערעדט קיין ווערטער, נאָר געריסן מיט די ליפּן. ער האָט זיך אויך אַמאָל „פאַרשאָטן“ אַפן מאַרק און אַט אַזוינע פויגלען האָבן געמאַכט איבער אים אַ זעלבסטגעריכט. פון ווינקל איז צוגעגאַנגען אַ ציגיינער מיט אויסגעשלאָגענע פאָדערשטע ציין און מיט אַ רויט אויסגערונען אויג.

מ'האָט זיך לאַנג געשושקעט. דערנאָך איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ סוידעסדיקן אויסדרוק אַף די געזיכטער, אייניקע האָבן זיך ווידער אַנידערגעלייגט אַף די נאַרעס און געזונגען לידער.

יאַשקע האָט ווידער געלויזט די העמד. פּלוצים האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעשריען:

— כעווריע, אַנו גענוג!

אין קאַמערע זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. הינטערן פענצטער האָט געהילכט אין קוזניע.

— אַניט איז עס אַלעבן בא אונדז אין קאַמערע, אין קאַראַנטין? — האָט ער געזאָגט קלאָמערשט מיט קאַס, — ביז וואַנען וועלן אונדז עסן די לייז! אין באָד פירט מען אונדז ניט, אין די קאַמערעס פירט מען אונדז ניט אַריבער. דאָרטן קאָן מען גיין אין קלוב אַריין, אין קינאָשקע, און מיר וואַלגערן זיך דאָ דעם גאַנצן טאָג אין בלאָטע! וואָס איז עס פאַר אַ לעבן? — ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט ווייטער, — און אַלץ צוליבן סטאַראָסטע, — קאַלקע טויג ניט פאַר קיין סטאַראָסטע, לאָמיר אויסקלייבן אַ נייעם!

— יאָ, יאָ, צו אַלדי רוכעס קאַלקען! — האָבן די אורקעס געשריען פון די נאַרעס.

— אַן אַנדערן געב!

און אַפילע קאַלקע טשיזשיק אַליין האָט זיך קלאָמערשט אָנגעכמורעט.

— יאָ, מע דאַרף קלייבן אַ סטאַראָסטע. — ער האָט אַ רוף געטאָן אַלע זאָלן זיך צונויפקלייבן און פון אונטער די נאַרעס זאָל מען אויך אַרויסקריכן.

מ'האָט געמאַכט פון פּאַפּיר „זשערעבעס“. איינער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף די נאַרעס, פאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבויגנס, די הוילע הענט אַוועקגעלייגט אַף די קני און אין די צונויפגעלייגטע הענט האָט מען אַריינגעלייגט די זשערעבעס. אַצינד דאַרפן אַלע ציען.

— און וואו איז יענער זשלאָב, וואָס הוסט? — האָט דער שטופּלדיקער באַמערקט, אַז טיכאָן איז ניטאָ, — קריך אַרויס פון אונטער די נאַרעס! וואָס, מע דאַרף דיך באַזונדער פאַרבעטן?

טיכאָן, אַ פאַרמאַטערטער, איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער די נאַרעס. ער האָט זיך געשטעלט אינם רעדל און געוואַרט, ס'זאָל גיכער נעמען אַ סאָף צו דער מייסע.

יעדן האָט מען פאַרבונדן די אויגן מיט אַ האַנטעך, און ער האָט מיט די ליפּן אַרויסגעשלעפּט אַ זשערעב. צעבונדן די אויגן, האָט ער געזען, אַז דער זשערעב איז אַ פּוסטער. און אַזוי בײַ אַלע פּוסטע. בײַ יאַקימען אויך. סאָפּקאָלסאָף איז געקומען טיכאָנס ריי.

— פאַרבינד גוט, — האָט יאַשקע אַ געשריי געטאָן, — בעסער, נאָך שטייפער!

ס'האָט זיך עפּעס געצויגן צו לאַנג. מ'האָט שטייף פאַרבונדן די אויגן. טיכאָן אַ פאַרמאַטערטער האָט אָנגעבויגן דאָס פּאָנעם נאָכן זשערעב. און פון הינטן האָט מען אים אונטערגעשטופּט אין האַלדז און נאַקן.

— זוד, זוד! צי מיט די ליפּן! — און די קאַמערע האָט ניט אויסגעהאַלטן — ס'האָט אויסגעפּלאַצט אַ געלעכטער, אַז די שויבן האָבן געקלונגען, אַ מיעסער און אַכזאָריעסדיקער געלעכטער. צום טיר־לעכל איז צוגעגאַנגען דער וואַכטער און האָט האַרב געזאָגט:

— זעקסטע, שטילער!

טיכאָן האָט זיך אויפגעהויבן און לאַנג צעבונדן דעם האַנטעך. און אַז ער האָט שוין צעבונדן, האָט ער דערזען פאַר זיך דעם ציגייִ־נערס הוילן הינטן. דער ציגייַנער האָט אויסגעדרייט צו טיכאָנען דאָס שוואַרצע פּאָנעם און אויסגעשטשירעט די שטיקלעך ציינער:

— הא, וואָס? האָסט אויפגעגעסן?

— הא־הא־הא! סמאַראָסטע! — אַ געלעכטער. טיכאָן האָט נאָך שמערצלעך פאַרקרימט די ליפּן און אַוועק אונטער די נאַרעס.

ס'איז ניט געווען פאַרוואָס זיך צוטשעפּען צו אים, קעדיי אים אָנהויבן שלאָגן. מע וואָלט עפּשער געפונען אַ סיבע, נאָר דאָ האָט מען גראָדע געבראַכט אַ פּעקל איינעם אַ פויער. אַ „גראָב“ פּעקל — קאָלקע מיט דער כעוורע האָבן טייקעף אַרומגערינגלט דעם קאָשעק: אַ ווייסע בולקע, וואורשט, צוויי „קאָסטיומען“ מאַכאָרקע און וועש.

דער פויער האָט נאָך ניט באַוויזן איבערצולייענען דאָס צעטעלע, און אין קאָשעק איז שוין פאַרבליבן נאָר דאָס וועש. מע אַרבעט שוין מיט די ציין — אַלע זיינען דאָך הונגעריק. ווער ס'האָט ניט געפאַקט קיין עסנוואַרג, האָט כאָטש פאַרויכערט געשמאַק. דער „באַלעבאָס" פונם פעקל האָט נאָר אַ פאַרלוירענער באַטראַכט וואָס עס טוט זיך, ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוט עפעס זאָגן, וואָרעם נעכטן איז אויך געווען אַזוינס מיט איינעם, קריכט ער שוין היינט ניט אַרויס אַ צעגערעקטער פון אונטער די נאַרעס. עמיצער האָט אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט: אָפגעבראָכן אַ שטיק ברויט און וואורשט אויך.

...נאָכן וואַרעמעם האָט מען געבראַכט צופירן אין טורמע אַן עטאַפ. יאַקים איז צוגעפאַלן צום פענצטער און געקוקט אין הויף. מ'האָט דורכגעפירט אין איינצל-קאָרפוס זיבן מאַנסבילן און צוויי פרויען. דאַוויד איז דאָ ניט געווען.

וואָס פאַר אַ בענקשאַפט האָט אַרומגעכאַפט יאַקימען! די האָפענונג האָט פאַרלוירן אירע לעצטע קויכעס און געפאַלן מאַכטלאָז אין דער אויסגעמוטשעטער נעשאָמע.

ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער די נאַרעס און ביז פאַרנאַכט, ביז דער פאָווערקע, איז ער ניט אַרויסגעקראָכן פון דאָרטן.

אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל, האָט ער דערהערט אַ ווייט אומעטיק געזאַנג. גלייך ווי ניט אין קאַמערע, נאָר ערגעץ ווייט אין בלויען פאַרנאַכט האָבן זיך יונגע שטימען מיט אויפריכטיקן אומעט געקלאָגט פאַר אַ מאַמען, מיט אַ פאַרגעסענעם שוין עפשער געזיכט.

—Ах ты, мать моя родная,
Зачем на свет меня родила,
Судьбой несчастной наградила,
Костюм жигана мне дала...

און יאַקימען כאַפט אַרום אַזאַ בענקשאַפט. טיכאָן איז ווי פאַרגליווערט, ער שלאָפט ניט, נאָר ער ליגט אָן באַוועגונג. דאַווידן האָט מען געווים געהאַרגעט, וואו זשע דען איז ער אַהינגעקומען? זיצן וועט מען דאַרפן אַ יאָר אָדער צוויי, און עפשער ווער ווייסט וויפל? ער האָט געקלערט וועגן אָבוכאָווקע. געקלערט וועגן דעם מיידל אַף

די בוריקעס... ווידער געקלערט וועגן דאַווידן. און ערגעץ ווייט, ווייט,
ווי אַ ווידערקאָל —

Судьбой несчастной наградила,
Костюм жигана мне дала...

ערגעץ ווייט־ווייט פּייפֿן די מאַנעווריר־לאָקאָמאָטיוון.

מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט צו דער פּאָווערקע אַנטקעגן מיר, אַרייַנגעטראָגן די פּאַראַשע אַף נאַכט. איבערן טיר אינם לאָמפּ־גלעזל איז ווידער אַרייַנגעפֿלויגן אַ רויט באַבעלע און געפֿלאַקערט אין פֿיין מיטן רויטן פֿליגעלע... גלייך נאָך דער פּאָווערקע, באַלד ווי ס׳האָט אַ טראַכקע געטאָן און פֿאַרשלאָסן זיך די טיר, האָט מען צעשפּרייט די רעדנעס, געמאָסטעט דאָס אָנטאָן אַף די נאַרעס, אַף דער פּאָד־לאָגע. יאַקים מיט טיכאָנען ווילן קריכן אַף נאַכט אונטער די נאַרעס, נאָר זייערע ערטער זייַנען שוין פֿאַרנומען; ס׳זייַנען דאָרט געלעגן עטלעכע אורקעס און מ׳זעט אַרויס, זיי האָבן זיך געלייגט אומיסטן, ווייל די געלעגערס זייערע זייַנען אַף די נאַרעס.

— וואוהין קריכסטו! — האָט איינער אַ שטופּ געטון טיכאָנען מיט אַ פֿוס שיר ניט אין אָפּנעם אַרייַן. טיכאָן האָט זיך אָפּגעווענדט, אָוועקגעזעצט זיך לעבן די נאַרעס און געזעסן לאַנג ביז אַלע האָבן זיך אויסגעלייגט. דאַן האָט ער אַף אַ לייִדיק אָרט אינמיטן קאַמערע אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעלצל, זיך אַף דעם אַנידערגעלייגט, אונטער־געשפּאַרט דעם קאָפּ מיט אַ פֿויסט. יאַקים האָט זיך געלייגט לעבן אים.

אַף די נאַרעס האָט מען עפּעס שטיל און לעבעדיק געשמועסט. פֿונם לאָמפּ איז געפֿאַלן אַ קלייַנע שייַן, אין קאַמערע איז ביין־האַ־שמאָשעסדיק, און דער בלויער טוטון־רויך שפּרייט זיך איבער איר, ווי אַ נעפּל.

פֿון אונטער די נאַרעס איז אַרויסגעקראָכן יאַשקע און האָט זיך מיט אַ קיוון פֿאַרטשעפּעט פֿאַר טיכאָנס פֿיס.

— אוך, זשלאָב! שעד! — און האָט אים אַ שטאַרקן זעץ געגעבן מיט דער פֿוס אין זייט. טיכאָן האָט אויפֿגעציטערט און גענומען זיך מיט דער האַנט פֿאַר דער זייט. דאָ איז פֿון אונטער די נאַרעס עמי־צער שוין אַרויסגעשפּרונגען, אַרויפֿגעוואָרפֿן אַף טיכאָנען אַ רעדנע,

און אַלע האָבן זיך אַף אים אָנגעוואָרפן. דער ציגײַנער האָט פאַר־לאָשן דעם לאָמפּ. אין שוואַרצן כווישעך האָבן זיך אַסאַך קערפּערס אָנגעוואַלגערט אין אַ קופּע. מ׳האָט געשלאָגן שטאַרק און געשווינד מיט די פויסטן, מיט די פיס אין האַרצן און אין בויך. אין דער קופּע וואַרפט זיך טיכאָן, שוין אַ פאַרוישטער, נאָר ער קאָן זיך ניט אַרויס־פּלאָנטערן פון דער רעדנע. ער האָט עמיצן אָנגעכאַפּט פאַר אַ פוס און געשלעפּט צו זיך. יאַקים האָט אַ געשריי געטאָן און אין כווישעך עמיצן אַ זעץ געגעבן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעוואַלגערט מיטן גאַנצן גוף, אַרײַנגעקראָכן אין דער קופּע און פאַנאַנדערגעוואָרפן זי. אַף דער פּאָליצע האָט אַ קלונג געטון אַ קעסעלע, ס׳האָט אַ זעץ געטאָן אַ קריגל איבערן קאָפּ — ס׳האָבן זיך געשאָטן שערבלעך. פון קאָרידאָר האָבן זיך דערנעענטערט געשווינדע טריט און אין טיר הערט זיך אַ געשריי:

— זעקסטע קאַמערע! ציגײַ אָן דעם לאָמפּ! — ס׳האָט שאַרף געפּייפט אַ פייפל אין הויף. און אין דער קאַמערע אין כווישעך האָבן זיך נאָך געוואָרפן גופים, ס׳האָבן געקנאַקט קריגלעך. איבער די קעפּ, און פּלוצים האָט עמיצער אַ פאַרסאַפּעטער אויסגעשריען:

— כעווירע, געגוג!

איבערן קאָרידאָר האָבן שוין געטופּעט אַסאַך שטיוול. אַז די טיר האָט זיך געעפנט, זײַנען אין קאַמערע אַלע ווי אויסגעשטאָרבן מיט אַמאָל. — שטיל. בלויז עמיצער האָט געסאַפּעט און געקרעכצט.

— שטעל זיך! — זײַנען מיט אַן אויסגעשריי אַרײַנגעלאָפן אין קאַמערע דער געהילף־נאַטשאַלניק פון דאָפּר און די אויפזעערס. אין טיר איז געשטאַנען אַ וואַך מיט אָנגעשטעלטע ביקסן. מ׳האָט אָנגע־צונדן דעם לאָמפּ.

— שטעל זיך!

אַלע אַרײַנגעזעצטע האָבן זיך אויסגעשטעלט, ווי אַף אַ פּאָווערקע, איבעמיטן קאַמערע אין צען רייען צו פינף און נאָך צוויי. אייניקע האָבן שווער געאָטעמט, און בײַ זיבן זײַנען די געזיכטער געווען פאַר־בלוטיקט. דער געהילף־נאַטשאַלניק האָט געפרעגט:

— וועמען האָט מען געשלאָגן?

פון הינטן האָט טיכאָן מיט אַ פאַרוישטן ניט מענטשלעך גע־זיכט געענטפערט:

— מיד האָט מען געשלאָגן.

— ווער?

ער ווייסט ניט ווער. שבילעס האָט דערהאַזיקער אַ זעץ געגעבן אין זייט, דערנאָך האָט מען אים פאַרדעקט מיט אַ רעדנע און פאַר־לאָשן דעם לאָמפּ, האָט ער ניט געזען ווער. — קיינער אין קאַמערע האָט ניט געזען און ניט געשלאָגן. ער האָט זיך קלאָמערשט צו אַלע־מען געטשעפּעט נאָך פון באַטאָג.

דער געהילף־נאַטשאַלניק האָט נאָר מיט קאָס אַ קוק געגעבן אַף יאַשקען:

— וואָס מאַכסטו זיך צום נאַר? כ׳קאָן אייך ניט? גיי אַרויס!

מ׳האָט אַרויסגענומען פון די רייען די אַלע מיט די פאַרבלוטיקטע געזיכטער, זיבן נעפאַשעס. צווישן זיי טיכאָן און יאַקים. ער האָט געהייסן אַלעמען פאַנאַנדערזעצן אין איינצל־קאַמערעס.

— דאָרט איז ניטאָ וואו, מע זיצט צו זיבן מענטשן, — האָט גע־זאָגט דער עלטערער אויפזעער.

— צו איינעם אין אַ קאַמערע קאָן מען.

אין קאָרידאָר, אַז מ׳האָט זיי שוין געפירט פון די טרעפּ, איז יאַשקע ווידער צוגעלאָפן צו טיכאָנען און אים אַ זעץ געגעבן מיטן קאָפּ אין פּאָנעם. מ׳האָט אים געכאַפּט, נאָר ער האָט אַלץ געשריען:

— כ׳וועל אים דערשטיקן, דעם האַד! לאָזט מיך! אַד דו, אין מויל דיינעם... כ׳וועל דיך הארגענען!

אינדערפרי נאָך דער פּאָווערקע האָט מען אַלע זיבן אַרויסגענומען פון די איינצל־קאַמערעס און איבערגעפירט צוריק אין קאַראַנטין. סאַמע בעאייס מ׳האָט דאָרט געטרונקען טיי. גייענדיק פון טיר צו די נאַרעס האָט זיך טיכאָן געשאָקלט — מ׳האָט אים באַנאַכט ווידער געשלאָגן, וואָרים אין קאָרידאָר האָט יאַשקע, בעאייס מ׳האָט אים געפירט, געשריען אַזוי, אַז מ׳האָט געהערט אין אַלע קאַמערעס: „מייטעסן אים, דעם האַד, דעם זעלבסטריכטער!“.

אַף די נאַרעס זיינען שוין געזעסן משיזשיק און יאַשקע און עפּעס געשמועסט מיט די אורקעס, וואָס זיינען דאָ געבליבן באַנאַכט. מ׳האָט זיי געגעבן די פּאַיקעס, זיי האָבן זשערנע געגעסן.

פּלוצים האָט יאַשקע אַרויסגעכאַפּט באַ איינעם דאָס קווערטל און באַגאַנען טיכאָנען דאָס פאַנעם מיט אקרעפּ. טיכאָן מיט אַ אָפּ־געבּרענט פאָנעם האָט זיך אָנגעבויגן און אַרונטערגעקראָכן אונטער די נאַרעס.

יאַקים האָט זיך אָנידערזעצט אונטער דער וואַנט און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ אַף די הענט.

ניט אין קאַמערע, האָבט זיך, נאָר ערגעץ וויט־וויט האָבן גע־טומלט שטימען און עמיצער האָט אַ כרושטשע געטאָן מיט אַ שטיקל צוקער. נאָך ווייטער האָבן געקלאַפּט האַמערס און אין העמערל האָט געקלונגען מיט אַ דין קעלעכל — הזין־הזין... און ערגעץ נאָך ווייטער האָט גערוישט די שטאָט און ס'האָבן געפייפט די לאָקאָמאָטיוון.

ס'האָט שטיל אַ קלונג געטאָן, גלייך ווי באַ יאַקימען אין אויער, דאָס גלעקל אַפן וואַך־טורעם, יאַקים האָט זיך ניט געוואָרפן צום פענצטער. ניין, ער האָט זיך פאַרט אויפגעכאַפּט, נאָר ער האָט גע־זען, אַז מע פירט פון טויער עטלעכע מענטשן אין פעלצן, אין רעק־לעך, — און קיין שינעל איז קיינער ניט געווען. ער האָט זיך ווידער אָנידערגעזעצט אונטער דער וואַנט, נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף די הענט.

אַזוי איז ער לאַנג געזעסן. פּלוצים האָט ער אויפגעציטערט — ס'האָט זיך אים עפּעס אויסגעוויזן? ניין, פון קאָרידאָר רופט מען ווידער:

— קאָזשו־ושני! — און לעבן טיר שוין צוויי שטימען: — זעקסטע!

מע פרעגט שוין לעבן טיר:

— ווער איז קאָזשושני? ווי רופט מען דיך?

יאַקים איז צוגעגאַנגען.

האָט מיט פרייד אַ רוף געטאָן אונטער די נאַרעס: „טיכאָן!“ און צום אופזעער געזאָגט אין טיר־לאָך.

— טיכאָן הייסט ער.

— פון וועמען וואַרטסטו אַף אַ פּעקל?

יאַקים האָט אַ קלער געטאָן — פון וועמען קאָן עס זיין?

— פֿון ווייב, מאַריע קאָזשושני.

— ניין, — האָט געזאָגט דער אויפֿזעער און ווידער גענומען שרייען אין קאָרידאָר אַריין: — קאָזשושני. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. ער איז שוין אויסגעווען אין אַלע קאָרידאָרן, איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער זעקסטער קאַמערע:

— און זינקע האָט ער ניט אַזאַ שוועסטער אָדער קרויווע?

— יאָ, יאָ, זינקע, — האָט יאַקים מיט פֿרייד אויסגעשריען, — קאָוואַלענקאָ איז איר פֿאַמיליע.

— ריכטיק. וואַכטער עפֿן די טיר.

ער האָט דערלאַנגט אַן אַלטינקען קאָשיק, אין קאָשיק אַ ברויט און צוויי ווייסע העמדער, ער האָט נאָך אָפּגעגעבן אַ צעטעלע — יאַקים האָט עס אויסגעריסן פֿון האַנט און אומגעדולדיק איינגעגעסן זיך מיט די אויגן אין די לעפּישע אויסיעס אַף אַ צעקנייטשטן שטיקל פּאַפּיר, געשריבן מיט אַ כעמישן בלייער.

„אַ פֿעקל טיכאַן קאָזשושנין.

כעוורע, וואָס מאַכט איר דאָרט? האָט קיין יעסורים ניט, מע וועט אייך אַרויסלאָזן. מיר זייגען מיטן פֿעטער קלים און מיט אילקאַן אַציינד אין שטאָט און זייגען געווען אין רעדאַקציע און באַם פּראָקוראָר. אַן אָטריאַד געפּעאו איז אַוועקגעפֿאָרן קיין שטשערנאַגיוווקע. יאָ, איר ווייסט דאָך ניט! האוויד איז דאָך אין שפּיטאָל. דאָרט אין די קוסטן האָבן מיר ניט דערלאָזט — מ'האָט אים שווער פֿאַוואונדעט אין ברוסט, — און אָפּגעסמאַלעט די האָר מיטן פּולווער. די דאָקטוירים זאָגן, ער וועט זיין געזונט וועגן אייך האָבן מיר זיך געקלאָגט דעם פּראָקוראָר — ער האָט געזאָגט, ער וועט אַלץ טאָן. האָט ניט קיין יעסורים. און דאָס געב איך אייך איבער צוויי העמדער, כאָטש דעם טאַטנס, טראָגט צו געזונט. גיט אַן ענטפֿער. מיר וואַרטן באַם טויער.

זינקע קאָוואַלענקאָ“.

יאַקים איז פֿאַר סימכע אַ ווײַלע געבליבן שטיין אינמיטן קאַמערע ווי אַ סטויפּ. ער האָט דערזען: יאַשקע פּסיק האָט שוין אָנגעטאָן די ברייטע פּויערשע העמד, אַ לאַנגע ביז די קני, און אַלע אין

קאַמערע האָבן געלאַכט. און יאַקים האָט זיך אַ וואָרף געטון אַ פריידיקער מיט אַ פאַרויטלט פּאָנעם צו די נאַרעס.

— טיכאָן! — האָט ער אים געשטורכעט פאַר די פּיס, און פּלוצים האָט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קאָל — „בעוורע!“, און האָט אַרויסגעשלעפּט טיכאָנען פאַר די פּיס פון אונטער די נאַרעס.

— בעוורע! — האָט ער ווידער פאַרצווייפלט געשריען.

אין קאַמערע האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אַפן געשריי און אַרומגערינגלט יאַקימען. מיטאַמאָל האָבן די ברוסטן אַ זיפץ געטון און פאַרשטומט געוואָרן: פאַר די נאַרעס איז טיכאָן געלעגן אומבאַוועגלעך מיט אַ שוואַרצן מיט בלוט פאַרגאָסענעם געזיכט און מיט אַרויסגעשטאַרטשענדיקע גרויסע טויטע אויגן, נאַקעט ביזן גאַרטל. אַפן האַלדז האָט זיך איינגעגעסן די העמד, צונויפגעדרייט אין אַ שטריק, און פאַרקוועטשט דעם האַלדז. אין שטריק איז נאָך אַריינגעשטעלט אַ ציגערנער לעפל — אַפּאָנעם, ער האָט זי געדרייט דערשטיקנדיק זיך.

יאַקים האָט געשווינד גענומען צעוויקלען די שטריק, עמיצער האָט זיך געלאָזט מיט אַ מעסער.

— אַ רעדנע געב! — האָט טשיזשיק אַ געשריי געטאָן.

און דער ציגיינער:

— ער איז דאָך שוין אַ קאַלטער.

יאַקים איז געפאַלן מיטן פּאָנעם צום כאַווערס שרעקלעך געזיכט און אַנטשטומט געוואָרן. ער האָט געהערט, נאָר ניט פאַרשטאַנען דעם טומל און לויפעריי אין קאַמערע: עמיצער האָט מיט אַ ברעט פון די נאַרעס מיטן גאַנצן קויעך געהאַקט אין טיר, מ'האָט געשריען אין פענצטער, געשלאָגן מיט די פויסטן אין די ראַמען... האָט עס לאַנג געדויערט? ערשט, ווען עמיצער האָט אים אָפּגעשלעפּט און דעם מעס האָבן גענומען מענטשן אין שינעלן אַף אַ טראָגברעטל, ווען ס'האָט אַ טאַראַכקע געטאָן די טיר, איז ער צוגעפאַלן צום טירלאָך — די טריט קלינגען איבערן קאָרידאָר, אָט זיינען זיי שוין שטילער און גאָר אַנטשוויגן געוואָרן. דאַן איז ער מיט אַ קרעכץ אָפּ פון טיר און אַזוי געבליבן שטיל.

און לאַנג האָט געהערשט דער שוואַרצער טרויער אין האַרצן, אין
די אויגן. דערנאָך האָט ער דערזען הינטער די גראַטעס בלויע שטי=
קער טיפן דורכזיכטיקן הימל. און ווייט און טעמפ האָבן ערגעץ
גערופן די פייפן פון די מאַנעווריר=לאָקאָמאָטיוון, און אין יענע
פייפן האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעשפרייט די ווייטע זוניקע סטעפישע
ראַכוועס און אין טיר זיינען אַוועקגעפלויגן די פאַרמאַטערטע אויגן...

אינהאלט

קאפיטל	זייט
I	3
II	6
III	13
IV	20
V	28
VI	37
VII	56
VIII	73
IX	87
X	97
XI	105
XII	114
XIII	124
XIV	131
XV	137
XVI	145
XVII	155
XVIII	159
XIX	159
XX	168
XXI	178
XXII	181
XXIII	187
XXIV	200
XXV	203
XXVI	209
XXVII	220
XXVIII	230
XXIX	236
XXX	244
XXXI	253
XXXII	262
XXXIII	273

Free Public Library, Newark, N. J.